STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09119

OYFN SHVEL

Menahem Baerush Eppelbaum

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. עפּעלבוים

אויפן שוועל

ראָמאַן אין 3 טיילן

פאַרלאַג „בזשאַזאַ"

וואַרשע 1928 ניו־יאָרק

PRINTED IN POLAND

OJFN SZWEL — B. EPELBATM

Wydawnictwo Ch. BRZOZA
Warszawa, Gęsia 25.

Druk. „REKORD“ Warszawa, Dzika 18

אויפן שוועל

אויפשיין.

אט אזוי האט זיך עס איינגעקריצט אין בלומע עטינגערס זכרון:

ס'איז געשטאנען א שטילער זומערדיקער פארנאכט. אין די צימערן זענען געלעגן קילע, מידע שאטנס. פון ים האט זיך אהער דערטראגן א שטילע פרייליכקייט און פונדערווייטנס — א ציטערדיק אוונטגעזאנג. דער הויכער אקאציע-בוים איז געשטאנען הארט באם אפענעם פענצטער; געשטאנען א שמייכלדיקער, א צעבליטער, און דאס ווייסע בליעכין האט ארייגעהויכט א זיסן ריח. אלע טירן פון די צימערן זענען געשטאנען צעעפנט און דער פארנאכטיקער דרויסן איז געלעגן אין שטוב. קעגניבער, אויף דער אנדערער זייט גאס, האט די זון, קופער-רויט געפארבט די שויבן פון די שטילע פארמאכטע פענצטער. בלומע געדענקט אפילו דעם ריח פון דעם אוונט און אז זי האט געטראגן א ברוין קלייד, וואס האט איר שטארק איינגעצויגן די טאליע. אין צווייטן צימער איז טאניע, די עלטערע שוועסטער, געשטאנען א גלייכע, אן אויסגעגאסענע, זיך געקעמט די לאנגע, געדיכטע, בלאנדע האר. בא יעדן מאל, וואס דאס לאנגע קעמל איז דורכגעגאנגען דורך זיי, האט א מאט-גאלדענער גלאנץ זיך געקנייטשט און געבראכן.

טאניע האט געזונגען א רוסישן ראמאנס. זי האט געזונגען אזוי רויק און שטיל, אז די שטימע אירע איז געבליבן מיט איר אין צווייטן צימער. זי איז געשטאנען פארן שפיגל, געקוקט אין די אייגענע אויגן, און געשמייכלט צום אייגענעם שמייכל.

בלומע איז געשטאנען מיט פארפרעסטע ליפן און ברייט־געעפנטע אויגן, לאקערנדיק צו דערהערן טאניעס קול. האט זי פון צווייטן צימער־ארויס אויפגעכאפט דאס שמייכלען פון שמאלע ליפן פון שפיגל ארויס און דעם ווייסן שיין פון טאניעס ארעמס, וואס האבן געוואונקען צעפיעשטשעטע און יחוסדיק.

זי האט געזונגען פון בלומען בלויע, וואס ווינקען פון קארן ארויס און פון געליבטנס אויגן, וואס ווינקען מיט זיי. בלומע האט זיך צוגעהערט מיט פארכאפטן אטעם און געוואוסט: זי גרייט זיך צו באגעגענען לערנערן. אט דעם נידריקן יינג, וואס האט אזא קיילעכדיק פנים און קליינע פעטע אייגעלעך. זיינע האר זענען קורץ געשוירן און גלאנצן שטענדיק צוזאמענגעפרעסטע האלטנדיק אויף זיך א ווייסן דיקן שרינט, וואס ליגט שטענדיק אויפן זעלבן ארט ווי אן אויפגעבלאזענער שראם. זי האט אין זיך א שמייכל געטון: ס׳ארא נאריש פנים דער לערנער האט.

ס׳איז געווען דאס ערשטע מאל דאן, וואס בלומע האט אויך געווארט. זי האט געווארט אויפן לערער דוכאווין. דעם פרימארגן איז זי אויפגעשטאנען מיט דעם שיינענדיקן ווארטן אין אלע גלידער און זי האט אזוי דעם גאנצן טאג געווארט. אזוי ווארטנדיק, האט זי מיט א שטילן טרויער צוגעהערט טאניעס שטיל געזאנג און — אומגעריכט פאר זיך אליין, האט זי ארויסגעלאזט א לייכט זיפצל; אזא לייכטס, ווי א וואסער־בלעזל צעפּלאצט זיך...

לערנער איז געקומען. בלומע האט זיך שטארק פארשעמט בא זיין אריינקומען; האט זיך געכאפט פארטון אריינקוקן אין אירע לערן־ביכער. טאניע האט אים באגעגנט מיט א געהויבענעם קאפ, שטילן שמייכל און ליכטיקער פרייד אין די אויגן. לערנער האט ארויסגעציילט עטלעכע שטילע ווערטער און די זעכצן־יעריקע בלומע האט די ווערטער נישט פארשטאנען. זי האט נאר באמערקט ווי טאניעס פנים האט אונטער דער הויט א פלאם־אויף געטון און לערנער איז געבליבן שטיין מיט די גלאנציקע פעטע האר און מיט הונגעריקע קליינע אייגעלעך. ער האט געקוקט אט אזוי ווי עס קוקט דער גרויסער שווארצער הונט, וואס שטייט אויף א קייט אינמיטן הויף, ווען ער דערשמעקט דעם ריח פון פעטע, פריש־געקאכטע ביינער, וואס מען טראגט צו אים... בלומע האט איצט געזען ווי זיינע בליקן האבן זיך איינגעגעסן אין טאניעס ווייסן דעקאלטע; האט זי גלייך אראפגעלאזט די אויגן אין ביכל אריין; זיך שטארק פארשעמט; ס׳הארץ האט זיך צוזאמענגעדריקט...

— גייען מיר שפאצירן, הייסט עס?!

אזוי האט טאניע געפרעגט מיט א העל קלאר קול און האט דערביי שטיפעריש צוגעלייגט אירע ווייסע פינגער צו זיין באק; איז עס געווען ווי א קלאפ אי א גלעט. לערנער האט א שלונג געטון, ווי אים וואלט ענג געווארן אין האלז, האט ער נישט געקענט קיין ווארט ארויסברענגען און האט דערפאר בלויז צוגעשאקלט מיטן קאפ, דערביי אויסגעצויגן די האנט צו טאניעס אריעם אין דעם ווייסן דורכזיכטיקן ארבל.

האט זיך דא באוויזן דוכאווין אין טיר.

ווי מאדנע ער איז שטיין געבליבן בא דער שוועל. ווי ער וואלט דערזען אן אויסערגעוויינלעכע זאך, אויף וועלכער ער האט זיך גאר קיינמאל נישט געריכט.

אט אזוי איז ער שטיין געבליבן: דאס סטודענטישע היטל אין האנט און דאס בוך אונטערן אריעם, די שווארצע האר צעפאלן אין פאסמעס, פארדעקן ביידע זייטן שטערן און פאלן שווער אויף די אויערן. זיינע אויגן זענען שטיין געבליבן מיט אומרויקער שטילקייט. זעט ער נישט ווי די יונגע שלאנקע בליומע קוקט אויף אים מיט דערשראקנקייט און גליק פון ווינקל ארויס.

— „דאברי וועטשער מאדמואזעל!“

זיין שטים איז הייזעריקלעך און ריין, ווי די שטים פון א פלייט. טאניע שטייט פאר אים אזא אויסגעשטרעקטע, א הויכע. זי איז עפעס העכער ווי שטענדיק. זיין שטים האט באם סוף א ציטער געטון ווי ער וואלט זיך פארהאקט. טאניע שמייכלט מיט גלייכע קלארע ציינדלעך. עס לייכטן אויף די בלויע אויגן מיט א בייז פייערל, און זי פרעגט:

— אויפן „אוראק“ שוין?

— יא, אויפן „אוראק“. —

ער ציט אויס די ווערטער מיט פארביסנקייט; ער ווערט נאך גלייכער, אויסגעשטרעקטער. ער טראגט א שווארצע בלוזע און א ווייסן קאלנער, גאר ער איז אזוי שלאנק און עלאסטיש. דאס מויל איז אים צוזאמענגעצויגן, ער וואקסט העכער, זיין בליק בלייבט איינגעדרילעוועט אין לערנערן. לערנער שטייט לעבן טאניען, א נידעריקער, א פרעמדער און שמייכלט. וואס שמייכלט ער נאך? דער נאר! ווערט בליומע בייז.

— און איר פריילין גייט אויכן שפאציר?

דוכאווין איז שוין אינגאנצן רויק; זעט נישט מער לערנערן.

— יא, מיר גייען שפאצירן, צום ווידערזען.

טאניע האט זיך צעלאכט מיט א דין געלעכטערל און גענומען לערנען אונטערן אָרעם.

בלומע האט זיך אויסגעדרייט צום פענצטער. מאדנע האט איר דאס הארץ געשלאגן. אז זי האט זיך צוריק אויסגעדרייט, האט זי געזען, ווי דוכאווין שטייט מיט עטואס אן אראפגעלאזטן קאפ און מיטן פנים צו דער טיר, דורך וועלכער זיי זענען ארויס...

ווען ער האט באמערקט בלומען, האט ער מיד א שמייכל געטון. נאר דער שמייכל האט נישט אפגעווישט די פארביסענע צערודערטקייט פון זיין פנים. דער שמייכל איז אויך געווען נישט דוכאוויגס, נאר א פרעמדער...

בלומע איז געשטאנען גלייך. די האר פארפלאכטן אין צוויי צעפ. זי האט ארונטערגעלאזט די אויגן און אליין נישט פארשטאנען, וואס זי טראכט. אז זי האט די אויגן צוריק אויפגעהויבן האט דוכאווין שטיל געקוקט אין פענצטער; אויפן פנים — טונקעלער טרויער.

בא דער לעקציע איז ער היינט געווען רויקער ווי שטענדיק. ער האט איר דיקטירט וועגן אווגט און שטילע וואסערן, וועגן ים און רוישיקע כוואליעס, וועגן טונקעלן וואלד, וואס שטייט א פארבענקטער אין שאטנס געהילט; דיקטירט און געקוקט ערגעץ וויים. זיינע בליקן זענען נישט געווען דא אין שטוב, נאר האבן ערגעץ ווייט געבלאנדזשעט. בלומע האט כסדר געפילט, ווי איר הארץ קלאפט אומרויק, האסטיק, און אלע ווילע פארגיסט א הייסקייט איר פנים ביז די אויגן. מיטאמאל האט זי א פרעג געטון:

— איר זענט מיינס א קוזין, יא?

דוכאווין האט געגעבן א פינטל מיט די אויגן, איבערגעריסן זיין זעונג און געענטפערט:

— געווים, שוועסטער-קינדער זענען מיר.

דוכאווין האט ווייטער דיקטירט, זיך פארהאקט און שטיל געווארן אויף א ווײַלע.

— וואס איז אייך, דוכאווין?

זי האט געפרעגט און זיך שטארק פארשעמט. דוכאווין האט עס באמערקט, האט ער זיך צעשמייכלט מיט א מידן שמייכל און געקוקט אויף איר מיט אזעלכע ליכטיקע, קלארע, גוטע אויגן

— וואס זאל מיר זיין ? גארנישט. דער פאטער איז נישט געזונט...
מען וועט דארפן א היים פארן זעען וואס ער מאכט...

בלומע האט ווי נישט געהערט זייגע ווערטער. זי האט דערפילט, אז זי וויל נאך עפעס זאגן, נאר אנשטאט זאגן האט זי זיך פלוצים צעלאכט.

— וואס זשע לאכט איר ? האט דוכאווין געפרעגט און צווישן די ברעמען האט זיך אים אויפגעלייגט א לייכטער קנייטש.

— סארא נאריש פנים ער האט ! — האט זיך בלומע נישט געקענט איינהאלטן פון געלעכטער.

— ווער ?

— לערנער. כא-כא-כא !

— א וואסער לערנער ?

— אט דער, טאניעס חתן.

דער קנייטש האט זיך אויסגעגלעט און דוכאווין האט זיך אויך צעשמייכלט.

— ווי הייסט ער ? לערנער ? א ! דעם רייכן לערנערס זינדל !

בלומע האט צוגעשאקלט מיטן קאפ לאכנדיק.

און דוכאווין האט שמייכלענדיק אויסגעלאזט :

— איי זענט איר א שטיפערקע !

יין האגט האט זיך אויסגעצויגן און א גלעט געטון איר גלאטיק קעפל. זי האט אויפגעהערט צו לאכן, האט דעם קאפ עטוואס אראפגע-צויגן, א ציטער געטון, און ס'איז איר א שאד געווען, וואס די האנט האט זיך אראפגעגליטשט...

— פארוואס איז ער נאריש ? — האט דוכאווין געפרעגט.

מיט אראפגעלאזטע אויגן און מיט א ציטער אין דער שטים האט זי געזאגט :

— א קיילעכדיק פנים, ווי א גאנצע לבנה און קליינע אייגעלעך ווי בא א מייזל...

— און ער איז טאניעס חתן ?

— ער איז נאך נישט, נאר ער וועט שוין זיין...

דוכאווין האט זיך ווידער פארקוקט אין דער ווייטקייט, דערנאך זיך געכאפט און געזאגט מיט אזא טאן, ווי ער וואלט זיך נאר וואס דערמאנט, אז ער דארף ערגעץ אוועקגיין :

— לאמיר ענדיקן !

ווען ער איז שוין געשטאנען גרייט צום אוועקגיין, האט זיך בליזמע ווידער צעלאכט:

— אזא חתן... איך וואלט אים ארויסגעטריבן.

דוכאווין האט זיך איינגעקוקט אין איר צארט, עטוואס געראיטלט פנים, געזען ווי די ברוינע אויגן זענען שארף געצונדן. און דאן: עפעס מאדנע איז עס פארגעקומען: דוכאווין האט זיך צעשמייכלט, האט גענומען בלימעס צארטע האנט אין זיינע זיך צו געזעגענען, און אזוי האלבטדיק איר האנט, האט ער זי א צי געטון צו זיך:

— אך, סארא שטיפערקע איר זענט!

זי איז צו אים צוגעפאלן אזוי שטיל און נאענט ווי זי וואלט זיך צו אים צוגעקלעפט. די לאנגע ווייס אירע האבן זיך מיד אראפגעלאזט. ער האט איר מיט דער צווייטער האנט א גלעט געטון איבערן קאפ. זי האט אויפגעהויבן צו אים די אויגן צולייגנדיק איר אויער צו זיין אקסל און געשמייכלט מיט ווייסע קלארע ציין. האט ער אנגעבויגן דעם קאפ, צוגעלייגט די ליפן צו איר שטערן. ווייסט זי אליין נישט ווי דאס איז געשען. זי האט מיט א שטילן זיפץ א הייב געטון דעם קאפ און זיינע ליפן זענען אויף אירע געפאלן... זי האט זיך אויפגעכאפט מיט דורשט, ווי טרוקענע ערד גרויסע רעגן-טראפן... דער קוש האט אין פארנאכט אפגעהילכט און זי האט זיך געגעבן א ריס אפ פון אים, זיך אפגערוקט, און נאר איר האנט איז אין זיינער געבליבן. זי האט דערהערט ווי ער הורט איבער:

— שטיפערקע.

האט זי געגעבן א הייב אויף די אויגן און געטראפן זיין פרייערדיקן שמייכל. איז די שרעק אירע אויסגעוועפט געווארן און זי האט אויך אזוי ליב און שטיל געשמייכלט.

די נאכט איז עפעס גרויס, ליכטיקס אויפגעגאנגען אין איר.

זי איז געלעגן אויף איר בעט און נישט געקאנט איינשלאפן. אין איר האט עס געלאכט און געזונגען. א גרויס גליק איז אויסגעוואקסן אין הארצן און ערגעץ ווייט האט מען אזוי פריילעך געשפילט אין דער נאכט... נאר אין מיטן געזאנג האט זי זיך פארשעמט און זיך דערשראקן פאר די אייגענע ווערטער, וואס האבן זיך פלוצלינג ארויסגעריסן פון איר, ווי זיי וואלטן פון איר ארויסגעשטראמט.

— איך האב אים ליב! איך האב אים ליב!

אלץ אין איר: יעדעס גליד און אלע צוזאמען האבן די ווערטער

ארויסגעזונגען. די ווענט מיט דער סטעליע האבן עס מיטגעזונגען. דאס גאנצע צימער איז פול געווארן מיט די עטלעכע ווערטער:

— איך האב אים ליב! איך האב אים ליב!

צומארגנס האט זי דעם גאנצן טאג כמעט נישט געגעסן. זי איז אויפגעשטאנען גאנץ פרי און כסדר געווארט אויף זיין קומען. אלע בערוון און אדערן אין איר האבן געווארט. זי האט זיך נישט געקאנט קיין ארט געפינען. זי האט נישט געקאנט זיצן און נישט שטיין. אויף אירע ליפן איז געבליבן ליגן דער טעם פון זיינע, און דאס הארץ האט אזוי געצויגן ביז אויסגיין... איז זי געגאנגען פון צימער אין צימער, און גאר ארויס פון שטוב.

איז זי געגאנגען אין גאס, געגאנגען מיט זיין קוש אויף די ליפן. איז זי אוועק צום ים, געשטאנען און אראפגעקוקט צו די שטילע כוואליעס, וואס האבן זיך אונטער דער זון רויק געוויגט, האט געקוקט אלע יינגעלייט אין די אויגן, ווי זי וואלט געזוכט עמעצן צו דערקענען. מיט אמאל א לייכטן ציטער געטון און גענומען אײַלן אהיים... כאטש ס'איז נאך געווען פרי. די זון האט זיך איצט גענומען אראפלאזן. אז זי איז אריין אין שטוב, האט דאס הארץ אזש אויפגעהערט צו שלאגן. נאר געטראפן האט זי אין די צימערן א ליכטיקע רויקע זון, און די יינגע שטיפמוטער איז ארומגעגאנגען מיט שטילע, דראבנע טריט און מיט א פארבענקט פנים.

— ווי הייס ס'איז היינט! סארא היץ...

האט בליומע א ווײַלע געווארט אין שטוב און ווידער ארויס אין גאס, אים אקעגן צו גיין. צוגעגאנגען ביזן ראג פון ביעלינסקי גאס, א ווײַלע געשטאנען, געקוקט און צוריקגעגאנגען.

— וואס איז עפעס היינט מיט דיר? וואס האלטסטו זיך אין איין דרייען אריין און ארויס?

אזוי האט די יינגע שטיפמוטער זיך צעבייזערט, און אויפן פנים איז איר געווען אזוי, ווי זי וואלט געליטן פון שרעקלעכן קאפ-ווייטיק און מען לאזט איר נישט רוען.

— וואלסט בעסער געמאכט דיינע לעקציעס... דער לערער וועט דאך באלד קומען.

— דוכאווין איז דאך מיינס א קוזין!

— דערייבער? — האט די שטיפמוטער נישט פארשטאנען — וועלן די צונאב-עקזאמענס אליין זיך אויסהאלטן?

נאר בלומע האט זיך שוין אנגעברוגזט און מער נישט געענט־פערט, זיך אויסגעדרייט און ארויס פון גרויסן זאל. די שטיפמוטער האט איר נאכגעקוקט מיט וואונדער און מיט פארצויגענע ליפן צוגעשאקלט מיטן קאפ:

— אז איך דארף זיין א שטיפמאמע...

און אויף אייגן מזל אפגעזיפצט.

ער איז געקומען שפעט אין אוונט, ווען א טונקלקייט האט שוין ארייגעקוקט דורך די פענצטער. טאניע האט אים קאלט געענטפערט אויף זיין באגריסונג און איז גלייך אוועק אין זאל צו לערנען, וואס איז שוין דארט געזעסן און געווארט אויף זיך.

דאס מאל איז דוכאווין געווען גאר אן אנדערער. ער האט שטארק געשוויגן און נישט געקוקט אויף בלומען. איין מאל נאר האט ער זיך אויסגעדרייט און זי שטארק אויפמערקזאם באטראכט: ערשט איצט האט ער דערזעען; זעט אויס, אז זי איז שוין א גרויסע. זי האט שוין געטראגן א לאנג קלייד מיט א שמאלן טיפן דעקאלט. די טאליע איז געווען אזוי בויגעוודיק־גראציעז, און די טונקל־ברוינע צעפ האבן זיך געוויגט אויף אירע פלייצעס בא יעדן ריר פון איר עלאסטישן גוף. בלומע האט זיך געהאט פארעקשנט און די אויגן נישט אויפגעהויבן, ווי זי וואלט אים נישט געוואלט שטערן זי צו דערזעען.

ער האט געשפאנט איבערן צימער און האט דיקטירט. איצט איז ער שוין געווען רויק און דיקטירט ווי שטענדיק. זי האט געשריבן און נישט געזען די אותיות, וואס זי שרייבט. זי האט זיך אנגעשטרענגט צו הערן די ווערטער, וואס ער האט דיקטירט, און האט א סך נישט דער־הערט. ער האט אלץ אזוי רעגלמעסיק געשפאנט, האט געציילט די טריט, פעסטע, אנטשלאסענע, און מיטאמאל האט זיך בלומע דערמאנט, אז ער האט גערעדט וועגן פארן אהיים.

זי האט דערביי א שוידער געטון און עס האט איר פארקלעמט דאס הארץ. ער האט זיך אין מיטן שפאנען אפגעשטעלט באם פענצטער, האט זיך פארקוקט אין דרויסן ארויס. זי האט אויפגעהויבן די אויגן. ער איז געשטאנען גלייך, שלאנק, ווי אויסגעגאסן, און זי האט אים נישט דער־מאנט, אז ער האלט אין מיטן דיקטירן. נאר אז ער אליין האט זיך

דערמאנט, האט זי גלייך פון אים די אויגן צוגעכאפט און ער האט ווידער געשמאכט.

און ראפאַטום זיך אפגעשטעלט.

פון זאל איבער דער וואגט האט זיך דערטראגן טאניעס קול. זי האט אזוי קלינגענדיק געלאכט און אויסגערופן:

— לאז אפ! לאז שוין אפ!

דוכאווין איז געווארן בלאס, האט זיך אבער באלד באהערשט, האט א קוק געטון אויפן זייגער און געזאגט:

— נו, ווייזט אהער דעם „טעטראד".

האט גענומען דעם העפט אין האנט און איבערלייענדיק עטלע-כע שורות, האט ער מיט וואונדער א פרעג געטון:

— וואס איז היינט מיט אייך, בליומע?

זי האט אים אנגעקוקט ערנסט און שטיל.

— בלויז גרייזן... און...

זי האט גארנישט געענטפערט.

ער האט פאררעכט די גרייזן, צוגעשריבן די פארפעלטע ווערטער, האט זיך נישט געבייזערט. דערנאך צוריק אוועקגעלייגט דעם העפט און געזאגט:

— איך פאר אוועק אויף א וואך, בליומע.

— וואוהין?

— א היים.

זי האט עפעס געוואלט זאגן, נאר נישט געקענט און נישט גע-וואוסט וואס. זי האט זיך געשעמט אים צו קוקן אין די אויגן אריין.

ער האט אזוי ווארעם און היימיש געדריקט איר האנט:

— צום ווידערזען, בליומע, זייט געזונט בליומעטשקע...

און זי ווייסט נישט ווי אזוי ער האט נישט געהערט די ווערטער, וואס זענען פון אירע ליפן נישט ארויס. איר האט זיך געדאכט, אז זי שרייען ארויס פון איר...

אז ער איז אוועק, האבן זיך די טרערן א שטויס געטון אין האלז אריין און זי האט באהאלטן דאס פנים אין די הענט.

שפעטער איז טאניע ארויסגעקומען פון זאל. בליומע האט זיך אויפ-געשטעלט, אנגעהויבן צונויפנעמען די ביכער, ווי זי וואלט דאס ביז אהער געמאכט אירע לעקציעס. טאניע האט געזאגט:

— ווייסט בליומע? דיין לערער פארט דאך אוועק...

— דוכאוין ?...

— ער איז געווען באם פאפא אין קאבינעט. זיך געזעגנט. מארגן פארט ער אוועק...

— און וועט קומען אין א וואך ארום.

— ווער האט עס דיר געזאגט ? ער פארט אוועק איבגאנצן.

אויך טאביעס קול איז געווען פארזארגט ; דאס פנים — עטוואס צעטומלט.

בלומע האט געקוקט אויף איר מיט גרויסע אויגן און האט קוים איינגעהאלטן דעם קרעכץ..

יענע נאכט האט בלומע געוויינט אויף איר געלעגער. לאנג אויך שטיל האט זי געוויינט און פון געוויין איז געבוירן געווארן א שטילען טיפער צער, וואס האט זיך אין הארצן באזעצט און דורך די אויגן מיט טרויער געקוקט...

— — — — — — — — — — — — — — —

שטיל און פארשלאסן אין זיך האט בלומע געווארט די אכט טעג. זי האט אויפגעהערט לאכן און רעדן הויך. שעהן לאנג האט זי איינע אליין ארומגעשפאצירט באם ים, געזעסן אין שטוב אין די פארנאכטן און געשוויגן. אזוי זענען דורך די אכט טעג און ער איז נישט געקומען.

און דאן איז פון צער אויסגעוואקסן א ווייטיק, און דער ווייטיק איז געווען אזוי שווער, אז דאס גאנצע לייב אירס האט שטיל געוויינט פון אומגעדולד. פרעמד זענען געווארן די טעג, די נעכט האבן געשראקן. זי האט כסדר געטראגן אויף אירע ליפן זיין קוש, דעם ערשטן קוש, וואס אירע ליפן האבן אויפגענומען. ער האט זיך נישט אפגעטאן פון איר און דער טרויער איז געוואקסן אין הארץ.

אפטמאל, ווען אלע זענען געזעסן אין זאל באם גרויסן טיש און דער פאטער האט געשמועסט מיט לערנערן וועגן דעם, ער זאל זיין ירושה, וואס איז געבליבן פון פאטער, אריינלייגן אין שותפות און פארגרעסערן דעם זייף-זאוואד, די שטיפמוטער האט זיך דערביי כסדר געבלאזן און גערעדט צו טאביען זיסע גלאטיקע רייד, און אבראמעק, דער ברודער בלומעס — וואס איז געווען יונגער פון איר מיט עטלעכע יאר — האט דערוויל געגאשט פון טיש אראפ און צוגעוואונקען צו בלומען, ווייזנדיק אויף לערנערן. האט בלומע מיטאמאל דערפילט אזא פרעמדקייט צו דער גאנצער רייכער שטוב, וואו מען זיצט און מען שמועסט פון

זייף... זי האט אנגעהויבן צו פארשטיין דעם צער פון דוכאווינען, וועמען מען האט פונדאנען פארטריבן דערפאר, וואס ער איז אן ארימער סטודענט. ס'האט אין איר אנגעהויבן אויפשיינען א קלארקייט און זי האט דערפילט א כעס צום טאטנס מסחרים און צו דעם זאטן הויז... האט זי זיך שטיל אויפגעשטעלט, זיך ארויסגעגנבעט פון זאל און אוועק צו זיך אין צימער פילנדיק א באליידיקונג פון דעם, וואס דער טאטע זיצט מיט דעם נארישן לערנער און... דוכאווינען האט מען פארטריבן... באליידיקט און פארטריבן...

אין זאל האט מען דערנאך געשפילט אויף דער פיאנע און מען האט געלאכט הויך און אנשטענדיק. לערנער האט זיך געשמאלצן פון נחת. דער אלטער עטינגער האט געשמייכלט און אלע ווייל געכאפט א קוק אויף זיין יונג ווייב; ביז טאניע האט זיך געכאפט:

— בלומע, וואו איז בלומע?

— זי איז דאך געווען? — האט זיך עטינגער געוואונדערט.

— עפעס איז מיט איר!... האט זי געזאגט מיט א שאקל פון קאפ.

— וואס איז מיט איר? — האט זיך שוין עטינגער אויסגעגלייכט אין שטול.

— ווייס איך? נאר עפעס איז מיט איר נישט גלאטיק...

— זי האט אים פיינט! — האט אבראמעק אויסגעשאסן א וויץ געבנדיק אויף לערנערן, און האט זיך צעלאכט. האט עטינגער זיך געגעבן א שטעל אויף מיט כעס, נאר ליע האט זיך דווקא ארייגעמישט:

— ווייס איך וואס... א קינד רעדט נארישקייטן.

טאניע איז דערוייל ארויס פון זאל און אוועק צו בלומען אין צימער. האט זי זי געטראפן ווי זי ליגט אויפן בעט, און אין צימער איז פינצטער.

— בלומע! בלומע! וואס איז מיט דיר?

בלומע איז געלעגן מיטן פנים אין קישן פארגראבן, אירע אקסלען האבן געציטערט און א פארשטיקט שלוכצן האט זיך געזעגט אין דער פינצטער.

טאניע האט זי אנגעכאפט פאר די אקסלען, זי גענומען רייסן און

מיט געוואלט אויפגעזעצט. בלומע האט זיך באהערשט און זיך געווישט די אויגן.

— האסט געוויינט בלומע? בלומע, האסט דאך געוויינט! וואס איז מיט דיר!

— מיר... מיר איז גארנישט...

— וואס זשע וויינסטו?

— איך וויין נישט... מיר איז טרויעריק אויפן הארצן.

און זי האט אנגעכאפט טאניען פאר דער האנט:

— וועסט נישט גיין... וועסט נישט זאגן... ס'איז מיר גאר-נישט...

— — — — — — — — — — — —

אזוי האבן זיך געצויגן וואכן. בלומע האט איבער די נעכט גע-וויינט און איבער די טעג געטראכט וועגן נעמען זיך דאס לעבן. נישט געווען קיין כוח אין דעם יונגן צארטן גוף איבערצוטראגן דעם ווייטיק און דעם טרויער — אבער דאס פלעשעלע סם, וואס זי האט אויסגעבאדט בא איר חברטע, דעם אפטייקערס טאכטער, האט זי איבערגעשראקן. און אזוי איז עס געבליבן ליגן אין איר „ביורקע" פארשלאסן צוזאמען מיט די בריוו, וואס זי האט פאר די וואכן צו דוכאווינען געשריבן און נישט געוואגט צו שיקן.

אבער עטיגער האט זיך דאך געכאפט: בלומע איז שטארק אויס-געבלייכט געווארן און פון פנים אראפ. האט ער זי מיט טאניען אוועקגע-שיקט אין א פענסיאנאט לעבן ים. און ס'איז געווען אזוי ווי טאניע וואלט זיך געפילט שולדיק פאר איר. האט זי זייער אכטונג געגעבן אויף איר, זי פארוויילט און מיט איר שפאצירט ביז — בלומע איז רייפער און שטילער געווארן. דער טרויער האט זיך צונויפגענומען און שטיל אין הארץ זיך באזעצט. נאר די פרעמדקייט צו דער שטוב — איז געבליבן.

סוף זומער האט טאניע חתונה געהאט. אויף דער חתונה איז געקו-מען דער פעטער, דער רב, די מומע, די רביצין און מיט זיי דינה — דודס שוועסטער.

פון דינהן האט זיך בלומע דערוואוסט: דוד איז אין קיעוו. ער לערנט דארט אין אוניווערזיטעט, און שטיל האט איר דינה איינגערוימט: דוד... דוד איז א פייערדיקער סאציאליסט.

— א סאציאליסט?

— וואס־זשע פארשטייסטו זיך?

— איך האב עס נישט געוואוסט. א סאציאליסט?

און ס'איז געווען אזוי ווי איר וואלט עפעס מיט אמאל קלאר געווארן...

נאכדעם איז זי געשטאנען אפגעזונדערט און דורך די גאלדיק־ברוינע אויגן האט ארויסגעשיינט דער שטילער טרויער פון איר הארץ...
אזוי איז זי געשטאנען לאנג און געטראכט:

איך וועל אים נישט פארגעסן... קיינמאל נישט...

ערשטע טייל

קאפיטל איינס.

דער טאג איז געשטאנען א כמורנער, א פארגאפעטער, א שטילער, הינטערדיקע פרישע לינדקייט האט זיך געוויגט אינדרויסן און עס האט געשמעקט מיט פרישן שניי. איבערן הימל האבן זיך געטראגן פעטע שט-קער כמארע, האבן זיך געשטופט ענג און געדיכט ווי א גרויסע סטאדע געדיכט-באוואקסענע שעפּכן שטופן זיך צוזאמען, אריבערגייענדיק א שמאלע בריק איבערן וואסער. די שטיינער אין גאס זענען געלעגן איבערגעצויגן מיט מאטן אייז-גלאנץ און דער טראטואר איז געווען טרוקן און מאט-בלייך. שטיל איז געווען אויף ביעלינסקי גאס און בליומע האט שפּאצירט איינע אליין מיט זיך. זי האט שפּאצירט מיט לאנגזאמע, פארקלערטע טריט און אין זיך געטראגן דאס שטילע טראכטן אירס, וואס האט זי געמאכט רויק און צעפּיעשטשעט אין דעם שטילן ווינטער-טאג. אין די לעצטע טעג האט אנגעהויבן בליען א האפנונג אין איר. זי האט נישט פארשטאנען פונוואנען דאס קומט, נאר אין שטאט איז שוין געווען א שווייגנדיקע דערווארטונג. די גאסן האבן אויך געווארט אויף עפּעס אזוינס, וואס רוקט זיך אן מיט פעסטע, זיכערע טריט: די דעניקינישע אפיצירן זענען ארומגעגאנגען שווייגנדיק-פארביסן און אומרויק-צעשראקן. האט זיך אין דער לײדיקייט געפילט, אז אט, אט וועט דער שטורם אנלויפן, אריבערלויפן און זיי מיט זיך פארטראגן. האט דערפאר בליומע געגומען מיטווארטן און די האפנונג האט זיך צעבליט.

האט בליומע אזוי שפּאצירט און מיט אזא געדולד, ווי זי וואלט

זיך אפגערעדט מיט עמעצן צו טרעפן דא אין גאס. פונדערווייטנס איז געשטאנען די „יונקערסקע אוטשילישטשע". די געביידע איז געשטאנען פעסט און ברייט, האט פארנומען א האלבע גאס און ברייט-ביינערדיק-זיכער געווען צעלייגט אויף אייגענער ערד. נאר פאר אירע טירן זענען איצט געשטאנען גרויסע זעלנערישע וועגענער צו גרויסע פערד געשפאנט, און זעלנער, שווייגנדיקע, שווער-אטעמדיקע, האבן פון די טירן ארויסגע-טראגן שווערע קאסטנס און פעק, געקרעכצט און מיט די אקסלען אונטער-געשטופט, פארשטייפט די פיס און פארזיכטיק אויף די וועגענער זיי גע-פאקט. דערביי געברומט בייזע קללות גלאט אזוי זיך. זענען יונגע מענטשן פארבייגעגאנגען און געמאכט דעם אנשטעל, אז זיי זעען נישט. זיי האבן נישט געקוקט צו די וועגענער און זיך באמיט צו באהאלטן די האפנונג און דערוואַרטונג, וואס האט שוין געקוקט פון זייערע אויגן... פון דעם האט בליומע נאך שטארקער דערפילט די האפנונג אין אייגענעם הארץ... וואַרים געוואוסט האט בליומע, אז דוד דוכאווין איז בא „זיי"... נאך איי-דער דעניקינס ארמיי האט די שטאט פארנומען מיט זעקס חדשים צוריק, האט זי פון אים א גרוס אפגענומען. ווער האט עס איר אפגעגעבן דעם גרוס? א, זי געדענקט שוין.

אט אזוי ווי איצט האט זי שפאצירט אין גאס און פלוצלינג איז איר אנטקעגן געקומען נאטאליע באריסאוונא, ארויסגעלאזט אן א! און זיך אפגעשטעלט:

— בליומא!... איך האב צו אייך א גרוס.

— א גרוס צו מיר? פון וועמען?

אין הארצן האבן עטלעכע שווערע קלעפ זיך אפגעציילט

— נאך א מין גרוס... אדרבה, טרעפט פון וועמען

— פון וועמען?

— פון חבר דאכין...

— דאכין?

נאטאליע האט זיך צעלאכט שטיפעריש:

— איר ווייסט נישט ווער דאס איז? ס'איז דאך דוכאווין. אייער ?חין און לערער.

— דוכאווין? וואו האט איר אים געזען?

— אין קיעוו.

איצט א פאר טעג, אז זי קומט פון קיעוו. זי איז געפארן אהין אין „קאמאנדעראווקע" פון אדעסער „נאראבראז". נו, קומט זי קיין קיעוו

אין „נאראבראז"... זי האט געדארפט צו א „זאוועדווישטשע" פון א גע־וויסן „אטדיעל". קומט זי אריין. עפעס איז ער איר באקאנט... קוקט זי און קוקט... וואס קוקט איר אזוי אויף מיר? פרעגט ער. איר זעגט מיר קענטלעך... מיך רופט מען דאכיך, זאגט ער... דאכין? א? אוי! דו־באווין!... האט זיך אויסגעפרעגט אויף אייך... אויף אייער שוועסטער. האט מיר געהייסן אייך אפגעבן א הארציקן גרוס. ער קומט קיין אדעס...

— ער קומט אהער?

— ער איז באשטימט אין היגן „נאראבראז"... ער איז גאר אן אנגעזעענער חבר. וואס זשע וואונדערט איר זיך אזוי?

— א? ניין, איך וואונדער זיך נישט...

און איידער בליומע האט צייט געהאט ארויסצופלאנטערן זיך פון איר צעטומלעניש, האט זיך נאטאליא דערמאנט, אז זי איז שטארק פאר־נומען, האט זי געכאפט בליומעס האנט און זי א שאקל געטון:

— צום ווידערזעען... איך אייל זיך...

און זי איז אוועק.

איבער דער גאס האט איצט שטארק א טרייב געטון; א ווינט איז פון ערגעץ אנגעלאפן מיט אימפעט, האט ארומגעכאפט בליומעס פלייצע און פיס, זי א שטופ געטון און בליומע האט זיך מיט אנשטרענגונג גע־געבן א בייג צוריק און פארהאלטן אירע טריט. דער ווינט האט זי גלייך אפגעלאזט און ווייטער אוועק. אין דער ליידיקייט האבן זיך גענומען דרייען שטילע פריילעכע שניילעך. זיי האבן שטיפעריש געבלאנדזשעט אין דער לופט, ווי אפגעריסענע שמייכלען פון קינדערשע ליפן. האבן זיי זיך געדרייט, געגידערט און זיך געזעצט אויף טראטואר און דעכער. עס האט א בלאז געטון מיט שארפער פרישקייט. בליומע האט פארשטעקט די הענט אין די קעשענעס פון מאנטל און גענומען אטעמען האסטיקער און טיפער. די אויגן אירע זענען געווארן זעעוודיקער. זי האט דערפילט אין זיי א פרישקייט, א ריינקייט און אזוי שפאנענדיק מיט געהויבענע ברעמען, האט זיך צו איר דערטראגן דער ריח פון פארגאנגענע יארן. ס'איז איר אויסגעקומען, אז דאס, וואס דרימלט אין איר שוין אזוי לאנג, האט אויפ־געוואכט און דאס גאנצע הארץ פארגאסן. האט זי טיף אפגעאטעמט און מיט א קלאפעדיק הארץ געוואוסט, אז זי ווארט...

דער שניי האט אנגעהויבן שיטן געדיכטער. געגידערט מיט אומטיקן פארטראכטן ערנסט. האט זיך עפעס צעזונגען אין איר. א הייסער אטעם

האט איר פנים פארגאסן און זי איז געווען צוריק אין קרייז פון יענער צייט, פון וועלכער זי טראגט דעם סוד אין זיך.

— דוד!

זי האט דערהערט אויסרופן דעם נאמען. זי האט זיך דערשראקן ארומגעקוקט, נאר קיינער איז נישט געווען. עפעס א ייד מיט א קורץ ברייט בערדל איז מיט גיכע טריט פארבייגעלאפן און ס'איז נישט געווען צו וויסן, צי זיין באָרד איז גרוי אדער נאר דער שניי ליגט אויף איר...

האט זי אזוי געשוויגן און געשפאנט און מיטאמאל האט זי דערזעען דאס בלייכע, איינגעפאלענע, ענערגישע פנים מיט די ליכטיקע, שווארצע אויגן. זי האט עס דערזעען אזוי קלאר, ווי ער וואלט פאר איר געשטאנען... האט זי געגומען שפאנען האסטיקער, ווי אונטערן טאקט פון א טרויעריק געזאנג, וואס קומט פונדערווייטנס און איז אזוי נאענט. ביז זי איז צוגעקומען צום ראג פון גאס און ארויסגעקומען אויף דער באזארנע. דא איז זי שטיין געבליבן, דערזעענדיק אן עולם מענטשן און בלינד געפילט: אהער איז זי געגאנגען.

אויפן טראטואר פון איין זייט גאס זענען געשטאנען מענער, פרויען און האבן מיט שרעק און פארדראס געקוקט אריבער אויף דער צווייטער זייט גאס. דער שניי האט איצט געשיט געדיכט און נעפלדיק; עפעס א געשריי, א טעמפ, אפהילכנדיק געשריי איז געשטאנען אין שנייקן נעפל. אויף דער אנדערער זייט גאס האט א יונגער אפיציר געשפאנט א צעיושעטער, צערויטלטער, נאך א יינגערמאן, וואס איז געגאנגען מיט בלאנדזשענדיקע, וואקלדיקע טריט. דער אפיציר האט זיך לייכט געוויגט, גייענדיק, ער האט געהאט שטארק פארפרעסטע קינבאקן, האט געקריצט מיט די צוזאמענגעשלאסענע ציינער און די שווארצע, לאנגע וואנסעס האבן זיך דערביי באוועגט, ווי אונטער זיי וואלט זיך עפעס קיילעכדיקס געקאָלערט הין און צוריק. אין דער האנט האט ער געהאלטן א בלאנקע נאקעטע שווערד און די שפארן האבן הילכיק געצייילט זיינע טריט.

מענטשן, וואס זענען זיי אנגעקומען אנטקעגן האבן זיך גלייך געלאזט גיין אריבער אויף דער אנדערער זייט גאס, זענען אריבערגעקומען מיט געקנייטשטע שטערנס און זיך אפגעשטעלט.

— וואס וויל ער פון אים?

— איר זעט דאך, אז ער איז שיכור.

— און דער יינגערמאן איז דאך א ייד...

— עפּעס שרייט ער צו אים...

— קאמוניסט, שרייט ער...

— אז ער איז שכור...

מען האט ווידער געקוקט מיט שרעק און כּעס. די אומרויקייט איז געווען אין גאס און האט פון די פארשטומטע דעכער אראפּגעשריגן. א הילפלאזער שטילער קרעכץ האט זיך צו די אויערן דערטראגן און מען איז געשטאנען ווי צוגעוואקסן צו דער ערד.

דער ייִנגערמאן האט זיך דארט אפּגעשטעלט. געוואלט עפּעס זאגן און זיך אויסגעדרייט, בּלייבּנדיק מיט דער פּלייצע צו די צעשראקענע אויגן. ער איז געווען אין א שווארצן פּאלטא מיט א שווארצן ווייכן הוט אויפן קאפּ. ער האט א באוועג געטון מיט א האנט, נאר דעם אפיצירס מויל האט זיך צעבּרייטערט. ער האט א שווער ווארט ארויסגעשפּיגן פון אונטער די שווארצע וואנסעס, אויפגעהויבן די שווערד און מיט דער טעמפּער זייט זי אראפּגעלאזט אויף זיין נאקן.

צווישן עולם האט זיך א קרעכץ דורכגעטראגן.

האט זיך דער ייִנגערמאן שוין אינגאנצן אויסגעדרייט צו אים. האט זיך געגעבּן א גלייך אויס און דער אפיציר איז געווארן ווי צעטומלט, האלטנדיק די שווערד אויפגעהויבּן. איצט האט מען געזעען ווי ער שטייט נישט זיכער אויף זיינע פיס, ס'האט זיך דערהערט דעם ייִנגערמאנס קלאר־פארביסענע שטים:

— פארוואס שלאגט איר? וואס האט איר זיך צו מיר צוגע־טשעפּעט?

בּליומע האט א ציטער געטון: וואו האט זי געהערט די שטים? עפּעס איז איר די שטים אזוי באקאנט. כאטש זי איז אביסל אנ־דערש...

— איך קאן דיך סוואלאטש! איך ווייס ווער דו ביסט! נאך פון קיעוו קאן איך דיך!

דער ייִנגערמאן האט אויסגעשטרעקט איין האנט און גענומען רעדן שוין שטילער און געלאסענער. נאר דער אפיציר האט זיך צעשריגן:

— געגאנגען! „סקאטינא"!

און האט ווידער אויפגעהויבן די שווערד.

— ער וועט אים הרגענען!

— אבער וואס וויל ער פון אים?

— איר זעט דאך, אז ער איז א שכור.

— זיי זענען דאך צעמישט... זיי האלטן דאך שלעכט...

— ווי די חיות זענען זיי צערייצט...

— אבער פארט, פארוואס?

— ער איז דאך א ייד... איר זעט נישט?

דער יונגערמאן האט זיך אויסגעדרייט און ווידער גענומען גיין. איצט איז ער געווען נענטער, און אלע האבן געזען, ווי ער איז שטארק בלייך און זיינע ליפן ציטערן. ער האט געהאט שווארצע אויגן און א שווארץ שמאל־פארשוירן בערדל.

דער שניי האט געשיט געדיכט און זיך באזעצט אויפן קאפ און פנים.

— אריבער גיי!

דער יינגערמאן האט געזען, ווי דער אפיציר ווייזט מיט דער האנט אויף דער אנדערער זייט גאס צו ראג ביעלינסקי. האט ער אפגעצויגן דעם אטעם, האט אויף א ווײַלע געגעבן א פארמאך די אויגן, זיי צוריק געעפנט, און שוין אנטשלאסן גענומען אריבערגיין.

בלימע האט געעפנט דאס מויל און קוים איינגעהאלטן דאס געשריי, וואס האט זיך פון איר געריסן. נאר אין זיך האט זי דאס געשריי דערהערט:

„ס'איז דאך דוד... דוד!..."

זי האט אויסגעשטעלט שארפע אויגן און דאס פנים האט זיך איר געצויגן ווי צום וויינען; עפעס איז עס דוד און פארט נישט דוד... האט זי געאטעמט שווער און פייניקנדיק, ווי זי וואלט מיט געוואלד געוואלט זיך קלאר מאכן...

— ער וועט אים אומברענגען... ער פירט אים אין קאזארמע אויף ביעלינסקי.

— און דארט וועט ער אים דערשיסן... דארט שיסן זיי...

— בפרט איצט... זיי קלויבן זיך סיי ווי סיי אין וועג אריין.

— און גארנישט?! מען שטייט און מען קוקט עס צו?! — האט איינער א יינגערמאן מיט אן איינגעפאלן פנים שוין נישט אויסגעהאלטן.

בלימע איז אלץ אזוי געשטאנען אַ צעטומלטע. אירע אויגן זענען געווען אזוי ארייננגעשטאכן אין דעם בלייכן פנים, אז זי האט אזש גארנישט געזען. די מענטשן האבן זיך צוזאמענגערוקט געדיכטער, זיך אויס-

היטנדיק פון עפעס, און — אומפארשטענדלעכעס איז געשען. דער עולם האט צוזאמען ארויסגעלאזט אן אכץ.

דער יינגערמאן, וואס איז שוין געווען אויף יענער זייט גאס, האט זיך פלוצלינג און מיט אימפעט אפגעריסן און ווי א וויכער דורכגעלאפן צווישן די מענטשן. דער אפיציר איז שטיין געבליבן, ווי ער וואלט נישט פארשטאנען, וואס דא קומט פאר. ער איז געווען איבערראשט און צעטומלט. דער יינגערמאן האט זיך דורכגעטראגן איבער דער גאס. זיינע פיס האבן געוואונקען פון צווישן שנייִ און אזוי איז ער אריבער די גאס, אוועק מיט מארעזלי־גאס און איז נישט געווארן.

— „מערזאווצי! זשידי!" — האט דער אפיציר זיך פלוצלינג צע־שריגן, פארשטייענדיק, וואס דא איז פארגעקומען. האט אנגעהויבן פאכען מיט דער שווערד און זיך געלאזט לויפן אויף די מענטשן.

עס איז געווארן א געדראנג, א שטופעריי און ליארם. בליזמע איז אראפ פון טראטואר, געבליבן שטיין אין מיטן גאס. איינער איז געפאלן אונטער דעם אפיצירס פיס און דער אפיציר האט זיך א וואקל געטון אי־בער אים, די שווערד איז פון האנט ארויסגעפאלן. האט ער גענומען שרייען און שעלטן. זיך געשטעלט אויף די קני, גענומען שלעפן דעם רעוואלווער פון קעשענע. געשלעפט און געריסן, עפעס האט ער זיך גע־האט פארפלאנטערט, מענטשן זענען געבליבן אין די טויערן. בליזמע איז אויך אריין אין א הויף און מיט שרעק און טומל האבן די טויערן גע־קרעכצט און זיך פארמאכט.

דער אפיציר האט ארויסגעשלעפט דעם רעוואלווער. אזוי שטייענ־דיק מיט די קני אין שנייִ האט ער געשריגן און אפגעפייערט: טשאק! טשאק! און אין איין אטעם אויפגעשטאנען און היטל און זיך געלאזט לויפן צו מארעזלי־גאס, לאזנדיק נאך זיך א געפלעכט פון רוסישע קללות.

דער שנייִ איז געפאלן שטילער און עס איז געווארן טונקעלער אין גאס. דער אוונט האט זיך אונטערגעגנבעט מיט שטילע טריט. מען האט צוריק גענומען עפענען די טויערן. מען האט ארויסגעקוקט — שטיל. א ייד האט א זאג געטון:

— גאט צו דאנקען... ווייזט אויס נצול געווארן.

ערשט איצט איז בליזמען שטארק קלאר געווארן:

— ס'איז דאך דוד!... דוד — נאר מיט א בערדל...

און ס'איז איר באפאלן א שרעק און א פרייד. אין איר האט אויפ־געציטערט א צארן און א גרויל און צו דער זעלבער צייט האט א פרייד

אין איר אויפגעשאלט. זי האט געציטערט, געווען בלייך, נאר די ברוינע אויגן האבן גאלדיק געלויכטן.

— וואס איז אייך? — האט א ייד מיט א גרויער באָרד איר אריינגעקוקט אין פנים.

— אז מען זעט צו אזעלכע זאכן — האט א צווייטער פאר איר געענטפערט.

— ס'איז די שוין פארן טויט!

אזוי האט ארויסגעזאגט דער הויכער ייִנגערמאן מיטן דארן פארעקשנטן פנים, וואס איז די גאנצע צייט געשטאנען באם טויער שטארק פארביסן.

— וואס זשע? זיי טרעטן טאקע אפ? — האט איבערגעפרעגט דער ייד מיט דער גרויער באָרד און אליין נישט געוואוסט, צי ער זאל זיין צופרידן אדער טרויעריק.

— נאך א מין אפטרעטן... זיי לויפן „ביעגאם", אז זיי קענען זייערע פיס נישט זען. זייער סוף איז נאענט. זייער פראנט איז שוין צעלאפן וואו דער פעפער וואקסט...

דער ייד האט געשוויגן און אנגעהויבן קוקן מיט חשד אויף דעם ייִנגנמאן, און מאדנע: בלומע האט דערפילט עפעס א היימישקייט צו דעם פרעמדן...

ווען זי איז ארויס פון הויף אין גאס אריין, האט זי געזען ווי אויפן ראג פון מארעזלי שטייט דער אפיציר אלק אן היטל און שרייט צום „דווארניק", סאפענדיק ווי א געיאגטע גאנז:

— דער זשיד איז א קאמוניסט! איך האב אים דערקענט!... פון קיעוו איז ער... האט שטייסטו „קאנאליא!" וואס גלאצסטו מיט די שליפיעס? ער איז אריין אין הויף!

— ער איז דא נישט אריין! איך שטיי די גאנצע צייט אין טויער!

— ער איז יא אריין! הינטישער זון! גיב ארויס דעם קאמוניסט!

דער דווארניק האט געצויגן דעם קאפ און די אקסלען:

— פון מיינעטוועגן... לאז מען זוכן... איך...

— „מאלטשאט!"

איצט איז בלומע שוין געווען זיכער, אז דאס איז דוד. און — אז ער איז אנטרונען געווארן. זי האט זיך מער נישט אומגעקוקט און איז

אוועק מיט גיכע טריט. אין איר איז א ליכטיקייט אויפגעגאנגען. די האפנונג איז געווען אויסגעוואקסן און זי האט זי אין זיך געטראגן... האט זי דערפאר געשפאנט גיך מיט איר פרייד, איילנדיק זיך אנצוקומען אין איר צימער, וואו זי וועט בלייבן אליין מיט איר האפנונג.

— ס'איז דאך דוד! דוד דוכאווין!

דער שניי איז נאך אלץ געפאלן און דער אוונט האט שוין אויף אלץ געקוקט מיט שטילע, ערנסטע אויגן.

ווען בליזמע איז אריינגעקומען אין קארידאר פון זייער שטוב, האט זי געטראפן, ווי אין דער טיר פון גרויסן זאל שטייט בורמאן, דער פארוואלטער פון זייער זייף־זאוואד, שטייט מיטן פנים אין זאל אריין און רעדט עפעס דארט מיט אן איינגעהאלטן קול. אז ער האט דערהערט, ווי די טיר פון קארידאר קלאפט זיך צו נאך בליזמעס אריינקומען, האט ער זיך דארט א וואקל געטון און אפגעלאזט עמעצנס האנט. בליזמע איז א וויילע שטיין געבליבן און האט לייכט געצויגן דעם שטערן.

בורמאן איז געווען א הויכער, א שלאנקער. ער האט זיך אויסגעדרייט, געווארפן א בליק צו בליזמען. אין איין האנט האט ער געהאלטן דעם הוט, און דער קאפ איז אים געזעסן פעסט און אויסגעשטרעקט צווישן די אקסלען. ער האט באקומען איצט א העכערע שטימע, האט זיך געזעגנט, אפטרעטנדיק אין קארידאר אריין. ליע איז אויך ארויסגעקומען פון דער טיר. זי איז געווען לייכט צעטראגן, האט כסדר צוגעשאקלט מיטן קאפ און דער פארוואלטער האט גאר אין מיטן דערינען לייכט און טרוקן אפגעהוסט.

— איך האב געמיינט, אז דער „אלטער" איז אינדערהיים... מען מוז זיך מישב זיין, וואס צו טון... עס איז שוין די העכסטע צייט... אין א פאר טעג ארום קען שוין שפעט זיין...

— געוויס... געוויס... עטינגער איז געוויס אוועק צוליב געשעפט... אז ער וועט נאר אהיימקומען, וועלן מיר צו אייך אנקלינגען און זיך אפרעדן, ווען צונויפצוקומען זיך...

האט אפגעהאקט און אויסגעלאזט:

— ס'איז מיר אפילו א חידוש, וואס ער איז נאך אינדערהיים נישטא... ער איז גאר אין זאוואד נישט געווען?

בליומע האט געפילט, ווי זי גיט א קנייטש דאס פנים. זי האט זיך גלייך אויסגעדרייט און איז אריין צו זיך אין צימער.

דאס צימער האט זי געטראפן שטיל, טונקל און פארטראכט. די העל-גרויע ווענט האבן געקוקט מיט גלאנציקע זילבערנע שטרייפן און דאס בעט איז געשטאנען ווי מיט צעעפנטע ארעמס. א ווײלע איז בליומע געשטאנען און מיט ווייטיק געקוויטשט דעם שטערן. ווי דאס, וואס זי האט געטראפן די יינגע שטיפמוטער מיטן פארוואלטער, וואלט געשטערט צו אנטפלעקן פאר זיך אליין איר פרייד.

זי האט אויסגעטון דאס מאנטל מיטן היטעלע, איז געבליבן אין בלויזן קלייד, וואס האט זיך שטארק צו איר טאליע געטוליעט. זי האט צעלאזט אירע האר, וואס האבן זיך אין דער טונקלקייט געבראכן מיט א ברוינעם גלאנץ און ס'איז איר לייכטער געווארן אין קאפ... האט זיך געזעצט באם פענצטער און די האר אין צוויי לאנגע צעפ פארפלאכטן. דערנאך איז זי אויפגעשטאנען, און זי איז שוין געווען צוזאמען מיט איר פרייד און שרעק.

הייסט עס: איז דוד דא אין אדעס און זי האט גארנישט געוואוסט... און אפשר... און אפשר איז ער די טעג אהער אנגעקומען און היינט איז ער דאס געגאנגען צו איר?... א! די לעצטע טעג, אז זי טראכט אזוי אפט וועגן אים...

דערפון איז איר אן אומרויקייט און אן אומגעדולד באפאלן און ס'איז געווען ווי א פלאם האט זי איינגעהילט. זי האט זיך אויסגעצויגן אויף איר בעט, האט פארמאכט די אויגן, און אפגעווישט זענען געווארן די קנאפע פינף יאר, וואס זענען אוועק פון דעמאלט, ווען ער איז אוועק-געפארן. צוריק איז זי געווען אין קרייז פון יענע טעג און נעכט. צוריק האט אויפגעטויכט זיין קוש אויף אירע ליפן... איז זי געלעגן מיט פאר-מאכטע אויגן און ווידער האט אין איר געזונגען, און ווידער האט א העלע שיין איר הארץ באלויכטן. און מיטאמאל איז געקומען אזא פיינענדיקער באנג. דאס הארץ האט זיך צוזאמענגעדרוקט און אלע אברים האבן גע-שעפטשעט:

— דוד... דוד... דוד...

און אזוי ליגנדיק מיט פארמאכטע אויגן איז געקומען א רחמנות אויף איר אייגן לעבן, וואס פייניקט זיך שוין אזוי לאנג. איז אזוי ליגנ-

ריק האט זי דערזעען דאס ליכטיקייט פון דעם וועג, וואס וועט זי ארויס־פירן פון דער זאטער שטוב, וואס זי האט אזוי פיינט באקומען.

זי וועט אוועקגיין מיט אים. צו יענע — וואס זענען אזוי גערעכט און אזוי ארעם... אזוי וואגנד און שטארק...

און געפילט א זיכערקייט: מער וועט זי אים שוין נישט פאר־לירן...

ווייכער איז געווארן איר טרויער, און ס'איז איר גוט געווען צו ליגן אזוי און טראכטן...

קאפיטל צוויי.

ס'הייבט זיך שוין ווידער אן... שוין לאנג שטיל געווען... נישט אנדערש, נאר א שגעון איז געקומען אויף דער וועלט... אזוי טראכטנדיק, האט דער אלטער עטינגער געגעבן לאנגזאם א דריי מיטן קאפ און האט ארויסגעלאזט א רויק ווייך זיפצל. די לעצטע פאר טעג איז ער שוין נישט געגאנגען אין זאוואד און האט אלץ געלאזט אויפן פארוואלטער און איי־דעם, זיין שותף. ווארים: אין שטאט איז שוין אלץ געווען הפקר. מען האט זיך געקאנט ריכטן יעדער ווײלע אויף א שיסעריי, א געשלעג און א צוזאמענשטויס. דער גאנצער סדר, וואס איז שוין געווען אויף חיפיל עס איז איינגעשטעלט, האט זיך איבערגעריסן. מען איז ארייגעפאלן אין א שטילער, אומרויקער דערווארטונג און מען האט נישט געוואוסט ווייטער וואס צו טון. דאס וואס איז געווען ביז אהער, האט זיך אויסגעלאזט, געהאלטן באם לעצטן אטעם און עפעס אנדערש איז שוין געשטאנען און געלאקערט מיט פארביסענעם שמייכל און מיט עקשנותדיקער זיכערקייט. די דעניקינישע אפיצירן האבן אנגעהויבן שווייגן, ארומגעגאנגען מיט צעיושעטע פנימער און רציחהדיקע אויגן. געקוקט הפקרדיק ארום זיך און געזוכט צו וועמען זיך צוצוטשעפען, ארויסכאפן דעם רעוואלווער און יענעם פירן אין „ראזוועדקע". שעלטן און שרייען און דערביי קלאפן מיטן רעוואלווער־הענטל... די מוזיק אין די קאפע־שאנטאנען האט אויפ־געהערט צו ברומען. ס'איז שוין נישט געווען פאר וועמען זיך צו קלאגן. צו „נאטשאלסטווא" האט מען שוין נישט צוגעלאזט. האבן יידן זיך דורכ־

געגנבעט די גאסן מיט פארזיכטיקייט, אפגעטרעטן פון וועג, געשטאנען פאר די טויערן מיט שטילע פארנאכטיקע אויגן און מיט נייגיר אויף די פנימער. צו וואס־זשע זאל עטינגער גיין אין זאוואד און זיך „איינשטעלן דאס לעבן״?

— איז וואס־זשע? ועלן טאקע די באלשעוויקעס ווידער קו־מען?

דער אלטער עטינגער איז געווען אויפגעשטאנען פון באטאגיקן דרימל, און פון אונטער דעם ווארעמען פלעד האט ער אפגעבראכט אן אומרויקייט אין הארץ, ער האט ארויסגעלאזט די ווייכע זיפצעלעך, ווי מען לאזט בלעזלעך אויפן וואסער, האט אלץ נישט געקאנט גלייבן „די וועלט זאל אזוי משוגע ווערן״ און האט דאך מורא געהאט צו פארלאזן די שטוב אין אזעלכע טעג...

ער איז א ווײלע געשטאנען אויסגעשטרעקט און געפילט א שטייפקייט אין זיין גאנצער הייך. דערפאר האט ער אויסגעלאזט דאס טראכטן מיט א שמייכל: גישקשה, א וועלט איז נישט הפקר... עס וועט איבערגיין...

ער האט דערפילט, אז א קעלט ריייט זיך ארום אין שטוב, האט אויפגעהויבן די אויגן און דערזעען: די שויבן פון די פענצטער, וואס האבן מיט דעם אנקומען פון דעם אוונט פארגליווערט געגאפעט אין שטוב אריין, זענען איצט איבערגעצויגן מיט א דין פראסט־הייטל ווי מיט בי־בולע־פאפיר. האט ער אפגעציילט עטלעכע שטייפע טריט, זיך אפגעשטעלט הארט באם פענצטער, האט אריינגערוקט ביידע הענט אין די הויזן־קע־שענעס, מיט עטוואס געהויבענע אקסלען ארויסגעקוקט אויפן שניי, וואס איז בעלעגן הארט געפרעסט צו גאס און דעכער, און דערפילט א קעלט אין אלע אברים.

האט ער צוגערוקט א ווייכע שטול צום גרינעם קאפלע־אויוון, האט זיך געלאסן אוועקגעזעצט, זיך אויסגעצויגן און געעפנט דאס טירל פון אויוון. דער פלאם האט געגעבן א גאס ארויס א גלאנציקע רויטקייט און זיין פנים מיט א ברי פארגאסן. האט ער עטוואס אפגערוקט דאס פנים, האט אויפגעהויבן די לעצטע דריי שטיקלעך האלץ, וואס זענען דערביי געלעגן, האט זיי אריינגעלייגט אין אויוון און צוריק פארמאכט דאס טירל. דער פלאם האט זיך אינעווייניק צעשריגן מיט א שטיל וואיען, ווי א ווינט אין א שנייאיקער נאכט, און ער האט זיך צוריק אויסגע־גלייכט אין שטול אריין, זיך אנגעשפארט מיט די פיס אין ווייכן טע־

פּיך, וואָס אויף דער פּאַדלאָגע און זיך אָפּגערוקט צוזאַמען מיט דער שטול.

אין גרויסן זאַל איז געווען טונקל, שטיל און אַ פאַרנאַכטיק־ווינטערדיקע פּרומע ענגשאַפט. דאָס מעבל איז געשטאַנען געדיכט און שווער, ווי צוגעוואַקסן צו די ערטער. די ווייכע שטולן מיט דער גרויסער באַלעבאַטישער קושעטקע זענען יחוסדיק געשטאַנען איבערגעצויגן מיט ווייסע איבערציִער; די צוויי גרויסע שענק האָבן פאַרנומען די גאַנצע זייטיקע וואַנט און האָבן זיך איינע די אַנדערע געשטופּט מיט פאַרביסנ־קייט... צווישן די צוויי גרויסע פענצטער איז שווער געשטאַנען דער גרויסער בופעט. עס האָט זיך געפילט, אַז ער איז שטאַרק באַלאָדן, אַז אין אים איז נישטאָ קיין ליידיק ווינקעלע. דער גרויסער טיש איז געשטאַנען אַ ביסל מרה־שחורהדיק און אַנגעבלאָזן פון איבערגע־זעטיקטקייט און די טונקל־קרעמאָווע פאַרהאַנגען זענען אויך געווען שווער און ווינטערדיק פאַרגליווערט; האָבן זיי פון זיך געוואָרפן שווע־רע שאָטנס, וואָס זענען ווי טונקעלע איבערציִער געליגן אויף אַלץ אין שטוב.

„און אַז זיי וועלן אַפילו קומען איז וואָס? אייביק וועלן זיי דאָך דאָ נישט בלייבן... עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז אַ וועלט זאָל אייביק משוגע זיין... די „יינגאַטשעס" וועלן דאָך פאָרט נישט בלייבן די הער־שער... וואָס־זשע? איז שוין טאַקע הפקר אַ וועלט? נאַרישקייטן! מען וועט איבערפּאַקן, איבערמאָזלען און עס וועט אַוועקגיין... נאָר דערווייל... דערווייל דאַרף מען אין זינען האָבן, וואָס מען האָט צו טון... וואָו־זשע זענען זיי? עס איז דאָך שוין נאַכט?..."

ער האָט עטוואָס געקנייטשט דעם שמאָלן שטערן און פאַרפּרעסט די רויטע ליפּן. ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ שייכות איינס האָט צום אַנדערן, נאָר דערמאָנענדיק זיך איצט אין פאַרוואַלטער, וואָס דאַרף אַהערקומען און אין די באַלשעוויקעס, וואָס גייען אַהער, האָט ער זיך איצט דערמאָנט, אַז מיט אַ האַלב יאָר צוריק, ווען אין שטאָט האָבן געבאַלעבאַטעוועט די „יינגאַטשעס", איז ליע שטאַרק פאַרענדערט געוואָרן: זי האָט זיך כסדר רק געבלאָזן און געברוגזט, און עפּעס האָט זי זיך באמת דער ברוגז זאָל שטענדיק אַנהאַלטן... זי האָט אים כסדר אויסגעמיטן און נישט געוואָלט אים קוקן אין פּנים אַריין. האָט נאָר גע־האָט טענות און געזיפצט אויף איר מזל... איז אַפּט אַוועקגעגאַנגען פון שטוב אויף אַ סך שעהן און אַז זי איז צוריקגעקומען און ער האָט זי גע־

פרעגט: ווי ווערט מען עס פארפאלן? — איז איר נאך געקומען צוצו־צאלן; זי האט זיך באליידיקט, געווארן שטארק ברוגז און מער קיין ווארט נישט געענטפערט... כאטש נעם און רעד צו די ווענט... מאדנע: וואס האט דאס געהאט צו טון מיט די באלשעוויקעס? וואס האט זי זיך פלוצ־לינג גענומען קלאגן אויף אירע ייִנגע יארן? און בכלל: ער האט איר נישט געצוואונגען... און וואס איז דא דער יחוס מיט איר? סך הכל האט ער זי גענומען א מיידל בא די דרייסיק... אפשר צוויי יאר ייִנגער, האט זי ארויסגענומען פון אן ארעמער, הונגעריקער שטוב... זי איז גע־ווען אויסגעדארט, פארגריבט... איצט איז זי געזונט און שיין. זי שייִנט דאך ווי די ליכטיקע זון און איז פארזארגט מיט אלעם גוטן. וואס־זשע פאר א שלעכטס האט ער איר געטון? א? מילא — חברן זיך נישט די קינדער אזוי שטארק מיט איר! איז וואס־זשע?... פארוואס־זשע האט זי זיך דעמאלט אזוי געברוגזט?

אזוי טראכטנדיק וועגן זיין יונג ווייב, האט זיך אויפגעהויבן א גע־היימע שרעק אין זיין הארץ. עס האט אים גענומען קילן, און עס איז אים עפעס נישט געפעלן דאס, וואס ליע איז נאכן אפטרעטן פון די באלשע־וויקעס פלוצלינג קראנק געווארן און אפגעלעגן א פאר וואכן... ערשט, ווען זי איז אויפגעשטאנען פון בעט, האט זי זיך א ביסל באוויקט און זיך שוין מער נישט געברוגזט. וואס זשע פאר א קראנקייט איז דאס גע־ווען? אפילו קיין דאקטאר האט זי נישט געלאזט רופן... א?... עפעס איין דאקטאר איז יא אמאל געווען... דווקא א פרעמדער, נישט זייִנער... נאר באלד האט ער זיך צעשמייכלט: וואס אים קאן איינפאלן... מילא, עס טרעפט אמאל און מען ברוגזט זיך אן, איז דעריבער? האט עס גע־טראפן פונקט, ווען אין שטאט זענען געווען באלשעוויקעס. ס'איז טאקע גע־ווען שווער צו לעבן דעמאלט... נישט אלץ האט מען געקריגן... און אז א מענטש איז נישט גוט, איז ער בייז... ברוגזט ער זיך... אוודאי... אז גאט וועט העלפן... מען וועט זיי אינגאנצן איבערקומען...

א טאטיש שמייכעלע האט זיך צעשפילט אויף די פולע ליפן אונ־טער די געשווירענע גרויע וואנסעס. ער האט דערפילט עפעס א צארט־קייט צו זיך אליין און צו ליען, זיין יונג ווייב. עס האט אים איצט הנאה געטון צו הערן, ווי עס פלאקערט דאס פייער אין אויוון. זייִנע באקן זענען געווען גלאט ראזירט, פול און שטארק קלאר. א רויטקייט, א פרישע, א פאמעראנצנדיקע, האט געבליט אויף זיי און עס האט אויסגעזעען: אונטער דער רויטקייט ריזלט זיך מילך־ווייסקייט. דאס קליינע, פאדשווירענע בערדע־

לע איז געווען גרוי, דורכזיכטיק און שטארק ריין. עס האט אויסגעזעען, ווי עמעצער וואלט די עטוואס געקנייטשטע האר פריער אויסגעציילט און דערנאך זיי אריינגעשטעלט אין גאמבע מיט א צאל.

עס האבן זיך דערהערט פלינקע טריט אין קארידאר. עטינגער האט זיך געכאפט און זיך גיך אפגערוקט מיט דער שטול, נענטער צום טיש, זיך אויסגעדרייט מיט דער פלייצע צום אויוון... ער האט זיך ווידער דערפילט אומרויק און נישט זיכער... נאר אריינגעקומען איז נישט ליע, נאר אניוטע, די דינסט.

זי האט גארנישט געזאגט, זי איז געווען אזוי פארטועט, ווי זי וואלט זיך געגרייט אויפצונעמען א ליבן גאסט, וואס קאן יעדע מינוט אנקומען. האט זי זיך גלייך געגעבן א לאז ארויף אויף די קניען, געעפנט דאס טירל פון אויוון און מיט א פריילעך קוויטשל:

— א וואו! ווי עס „פאליעט"!

האט דערביי געגעבן א פארמאך די אויגן און גווידערנדיק די גאמבע אביסל צוריקגעבויגן דעם קאפ מיט דעם פארשטייפטן האלז. האט מיט אן אייזערנע קאטשערע געגעבן א ווארף־איבער די גלאווניעס און עס האט זיך צעהילכט א פריילעך קנאקן און א שפריצן פון רויטע פונקען, וואס האבן זיך געשאטן אויף אלע זייטן פון די גלאווניעס. איבער דער פאדלאגע האט זיך א גאס־געטון א רויטער פלעק און געבליבן ליגן. אניוטא האט אפגעאטעמט, נאך אמאל איבערגעווארפן די גלאווניעס, פארהאקט דאס טירל און זיך אויפגעשטעלט:

— איז קאלט אין דרויסן — אך, ווי קאלט! — האט זי אויסגעזונגען אויף איר פויעריש־קלינגענדיק קול.

עטינגער האט אויסגעדרייט דעם קאפ, האט א ווילע געקוקט אויף דער יינגער אוקראינקע מיט דעם קיילעכדיק ברוינעם פנים און שווארצע אויגן, האט אלץ געפילט די אומרויקייט אין זיך און עס האט זיך אים מיטאמאל געגלוסט צו פארפירן א געשפרעך מיט דער שיקסע. אין זיך האט ער געוואוסט, אז ער וויל זיך עפעס בא איר דערפרעגן וועגן א זאך, וואס אים אינטערעסירט שטארק, נאר געפרעגט האט ער גאר:

— ביסט געווען אין גאס? נו וואס־זשע הערט זיך אין גאס?

די שיקסע האט געקוקט מיט וואונדער און מיט פארהוילענעם שמייכל:

— וואס זאל זיך הערן „בארין"? ס'איז א פראסט און א שניי אין דרויסן...

האט ווידער א שמייכל געטון און פארענדיקט:

— און אין שטאט איז נישט רויק, עפּעס ריכט מען זיך. ..

— וואס-זשע? „זיי" טרעטן טאקע אפּ, די אפּיצירן?

— וואס ווייס איך, „בארין"?! עס זעט אויס אזוי...

— און די באלשעוויקעס, די „היצלעס" וועלן טאקע קומען?

— כ'ווייס נישט „בארין"... אזוי שמועסט מען... מען זאגט, אז זיי זענען שוין גאר נאענט... די דעניקינצעס פּאקן זיך שוין אין וועג אריין... אך, וואס זיי פירן אלץ ארויס!... א שרעק... אלע זאפּאסן פארנעמען זיי... הונגערן וועט אויסקומען... און נעכטן באנאכט האבן זיי ווידער דערשאסן א סך מענטשן... מען שמועסט אפשר — פערציק מאן דערשאסן...

— דערשאסן מענטשן?

— יא, „בארין". היינט אינדערפרי האט מען אויפן אלטן „באזאר" געפונען דריי מענטשן הענגען... יינגעלייטלעך, איידעלע... געלערנטע... באנאכט האט מען זיי דארט אויפגעהאנגען... און באם ים — האט מען אויך געפונען צוויי דערשאסענע... די קעפּ און די ברוסטן דורכגעשאסן, א שרעק...

— פארוואס?...

— ווער קאן זיי וויסן, די „לייט"?... זיי דארפן אנטלויפן, נו זענען זיי אויפגערעגט. דאס בלוט איז צעקאכט, נו שיסן זיי... ווען מען כאפּט, שיסט מען... אך, וואס פאר א רוצחים דאס זענען...

— נו, און די באלשעוויקעס? ווייניק האבן זיי געשאסן?

— ניין, „בארין", יענע האבן קיין ארעמע מענטשן נישט געטשעפּעט... און דא, בלויז ארעמע האט מען געפונען... — האט זיך עפּעס פארפלאנטערט און זיך צוריק ארויסגעכאפּט פון פלאנטערניש: — איצט קומען אנדערע באלשעוויקעס... יענע האבן אויך געשאסן... געווען פאלשע באלשעוויקעס... איצט קומען די אמתע... די ריכטיקע... די מאסקווער קומען איצט... זיי שיסן נישט... אזוי שמועסט מען: זיי זענען גאר אנדערע.

— אזוי? גאר אנדערע?

— איך ווייס נישט. איך האב אזוי געהערט, זאג איך נאך... פון באקאנטע געהערט.

— וואס זשע, האסט צווישן זיי באקאנטע? האסט שוין אפשר צווישן

זײַ

די שיקסע האָט זיך עפּעס פאַרשעמט און עטינגער האָט אויסגע־שפּיצט די אויגן, לאַקערנדיק אויף איר ענטפער, ווי דאָס וואָלט אים גע־דאַרפט אַרויספירן פון פאַרבלאָנדזשעניש אויפן גלייכן וועג.

— אַ חתן ? — ניין, „באַרין".

און דאַ האָט זיך מיטאַמאָל געעפנט די טיר פון דערבייאיקן שלאָפ־צימער, און ס'איז געווען אַזוי, ווי מאַדאַם עטינגער וואָלט זיך פון יענער זייט טיר געהאַט צוגעהערט צום געשפּרעך און איז אַריין פּונקט דאַן, ווען עטינגער איז שוין געווען אויף אַ וועג... זעט אויס — זי איז נאָך פריער צוריקגעקומען פון גאַס און גלייך אַריין אין שלאָפצימער...

ליע איז אַריין אַ שטרענגע, אַן אויסגעשטרעקטע, איז געבליבן שטיין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. דער פולער קלאָרער האַלז האָט אַרויסגעבלייכט פון שוואַרצן קלייד און איז געווען אַרומגענומען מיט אַ שנירל פּערל. זי האָט געוואָרפן אַ שטרענגן בליק אויף דער דינסט, דערנאָך אויף עטינגערן און די ברעמען אירע האָבן זיך לייכט אַנגע־צויגן. עטינגער האָט אויסגעזען פאַרלוירן, האָט טרויעריק געשמייכלט און זי האָט געזאָגט באַפעלעריש:

— שוין, זיך צעשמועסט ?...

די דינסט האָט אַראָפּגעשלונגען אַ גנביש שמייכעלע... דאָס שמיי־כעלע איז נישט געווען אויף די ליפּן, נאָר אין די אויגן און אויף דער נאָז — זי איז גלייך אַרויס.

עטינגער האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט אים געכאַפּט בּאַ דער האַנט, האָט ער גענומען שטאַמלען:

— ווייסט דאָך ליעטשקע... אַזעלכע צייטן... מען האַלט אַ פרעמדן מענטש אין שטוב...

— דעריבער ?

— דעריבער איז גלייכער אַז... אַז מען האַלט זיך היימישער... ווי אַ מעשה מאַכט זיך... מען שמועסט דאָך טאַקע אַז די „רוצחים" קומען שוין ווידער...

— נישקשה, אויף אַניען מעג מען זיך פאַרלאָזן... זי איז אַ גע־טרייע, אַן איבערגעגעבענע און מען דאַרף זיך נישט חנפענען צו אַ דינסט...

ערשט איצט האָט עטינגער באַמערקט, אַז אַן עקל און אַ בייזקייט קוקט אַראָפּ פון ליעס פּנים. ער האָט עס דערפילט ווי אַ ריח... זי האָט גערעדט מיט אַזאַ טאָן, ווי מען שרייט זיך אויס אויף אַ פרעמדן, פון

װעלכן מען קען גאר נישט פּטור װערן. אט מיט דעם טאן פלעגט זי רעדן מיט א האלב יאר צוריק, װען די באלשעװיקעס זענען אין שטאט געװען. דערפון האט זיך װידער דערװעקט די בלינדע אומרױקײט און ער האט איצט געקוקט אויף איר מיט װאונדער און צונויפגעצויגענע ברעמען, װי ער װאלט געװאלט דײטלעך עפּעס זען און פארשטײן.

— נאך דאס פעלט מיר! איך דארף נאך האבן די דינסט זאל אויך װערן א גאנצע באלעבאסטע אין שטוב... װײניק באלעבאטים האב איך אויף מיר... א שטוב! יעדער טוט סײ װי װאס איבּ גנפעלט... יעדער איז באלעבאס פאר זיך... דארף נאך אניוטע װערן א באלעבאסטע...

דא האט זיך דער אלטער עטינגער געגעבן א שטרעק אויס, אויפגעהויבן דעם קאפּ מיט שטאלץ, איז צו זיך געקומען:

— און איך האב פײנט, אז מען זאגט מיר דעות! אז מען לערנט מיך װי צו פירן זיך!

ליע האט זיך אבער נישט דערשראקן פאר זײן העכערן טאן. דאס עקשנותדיקע בײזקײט איז איר נישט אראפּ פון פּנים. זי האט פארצויגן די ליפּן, האט בלויז אויסגעשטעלט די אויגן און זויסגעצויגן אויף אים אזא בליק, װי זי װאלט אויסגעשטרעקט א דין שפּיזל אים גלײך אין פּנים ארײן. דערנאך האט זי צוגענומען פון אים די אויגן און געזאגט, װי זי װאלט זיך דאס שוין גערײצט מיט זיך אלײן:

— אוודאי, װי קום איך צו זאגן דעות דא אין שטוב? װאס בין איך דא, און װער בין איך דא? איך בין א שטיפמוטער... א דינסט בײ פרעמדע קינדער און װײטער נישט... װי קום איך זיך ארײנצומישן? — האט זיך אװעקגעזעצט אן אנגעבלאזענע לעבן פענצטער און אויסגעלאזט — איך לערן נישט קײנעם... זאג קײנעם קײן דעות נישט... אבער פירן שמועסן מיט א דינסט, איז שוין צופיל...

האט שוין עטינגער געענטפערט נאכגעלאזטער:

— איך פיר נישט קײן שמועסן מיט איר... זי האט דעם אויװן פארמאכט.

ליע האט שוין מער נישט געענטפערט.

עטינגער האט זיך צוריק אװעקגעזעצט און נעפלדיק געפילט, אז עפּעס איז אין שטוב גארנישט גלאטיק. דא קומט עפּעס פאר. אלע אין שטוב װײסן דערפון, נאר ער אײנער װײסט נישט... שוין דאס צװײטע אדער דריטע מאל, אז ליע װערט אזוי בײז, װען זי טרעפט אים אויסרעדן

א ווארט צו זאגן. ס'מוז דא עפעס זיין! וואס האט זי אזוי מורא, אז ער רעדט א ווארט צו איר? איז וואס־זשע קאן עס זיין?

און ער האט אונטערגעשפארט זיין עטוואס גרויליכן קאפ אויף זיין רעכטער האנט, האט מיט שטייענדיקע אויגן געקוקט אין פענצטער, וואס האט שוין אנגעהויבן טונקלען, געפילט א פרעמדקייט בא זיך אין שטוב... א שרעק אין הארצן.

מען האט פארזיכטיק צוגעקלאפט אין טיר.

— אריין! — האט עטינגער געענטפערט מיט א רויקער שטים און האט זיך אויסגעגלייכט אין שטול: ס'האט אים איצט הנאה געטון, וואס עמעצער קומט.

ארייננעקומען איז בורמאן. בא זיין אריינקומען האט ליע אויס־געשטעלט אזעלכע אויגן, ווי זי וואלט אים גישט דערקענט און ווי איר וואלט געוואונדערט צו זעען בא זיך אין שטוב דעם פארוואלטער פון זאוואד. אבער די בייזקייט, וואס איז געלעגן אויף איר פנים, האט גלייך איינגעזאפט, און א געזונט שמייכל האט ארויסגעשפראצט אונטער די אויגן. בורמאן איז געווען אין א שווערן פאלטא מיט א סאמעטענעם קאלנער און אין א שווארץ היטל מיט א דאשעק. ער האט אראפגענומען דאס היטל, האט זיך פארנייגט פאר ליען, זי האט אים געענטפערט מיט א לייכטן קאפ־נאוועג. דערנאך האט ער היימיש און ווארעם געדריקט עטינגערס האנט מיט אזא צוגעלאזנקייט און געטריישאפט, ווי עטינגער וואלט ערשט געהאט צוריקגעקומען פון א לאנגער רייזע. דאס פנים בורמאנס איז געווען צעטומלט: בלייך און נישט בלייך. די אויגן שטארק פארשפיצט און מיט פאראיכטיקייט...

— זיצט, — האט עטינגער געזאגט.

— איך קענט אויסטון דעם פאלטא, העד בורמאן, בא אונז איז נישט קאלט — האט ליע געזאגט.

— א, איך האב גאר פארגעסן, אנטשולדיקט! מען איז שוין לעצטנס אזוי געוואוינט, אומעטום זאל קאלט זיין...

ער איז ארויס אין קארידאר, פון דארט צוריק אריין און שוין אינגאנצן באריקט געשמייכלט.

— וואס זשע, איר האט שוין באצייטנס אנגעטון דאס היטל מיטן דאשעק! — האט עטינגער געשמייכלט.

— וואס דען? כ'וועלווארטן אויף דער לעצטער מינוט? סך־הכל איז עס דאך א פראגע פון טעג.

— אזוי? זיי קומען שאקע? טאקע אויף אן אמת? — האט עטינ־בער געדרייט מיטן קאפ.

— די דעניקינצעס פאקן זיך שוין גאנץ געשמאק... זיי טרעטן אפ. דאס איז א פאקט.

ליע האט זיך דערוויל אויפגעשטעלט, האט איבערגעדרייט דאס עלעקטרישע קנעפל, עס האט א שנעל געטון, נאר די לעמפלעך זענען געבליבן אזוי טונקל און גולמדיק פארגליווערט, ווי ביז אהער.

— אט האסטו דיר! אט איז שוין קיין „טאק" אויך נישטא!

האט אפגעציילט עטלעכע געמאסטענע טריטלעך, זיך אפגעשטעלט, באלד צוגעגאנגען צו דער טיר, זי געעפנט און ארויסגערופן אין קארידאר אריין:

— אניוטא! אניוטא! דעם לאמפ!

עטינגער האט מיט מרה־שחורהדיקע אויגן געקוקט אויף די לעמפ־לעך, וואס זענען געהאנגען ווי פארפרוירענע און בורמאן האט שטיל א שמייכל געטון מיט ערנסטע אויגן:

— איך זאג דאך אייך... זיי פאקן זיך...

ליע איז ארויס אין צווייטן צימער, האט לאנג נישט געזאמט און באלד צוריקגעקערט. אניוטא האט אריינגעברענגט דעם נאפט־לאמפ, האט אים אוועקגעשטעלט אויפן טיש, האט ארויסגעדרייט די קנויט און איבער דער שטוב האט זיך צעגאסן א רויטלעכע ליכטיקייט. בורמאן האט נישט אויפגעהויבן די אויגן און די שיקסע האט אויך נישט געקוקט צו אים, ווי מיט א כוונה נישט געקוקט. דאס פנים איז איר אלץ געווען אזוי שמייכ־לענדיק און זי איז ארויס.

— אין שטאט איז אן איבערקערעניש... מען ריכט זיך שוין אויף די „גדולים" און יעדער האט איצט אין זינען אפצוטון דאס, וואס מען דארף... ס'איז שוין די העכסטע צייט... נאך א פאר טאג וועט שוין זיין שפעט... און א שיין ביסל סחורה ליגט... מען דארף דאך זעען דאס ערגעץ צו „באשאטן" — האט בורמאן גערעדט ערנסט־גע־שעפטלעך.

— וואו־זשע איז לערנער? איר האט אים נישט געזען?

— לערנער? ער איז געגאנגען גלייך מיט מיר... מיר קומען ביי־דע פון זאוואד. מען האט געדארפט באווארענען און פארמאכן פון אלע זייטן... אין אזעלכע משוגענע טעג געשעען א סך גנבות... זענען מיר ביידע גלייך געגאנגען, נאר דא אין הויף איז ער מיר אוועקגעקומען.

הייזט אויס: זיך אויף א ווײַלע אַרײַנגעכאַפּט צו זיך אין שטוב, די פּעק־לעך אוועקצולייגן...

— וואָס פֿאַר א פּעקלעך?

— כ׳ווייס? מסתּמא האָט ער אײַנגעקויפֿט שפּײַז... — האָט בורמאַן געזאָגט מיט אַזאַ פּנים און אַזאַ טאָן, נאָך וועלכן מען האָט געדאַרפֿט פֿאַרשטיין, אַז ס׳איז שוין גאָר קיין שפּײַז נישט געווען אין די פּעק־לעך...

— יאַ... שפּײַז־פּעקלעך — האָט זיך ליע אָפּגערופֿן — איז וואָס־זשע? און אַן לערנערן קען מען זיך גאָר פֿון אָרט נישט רירן? מען קען דאָך דערווײַל רעדן. אַז ער וועט אַרײַנקומען, וועט ער זײַן... ס׳איז דאָך נישט קיין שפּילעכל?! ווי נאָר די „לײַט" קומען אַרײַן איז שוין נאָך אַלעמען...

עטינגער האָט עפּעס מאָדנע א קוק געטון צו ליען, ווי ער וואָלט זיך נישט געריכט צו דערהערן איר שטים. דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי מישט זיך אַרײַן אין געשעפֿטס־זאַכן... בורמאַן האָט זיך נישט אומגע־קוקט. ער האָט עטוואָס אַראָפּגעלאָזט דעם שוואַרצן קאָפּ מיט די שיטערע האָר אײַנמיטן קאָפּ, דורך וועלכע די הויט האָט דורכגעלויכטן. די שוואַרצע פֿלינקע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם טיש, ווי זיי וואָלטן דאָרט עפּעס דערזען. דאָס אײַנגעפֿאַלענע טונקעלע פּנים מיט די שוואַרצע וואָנסעס האָט א ווײַלע, ווי אײַנגעדרימלט. האָט עס אויסגעזען: ער וויל עפּעס איבערהאַרכן.

— לערנער איז א שותּף צום זאַוואָד און צו דער סחורה. אָן אים קען מען גאָרנישט באַשליסן. צו וואָס־זשע נוצן גלאַט די רייד? — אַבי רעדן?

אַזוי האָט עטינגער אָפּיציעל־רויִק און שאַרף געזאָגט, ווי ער וואָלט די ווערטער אַרויסגעלייענט.

— איז פֿאַרוואָס־זשע איז ער נישטאָ, דער שותּף? דאַרף ער דאָך אין זיבען האָבן... דער גלײַכער שותּף...

דאַן האָט שוין בורמאַן אַרויסגעבראָכן א שמייכל:

— מען קען דערווײַל שמועסן... מסתּמא וועט ער באַלד אַרײַנ־קומען...

ס׳האָבן זיך טאַקע באַלד דערהערט טריט אין קאָרידאָר און די קאָרידאָר־טיר האָט זיך דאָרט צעבעקלאַפּט.

— אז גייט ער שוין מסתמא — האט זיך בורמאן אויסגעגלייכט אויף זיין שטול און אויסגעדרייט דעם קאפ צו דער טיר...

אריינגעקומען זענען לערנער און טאניע. ביידע זענען אריין שטילע, שווייגנדיקע, ווי זיי וואלטן אריינגעקומען אין א הויז, וואו עס ליגט א שווערן קראנקער. לערנער האט געטראגן פענסנע, האט געהאט א קיילעכדיק, ווייך פנים מיט דינע, כיטרע, ליפן. ער איז געווען גלאט ראזירט און א ריח פון קרענקלעכער מידקייט האט זיך פון אים געפילט. ער איז געווען נידעריק, מיט ברייטע אקסלען און א פולער בויך. ער האט געשטעלט זיינע טריט מיט די קורצע דיקע פיס און דער הארטער קראגן האט זיך איינגעשניטן אין זיין ווייכער, אביסל אראפהענגענדיקער גאמבע. דער קאפ איז אים געזעסן נידריק צווישן די אקסלען און די ליסינע איז געווען באדעקט מיט גלאנציקע, פייכטע, לאנגע געציילטע האר. ער האט זיך שטיל געגריסט, ווי ער וואלט עמעצן א טובה געטון מיט זיין גריסן, האט זיך גלייך אוועקגעזעצט באם טיש און אפגעאטעמט אנשפארנדיק די פלייצע אין ווענטל פון שטול, האט ארויפגעלייגט די ווייכע הענט מיט די פעטע קורצע פינגער אויפן טיש און גלייך גענומען רעדן צו דער זאך:

— אז זיי קומען — דאס איז שוין זיכער. צי זיי קומען אויף לאנג, צי נאר אויף א קורצער צייט — ווער קאן עס וויסן? מסתם וועלן זיי איינגיכן ברעכן די קעפ... דערווייל אבער קומען זיי... מוז מען זען, וואס מען האט צו טון... מען דארף אויפרוימען דאס ביסל סחורה און זיי איבערווארטן...

טאניע איז נאך אלץ געשטאנען אין מיטן שטוב, ווי זי וואלט געווען ברוגז. זי איז געשטאנען א הויכע, א ביסל א פולע. א ווארעמער טוך איז געלעגן ווי צוגעקלעפט צו אירע רונדע אקסלען. די בלויע אויגן האבן געקוקט מיט פארביסנקייט און די ליפן זענען איר געווען צוזאמענגעפרעסט. די בלאנדע האר פארנומען אין א קאקס, וואס האט זיך געבויגן צו איר ווייסן פולן נאקן. ליע האט אויך געהאט פארצויגן די ליפן און די לעפלעך פון איר לענגערער שארפער נאז האבן זיך שטיל באוועגט, ווי זי וואלט געפילט א שארפן ריח. אירע שווארצע אויגן האבן געבלאנדזשעט איבער טאניעס אויסגעאסנקייט, נאר באלד האבן זיך אירע ליפן צענומען אין א פריינדלעכן שמייכל:

— וואס־זשע שטייסטו, טאניע?

אין טאניע צוגעגאנגען, זיך געזעצט אויף דער שטול, וואס איז געשטאנען לעבן ליעס און האט גלאט אזוי זיך א זאג געטון :

— שוין ווידער... שוין לאנג שטיל געווען...

— וואס קען מען העלפן ?... — האט ליע געענטפערט מיט א שאן פון אן עלטערן, דערפארענעם מענטש. — און ביז אהער איז דען שטיל געווען ? מען האט דען געקענט ארויסווייזן דאס פנים אויף דער גאס ? עס איז זיין שווארץ יאר...

— מילא אין גישט אין גאס... איז מען אין די אונגטן געזעסן אין שטוב... אבער ס'איז דאך שטיל געווען...

— שיין שטיל... און וויפיל יידן האבן זיי אויסגעקוילעט ?

— זאלן זיי נישט זיין קיין קאמוניסטן.

— גיי שוין, גיי. רעדסט נארישקייטן... מען קען שוין א סך וויסן... אז „זיי" האבן געזאגט : קאמוניסטן, איז עס געווען הורת-לאקישן ?!

האט אפגעשוויגן און ווידער געפרעגט :

— וואס מאכט טאליק ?!

— א דאנק. ער איז זיין שטוב מיט דער דינסט.

באם טיש האט מען שוין גערעדט פארטועך און ערנסט. מען האט גערעכנט און צוזיפגעלייגט צאלן. גארדזאן אזוי פיל און אזוי פיל סחורה. דארף מען עס צעטיילן, אזוי פיל און אזוי פיל איבערלאזן. מען מוז דאך עפעס לאזן אויך, ווארים זיי קענען זיך אבשטויסן, אז מען האט ארויסגע-טראגן...

לערנער האט געהאלטן, אז מען דארף גארנישט איבערלאזן : וואס הייסט, וואו די סחורה איז ? די דעניקינצעס האבן צוגענומען און פטור.... די סחורה דארף מען פאקן אין קאסטנס. אהיינעמען די קאסטנס און טא-קע דא אין הויף באגראבן. א ביסל קאן מען באהאלטן אין די שטובן. באם „דווארניק" קאן מען אויך אוועקשטעלן א קאסטן. מיר וואוינען דא ארויס פון שטאט. ווער וועט עס קריכן אוש צום ים זוכן זייף ?...

— וואס זשע ? זיי וועלן זיך פוילן צו גיין אהער ? — האט בורי-מאן סארקאסטיש א פרעג געטון.

— נארישקייטן ! זיי האבן גענוג ארבעט אין שטאט און זיי וועלן אהער נישט קריכן... נעמען איצט און פארקויפן די כחורה איז שוין גאר קיין שכל נישט. איינמאל : איז פשוט אן עבירה. ווארים : ווי נאר די „לייט" קומען אריין אין שטאט, וועט באלד ווערן א יקרות און די סחורה

וועט ווערט זיין פינף מאל אזוי פיל... צווייטנס ווידער, אויב מען זאל איצט פארקויפן — כ'וועל שוין זאגן, אז מען וועט געפינען א בעלן, כאטש איך ווייס נישט, וועלכער משוגענער עס וועט איצט קויפן — איז מיט וואס פאר א געלט וועט יענער צאלן? מיט דעניקינסקע „גלאקן"? איז וואס זשע וועט עס דערנאך ווערט זיין? אז מען וויל זיי שוין איצט נישט נעמען!? דריטנס: ס'איז גלאט גערעדט. ווארים, וואו וועט איר איצט נעמען דעם קונה? יעדער האט אין זינען צו באהאלטן, וואס ער האט שוין, און מען איז צעמישט. ווער זשע וועט איצט גיין איינהאנדלען נאך פרישע סחורה?

— און וואו איז בלומע, הא? — האט טאניע א פרעג געטון בא ליען, שוין אפשר א וואך צייט, אז איך האב זי נישט געזעען. וואס איז מיט איר?

— און ווער זעט זי דען יא? — האט ליע געענטפערט מיט מא־מישער פארזארגטקייט און טענה — מען זעט זי דען אין שטוב? גאנצע טעג, אז זי קומט נישט אהיים. זי אזוי און אבראמעק אזוי. און אז זי קומט שוין יא אהיים, רעדט זי דען א ווארט?? זי זיצט בא זיך אין צימער און לייענט אירע ביכלעך און עפעס חברטעס קומען צו איר פון דער גאנצער וועלט... עפעס געפעלט זי מיר נישט די לעצטע צייט. זי איז בלייך און פארטראכט, און נישט זי גייט, נאר זי לויפט... און אז איך טרעף זי שוין אמאל אין קארידאר אדער באם עסן און פרעג זי: וואס איז מיט דיר, בלומע? ענטפערט זי דען ווי א מענטש? זי קוקט מיך אן און פארשטייט נישט: וואס זאל זיין?... אז זי היט זיך פאר מיר... איך בין א שטיפמוטער... און צום אייגענעם טאטן רעדט זי דען א ווארט?... זי האט דאך פיינט די שטוב. זי האט אלעמען פיינט... אז זי הערט, ווי מען רעדט אין שטוב, אנטלויפט זי גלייך... און אב־ראמעק איז אויך נישט בעסער פון איר...

טאניע האט געקוקט מיט גרויסע אויגן אויף ליעס בלייך פנים און ליע האט מיט פארדראס און באליידיקונג געזאגט:

— אדרבה, אפשר ווייסטו, וואס זי האט צו זארגן און ארומגיין, ווי אויף יענער וועלט? א מיידל פון א יאר צוואנציק, איז יונג, שיין, קלוג און עס פעלט איר דען עפעס? אדרבה, וואס פעלט איר?

— ווייס איך? — האט טאניע באקומען א פרום פנים — זי איז דאך א יתומה.

האט ליע זיך געגעבן א גלייך אויס אין שטול. דער קאפ איז גע־

וואָרן אויסגעשטרעקט, דער האלז — לענגער און זי האט באקומען א פנים, ווי זי וואלט דערפילט א שטאך אין לייב, האט אויסגעשטעלט בייזע אויגן ווי צום ארויסלאזן א געשריי. נאר טאניע האט זיך געמאכט נישט זעענדיק און געזאגט מיט זארג פון אן עלטערער שוועסטער:

— אזא טבע, האט זי שוין, בליזמע... זי איז שטענדיק א טרויעריקע און פארטראכטע... איר געדענקט דאך: מיט א יאר פיר צוריק, איז זי דאך געווען קראנק... געגאנגען צו דאקטוירים.!.. אבער די לעצטע צייטן איז זי דאך שוין געווען געזונט און פריילעך... וואס-זשע איז ווידער געוואָרן מיט איר? ? זי איז נישט געזונט?

— איך זע נישט זי זאל זיין קראנק חס ושלום. זי שווייגט.

— וואס-זשע איז עס?

— און וואס ווייס איך?... זי איז דאך א מענטש פאר זיך... מען טאר איר דאך קיין דעות נישט זאגן... מען טאר זיך בא איר באר-נישט פרעגן. אזא שטוב איז שוין דא. יעדער איז זיך באזונדער. און אז מען פרעגט איר, ענטפערט זי דען? די וואנט ענטפערט? אזוי ענטפערט זי.

טאניע איז אויפגעשטאנען:

— זי איז בא זיך אין צימער?

— דאכט מיר, אז יא... זי איז פריער אריינגעקומען, געגעבן א קוק אריין אין זאל, און אפילו נישט אריינגעקומען, האט זיך גלייך אויסגעדרייט און אריין צו זיך אין צימער... און עפעס א חברטע האט זי שוין דארט... א נס, וואס מען האט מורא אין אווגט ארומצוגיין אין גאס, א נישט וואלט זי איצט אין דער היים געווען?

— אט וועל איך גיין זעען, וואס זי טוט.

אזוי האט געזאגט טאניע און ליע האט ארויסגעלאזט א זיפצל דורך דער נאז.

קאפיטל דריי.

בליומע עטינגער האט זיך דערפילט אזוי, ווי זי וואלט ענדלעך נאך א לאנגער צייט בלאנדזשען איבער בעפלדיקע וועגן, ארויסגעקומען אויף א ליכטיקן שטח; האט זיך אפגעווישט דער צווישן-וועג פון צייט צו צייט און זי איז צוריקגעקומען צום זעלבן ארט, וואו א ליכטיקייט האט אין איר אויפגעשיינט און פון וועלכן זי איז געווען דערווייטערט... זי איז מיטאמאל געווארן רויקער און זיכערער. אין די שטילע ווינטערדיקע פארנאכטן, ווען מען האט מורא געהאט אויף די גאסן צו גיין, איז זי געווען בא זיך אין צימער און מיט איר — יענער זומערדיקער פארנאכט, ווען זיינע ליפן האבן אירע אויפגעוועקט. ס'איז צוריקגעקומען יענע גא־רונג. זי האט אזוי לאנגזאם געטראכט וועגן דעם, ווי ס'וואלט איר א שאד געווען מיטאמאל איבערצופילן יענע צייט.

זי איז געלעגן אויף איר בעט; ביידע הענט אונטערן קאפ; די אויגן ליכטיקע צו דער סטעליע, און אלץ אין איר האט רויק געווארט. איצט געדענקט זי, ווי דינה האט איר אמאל געשריבן אין א בריוו:

— דו גריסט דודן... אבער דוד איז דאך אין דער היים נישטא... דוד איז אין קיעוו, און ער איז גאר אן אנדערער...

איצט האט זי פארשטאנען, פארוואס ער איז אן אנדערער. ער איז נישט ווי לערנער... ער האט נישט צו טון מיט זייפן און באהאלטן סחורה... און איצט איז קלאר געווארן, פארוואס זי איז פרעמד אין דער שטוב פון זייפן און סחורות... זי האט דערביי געטראכט:

איז דען דוד נישט גערעכט? מענטשן האבן געארבעט גאנצע חדשים אין זאוואד... געארבעט אן רו און געגעסן ארעמע מאלצייטן בא דער ארבעט... איצט באהאלט לערנער די סחורה... ער איז דער באַלעבאס, און זיי דארטן — זיי זענען פרעמדע... מאדנע...

אין די טעג האט זי א סך געשפאנט איבער די גאסן. זי איז אלע טאג בעגאנגען איבער דעם וועג, וואו זי האט אים באגעגנט אזא צעטומלטן, איבערגעשראקענעם און שטאלצן, און האט געשמייכלט אין זיך פון דעם, וואס איצט איז ער דא נישטא און איז נישט צעשראקן... זי האט גע־

וואוסט, אז זי וועט אים איצט נישט טרעפן דא, און דערפאר האט זי מיט אזוי פיל אומגעדולד געוואַרט אויף דעם, וואס דארף געשען. נאך א טאג, נאך א טאג. די פרעמדקייט און די שרעק וועט דאך אוועק פון די גאסן און דאן וועט ער זיך באהדייזן: „בליומע! אך בליומע, איך האב דאך דיך געזוכט, און אט האב איך דיך געפונען"...

אין שטאט איז שוין געשטאנען א געדיכטע צערודערונג, כאטש די גאסן האבן אויסגעזען די זעלבע. די הייזער זענען געשטאנען רויקע און שטילע ווי אלעמאל, אבער מענטשן האבן אזוי פארטיפט געשוויגן און בא יעדן געשריי, וואס האט זיך פון ערגעץ אפגעריסן און איבער דער גאס א בלאנדזש געטון, האט מען זיך מיט שטילן ציטער אומגע־קוקט און די אויגן זענען גרעסער געווארן.

און אזוי שפאנענדיק איינמאל אין גאס האט בליומע אנגעטראפן מירלען. יענע איז געגאנגען שטארק פארטועט, האט געטראגן א גרויען פאלטא און א היטל, וואס האט גיכער אויסגעזען ווי א מענער־הוט. דאס פנים אירס איז געווען בלייך, נאר ריין און דורכזיכטיק. די שוואר־צע אויגן האבן געטראגן אין זיך א שטילע, ערנסטע פארטראכטקייט... אויף דער גאס איז געשטאנען א בלייכער פארעקשנטער דרויסן. דער שניי איז געלעגן פארהארטעוועט און צוגעוואקסן צו די שטייגער. נאר מירל האט נישט געפילט די קעלט, האט זיך נישט אומגעקוקט און געגאנגען פארנומען מיט עפעס אזוינס, וואס האט איר אלץ פאר־שטעלט.

בליומע האט געוואוסט, אז מירל געהערט צו יענע, בא וועלכע דוד איז. זי האט זיך איצט דערמאנט ווי מירל. וואס איז געווען א שניי־דערין און האט געניים בא זיי אין שטוב, האט שטענדיק בא דער אור־בעט געזונגען אזעלכע העזהדיק־טרויעריקע לידער, צו וועלכע בליומע האט זיך צוגעהערט און דאס הארץ האט זיך איר צוזאמענגעפרעסט. אין די לידער איז געווען א טרויער, וואס האט זיך צוזאמענגעגאסן מיט דעם טרויער פון איר הארצן. פלעגט בליומע דאן אפזיצן לעבן מירלען גאנצע טעג, זיך צוהערן צו אירע לידער און פילן איר איינזאם קלאגעדיק לעבן, וואס וועלקט און גייט אויס שטילערהייט. בליומע האט זיך געפילט אזוי, ווי מירל וואלט צו איר שטארק נאענט געווען. האט באקומען ליב־טיקע אויגן, ווען מירל האט זיך אין מיטן דעריבערן צעזונגען מיט עפעס א האפנונג און דרייסטקייט, וואס האט צוגעזאגט און געהאפט אויף קו־מענדיקע צייטן.

און איצט, אז בלימע האט זי אנגעטראפן, האט זי דערפילט אזא נאנטקייט צו איר, ווי זי וואלט געטראגן פאר איר א גרוס, נאך וועלכן איר הארץ בענקט אזוי שטארק. האט זי זיך געגעבן א שטעל אפ לעבן איר מיט אזא היימישקייט:

— מירל!

— א! בלימע! — האט יענע אויסגערופן מיט אזא פרייגטלעכקייט, אז ביידע האבן זיך אויף א ווילע פארשעמט.

— כ'האב דאך אייך גארנישט דערקענט... — האט מירל געזאגט.

— וואו לויפט איר אזוי? איר קוקט זיך דאך נישט אום? — האט בלימע געזאגט און זיך געלאזט גיין צוזאמען מיר איר.

— ווייס איך? — האט מירל געשטאמלט — מען איז פארנומען.

ביידע זענען געגאנגען ווי גלייכע און מיטאמאל האט זיך די פארשעמטקייט אויסגעוועפט. זיי האבן זיך דערפילט היימיש און ביידע האבן נישט פארשטאנען ווי דאס קומט, וואס זיי האבן זיך ביז אהער נישט געדענקט, בלימע האט געפרעגט:

— וואס-זשע ס'הערט נאך לאנג בעדויערן?

און מאדנע, מירל האט זיך נישט געוואונדערט און נישט איבערגעפרעגט, נאך גלייך געענטפערט:

— ס'הערט שוין נישט געדויערן... זיי פאקן זיך שוין אין וועג אריין.

זיי זיינען אנטקעגנגעקומען אן אפיציר. ער איז געגאנגען א הויכער, פארביסענער, צעכעסטער און געקלונגען מיט די שפארן אזוי מאדנע, ווי די גאס וואלט געווען ליידיק און נאר זיינע שפארן גיבן צו וויסן, אז עס זענען נאך דא אפיצירן. מירל האט פארביסט די ליפן און גענומען עקשנותדיק שפאנען און גלייך אנטקעגן דעם אפיציר... בלימע האט דערפילט, אז אן אומרויקייט האט זיך אין מירלען אויפגעהויבן, און זי האט אויך געשוויגן. דער אפיציר איז פארביי, און מירל איז געווארן בעלאסענער:

— זייערע לעצטע טעג... נאר דערוויילע... אוי פייניקן זיי...

— אזוי? — האט בלימע איבערגעפרעגט.

— א שרעק... ערשט נעכטן האבן זיי זעקס מענטשן דערשאסן... אומשולדיקע מענטשן... נעכטן אינדערפרי זיך אויף גארנישט געריכט, און היינט ליגן זיי שוין אין „מארג"... ארבעטער...

און ס'איז נישט געווען צו פארשטיין: בלימע איז געווארן בליי-

כער און באקומען גרעסערע אויגן. ס'האט איר פארצויגן אין האלז און זי האט נישט געוואוסט, ווי אזוי צו פרעגן דאס, וואס זי האט געוואלט פרעגן... זי האט געהערט, ווי מירל רעדט אזוי טרויעריק און מיט אזוי פיל האפנונג.

— זיי טשעפען זיך צו די גלייכע ווענט... ווער עס פאלט צו זיי אריין איז א סוף צו אים... ווער שמועסט נאך, אויב א ייד — גלייך א קויל אין קאפ... חברים זענען אריינגעפאלן די לעצטע טעג... ווער ווייסט, וואס מיט זיי איז...

— פון די אנפירער?

— גראד נישט... די אנפירער זענען איצט באווארנט...

צוקומענדיק צום עק אוספיענסקי און קוזניעטשני, האט זיך מירל אפגעשטעלט און געזאגט מיט אזא טאן, ווי זי וואלט ערשט איצט דערזען בלומען:

— און וואס זשע מאכט איר? שוין איבער א יאר, אז איך האב בא אייך אין שטוב געארבעט.

בלומע האט זיך ווידער פארשעמט און זיך דערפילט, ווי זי וואלט קלענער געווארן:

— וואס זאל מען מאכן? מעןווארט, עס זאל שוין א סוף נעמען...

— און בא אייך אין שטוב?

— ווייס איך? דארט האט מען מסתם אין זינען זייף...

מירל האט זיך פארוואונדערט. כאטש זי האט גוט געוואוסט, אז בלומע האט כסדר נישט געהאלטן מיט יענע דארט, וואס האבן זאוואדן און מיינען, אז אלץ קומט זיי. נאר זי האט זיך באלד צעשמייכלט: יא, בלומע איז טאקע אלעמאל געווען ווי א פרעמדע אין שטוב פון די עטיגערס און בלומע האט פארענדיקט:

— וואס גייען זיי מיך אן מיט זייערע זייפן און געשעפטן?...

— מירל האט זיך פריינדלעך צעשמייכלט און זיך געזעגנט:

— צום ווידערזען... איך מוז דא אריינגיין ערגעץ...

בלומע האט זיך געזעגנט:

— און פארוואס זעט מען אייך קיינמאל נישט?

— וואו זאלט איר מיך זען?

— פארוואס קומט איר נישט צו אונז?

מירל האט נישט פארשטאנען און בליומע האט גלייך צוגעגעבן:

— איך דארף אייך האבן מירל... איך זוך אייך שוין עטלעכע וואכן...

— מיך?

— יא, איך וויל אריינטרעטן אין דער פארטיי...

מירל האט זיך נישט געוואונדערט. אויף בליומען האט זי דאס דערוואַרט. זי האט פיינט זייער הויז מיט די זייפן און מיט דער באַריִשער באַרימעריי.

— ס'איז מיר מיאוס געווארן ארומצודרייען זיך גלאט אזוי. זיין כּסדר אין שטוב מיט דער שטיפמוטער און מיט זייערע זייפן. האב איך באשלאסן: לאמיך אויך עפּעס טון... איר ווייסט: אבראמעק איז אריין אין „קאמאסאמאל".

— אזוי? אבראמעק? איך האב אים טאקע געזעען מיט חברים.

— און איך האב אויך באשלאסן...

— ווארט שוין צו... איצט איז שווער... מען וועט זיי נאר איבערקומען... די רויטע ארמיי שטייט שוין נישט ווייט. נאך א טאג, נאך צוויי... דערווייל זייט מיר געזונט איך אייל זיך אזוי... אנטשולדיקט בליומע...

און זי האט אזוי ווארעם געדרוקט בליומעס האנט און בליומען האט א ווארעמקייט זיך א טוליע געטון צום הארצן...

ווען זי האט דערנאך אליין געשפאנט איבער דער גאס, האט זי געאטעמט טיף און מיט פרישקייט, ווי זי וואלט נאר וואס געהאט א גרויסע זאך אפגעטון.

ווען טאניע איז אריין צו בליומען אין צימער, איז זי געבליבן שטיין בא דער טיר ווי זי וואלט געהאט פארבלאנדזשעט. בליומע איז געזעסן לעבן טישל אויף א שטול, און אויף דער קושעטקע, וואס איז אויך געשטאנען נאענט צום טישל, איז געזעסן א מיידל און געטוליעט דעם האלז אין א פוטערנעם קאלנער. זי האט צווישן די בלייכע פינגער געהאלטן א דין פאפּיראסל. געצויגן פון דעם מיט אויסגעשטעלטע ליפּן,

ווי צום קושן און געשמייכלט. בליומע איז געזעסן און אויסגעהערט איי־רע רייד מיט אויפמערקזאמקייט. אז זי האט בא טאניעס אריינקומען אויסגעדרייט דעם קאפ און זי דערזען, האט זי גענומען קוקן אויף איר מיט וואונדער, ווי מען קוקט אויף א פרעמדער, דערנאך זיך גע־כאפט:

— א! טאניע... איך האב דיך שוין לאנג נישט גע־זען.

און ווי זי וואלט זיך פארענטפערט פאר איר וואונדערן זיך:

— דאס לעמפל ברענט אזוי טונקל!

טאניע איז מיט צויחוסדיקע טריט צוגעגאנגען נענטער, האט מיט פארזשמורעטע אויגן געגעבן א קוק און דערקענט דאס פרעמדע מיידל:

— נאטאליא באריסאוונא! איך האב אייך גארנישט דער־קענט.

אזוי האט טאניע געזאגט און באלד איז איר דער שמייכל אראפ פון די ליפן, ווי זי וואלט זיך איצט דערמאנט, אז סך הכל איז דידא־זיקע נאטאליא א טאכטער פון א קלייטניק, וואס וואוינט דא אויף ביע־לינסקי גאס. זי האלט זיך פאר א גאנצע קענערקע, און בא די באל־שעוויקעס איז זי געווען א גאנצע „מאכערקע", זי האט עפעס אכטונג גע־געבן אויף זייערע שולן און קינדער־היימען. אין אלגעמיין איז זי שטענ־דיק א לערערקע.

נאטאליא האט זיך צעשמייכלט:

— איך וואלט אייך אויך נישט דערקענט... איר האט זיך שטארק געענדערט?

— געענדערט?

— געוויס... איר זענט געווארן אזא מאדאם... ווי לאנג איז עס, אז איר זענט געווען אזא שלאנק מיידל? ווען איר זענט געווען אין זי־בעטן קלאס גימנאזיע, בין איך געווען אין פינפטן, דאכט זיך... נישט אזוי? בליומע?

— א? יא.

— איך געדענק נישט, — האט טאניע ארויסגעזאגט מיט אזא טאן, ווי זי וואלט גארנישט געוואוסט, אז אט די נאטאליע איז אויך געגאנגען אין גימנאזיע.

נאטאליע האט זיך צעשמייכלט מיט פארביסנקייט; האט שטארק א ציִ געטון דאס פאפּיראָסל, האט דערביי ענערגיש א שאקל געטון מיט איין האנט ארויסגענומען דאס קעמעלע פון די האר און זיי א פאר מאל דורכגעקעמט:

— אזוי? איר געדענקט גארנישט? ווי אזוי פארגעסט מען אזא זאך?

טאניע האט זיך דערפילט אויסגעלאכט און בלומע האט געשמייכלט.

— אז מען ווערט א מאדאם, פארגעסט זיך... אזוי? פארגעסן? „זשאלקא!" — האט נאטאליע אויסגעצויגן. און איך געדענק... איך געדענק אפילו, אז איר האט קוים געענדיקט דעם זיבעטן קלאס, און דעם אכטן איינגאנצן נישט אנגעהויבן... איר זענט דאך א כלה געווארן פאר דעם... ווי הייסט ער דארט... ווי הייסט ער דארט... אזא נידעריקער... א שיינער געווען...

— לערנער — האט בלומע צוגעשמייכלט.

טאניע האט זיך אנגעבלאזן און באקומען א פּנים פון א באליידיקטער, האט א ווײַלע געשוויגן, ווי זי וואלט געטראכט, צי עס לוינט זיך איינגאנצן צו ענטפערן, נאר האט דאך נישט אויסגעהאלטן און א פרעג געטון:

— און איר, נאטאליע באריסאוונא, איר זענט נאך אלץ א לערערין?

— געוויס — האט יענע אפילו זיך נישט אנגעהויבן צו באליידיקן — נאר איצט ארבעט איך נישט.

— אט ווען „יענע" באלד קומען... וועט איר צוריק נעמען ארבעטן

— א פראגע א ביסל! געוויס... וואס־זשע? איך וועל ארומגיין פוסט און פאסט?... יעדער מענטש דארף ארבעטן...

עס איז געווארן שטיל. טאניע האט אלץ נישט געקוקט אויף נאטאליען, און נאטאליע האט דווקא גענומען רעדן זינגענדיק און לאכנדיק. בלומע האט אויך געשמייכלט און געקוקט אויף נאטאליען, וועלכע איז אלץ אזוי געזעסן אויף דער קושעטקע מיטן פוס, קלוגן, ענערגישן פּנים און דעררייכערט דאס פאפּיראסל. טאניע האט געהאט א פארשפּיצט נעזל

און א מינע, ווי זי וואלט עפּעס נישט געקאָנט ליידן... נאטאליע איז א ווײַלע שטיל געוואָרן און טאַניע האט א פרעג געטון:

— פאַרוואס זעט מען דיך נישט, בליומע?

— אט זעסטו דאָך מיך.

— קומסט גאָרנישט אַרײַן.

— ווייס איך?

און טאַניע האט ווידער געקוקט מיט וואונדער, ווי זי וואלט בליומען נישט דעריקענט... בליומע האט עפּעס באקומען אן אנדער פּנים. זי איז אינגאַנצן אנדערש... כאָטש מיט וואס אנדערש האט זי נישט געוואוסט.

— נו... מען דאַרף גיין... ס'ווערט שפּעט... — האט נאטאליע א זאָג געטון.

— וואס אײַלסטו זיך? — האט בליומע געקוקט אויף איר מיט היימישקייט.

— ס'ווערט שפּעט... באַלד וועט זײַן א סכּנה די גאס דורכצו-גיין... די אָפיצירן „היטן" דאָך אונז...

טאַניע איז געבליבן זיצן פאַרביסן און באליידיקט. בליומע האט זי אַרויסבאַגלייט אין קאָרידאָר אַרײַן, האט זיך דאָרט מיט איר עפּעס גע-שושקעט. און אז זי איז צוריק אַרײַנגעקומען, האט טאַניע איצט באַמערקט, אז בליומע איז עפּעס ריידעוודיקער און לעבעדיקער, ווי מען וואלט איר נאָר וואס א בשורה אָנגעזאָגט... ווי בויגעוודיק זי איז געוואָרן. און דאס ברייטע קליידל מיט די פאַלדן שפּילט אַרום איר, ווען זי דרייט זיך אויס.

— וואס זשע, דאס זענען איצט דײַנע חבֿרטעס?

בליומע האט זיך אָפּגעשטעלט, זיך אָפּגערוקט פון איר און גע-זאָגט:

— זי געפעלט דיר נישט?

— וואס איז דא פאַראַן צו געפעלן? דעם קלייטניקס טאָכ-טער!...

בליומע האט גאָרנישט געענטפערט און טאַניע האט זי געגומען שטראָפן, ווי אן עלטערע געטרײַע שוועסטער: זי, אט דעם קלייטניקס טאָכטער, איז דאָך א גאָרנישט! א באַלשעוויטשקע און מיט א מיאוסן שם! מ'שטײַנס געזאָגט, די חבֿרטע! און פאַפּיראָסן רייכערט זי... און אט

מיט אזעלכע פארברענגט מען עס די טעג ? שוין דריי וואכן, אז איך האב דיך בא מיר אין שטוב נישט געזען.

בלומע האט אלץ געשוויגן און געשטאנען מיטן פנים צום פענצ־טער. זי איז אזוי געשטאנען, ווי זי וואלט גארנישט געהערט די רייד פון דער שוועסטער און וואלט נישט פארשטאנען, וואס אט די טאניע, לער־נערס ווייב, וויל פון איר. . . זי האט געפילט אזא מאדנע פרעמדקייט צו דערדאזיקער, א ביסל צעוואקסענער, שיינער מאדאם און עפעס נעפלדיק געדענקט, ווי דוכאווין האט זי אין דער טיר באגעגנט מיט לערנערן. . . זי האט געפילט א באליידיקונג און א שטילן כעס. . . ווי זי, טאניע, וואלט שולדיק געווען אין דעם, וואס דוכאווין איז פון איר פארשוואונדן. . .

טאניע האט אלץ גערעדט מיט ענערגיע פון אן עלטערער שוועס־טער, וואס זארגט פאר דער ייִנגערער. . . מיטאמאל האט זיך בלומע גע־געבן א דריי אויס, זי אפגעמאסטן מיט אזא בליק, אז טאניע האט אפ־געהאקט אין מיטן רעדן:

— וואס קוקסטו אזוי אויף מיר ?

— גארנישט.

— דו הערסט אפילו נישט, וואס מען רעדט צו דיר.

— איי, וואס טויגן מיר די רייד. . . זאג בעסער: וואס מאכט טאליק ?

טאניע איז געווארן בייז און האט זיך פארעקשנט צוריקגעזעצט.

בלומע האט זיך פריילעך צעלאכט :

— זיי נישט בייז, טאניע. . . צו וואס ? וואס האט זי דיר גע־טון ? . . .

— אבער ווי קומט זי צו דיר ? דידאזיקע לערערקע. . .

— און אז א לערערין, וואס איז ? . . . זע אליין : אט איז זי א לערערין און גארנישט, זי דארף זיך נישט שרעקן. . . און דו מיט דיינע זייפן. . .

און האט זיך ווידער צעלאכט קלינגענדיק און אויפגעלייגט.

טאניע האט זיך אויפגעשטעלט און באקומען גרויסע אויגן. זי האט עפעס נישט פארשטאנען און געקוקט אזוי : איז זי באם פארשטאנד ? און בלומע האט אלץ געלאכט :

— זיי נישט בייז, טאניע... זיי נישט בייז... לערערייַ איז א גאנץ פיינע זאך... שענער ווי האנדלען מיט זייף... גלייב מיר...
און אויסגעלאזט שוין פארעקשנט און ערנסט:
— איך אליין וועל ווערן א לערערין...
טאניע האט אלץ געקוקט מיט וואונדער און מיט שרעק...

קאפיטל פיר.

דער אלטער עטינגער האט זיך געהאלטן בא זיינעם:
— מען דארף פארקויפן די סחורה און מאכן געלט... צו וואס זיך האלטן מיט סחורה און כסדר זיין אין סכנה?
— וועמען זשע וועט איר פארקויפן? — האט זיך לערנער גע־עקשנט.
— מען וועט קריגן א קונה. פארקויפן פאר ביליקער.
— און וואס וועט זיין, אז „זיי" וועלן אפרופן דאס איצטיקע געלט?
— איך פארשטיי נישט — האט דער אלטער עטינגער שוין גע־רעדט מיט א העכער קול — וואס הייסט: מען וועט נעמען און מאכן פון געלט אויס געלט? איבעריקנס איז צו דעם אויך דא אן עצה: מען נעמט דאס געלט און מען בייט אויס אויף אויסלענדישע וואלוטע! צו וואס דארף איך איצט סחורה? לאמיר בעסער האבן געלט. געלט איז אזא זאך, מיט וועלכן מען קאן אלעמאל עפעס טון. ווארים: הלוואי איך זאל ליגנט זאגן, מיר דאכט זיך, אז עס איז איצט א מעשה אין דער לאנגער באנק אריין... ס'איז שוין אזא טבע: אז מען גייט איינמאל אוועק און מען קומט דערנאך צוריק, קומט מען אויף צו בלייבן... אז די באלשעוויקעס האבן געקאנט מנצח זיין דעניקינען — וועלן זיי שוין דא זיין... איז וואס־זשע? פעלט מיר נאך צו צום רימל, זיי זאלן געפינען בא מיר סחורה? איך שפילט זיך מיט דער חברה? אז מען פאלט נאר צו זיי אריין, איז איינס און צוויי און געשאסן...
— און אז זיי געפינען וואלוטע?
— א שיינער פארגלייך. וואלוטע באהאלט מען, אבער קאטנס זייף, פאלג מיך א גאנג און היט זיך מיט דעם.
האט זיך בורמאן אנגעכאפט אין אלטנס רייד:
— און פארגעסט נישט „גאספאדין" לערנער, אז מען האט דא צו

טון מיט זייף... בא זיי הייסט פראדוקטן פון „פערוואניע זאפאטאמאס־טי".. פאר אזא זאך בא זיי.. אוי דארף מען זיך היטן... מען טאר קיין קלוגער נישט זיין...

— איי, ווייס איך וואס ! ! זיי זענען שוין גארנישט דאס, וואס זיי זענען געווען. — האט עס לערנער אוועקגעמאכט מיט דער האנט.

— אויב אזוי — צוואס־זשע דארף מען גאר איינגאנצן באהאלטן ? — האט שוין בורמאן א שמייכל געטון.

— וואס־זשע ? זאל מען זיך פארלאזן אויף זייער יושר ? — האט שוין לערנער זיך צעביייזערט.

ס'איז אויסגעקומען, אז נישט אלע דריי טראכטן ווי אויסצובאהאלטן די סחורה פאר אבדערע, נאר, אז זיי פירן צווישן זיך א מלחמה, ווער עס זאל בלייבן דער יורש פון דער סחורה.

— און איך זאג אייך אפן : איך וועל נישט לאזן, אז מען זאל בא מיר אויפן הויף באהאלטן ! — האט זיך ליע פלוצלינג ארייגעמישט, האט זיך אליין דערשראקן פאר איר באפעלערישן טאן און אויסגעלאזט : — אז איך האב מורא...

אלע האבן זיך געגעבן א קוק אום. לערנערס אויגן האבן דורך די פענסנע אזא מאדנעם פינטל געטון און ער האט צוזאמענגעצויגן די ליפן און אויפגעקבייטשט דעם שטערן, נישט פארשטייענדיק, וואס דא קומט פאר : אט האסטו דיר ! זי איז אויך דא...

די דינסט האט דערווייל אריינגעטראגן א זידיקן סאמאוואר, האט אים אוועקגעשטעלט אויפן טיש און איצט דווקא א קוק געטון אויף בור־מאנען, האט אבער באלד די אויגן צוגענומען און דאס מאדנע שמייכעלע איז איר געלעגן אויף דער אייבערשטער ליפ, איז געלעגן פארשטארט, ווי א גרעזל וואלט זיך דארט אוועקגעלייגט און צוגעקלעפט. ליע האט זיך נעגעבן א שטעל אויף פון איר שטול, מיט א געהויבענעם קאפ און מיט דראבנע זיכערע טריט צוגעגאנגען צום טיש און געזאגט :

— גיי, אניוטא, ברענג אריין די גלעזער, איך וועל שוין אליין פארפארן טיי.

אניוטא האט זיך געלאזט גיין.

— טיי אין טשייניקל איז פארהאן ?

— יא... איך האב אריינגעשיט.

ליע האט זיך געזעצט צום טיש, האט פארפארעט טיי, זיך אויפגע־שטעלט, צוגעגאנגען צום בופעט. ארויסגענומען פון דארט א גלעזערנעם

קליאש מיט געבעקס, האט זיך געפארקעט רויק־פארנומען. לערנער האט זיך געהאט אנגעברוגזט, האט געהאלטן דעם קאפ בענטער געבויגן צו עטיגגערן און גערעדט שוין שטילער און רויקער, ווי א פרעמדער מענטש וואלט אין שטוב געווע...

— איז וואס־זשע בלייבט פארט צו טאָ!

— און מיין פלאן איז, דאכט זיך, דער בעסטער: באגראבן אין זאוואד... אין די קעלערס... ממה נפשך: זענען זיי טאקע אנדערע, לייטישערע, ווי מען שמועסט — איז דאך גלאט נישטא, וואס מורא צו האבן. זענען זיי ווידער די זעלבע ווי געווען: מיט זייערע נאציאנאלי־זאציעס און קאנפיסקאציעס —

— איז ווי אזוי זשע וועט איר דערנאך צוקומען צום זייף אין זאוואד? — האט לערנער איבערגעריסן בורמאנען.

— א? ווי אזוי?

נאר דא איז אבראמעק אריין; אזוי פלוצלינג און אזוי צעפלאמט, מיט גלאנציקע שווארצע אויגן אין ברייט־געוויקסיקע פלייצעס, ווי ער וואלט עס פון ערגעץ אנטלאפן, און אזוי לויפנדיק אריין אין שטוב. ער איז עפעס צעטומלט געווען, דער ייגג, און א פריילעכקייט האט פון אים געשפריצט.

— אך! איז אין דרויסן א פראסט! עס סמאליעט! און דא שטייט א קאכעדיקער סאמאוואר... גוט... אוי וויל איך טיי

אזוי האט דער ייגג א זאג געטון און זיך באלד געכאפט, אז ער שטייט אין פאלטא. האט ער זיך געגעבן א בייג אויס און מיט איטפעט גענומען אראפציען די ארבל. פון בודעם־קעשענע האבן געשטארצט ציי־טונגען, האט אראפגעשלעפט פון זיך דעם מאנטל און איז מיט אים ארויס אין קארידאר.

לערנער האט א זאג געטון:

— דער ייגג געפעלט מיר עפעס נישט... גאנצע טעג שלעפט ער זיך ארום מיט חברה־לייט און זיין רעדן: ער רעדט דאך שוין ווי א גרויסער. אים געפעלט דאך שוין אויך נישט די ארדנונג... מען דארף זיך היטן פאר אים.

— פאר אבראמעקן? — האט זיך דער אלטער געוואונדערט. ער איז דאך נאך א קינד?

— א שיין קינד! — האט בורמאן א שמייכל געטון.

— פאר אט דעם שנעק? ער איז דאך איצט אין זיבעצעגטן יאר? — האט זיך דער אלטער אלץ געוואונדערט.

— פון אט די שנעקעס האט מען היינטיקע צייטן די גרויסע צרות. איר הערט דען נישט ווי דער שנעק רעדט? אז ער נעמט רעדן פון די באלשעוויקעס, זעט איר דען נישט ווי די אויגן צעשפּילן זיך בא אים און די סליזנע רינט אים איבער די ליפּן...

דער אלטער עטינגער האט זיך געגעבן א שטרעק אויס אין דער שטול, האט באקומען א פּנים, ווי ער וואלט דעריזען א שרעקלעכע זאך.

— ער געפעלט מיר אויך נישט. — האט ליע געזאגט.

האט שוין דער אלטער עטינגער נישט געוואוסט צי ער איז בייז.

אבראמעק איז אריינגעקומען. ער איז געווען אין דער שווארצער גימנאזיע-טוזשורקע, דאס פּנים מאט און טונקל, די האר געדיכטע, גלייכע, לענגערע און שווארצע. אין די אויגן האט געברענט א פארביסנקייט.

— איך בין הונגעריק, אז איך שטארב!

— וואס-זשע ביסטו אזוי צעיאכמערט? פונוואנען קומסטו דאס — האט דער אלטער געפרעגט?

— איך בין געלאפן גיך. ס'איז שוין נאכט און די כוליגאנעס, די אפיצירן, גייען ארום און טשאטעווען, ווי צערייצטע הינט.. איינער האט מיר עפּעס געגומען נאכקוקן, נו... האב איך זיך א ביסל דערשראקן. ס'איז זיי שוין פארן טויט..

— ווער?

— די „פּאגאנשטשיקעס"... איי שנייט מען זיי, און זיי לויפן.. ווי די משוגענע הינט לויפן זיי.

דער אלטער האט באקומען א בייז צעטומלט פּנים. נאר ליע האט דא א זאג געטון מיט א ווייכער שטימע:

— אבראמעק, אפשר וועסטו אריינגיין עסן צו זיך אין צימער? דא רעדט מען וועגן זאכן — —

— וואס איך דארף נישט הערן! — האט אבראמעק אונטערגעכאפּט און זיך צעשמייכלט — „כאראשא!" איך קען עסן בא זיך אין צימער אויך, איך וועל מיר נאר מיטנעמען א גלאז טיי.

עטינגער האט דערווייל פארגעסן זיין בייזקייט, האט ווארעם א קוק געטון אויפן עם פריילעכן יינג מיט די שווארצע אויגן, וואס פארשטייען

„געשעפט“. אבראמעק איז צו צום טיש, האט זיך אליין אנגעגאסן א גלאז טיי, האט אויפגעהויבן די אויגן אויף לערנערן, וואס איז געזעסן, ווי מען זיצט נאך אן איבערשלאג. דערביי האט דער יינג א שמייכל געטון און לערנער האט דערפון געגעבן א קנייטש דאס פנים, ווי אן איבל וואלט אים באפאלן.

— „כאראשא“! — האט אבראמעק גערעדט צו זיך אליין — איך בין נישט קיין עקשן. וואס־זשע איז מען אזוי שטיל געווארן? שוואגער לערנער, וואס קוקט איר אזוי אויף מיר? איך ווייס סיי ווי סיי פון וואס מיין שוואגער האט ליב צו רעדן: פון זייף... וואס־זשע? איר האט נאך נישט באהאלטן דעם זייף? שוין די העכסטע צייט: איידער איר וועט זיך רעכט ארומקוקן, וועט שוין זיין נאך אלעמען: וועלן „זיי“ שוין זיין...

און ס'איז נישט געווען צו וויסן, צי דער יינג שפאסט דאס אדער מיינט עס ערנסט.

— ווער איז דאס דער „זיי“? — האט לערנער איבערגעפרעגט.

— ווער? אט די, פאר וועלכע מען באהאלט... און ס'איז איבעריק דאס באהאלטן... זיי וועלן סיי ווי „עפּיגען

— די באלשעוויקעס, מיינסטו?

— וועמען דען? די דעניקינצעס?

— וואס הייסט?

— זיי זענען שוין א וויארסט דרייסיק פון שטאט.

— ס'קאן נישט זיין! — האט זיך בורמאן געגעבן א שטעל אויף — דרייסיק וויארסט איינגאנצן?

— וואס־זשע האט איר זיך אזוי דערשראקן? נישט דרייסיק, איז פערציק, מער געוויס נישט. איר וועט שוין האבן א סימן.

— און פונוואנען ווייסטו דאס אלץ אזוי גוט, תכשיט מיינער? — האט שוין עטינגער א פרעג געטון.

— איך ווייס שוין... איר וועט דאך זעען.

איז עטינגער געווארן בייז:

— מען פרעגט דיך דאך: פונוואנען ווייסטו עס?

— וואס הייסט פונוואנען?

— נו יא: פונוואנען ווייסטו עס?

דער יינג האט זיך א ווײַלע פארלוירן, האט עפעס געטראכט, וואס

בו זאגן, און עטינגערס אויגן זענען בייז געווען אויסגעשטעלט אויף אים. נאר דא איז עפעס אומגעריכטס געשען:

אין דער אפענער טיר אין זאל אריין, האט זיך באוויזן א פויערטע מיט א יינג פנים. זי איז געווען איינגעהילט אין א פארקריכטן פעלץ; אנגעטון אין שווארצע אלטע שטיוול, און דער קאפ — פארבונדן מיט א פויערישער דשרע. דאס פנים האט געקוקט משונה בלייך און די גרויסע בלוי-גרויע אויגן זענען געשטאנען ווי געפרוירענע. דאס קליינע מויל האט מיט ציטערדיקע ליפן ארויסגעזאגט א ווארט, אדער א פאר ווערטער, נאר קיינער האט דאס ווארט אדער ווערטער נישט געהערט און אלע זענען צעטומלטע אויפגעשפרונגען פון זייערע ערטער. אלע אויגן זענען געווארן גרעסער, און די פנימער — צעשראקן. אגיוטא, די דינסט האט זיך ארייגעשארט אין זאל אריין, געזאגט:

— זיי האבן אנגעקלונגען, האב איך אריינגעלאזט... צו די הערשאפטן געפרעגט... דער „באַרישניעס" נאמען דערמאנט...

— איר דערקענט מיך נישט... קיינער דערקענט מיך נישט.

זי איז אריבערגעטרעטן די שוועל, האט ארויסגעוויקלט דעם קאפ פון טיכל און אלע האבן געעפנט די מיילער: פאר זיי איז געשטאנען א מיידל מיט טונקעלע בלאנדע געשוירענע האר. זי האט זיך צעקנעפלט דעם פעלץ און ס'האט ארויסגעוואונקען א ווייסע נאר קויטיקע בליוזקע.

— דינה! ס'איז דאך דינה! — האט אבראמעק אזוי אויסגעשריגן, אז דינה האט קרענקלעך און בלייך א שמייכל געטון, אויסגעשטרעקט די האנט צו אבראמעקן, וואס איז צו איר צוגעלאפן. זיך אנגעכאפט אין אים, ווי זי וואלט מורא געהאט נישט אומצופאלן.

— דינה! דינה!

עס איז געווארן א שטיקל רעש. טאניע מיט בלומען זענען צעשראקענע ארייגעלאפן:

— דינה! דינהלע! — איז בלומע צו איר צוגעלאפן. וואס איז מיט דיר? וואס טוט זיך מיט דיר?

— ווי איז מיר! — האט טאניע אויסגערופן מיט גרויסע אויגן — ס'איז דאך דינה דעם פעטער שמואלס!

בלומע האט זי געכאפט פאר דער אנדערער האנט. דינה האט געמאכט עטלעכע שווערע טריט מיט די גרויסע שטיוול, מיט א זיפץ זיך

אראפגעלאזט אין דער שטול, וואס ליע האט איר אונטערגע-רוקט.

אלע האבן זי ארומגערינגלט, און זי האט געאטעמט אזוי שווער און בלייך. זי האט שטיל געהעשעט און קיין טרערן האבן זיך נישט גע-וויזן. אויף אלעמענס פנימער איז געווען א ווייטיק און נאר אויף לער-נערס פנים — איז געווען אן אומגעדולד... בלומע האט געהאלטן דינהס הענט אין אירע, און דאס הארץ אירס האט זיך צונויפגעדרוקט. זי איז אויך געווען בלייך; אין איר האט פארהוילענע, גרויליקע שרעק זיך געקארטשעט. עפעס איז איר אויסגעקומען, אז דאס האט א שייכות מיט דעם, וואס האט פאסירט מיט דודן... זי האט אבער גארנישט געוואגט צו פרעגן. אזוי שטיל און פייניקדיק האט דינה געהעשעט. האט זי נאר נענטער צו איר דעם קאפ געבויגן און די קופער-גלאנציקע צעפ אירע האבן זיך אראפגעגליטשט פון די אקסלען און געבליבן הענגען פון ביי-דע זייטן האלז.

— פונוואנען קומסטו איצט, דינה? וואס האט פאסירט?... רעד א ווארט.

דינה האט געעפנט די אויגן. זיי האבן געקוקט, ווי זיי וואלטן נישט דערקענט, ווער עס רעדט צו איר.

— איך בין אנטלאפן... קוים מיטן לעבן אנטרונען געווארן... בא אונז איז א פאגראם... יא, א פאגראם... צוויי טעג געלעגן בא א באקאנטן קריסט אין א קעלער באהאלטן... ער האט מיר געגעבן זיך איבערצוטון... האב איך זיך קוים אהער דערשלעפט... ס'איז דארט א פאגראם... א פאגראם...

און זי האט מער נישט געקאנט רעדן. בלומע האט נאך אלץ גע-פילט א פרעסנדיקן ווייטיק, נאר דער ווייטיק איז שוין געווען אן אנ-דערער...

— און דער טאטע? און די מאמע? און — האט עמיצער גע-שטאמלט מיט א דערשלאגן קול.

דינה האט געקרומט די ליפן צום וויינען, נאר האט קיין כח נישט געהאט.

— א ביסל וואסער...

אבראמעק האט גלייך דערלאנגט א גלאז וואסער. זי האט א פאר קליינע זיפ געטון און אלץ אזוי שווער געאטעמט, ביז זי האט ארויסגע-

לאזט א לאנגן זיפץ, ווי דער ווייטיק וואלט איר א ביסל נאכגעלאזט.

אלע זענען געשטאנען אזוי שווייגנדיק, ווי זיי וואלטן פארגעסן צו רעדן.

— — — — — — — — — — — —

ס'איז געווען אזוי שטיל, ווי די גאנצע לופט אין שטוב וואלט פארגליווערט געווארן אין איין שטיק. פארגעסן האט דער אלטער עטינגער זיין זייף און זיין וואלוטע, ווי דאס וואלט גאר אויף דער וועלט נישט געווען. ער איז איצט געשטאנען מיט אנגעצויגענע ברעמען און פארפרעסטע ליפן, האט ער אויסגעזען ווי א מענטש, וואס האט זיך שוין פון אלץ מיאש געווען און ס'איז אים שוין אלצאיינס, וואס שפעטער וועט זיין... בלומע האט געהאלטן אפן דאס מויל און די ציין זענען געווען פארחלשט, ווי שטארק דורשטיק. ליע האט געקוקט, ווי זי וואלט געזען אזעלכעס, וואס איז דא נישטא און איז דאך פארהאן. טאניע איז געווען צעשראקן און אבראמעק איז געשטאנען מיט פארקריצטע ציין און צעברענטן פּעס אין די אויגן... נאר בורמאן מיט לערנערן זענען געשטאנען ווי זייטיקע. אט אזוי: ווי זיי וואלטן פארבייגעגאנגען אין גאס, אנגעטראפן א רעדל מענטשן, האבן זיי זיך אפּגעשטעלט צו הערן, וועגן וואס מען רעדט דא. לערנער האט אפילו קיין צייט נישט, איז שטארק פארנומען, נאר ער מוז צוווארטן... דינה איז געזעסן ווי א שטיק מידע בלייכקייט. דאס פּנים פארפרוירן, די אויגן געצונדן מיט עפּעס אזוינס, וואס איז אין די אויגן פון א טויט-פארוואונדעטן הירש... דאס מויל האט זיך רויק, רעגלמעסיק באוועגט און גערעדט ווי פון זיך אליין, אן דינהס אנטייל. אין שטוב איז געהאנגען א משונהדיקער גרויל. עס האט געטונקלט אין די אויגן, געגעפּלט אין מוח.

— — — ס'איז געשען אזוי פּלוצלינג... כאטש מען האט זיך געקאנט ריכטן אויף זיי... מען קאן זיי דאך שוין... זיי זענען געווארן אזוי רציחהדיק די לעצטע צייט... און מען האט זיך פארט נישט געגלייבט. וואָרים: וואס האבן זיי געקאנט האבן צום אלטן רב? הא? וואס האבן זיי געוואלט פון אים?

מאדנע: אקסלען האבן זיך אויפגעהויבן. דעם רבס צוויי גרויסע, שטילע, ריינע אויגן האבן מיט ביטערן טרויער געקוקט פון אונטער די

ווייסע ברעמען... לאנגע, ווייסע ברעמען... פון אלע זייטן האבן די אויגן געקוקט און געדיכטער געמאכט דעם גרויל אין שטוב.

... זי האט די ערשטע זיי דערזען... דורכן פענצטער האט זי זיי דערזען... נאר ווער זאל פארשטיין, וואס זיי מיינען ?... געגאנגען איז דער לערער... אט דער הויכער, בלאנדער לערער פון דער דארטי- קער שולע... אליין איז ער גאר א פאליאק, נאר ער איז א רוסישער לערער... ער איז שטענדיק געווען א שיכור און זיך שטענדיק גע- טשעפעט צו יידישע מיידלעך. ווען ער האט דינהן געטראפן אין גאס, האט ער גענומען שמייכלען און רעדן צו איר... נאר ווער ווייס עס ענטפערן א שכור ? אנדערע פלעגן צו אים רעדן... זי — האט אים קיינמאל גלייך נישט אנגעקוקט.

דינה האט דערציילט אזוי משונה רויק און ס'איז אויסגעקומען, אז דאס געהער זיך שוין גארנישט אן מיט דעם, וואס איז געשען... דער- פאר איז די שרעק געווארן נאך גרוילנדיקער. אין בלוט אריין האט זיך די שרעק אריינגעגאסן.

... איינמאל האט אט דער לערער איר דעם וועג פארשטעלט... ער איז איר אנטקעגנגעקומען און הארט, הארט פאר איר שטיין גע- בליבן... ער האט עפעס צו רעדן מיט דינטשען... וואס-זשע וועט זי זיך אוועקשטעלן טענהן מיט אים ? האט זי אים נישט געענטפערט... האט אים נאר אנגעקוקט מיט חוזק און געגאנגען ווייטער איר וועג... האט ער גערעדט... געסטראשעט... ער וועט זיך נוקם זיין... אזא „זשידאווקא"...

— וואט האט ער געוואלט ? — האט עטינגער געוואלט פאר- שטיין.

נאר דינה האט נישט געהערט די פראגע, ס'איז געווען אזוי, ווי זי וואלט געדרימלט מיט אפענע, פארפרוירענע אויגן, און נאר דאס מויל דערציילט עפעס א ווילדע דערציילונג.

... האב איך געזען דורכן פענצטער: ער גייט... האט גערעדט אזוי פריילעך און שכור... האט געסמאטשקעט מיט די ליפן און געמאכט מיט די הענט... מיט אים איז געווען דעם דירעקטארס זינדל... באלעק, הייסט ער... אן אויסוואורף... באלעק... פארהאן בא אונז אין שטעטל א דירעקטאר... פון גימנאזיע, א דירעקטאר... האט ער אזא זינדל... און מיט זיי גייען אפיצירן... קאזאקישע אפיצירן... און מען איז צע- רויטלט און שכור...

ס׳האט געציטערט אין קאפ פון דער קרענקלעכער רויקייט דינהס. ס׳איז געווען אזוי, ווי זי וואלט עס פאר זיך אליין דערציילט. זיך אליין געפייניקט. האט זי דערציילט מיט אלע פרטים און זיך נישט געאיילט. דאס קול — ווי פון א פרעמדער.

... דער טאטע איז געזעסן אין שטוב און אריינגעקוקט אין א ספר... געזעסן אין טלית און אריינגעקוקט... אזא טבע שוין... בין איך אריין אין דער אנדערער שטוב צום טאטן: טאטע, זיי גייען... פרעגט דער טאטע: ווער גייט? און ס׳האט א שלאג געטון אין פענצטער... א קלינגעריי און א געלעכטער... הייסט ער מיך אריינגיין אין קיך, פון דארט זאל איך ארויס דורך דער הינטערשטער טיר... אונזער שטוב שטייט ארויס פון שטעטל... זאל איך לויפן צו א באקאנטן קריסט... אזוי האט ער מיך געהייסן און איך האב נישט פארשטאנען... איך האב נישט געקענט זיך רירן פון ארט... די מאמע האט געהאט אזא ווייס פנים און אזעלכע ווייסע אויגן... האט דער טאטע מיך אריינגעשטופט אין קיך... ווען ער האט מיך אריינגעשטופט אהין, האט די קליינע מרים אויך געקוקט מיט ווייסע אויגן... יא, מיט ווייסע אויגן... ווי שניי ווייס... איך האב געשריגן: מרים! נאר זי האט נישט געהערט. קיינער האט נישט געהערט, וואס איך שריי. איך אליין האב נישט געהערט... איך בין אריין אין קיך...

— און וואס איז מיט זיי געווארן? ענטפער! — האט עטינגער אויסגערופן.

ס׳האט אויסגעזעען ווי דינה האט זיך אויפגעכאפט פון דרימל; האט זי אויפגעהויבן העכער די מידע ברעמען. נישט פארשטאנען, וואס מען וויל פון איר. האט זי אזוי געקוקט און עס איז געווארן קאלט פון איר קוקן. אויף בליזמעס פנים איז געווען א ווייטיק פון א פארגליווערט געוויין. אלץ איז געשטאנען פאר אירע אויגן: די קיך, די שטוב און דער אלטער רב אין טלית, וואס פארשטעלט מיט זיך די קיך־טיר:

— נישטא מיין טאכטער... נישטא מיין טאכטער...

— גיב די טאכטער, אלטער כלב!

— נישטא מיין טאכטער...

ער האט ארויסגעלאזט אזא שווערן זיפץ און זיך אראפגעלאזט בא דער טיר... אין קאפ האט דער קלאפ געטראפן... די מאמע האט זיך אזוי געבעטן... די פיס געקושט... מרים האט געשריגן, ווי מען וואלט

איר לייב געשניטן... אין גאס איז קיינער נישט געווען... א גוישקע גאס... ס׳געווען א פראסט און דער שניי האט געסקריפעט... די מאמע האט געוויינט און מרים האט געשריגן, און דעם דירעקטארס זינדל האט געלאכט: „זי טויג שוין״... דער אלטער דיאקאן האט אריינגעלאזט... ער האט גארנישט געזאגט... אין קעלער איז געווען אזוי שווער, און מרימס געשריי האט זיך דארט געהערט... בטאג און באנאכט האט מרים געשריגן...

בליומע האט געהאט ווייסע בלאמען איבער די אויגן און האט גאר־נישט געקענט זען. טאניע האט אנגעהאלטן לערנערס ארעם און בורמאן איז געשטאנען ווי א גולם: נאר די פלינקע אויגן זיינע האבן זיך בא־וועגט מיט צערודערונג. לערנער איז אלץ געווען אומגעדולדיק; האט געקנייטשט דעם שטערן און געטראכט: משוגע, צי וואס?

מיט אמאל האט דינה א ציטער געטון; האט ארויסגעלאזט אזא הויכן קרעכץ מיט אן „אוי״, ווי מען וואלט איר איצט אונטערגעשאסן; איז צוגעפאלן מיטן פנים צו בליומעס ברוסט, גענומען ציטערן און העשען מיט פארשטיקטן אטעם. יעדער ציטער איז געווען מוראדיק און געבלאזן מיט גרויל.

— בארויק דיך, דינהלע! דינה... בארויק דיך! — האט בליומע געגלעט איר קאפ און פון אירע אייגענע אויגן האבן א פאר טרערן זיך ארויסגעגאסן.

— אָ־אָ־אָ! — האט אבראמעק געקריצט מיט די ציין און געביילט די פויסטן. דערביי א קוק געטון אויף לערנערס ווייך צעגאסן פנים און עפעס שווארצעס האט אין זיינע אויגן אויפגעפלאמט.

— אוי, ווי געשריגן זי האט — האט דינה געהעשעט מיט איבער־מענטשלעכן ווייטיק — זי האט אזוי געשריגן... אזוי געשריגן... און איך בין געלאפן... אוי! אוי!...

דינה האט זיך צעשריגן; אנגעהויבן ספאזמירן, געליארעמט דורך פארקלעמטע ציין און זיך אלץ געטוליעט צו בליומען. אבראמעק האט גע־ציטערט פון כעס און ליע האט איר צוגעטראגן וואסער.

— נעם א ביסל וואסער... בארויק זיך... בארויק זיך...

דינה איז מיטאמאל שטיל געווארן. האט שוין צוריק געהאט א מענטשלעך פנים, נאר ס׳איז געווען אויף דעם אזא מידקייט און אזא טרויער, וואס האט ווי א טונקעלע הויט איר פנים איבערגעצויגן.

אין שטוב האט זיך איצט פארשפרייט א שטילע מילדע ווארעמ־קייט. עס איז געווען אזוי, ווי עס וואלט נאך א שטארקן פראסט זייער לינד געווארן.

לערנער האט נאך אלץ געקנייטשט דעם שטערן, נאר שוין גע־טראכט פון עפעס אנדערש: ער האט זיך שוין דערוואוסט, וואס עס טוט זיך דא, וואו ער האט זיך אפגעשטעלט, און קאן שוין גיין ווייטער: הייסט עס, זיי קומען טאקע! דאס הארץ האט גענומען אין אים שלאגן מיט שרעק: ערשט איצט האט ער זיך געכאפט, אז אט, אט און מען קאן פארשפעטיקן.

— איך וועל פאר איר אנגיסן טיי — האט טאניע געזאגט.

נאר דינה האט אויפגעהויבן בעטנדיקע אויגן צו בליומען:

— איך בין אזוי מיד...

— קום זשע אריין צו מיר אין צימער. קום דינה, וועסט זיך צו־לייגן.

און מיט אזא געפיל, ווי דינה וואלט געווען נאר איר נאענטע.

דינה האט זיך געוואלט אויפשטעלן, נאר זי איז צוריקגעפאלן אין שטול אריין. אבראמעק האט זי גענומען אונטער איין האנט, בליומע אונ־טער דער צווייטער און זי האט זיך אויפגעשטעלט.

— איך בין אזוי מיד... אזוי שלעפעריק...

זי האט לייכט געשווינדערט.

— און וואס איז געווארן מיט טאטע־מאמע? — האט עטינגער ווי־דער געפרעגט, ווי עס וואלט פון אים ארויסגעפרעגט און ער האט נישט קיין כוח די פראגע צו פארהאלטן אין זיך.

— איך ווייס דאך נישט... איך ווייס דאך גארנישט... אוי, גאט! איך ווייס דאך נישט...

אין שטוב איז שטיל געווארן. טאניע איז אויך ארויס מיט זיי. ליע האט אפגעזיפצט און ס'איז איר נישט קלאר געווען אויף וואס זי זיפצט. לערנער האט זיך גלייך צוריקגעזעצט צום טיש. האט זיך בורמאן שוין אויך אוועקגעזעצט, דערביי האבן זיינע בליקן א בלאנדזשע געטון אויף ליעס בלייך, פארטראכט פנים.

עטינגער האט זיך אפגערופן:

— נו? איר האט געהערט?

לערנער האט געענטפערט:

— כ'האב מורא, אז דער יונג איז גערעכט: א ליאדע טאג האבן מיר זיי.

— ס'איז א פראגע פון א פאר טעג — האט בורמאן צוגעגעבן.

— פונוואנען איז עס געדרונגען? — האט זיך שוין עטינגער אויך צוריק דערמאנט אין דער סחורה.

— אז עס קומען שוין פאר אזעלכע אפענע פאגראמען, איז דאך שוין קלאר, אז זיי לויפן... און ווי ווייט איז פון דעם שטעטל קיין אדעס?

— נו און פריער, האבן זיי דען נישט געמאכט קיין פאגראמען?

— געמאכט האבן זיי טאקע, אבער נישט אזוי אפן... זיך אויסגעפונען אויסריידן... אבער אזוי ווי איצט אָ — דאס טוט מען נאר ווען מען האט שוין נישט וואס אנצווווערן.

א ווײַלע האט מען געשוויגן. ליע האט אנגעגאסן טיי און איז אליין געווען טרויעריק־פארטראכט. עטינגער האט געטראכט, אז שלעכטע צייטן רוקן זיך אן און בלינד פארגעפילט עפעס אן אומגליק.

— הייסט עס: מיר קענען עס דא אויך דערווארטן?

— ווייס איך וואס?! אדעס איז דאך נישט קיין קליין שטעטל — האט לערנער אפגעווישט די שרעק.

און ער האט זיך צוריק גענומען צום „ענין": פארקויפן וועט מען שוין נישט באווייזן. ס'איז שוין קיין צייט נישט געבליבן. מוז מען דאך באהאלטן. אבער וואו? בא דער שטוב איז פארט דאס בעסטע: דארפסט עס — האסט עס בא דער האנט. בורמאן האט זיך אבער שטאל און אייזן געהאלטן בא זײַנעם: באם הויז איז א גרויסע ריזיקע. אין זאוואד אבער... נו, דארט באהאלט מען פאר גנבים... א פשוטע זאך... אויסער דעם: דאס בעסטע באהעלטעניש איז אונטער דער נאז. קיינעם וועט נישט אײַנפאלן דארט צו זוכן... מען פארשפארט עס איצט צו גיין פירן, טראגן, קיין בעסערע עצה איז נישטא.

האט שוין דער אלטער עטינגער פארגעסן דינהן און זיך צוריק אריינגעלאזט אין געשפרעך וועגן דער סחורה: אויב באהאלטן, איז שוין טאקע בעסער דארט, אויפן ארט. נאר וויפיל מען וועט קענען, דארף מען פארקויפן.

— אין זאוואד איז טאקע דאס בעסטע: ווי עס זאל נישט זיין, וועט דער בורמאן דארט זיין אויפן ארט, ער וועט דאך פארבלייבן פארוואלטער.

אזוי האט זיך אנגערופן ליע. ווידער האבן עטינגער און לערנער זיך אומגעקוקט, ווי זיי וואלטן זיך נישט געריכט, אז ליע איז דא פאר־האן. בורמאן האט זיך דווקא נישט אומגעקוקט.

בלומע איז אריינגעקומען מיט שטילע טריט. זי איז אלץ געווען בלייך, צערודערט, האט אויסגעזען אין טרויער און אין דערוואַרטונג. זי איז צוגעגאנגען צום טיש אנגיסן א גלאז טיי פאר דינהן. האט זי דער־פילט דעם ריח פון זייער געשפרעך; איז א ווײַלע שטיין געבליבן מיט דעם ליידיקן גלאז אין האנט. דאס פנים האט זיך אנגעגאסן מיט דער־שטוינונג: ווי אזוי רעדט מען איצט פון זייף? האט זי א קוק געטון אויף זיי מיט עקל און פארדראס, און מאדנע: אלע האבן דערפילט איר בליק און די שנאה, וואס האט פון אירע אויגן א קוק געטון. לערנער האט אויסגעשטעלט זיינע פארשפיצטע, עקשנותדיקע אייגעלעך, ווי ער וואלט געפרעגט: „זי — אויך?"

ליע האט געפרעגט: וואס־זשע טוט זי דארט?

ס'איז נישט געווען צו וויסן, צי בלומע האט געהערט די פרא־גע, צי נישט. זי האט אנגעגאסן די טיי און נישט ענטפערנדיק קיין ווארט, איז זי ארויס פון זאל.

בורמאן האט אפגעהוסט מיט א קליין, טרוקן הוסטעלע און לערנער האט צוריק באקומען זיין געוויינלעך אויסזעען.

קאפיטל פינף.

ס'זענען געשטאנען שטילע, קאלטע טעג. טעג אומעטיקע און שווייג־ דיקע, וואס שלייכן ארויס פון פארגאנגענע נעכט און ווארטן געהארכזאם אויפן אנקומענדיקן אוונט זיך אין אים אריינצוגיסן. שטייען זיי שטומע און פארטויבטע און קוקן מיט בעלמעס אויף די אויגן. ליגן אין זיי די גאסן טרוקענע, געפרוירענע און איינגעשרומפענע. ווארטן זיי געדולדיק און אונטערטעניק אויף אנקומענדע ווינטן. שטייען די הויכע הייזער פארגאפטע און דער הימל הענגט מיט א פארזארגטן געקנייטשטן שטערן.

א פרעמדער שטילער אומרו האט זיך אריינגעגאסן אין ליידיקן דרויסן און אין שטוב בא עטינגערן איז אויך דער שטילער אומרו געווען. און א שרעקעדיקע, געדולדיקע דערווארטונג איז אין אומרו...

בורמאן האט זיך נישט געוויזן אין די טעג. לערנערן האט מען אמאל געזען דורכלויפן דעם הויף מיט צעטראגנקייט און אימפעט. דער אלטער עטינגער איז אין זאוואד שוין נישט געגאנגען און אויסגעזען, ווי ער וואלט געבליבן אין שטוב איבערצווווארטן אן אומאנגענעמע זאך. ליע איז געווען שטארק צערודערט: זי האט זיך נישט געקאנט קיין ארט גע־ פינען. האט פארגעסן אן דינהן מיט בלומען, וואס זענען אין זייער צי־ מער געזעסן, און האט כסדר געשפאנט איבער די צימערן, געקלונגען מיט שליסעלעך, געדרוקט שיפלאדס און אויף גאנצע שעהן געבליבן איינגע־ שלאסן אין שלאף־צימער. ס'איז געווען, ווי זי וואלט אינגאנצן אין שטוב נישט געווען. דער אלטער עטינגער האט דערביי געטראכט: זי וועט שוין אלץ באהאלטן... מען קאן זיך אויף איר פארלאזן. דערווייל — וועט ער זיך ארויסכאפן פון שטוב און זעען, וואס עס טוט זיך אין גאס...

האט ער זיך אנגעטון דאס פוטער מיט דעם גרויסן טכוירענעם קאלנער, האט געלאסן, אקוראט ארומגעוויקלט דעם האלז מיט א וואלן, גלאנציק שאלעכל, האט נישט געאיילט ארויפגעצויגן די וואלענע הענטשקעס מיט אזא זיכערקייט, אז אלץ ווארט אויף אים. אז ער האט זיך שוין

געהאט פארקנעפלט אויף אלע קנעפלעך, איז ער מיט ווייכע טריט און אויפגעהויבענעם קאפ ארויס אין גאס אריין.

ארויסקומענדיק אויף דער גאס, איז ער א ווײַלע שטיין געבליבן. זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צום דרויסן. נאר ס'איז שטיל געווען. ארום איז געשטאנען אזא מין שטילקייט, ווי אלע מענטשן וואלטן געשלאפן אין די הייזער. פונדערווייטנס האט דער ים געקוקט אזא ערנסטער, טונקע-לער. און איינגעהאלטן מרוקען האט זיך פון אים געטראגן, ווי אן אנזאג אויף א שטורם. דאס געסל איז געלעגן, ווי איינגעהילט אין לייוונטן. קיין מענטש האט זיך נישט געוויזן. האט עטינגער אפגעצויגן דער אטעם און גענומען שפאנען אן אויסגעשטרעקטער מיט ווייכע פאדאגרע-טריט. געגאנגען אזוי, ווי ער וואלט געציילט די טריט, דערביי געהאט גרעסערע, פרומע אויגן און פון אונטער די וואַסעס ארויסגעבלעזלט קליינע, ווייכע זיפצע-לעך. אזוי איז ער געגאנגען, ביז ער איז צוגעקומען צום סוף פון געסל, וואס האט זיך אויסגעבויגן און זיך ארייגגעגאסן אין דער ברייטער ביע-לינסקער גאס. . . דארט אויפן ראג האט ער זיך אפגעשטעלט און גענומען קוקן, ווי ער וואלט עפעס זייער וויכטיקס דערזעען.

פון דער „יונקערסקי אוטשילישטשע" האט זיך א צעטומלטקייט גע-טראגן: עס זענען אלץ געשטאנען גרויסע מיליטערישע וועגענער גע-שפאנט צו הויכע, שווארצע און גרויע פערד. די פערד זענען געשטאנען מיט געבויגענע העלזער, אראפגעלאזטע אויגן, און געקייעט רעגלמעסיק און מיט אפעטיט. אלע ווײַלע א שלעפ געבנדיק א פאסמע היי פון בינטל, וואס איז אויף טרוקענע שטיינער געלעגן. זעלנער האבן געדזשוויגעט שווערע קאסטנס און פארנייטע פעק, געווארפן אויף די וועגענער און גלייך געלייגט. האט עטינגער געקוקט אויף זייער ארבעט דארט, האט א א דריי געטון מיטן קאפ, ווי ער וואלט געוואלט אוועקטרייבן א פליג, וואס האט זיך אים אויפן קלארן שטערן אוועקגעשטעלט, געזעען, ווי די גאס איז ליידיק און וואו נישט וואו שטייט א שטילער מענטש באם טוי-ער פון הויף, איז אים געווארן אומהיימלעך און ער האט גענומען צו-ריקגיין.

זיך איצט דערמאנט צו טראכטן.

און וואס זשע טוען זיי דארט מיט דער סחורה? א? מען זעט זיי נישט, עפעס זענען זיי דארט שטארק פארנומען. . . איז מיט וואס זשע זענען זיי פארנומען?

א השד האט זיך אווארף געטון אין הארץ: אים איז מיטאמאל

שטארק נישט געפעלן געווארן דאס, וואס לערנער ווייזט זיך נישט די לעצטע טעג. און וואו איז בורמאן? וואס זשע? אים דארף מען שוין גארנישט פרעגן? האבן זיי נישט אמאל עפעס אפגעמאכט צווישן זיך? אויף סחורה איז היינט יעדער א בעלן... עפעס איז דא נישט גלאַ־טיק... האט דאך לערנער דווקא געוואלט האבן די סחורה אונטער דער האנט... אפשר וואלט מען גאר געדארפט נעמען און געבן א פאר־צו?... ווער ווייסט, וואס זיי טוען דארט? זיי קענען דאך פארקויפן און מאכן א שווייג... יא... צופארן!...

האט ער גענומען גיין שנעלער. און אליין נישט פארשטאנען נאך וואס ער גייט צוריק אהיים. אויב פארן, דארף ער דאך גיין אין גאס אריין, נעמען א דראזשקע און הייסן פארן... האט אבער גלייך צוריק־געטראכט: אפשר קען מען שוין גארנישט צוקומען אהין? און וואס א שטייגער קענען זיי דארט טוען? ווער וועט בא זיי איצט קויפן סחורה?

דערווייל האט ער דערזעען, ווי בא א טויער שטייען א פאר מענטשן. זיי שווייגן און קוקן מיט ערנסטע אויגן, ווי עס וואלט געווען אוונט אין דרויסן. שטייען אנגעטון אין היטלען מיט דאשקעס און מיט פארבארגענער שרעק אויף די פנימער. האט עס אויסגעזעען אזוי, ווי זיי זענען שוין צוגעגרייט און וואַרטן אויף דעם, וואס דארף קומען. דערפאר האט זיך אן אומרויקייט אויפגעהויבן אין עטינגערן: און איך ווייס גאר־נישט, וואס בא מיר טוט זיך... האבן זיי פארקויפט? האבן זיי בא־האלטן? וואס טוט זיך דארט אין זאוואד? מען וואלט אפשר פארט גע־דארפט צופארן, כל זמן ס׳איז נאך נישט שפעט. אפשר איז נאך דא גע־נוג צייט...

אזוי גייענדיק, האט ער זיך דערווייל דערנענטערט צו רויטמאנס הויז, וואס איז געשטאנען נישט ווייט פון זיין הויז. אין טויער איז גע־שטאנען רויטמאן; געשטאנען מיט די הענט אין די קעשענעס און מיט ארויסגעשטארצטע אויגן מיט א פול אנגעגאסן פנים.

— א! גוט מארגן „גאספאדין" רויטמאן. וואס־זשע הערט זיך „גאס־פאדין" רויטמאן?

רויטמאן האט זיך געהאט פארעקשנט און נישט געוואלט איבעררייסן זיין פארביסנקייט; האט נישט ארויסגענומען די הענט פון די קעשענעס. דאס היטל מיטן דאשעק איז אים געזעסן פעסט אויפן קאפ. אינגאנצן

האט ער אויסגעזען ווי א פארשטעלטער: ארומגעהילט זיך, זיך פאר־בארגן און גיי ווייס, וואו רויטמאן איז.

— איר הערט דאך: ס׳איז שטיל.

האט נישט געשמייכלט און ס׳איז נישט געווען צו פארשטיין, וואס ער מיינט מיטן ווארט: שטיל.

— וואס מיינט איר: „שטיל?"

— ס׳הייסט: מען דארף זיך ריכטן אויף „זיי".

— אזוי? ס׳הייבט זיך טאקע ווידער אן... הא?

נאר רויטמאן האט אויף דעם נישט געענטפערט און גאר גע־פרעגט:

— איר קומט פון גאס?

— ווער גייט היינט אין גאס אריין? וואס וועל איך טון אין גאס? ביין, איך בין גלאט אזוי ארויסגעגאנגען זען, וואס עס טוט זיך.

האט רויטמאן שוין א שמייכל געטאן:

— כ׳ווייס? כ׳האב געמיינט... אין שטאט איז דאך אן איבערקע־רעניש... מוז מען זיך ארדנונג ברענגען...

— וואס אזוינס איז אין שטאט? — האט עטינגער איבערגע־פרעגט.

— וואס הייסט, וואס? איר ווייסט נישט? ס׳איז דאך נישט קיין קלייניקייט?! אט קומען זיי אן די „לייט" און עס וועט זיך באלד אנ־הייבן א הפקר לעבן: באלד די רעקוויזיציעס מיט די אנדערע גוטע זאכן, ווי זיי רופן עס דארט, מוז מען דאך אין זינען האבן, וואו מען איז אין דער וועלט... אויב נישט — וועט מען דאך בלייבן ווי אויפן וואַ־סער.

— עפעס שמועסט מען דאך: זיי זענען שוין אנדערש געווארן... געקומען צום שכל.

— און איר גלייבט אין די מעשות? פאלגט מיך און לייגט זיך נישט קיין פייגעלע אין בוזים... זיי זענען די זעלבע „רוצחים" ווי גע־ווען. איר האט עפעס צו טון, טוט עס אפ באצייטנס.

— הא? באצייטנס? וואס־זשע זאל איך טון? כ׳קאן דאך דעם זאוואד נישט באהאלטן.

— באהאלט מען די סחורה. ביזן לעצטן שטיקל זייף באהאלט און דעם זאוואד? — קאליע דער זאוואד... ער ארבעט שוין נישט לאנג און פטור... פאלגט מיך.

— הא ? גערעכט... אפשר טאקע גערעכט...

שטיינגער האט ווידער דערפילט, אז ער טוט נישט גוט, וואס ער איז געבליבן אין דער היים און האט זיך איינגאנצן פארלאזט אויף פרעמדע הענט. היינטיקע צייטן: אן אייגן קינד איז אויך א פרעמדער... בפרט נאך א ווילד פרעמדער... מען דארף פארט צופארן זעען.

ער האט גענומען איילן אהיים. צו וואס אהיים ? — ער מוז דאך זאגן ליען, אז ער פארט אין זאוואד אריין. זי וועט דאך נישט וויסן וואו ער איז אהינגעקומען.

אפגייענדיק א שטיקל וועג, האט ער ווידער אנגעטראפן א באקאנטן. יענער האט געהאלטן א קלייט פון באקאליינע, האט געהאנדלט הורטאווינע. ער איז געשטאנען אין טויער, האט געהאלטן ארויסגעשטרעקט דעם קאפ גרייט יעדע ווײַלע אים צוריק אריינצוכאפן.

— א ! „גאספאדין” בערגער. וואס־זשע ? איר זיצט שוין אויך אין דער היים ? נו און די קלייט ?

— פארמאכט. וואס־זשע, אין גאס וועל איך זיין אין אזא צייט ?

— און צו דערליידיקן האט איר שוין גארנישט ? הא ? שוין אלץ דערליידיקט ?

— וואס דען, איך וועל ווארטן אויף דער לעצטער מינוט ?

— און איך — וויל אצינד צופארן אין זאוואד.

— איצט־א ? איך וואלט אייך נישט געראטן. כאטש צוריקשמועסנדיק, איז דערווייל גאך שטיל. אבער ווער קאן וויסן, וואס עס וועט זיין אין א האלבער שעה ארום ? די שטאט איז דאך שוין אן א מאכט. דער גראדאנאטשאלניק זיצט שוין אויך אויף דער שיף.

— אזוי ?

האט שוין שטיינגער נישט געוואוסט, וואס ער זאל איצט טון, נאר געשפאנט האט ער ריירעוודיקער: ער וועט נאר אריין אין שטוב, וועט ער שוין זעען. לאמיך הערן, וואס ליע וועט זאגן.

עס זענען אים אנגעקומען אקייגן צוויי יינגע שקצים, וואס האבן געשפאנט מיט אזעלכע פעסטע זיכערע טריט; זענען געווען שטארק פארטון; האבן געאטעמט הייס און מיט אימפעט. אויסגעזען האט, אז זיי גייען פון ים, מחמת די אויגן זייערע האבן שטארק געגלאנצט און זיי האבן גערעדט מיט שטילער פרייַלעכקייט און האסטיקייט, נישט אומקוקנדיק זיך אין די זייטן.

עטינגער האט די אפגעטרעטן דעם וועג. ער האט זיך דערשראקן פאר זיי, ווי אין זיי וואלט ער דערזעו, אז עס האט זיך שוין אנגע־הויבן... אז זיי האבן זיך שוין געהאט דערוויטערט, האט ער זיך אפגע־שטעלט, זיי נאכגעקוקט, און געהאוסט: אין זאוואד אריין וועט ער שוין נישט פארן. האט ער נאך ארויסגעלאזט א זיפצל און אריין צו זיך אין הויף.

— וואו־זשע איז איצט לערנער, הא? האו־זשע דרייט ער זיך ארום איצט אין גאס?

איז ער פארזיכטיק צוגעגאנגען צום פליגל, וואו דער איידעם מיט דער טאכטער האבן געוואוינט, האט צוגעלייגט דאס פנים צו דער שויב, און זיך באמיט דורכצוקוקן דורך דער פוירהאנג. האט ער געקוקט מיט פארהאלטענעם אטעם, ווי ער וואלט זיך געריכט עפעס משונהדיקס צו דערזען. ביז טאניע האט אין שטוב באמערקט, אז עמעצער שטייט באם פענצטער. איז זי צוגעקומען, אפגעשארצט די פוירהאנג און אויסגעשטעלט פרעגנדיקע אויגן.

— גוט מארגן, טאניושא! נישטא לערנער? הא? לערנער נישטא?

האט טאניע געקוקט מיט פארצויגענע ליפעלעך און ברוגזע אויגן, שאקלענדיק מיט דעם קאפ אויף ניין:

— ניין... נישטא...

— וואו זשע? אין זאוואד? אין זאוואד?

— טאניע האט געצויגן מיט די אקסלען און צוריקגעשריגן:

— ווייס איך? מסתם!

— אזוי... אין זאוואד?!...

די לעצטע ווערטער האט ער שוין נישט אויסגעשריגן נאר ווי צו זיך אליין גערעדט. האט שוין נישט געווארט אויף קיין ענטפער און איז אוועק צו זיך אין שטוב. טאניע האט אים נאכגעקוקט מיט פארפרעסטע ליפן און געגוידערט גאמבעלע, דערביי עטוואס צוגעשאקלט מיטן קאפ, טראכטנדיק: זי שיקט אים און ער גייט... און ער מיינט טאקע, אז זי איז אים געטריי.

אז דער אלטער איז אריין אין שטוב, האט ער געטראפן, ווי ליזע שטייט באם טעלעפאן. א פראגע־ווארט בלאנקעט נאך ארום אין שטוב, נאר אים דערזעענדיק, האט זי גלייך אוועקגעלייגט דאס טעלעפאן־רערל און געהאט אזא פנים, ווי זי איז שטארק פארנומען און האט פארגעסן,

וואס זי דארף איצט טון. האט זי דערווייל געקוקט אויף עטינגערן און מיט פארהוילענער בייזקייט אין די אויגן.

— האסט מיט עמעצן גערעדט דורכן טעלעפאן ? — האט דער אל־טער געפרעגט, געדענקענדיק, אז די לעצטע טעג, ווען ער קומט אריין פון גאס, טרעפט ער זי באם טעלעפאן, און בא זיין אריינקומען האט זי שטענדיק פונקט געענדיקט.

ליע האט אים אפגעמאסטן מיט א מאדנע פרעמדן בליק, ווי זי וואלט נישט פארשטאנען, פונוואנען עס נעמט זיך צו אים די העזה, זי אזעלכעס צו פרעגן... עטינגער האט זיך א ווײַלע פארלוירן פון דעם בליק, דערפילט זיך אזוי, ווי ער וואלט איינגעבויגן געווארן. מאדנע : מען הערט נישט פון איר קיין גוט ווארט אין די לעצטע טעג. זינט ער איז אין שטוב — איז זי פסדר פארנומען און שווייגט : וואס איז זי אזוי פארנומען ? . . .

זיך געגעבן א שטרעק אויס :

— וואס איז דאס פאר א קוקן ? אז מען פרעגט, קען מען דאך ענטפערן.

האט ליע פארביסן דורכגעזייעט דורך די ציין :

— איך ווייס נישט, וואס מען פרעגט.

— איך האב געפרעגט : מיט וועמען מען פירט עס שמועסן דורכן טעלעפאן ?

באר ליע האט זיך דווקא נישט באליידיקט :

— איך האב גערעדט מיטן זאוואד... מען קען זיך דאך נישט פארלאזן אויף פרעמדע הענט אינגאנצן. אז א ל י י ן זיצט מען אין שטוב...

— וואס זשע דו האסט שוין אנגעהויבן זארגן פארן זא־וואד ?

— אז קיין אנדער זארגט נישט...

— האסטו גערעדט מיטן הער בורמאן ? לערנער איז דאך אויך דארט.

— אזוי ? לערנער... ער האט טאַקע עמעצן אין זינען אחוץ זיך ? לערנער האט באר אין זינען, ווי אזוי זיך צו באזארגן... און צווייטנס : ווער זאגט, אז לערנער איז דארט ?

— וואו זשע דען איז ער ? אין דער היים איז ער דאך נישטא.

— און אז נישט אין דער היים? זענען דאך פארהאן סוחרים, וואס ווילן איצט קויפן מציאות. . . און ווידער: ווער זאגט עס, אז ער איז נישטא אין דער היים? ווער זשע וועט בא אים אין שטוב באהאלטן די סחורה?

— וואס? — איז שוין דער אלטער צעטומלט געווארן — איך בין דאך נאר וואס געווען באם פענצטער. טאניע האט געזאגט, אז ער איז נישטא.

האט זיך ליע פלוצלינג צעלאכט:

— אזוי? טאניע האט געזאגט? כא־כא־כא! א קלייניקייט! טאניע האט געזאגט!...

האט דער אלטער געגומען פינטלען מיט די אויגן; האט שוין פארגעסן אן ליעס קוקן אויף אים. א בייזקייט האט ארויסגעשפראצט אויף זיין פנים:

— אט גיי איך שוין אראפ זעען.

האט ליע שוין אויפגעהערט לאכן און ערנסט געזאגט:

— מען דארף נישט... וואס ער האט געהאט צו טון, האט ער שוין סיי ווי אפגעטון. און אז ער איז נאר וואס אריינגעקומען, איז וואס?

זי האט גענומען דערציילן, וואס הער בורמאן האט איר איבערגעגעבן:

— פארקויפן איז נישטא וועמען... דער וואס וויל קויפן, וויל אפשניידן דעם קאפ, פארגראבט מען אין די קעלערן פון זאוואד. די ארבעט איז שוין באלד פארטיק.

און אויסגעלאזט:

— א גליק, וואס הער בורמאן איז א געטרייער מענטש. ווען נישט — וואלטן מיר שוין שיין אויסגעזען... לערנער האט אונז שטארק אין זינען... ווארום וואס? אליין איז מען דען נישט ביליכער? ער נעמט סיי ווי, וויפיל ער וויל... דער פארוואלטער קען אים דען זאגן דעות?

דער אלטער האט שוין געשוויגן, געשטאנען מיט פארפרעסטע ליפן און געקנייטשט דעם שטערן. דערנאך האט ער געפרעגט שוין מיט א הייך קול:

— איז אפשר וואלט איך גענומען און צוגעפארן, הא?

— וואס וועט שוין איצט העלפן דיין פארן אלץ איז שוין אפגע־

שוין... ס׳איז אויך אן איינשטעלעניש איצט צו פא״ן אזש אויף פערעסיפ... ס׳איז דאך שוין ארויס פון שטאט. ס׳איז דארט זייער נישט רויק, מען זאגט, אז אט, אט...

ליע איז געווארן צוריק פארטראכט:

— אז מען דארף אלץ אין זינען האבן... ווארום מיר ווייסן שוין, וואס אזוינס באלשעוויקעס זענען... און דאס ביסל וואלוטע, וואס דו האסט געהאט?

— שוין באהאלטן! — האט עטינגער געענטפערט.

— כ׳מיין... כ׳באהאלט דאס צירונג, איז אפשר...

— שוין באהאלטן.

ליע האט ווידער גענומען גיין פון צימער אין צימער.

עטינגער איז געבליבן זיצן אליין בייז און פארעקשנט. „שוין באהאלטן" — האט ער צו זיך אליין געמורמלט. זיך דערמאנט אין לערבערן און געפילט, אז עפעס האט שוין דער לערנער אפגעטון. ווארים: וואס דען באהאלט ער זיך און האט אפילו נישט קיין צייט ארויפצוקומען? אייגענע דאכט זיך, און פארט פרעמדע...

אזוי טראכטנדיק איז אים שוין איינגעפאלן:

אלע זענען אים פרעמד. אלע זענען פון אים דערווייטערט. אבראמעקן זעט מען נישט. בלומע איז כסדר בא זיך מיט דינהן. און אז זי קומט ארויס פון איר צימער, שווייגט זי ווי א פרעמדע... און אז ער רעדט צו איר א ווארט — ענטפערט זי אויך נישט. אט ווארפט זי אים צו א פאר געציילטע ווערטער און גארנישט: זי איז עפעס אזוי צעטראגן, צעחושט...

וואס־זשע טוט זיך דא אין שטוב, הא?

ער האט אפגעזיפצט; געווען א שטוב, א רייכע שטוב, א פריילעכע שטוב, און פלוצלינג: סארא שטילקייט ס׳איז אין דער שטוב געווארן. יעדער גייט זיך זיין וועג און שווייגט; יעדער איז אנגעבלאזן און יעדער באהאלט זיך; און ליע — איר פעלט נאך דאס ביסל וואלוטע...

— שוין! שוין באהאלטן...

אין שטוב איז געווען שטיל, נאר פון דער קיך האט זיך דערטראגן דער שיקסעס קוויטשענדיק געזאנג. עפעס א פארבענקט געזאנג, וואס האט דערמאנט אוקראינער ליידיקע פעלדער און עס האט געאטעמט מיט טרויער און האפנונג.

דער אלטער האט זיך צוגעהערט צו דעם געזאנג און ס׳איז אים

אומעטיק געווארן אויפן הארצן. ס'איז אים גוט געווען צו זיצן אזוי און פילן, אז ער איז געדעכט. . . אז אלע זענען שולדיק קעגן אים. נאר ס'האט זיך מיט אמאל געגעבן אן עפן א טיר אין קארידאר אריין און ס'האט זיך דורכגעטראגן ליעס בייזערדיקע שטים:

— אניא? אניא!

נאך א טיר האט זיך געעפנט. ווייזט אויס פון קיך.

— איך!

— הער אויף צו זינגען! דעם קאפ נעמט עס מיר אראפ. . . וואס איז דאס פאר א זינגען אין מיטן דערינען?

א טיר האט זיך פארמאכט. א צווייטע איז צוגעפאלן מיט א קרעכץ און די שיקסע איז שטיל געווארן. נאר עטינגער האט אליין געפילט דעם טרויער און געטראכט:

און וואס איז ליע אזוי צעטראגן? און וואס איז זי כסדר אזוי פארנומען? און וואס פלוצלינג האט זי זיך גענומען מישן אין זאוואד? עפעס איז דאך מיט איר. . . וואס זשע קאן דאס זיין? הא?

קאפיטל זעקס.

נאכדעם, ווי דינה איז אפגעשלאפן א גאנצע נאכט און א האלבן טאג, האט זי זיך אויפגעכאפט א מידע, א קרענקלעך-רויקע, ווי זי וואלט אויפגעקומען פון פיינענדיקער פארגעסנקייט. זי האט זיך ארומגעקוקט מיט צעטומלטע אויגן און נישט געוואוסט, וואו זי געפינט זיך. אז זי האט דערזעען בליומען לעבן איר בעט, האט זי לייכט און בלאס א שמייכל געטון, מיט אזא שמייכל, מיט וועלכן קראנקע כאפן זיך אויף נאכדעם, ווי דער קריזיס פון זייער קראנקייט איז אריבער. זי האט געקוקט מיט ריינע אויגן און נאך אליין געווען פארבלאנדזשעט.

— ווי זשע פילסטו זיך, דינה?

אזוי האט בליומע געפרעגט און ס'איז געווען א שטארקע נאענטקייט און היימישקייט אין איר שטים. א בלייכקייט און מיטפילנדע באזארגטקייט האט געבליקט פון איר שמאל-לענגלעכן פנים. דינה האט נישט געענטפערט. האט נאר אויסגעצויגן בלייבע קלארע, מידע הענט

און ארומגענומען בלומען. בלומע האט אוועקגעלייגט איר קאפ אויף דינהס ברוסט, האט א ציטער געטון, צומאכנדיק די אויגן אויף א ווײַלע: ס'איז איר געווען אזוי, ווי דאס געוויין, וואס איז אין איר געבוירן געווארן אין יענעם אוונט, ווען דוד איז צום לעצטן מאל אוועק, און האט דערנאך אײַנגעדרימלט אין איר — איז איצט צוריק אויפגעוואכט געווארן, און מיט בענקשאפט דורכגעווייקט דאס בלוט אין איר... האט זי דאס געוויין נישט ארויסגעלאזט פון הארץ און האט נאר ארויסגעשעפטשעט:

— דינהלע!

— ס'איז איר געווען, ווי זי וואלט דורך דעם נאמען אן אנדערן גערופן...

דינה האט אלץ געשוויגן. נאר ווען זי האט זיך אויפגעזעצט, האט זי זיך פארקוקט אין פענצטער. פון גאס האט ארײַנגעקוקט פארגאפטע, טונקעלע געפרוירנקייט. פלוצלינג האט זי זיך צעוויינט.

שטיל, אן געשרייען, האבן זיך די טרערן געגאסן איבער דינהס באקן. זי האט נאר שווער געהעשעט און ס'האט איר געשטיקט אין האלז. האט זי דערפאר געהאלטן אין איין שלינגען. בלומע איז געשטאנען א פארצערטע לעבן איר. האט נישט געוואוסט, וואס צו זאגן; האט געגלעט אירע צעפאלענע האר און טרויעריק מיטגעשוויגן. דערבײַ האט זי שארף געפילט איר אייגענעם וויינענדיקן טרויער. האט זי געאטעמט מיט אן אפן מויל און שטארק געעפנטע אויגן. אין איר איז אויפגעגאנגען אזא באנג, ווי זי וואלט דורך דינהן געפילט נאענט צו זיך אן אנדערן...

— בארויק זיך. בארויק זיך. וואס קומט ארויס פון וויינען?

נאר דינה האט געהעשעט מיט אזא שטיל געפרעסט קול און מיט אפענע אויגן, ווי דאס וואלט פארגעקומען קייגן איר ווילן.

— אבער זאל שוין זײַן גענוג... זאל זײַן גענוג.

דינה האט מיט ציטערדיקע ליפן ארויסגעוויינט:

— דער ארעמער טאטע... די קליינע מרים... „זי טויג שוין אויף" — האט דעם דירעקטארס זינגל געלאכט... איך האב דאך געהערט...

זי האט זיך שטארק צעקלאגט. איז מיטן קאפ צוגעפאלן צו בלומעס זײַט, זי ארומגעכאפט מיט ביידע הענט, ווי זי וואלט זיך אן איר

געוואלט אנהאלטן ; האט אנגעהויבן ציטערן און זיך פארגאנגען אין גע־ וויין :

— וואס האבן זיי געהאט צו דעם קינד ? ! א קינד... א קינד...

אבראמעק איז אריינגעקומען. איז בא דער טיר שטיין געבליבן, האט געקוקט מיט די שווארצע, קלוגע אויגן, און א פארביסנקייט האט ארויסגעשוויגן פון אונטער דער הויט אויף זיין פנים.

— דערלאנג א גלאז וואסער, — האט בלומע צו אים גע־ זאגט.

אבראמעק האט אריינגעברענגט וואסער. בלומע האט איבערגענומען פון אים דאס גלאז. דינה האט א זיפ געטון, אלץ נישט צוגעמענדיק דעת קאפ פון בלומעס זייט. אפגעזיפצט און שוין געבליבן שטיל מיט גרויסע, צרויע אויגן.

— לייג זיך אנידער. ביסט דאך אזוי מיד...

בלומע האט זיך איינגעבויגן. דינהס קאפ איז שטיל געפאלן אויפן קישן.

— עס וועט זיי נישט געשוויגן ווערן, די הינט !

אבראמעק האט דאס ארויסגעזאגט אזוי שטארק און זיכער, אז דינה האט אויסגעשטעלט אויף אים א פאר בעטנדיקע אויגן.

און דינה האט שוין מער נישט געוויינט.

צוויי טעג האבן זיך געצויגן שטיל און פארגולמט, דינה האט אין זיי געשוויגן מיט א פארבארגענער עקשנות און אנטשלאסנקייט. זי איז גע־ ווען מיד און בלייך, אבער אין איר — האט עס ווילד געברענט. איר בלוט האט מיט רויקן האס געשריגן אן א קול, נאר הויך און באפעלע־ ריש... דינה האט געהערט דאס געשריי פון איר אייגענער נשמה, וואס האט נישט געוואלט און נישט געקענט זיך בארויקן. האט זי אפט גע־ קריצט מיט די ציין און זיך נישט פארגינען קיין זיפץ צו טון, ווי זי וואלט מורא געהאט מיט א זיפץ נישט צו פארטריבן דאס געשריי אין זיך זי האט געווארט מיט אומגעדולד אויף עפעס אזוינס, וואס זי האט קלאר נישט געזען, נאר האט עס ארויסגעפילט פון נעפל ארויס און געוואוסט, אז עס וועט קומען. זאל זיך נאר באווייזן דוד. זי האט נישט געוואוסט, וואו ער געפינט זיך און צי ער דארף אהערקומען, נאר זי האט בלינד געזען זיין בלייך פנים מיט די צעגליטע אויגן : עס וועט זיי נישט גע־ שוויגן ווערן !

בלומע איז פון איר נישט אפגעטרעטן. זי האט דורך איר געפילט

דעם אנזאג פון דעם, װאס דאַרף זיך דערנענטערן. איצט איז זי שוין זיכער געװען, אז געזעען האט זי דודן. אט אזוי האט ער געקוקט אויפן אפיציר, אט אזוי װי דינה קוקט איצט... ס'איז געװען אזוי מאדנע, אזוי פארשטענדלעך, און בלומע האט עס ארויסגעזאגט אזוי פשוט:

— װייסט דינה... דוד איז דאך אין אדעס.

דינה האט זיך ראפטום געגעבן א שטעל-אויף. האט באקומען אזעלכע גרויסע אויגן; א טרויעריקע פרייד האט פון איר א געשריי געטון:

— דוד?

זי האט אנגעכאפט בלומעס הענט און האט גענומען אטעמען אזוי, װי זי װאלט נאר װאס פון אן אומגליק אנטרונען געװארן, לויפנדיק מיט די לעצטע כוחות.

— יא... איך האב אים געזען.

— װאו? װען? איז דוד דא? אך!

זי האט טיף אפגעאטעמט:

— דערצייל מיר בלומעטשקע! דערצייל... איז דוד אין אדעס? אוי, איך װארט דאך אזוי אויף אים, איך קוק אים דאך אזוי אויס... דערצייל.

בלומע האט זיך נישט געװאונדערט אויף דעם, װאס דינה װארט אזוי אויף אים. האט גענומען דערציילן, װי זי האט אים באגעגנט.

— ער איז געװען אזוי בלייך... און האט אזוי שטאלץ געהאלטן דעם קאפ... און א בערדל האט ער געהאט... א פארשניצט שװארץ בערדל...

דינה איז געשטאנען מיט אן אפן מויל, א שמייכל האט געבלאנדזשעט אויף אירע געעפנטע ליפן. בלומעס אויגן זענען געװען אזוי לויטער, אזוי גאלדיק...

— װי א װינט איז ער אװעק. איידער מען האט זיך אומגעקוקט — ער איז שוין נישטא.

זי איז געבליבן שטיין. װי זי װאלט פארגעסן, װאס זי האט געװאלט װייטער דערציילן.

— איז גוט... איז גוט... — האט דינה געשעפטשעט.

און ביידע האבן זיך פארטראכט.

דינה און בליומע האבן ביידע געוואוסט. עס איז געווען אזוי, ווי דאס וואלט געווען איין ווארט. ביידע האבן עס געפילט און ביידע איז עס פארשטענדלעך געווען. האבן זיי נישט פארלאזט דאס צימער און מיט זיי איז געווען אן אומגעדולד. זיי האבן אפט געשוויגן, ווי זיי וואלטן זיך געריכט, עמעצער זאל אנקלאפן אין טיר און אריינקומען.

אין די טעג האט בליומע דערפילט די גאנצע פרעמדקייט פון זייער שטוב מיט אירע זאכן. פארבייגייענדיק האט זי אויפגעכאפט די שמועסן אין זייער הויז. און זי האט מיט נישט פארשטענדלעכקייט געטראכט: ווי אזוי? אין די שטעטלעך שעכט מען אומשולדיקע מענטשן. ערגעץ וואלגערט זיך דודס שוועסטערל אין יסורים און שאנד. יידן ליגן אין קאלטע קע־לערס באהאלטן. אפגעריסענע פרויען בלאנקען ארום אויף די קאלטע ווינטערדיקע וועגן, און זיי: זייף און זייף... סארא אנשיקעניש מיט דעם זייף... אז זי האט געזען לערנערן אריינקומען מיט א צעטומלט ווייד־בלייך פנים, האט זי שטיל אין זיך א ציטער געטון און זיך אפגעקערט פון אים. זי האט אים קיינמאל גארנישט געפרעגט און אויסגעמיטן צו הערן זיין קול, וואס האט אויך אין זיך געהאט א ריח פון זייף... טאניע האט זיך איינגאנצן נישט געוויזן, ווי זי וואלט כסדר געווען פארנומען אין שטוב באם באהאלטן טאקע דעם זעלבן זייף... די שטיפמוטער האט זיך כסדר געפארקעט בא די שאפעס און טישלעדער, געגאנגען אויפן בוידעם און דארט זיך שטיל געפארעט, ווי מען פארעט זיך בא באהאלטן גנבות... און אז זי איז אראפגעקומען — האט זי זיך כסדר געבלאזן, געשוויגן מיט בייזקייט און מידקייט אויפן בלייכן פנים. דער טאטע איז געווען צעטומלט, פוסט און פאסט, האט זיך נישט געקאנט קיין עצה געבן מיט די ליידיקע טעג און שטילע פארנאכטן... איז געווען צעטראגן און אויף אלעמען געקוקט מיט אומצוטרוי. האט געקוקט לערנערן אין פנים אריין מיט פארשידענע בליקן. און לערנער האט אלע ווילע אפגעקערט פון אים די אויגן. און אלץ איבער וואס? — איבער זייף...

בליומע האט עס נישט פארשטאנען און ס׳האט איר ווי געטון. זי האט זיך געשעמט און געהאט דאס געפיל, ווי עמעצער א פרעמדער וואלט זיך צוגעהערט צו די רייד אין שטוב. געזען די צעטומלטקייט און גע־טראכט: מיט וואס מענטשן פארנעמען זיך אין אזא צייט, ווען אויף די נאקעטע פעלדער וואלגערן זיך הונדערטער קרובים און הינט רינגלען זיי ארום... האט זי דערפאר געוואוסט: זאל שוין געשען דאס, וואס וועט געשען און א סוף זאל עס נעמען...

און — ס'איז געווען אינמיטן א שטילן ווינטער טאג:

דינה איז געלעגן אויפן בעט. האט געהאט פארלייגט די בלייכע, מידע הענט אונטערן קאפ, האט ערגעץ ווייט געקוקט און אין ערגעץ נישט געקוקט. בליומע האט געשפאנט הין און צוריק איבערן צימער מיט אומרוי־קייט געארעמט און אזוי שפאנענדיק האט זי זיך פארגעסן אין שפאנען און זיך אפגעשטעלט באם פענצטער.

דורכן פענצטער האט זי געקענט זען דעם ים, וואס איז געלעגן אין טאל. א טונקעלע פארטראכטקייט איז געהאנגען אינדרויסן און דער שניי איז געלעגן אזוי שטיל, ווי ער וואלט געדרימלט. דער ברעג פון ים איז געווען ווייס, האט זיך נישט גערירט, נאר ווייטער א ביסל — האט זיך געבראכן א שארפע, גלאנציקע טונקלקייט, ווי שווארץ גלאז וואלט זיך געבויגן, געשפאלטן און אין ריזיקע שטיקער זיך באוועגט. עפעס א מאד־נער שמייכל האט זיך געטראגן פון דארט. בליומע האט זיך איינגעקוקט אין די כוואליעס און געזען: צווי שיפן, גרויע שיפן מיט רויכערדיקע קוימענס שאקלען זיך שטיל צווישן זיי. געדיכטע פאסן רויך ציען זיך צוריק פון זייערע קוימענס ארויס, קנייטשן זיך, ווי שווארצע פעטע שלאנ־גען, און די שיפן ווערן אלץ נענטער און נענטער. איז בליומען באפאלן א רויקייט. ס'איז איר געווארן אזוי, ווי איר האפנונג, וואס גייט אויף אין איר הארץ די לעצטע טעג, איז נאר וואס אויסגעוואקסן, קלאר גע־ווארן.

— אהא! דאס קומט מען נאך זיי... נאך די רוצחים...

ס'איז זי א פרייד באפאלן:

— דינה, קום אהער!

איז דינה אויפגעשטאנען, האט זיך אפגעשטעלט לעבן פענצטער, לעבן בליומען. האבןביידע שווייגנדיק געקוקט אויף די שיפן, וואס דער־נענטערן זיך. איצט האט מען שוין געזעען, ווי זיי איילן און לאזן נאך זיך שארפע פאסן, וואס צעברייטן זיך און צעלויפן זיך אין די וואסערן אריין.

דינה האט אליין נישט פארשטאנען פונוואנען עס נעמט זיך די זי־כערקייט צו איר. נאר זי האט געזאגט:

— יא, דאס קומט מען נאך זיי...

געקוקט און צוגעגעבן:

— זיי לויפן אין איין אטעם... פון אלע שטעטלעך יאגן זיי זיך... איבער אלע וועגן שלעפן זיי זיך... איך האב זיי אנגעטראפן אויפן

חעס... גאַנצע מתנות... באַזונדערע גרופּעס און באַנדעס... זאָל שוין געמען אַ סוף...

— און וואָו געפינט מען דודן? — האָט בלומע אַ פרעג געטאָן.

— מיר וועלן אים שוין געפינען.

און דאָ האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. און איידער מען האָט באַוויזן אַ וואָרט אַרויסצורעדן, איז אַבראַמעק אַריין אַ צערויטלטער פון פראָסט, אַ צעהיצטער פון לויפן און מיט גלאַנצעדיקע אויגן:

— שוין! זיי גייען שוין אויף אַן אמת!

בלומע האָט דערפילט אַ ציטער איבערן גאַנצן לייב. אַ פרייד האָט אין איר אויפגעזונגען. דינה האָט אויך נישט איבערגעפרעגט: ווער? זי איז געשטאַנען אויסגעשטרעקט און אין איר פנים און פיגור איז אַן ענדערונג פאָרגעקומען: נישט געווען שוין די מידקייט און דערשלאָגנקייט. זי איז געוואָרן העכער, אויסגעגלייכטער, האָט געקוקט מיט פאַרביסענער עקשנות:

— זיי פּאַקן זיך שוין אין איילעניש ווי משוגעים... פון די אַקאַדעמיקע שטעטלעך לויפן זיי ווי צעדולטע... אַלע לויפן צום ים... דער גאַנצער פּאָרט איז פול געפּאַקט... עס טוט זיך דאָרט — ווי אויף אַ יריד... אונזערע... די יוגנט האַלט פאַרבינדונג... מאַלדעוואַנקע איז שוין גרייט... ס'איז שוין דאָ אַ „רעווקאָם"!...

און אַבראַמעק האָט מיט צעליכטיקטע אויגן אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ ווייס פּאַפּירל:

— אַט, דער ערשטער באַפעל פון „רעווקאָם"!...

דינה האָט פון זיין האַנט גענומען דאָס פּאַפּירל, אַבראַמעק האָט גערעדט מיט היץ:

— נישקשה... אײַ לויפן זיי... ווי משוגענע הינט לויפן זיי... אַלע צום פּאָרט... מאַלדעוואַנקע איז שוין באַוואָפנט... די רויטע זענען שוין גאָר נאָענט פון שטאָט... וואָרט, איר וועט זען, וואָס אַבראַמעק וועט טוען... איך גיי אין קאָוואַלעריע!... נאָר אין קאַוואַלעריע...

— לאָמיר אַ ביסל אַראָפּגיין אין גאַס — האָט דינה געזאָגט; געזאָגט מיט אַזאַ קול; ווי זי וואָלט זיך איצט דערוואוסט, אַז זי איז שוין פריי פון געפענגעניש...

אז זיי זענען אין דרייען ארויס פון צימער אין קארידאר אריין איז זיי ליע אנטקעגנגעקומען. זי האט זיך אפגעשטעלט, געקוקט מיט וואונדער, א פרעג געטון:

— וואו גייט מען איצט?

— אין גאס אריין, — האט דינה געענטפערט.

— וואס וועט איר טאן אין גאס איצט?

— אין גאס איז פריילעך! — האט אבראמעק זיך ארויסגעכאפט.

— וואס איז דען?

נאר אבראמעק האט שוין געהאט געעפנט די טיר, זענען אלע דריי ארויס, און ליע איז אזוי געבליבן שטיין אויף איר ארט און זיי נאכגעקוקט מיט וואונדער.

אויף דער גאס, נישט ווייט פון הויף זייערן, האבן זיי אנגעטראפן לערנערן. ער איז געגאנגען מיט גיכע טריט און מיט צעטומלטקייט. די אויגן האבן זיך פליננק געשיפט פון ווינקל צו ווינקל, ווי ער וואלט זיך מיט עפעס געהיטן. אין האנט האט ער געטראגן א פעקל פארבונדן אין פאפיר. שווער איז געווען דאס פעקל, ווארים ער האט עס אלע ווײַלע איבערגעכאפט פון איין האנט אין דער אנדערער. דערזעענדיק אבראמעקן, האט ער זיך פארלוירן; נישט געוואוסט, צי ער זאל זיך אפשטעלן אדער גיין ווייטער.

בלומע האט זיך נישט אומגעקוקט. אבראמעק האט גענומען שמייכלען און דערפאר האט לערנער זיך אפגעשטעלט. דאס פעקל דווקא פאר זיך געהאלטן, און האט זיך באמיט ארויסצוברענגען א שמייכל.

— איז וואו-זשע גייט מען עס? אין גאס אריין? אין גאס איז נישט רויק.

אבראמעק האט אלץ אזוי געשמייכלט. האט לערנער צוגענומען די אויגן פון דעם יינג און שוין געפרעגט בא דינהן:

— און וואס מאכט איר, דינה?

— א דאנק.

— אויב מען וויל אזוי וויסן, האט מען דאך געקענט ארויפקומען פרעגן? — האט אבראמעק א זאג געטון. נאר לערנער האט אויף דעם גארנישט געענטפערט, ווי ער וואלט גארנישט געהערט, וואס אזא יינג זאגט.

— און ווי פילט איר זיך?

— בעסער.

בליומע איז געשטאנען אומרויק. ווי דערמיט, וואס זיי האבן זיך דא אפגעשטעלט קענען זיי ערגעץ פארשפעטיקן. לערנער האט נישט געוואוסט, וואס ווייטער צו טון, האט ער אנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן, האט באקומען א פארזארגטקייט אויף די נישט ראזירטע באקן. בליומע האט שארפער א קוק געטון אויף אים: איר איז אויסגעקומען, אז ער איז נידריקער געווארן...

— א שווער בעקל — האט אבראמעק א זאג געטון.

— אין שטאט איז שוין א בהלה... האב איך דערווייל איינגעקויפט פאר דער שטוב: א פאר פונט צוקער, א ביסל גרויפן...

אזוי האט לערנער געזאגט, ווי ער וואלט זיך פארענטפערט. אבראמעק האט נישט אראפגענומען די אויגן פון דעם פעקל און דער שמייכל איז אים אלץ נישט אראפ פון זיינע ליפן:

— א שווער פעקל, זע איך... גיט אהער וועל איך עס אייך צוטראגן...

און אויסגעשטרעקט די האנט.

— מוחל!... — האט זיך לערנער געגעבן א רוק־אפ — עס איז גארנישט אזוי שווער... און איך שטיי שוין בא דער שטוב... צום ווידערזען... זייט פארזיכטיק אין גאס...

האט זיך אויסגעדרייט און מיט גיכע טריט אריין אין הויף אריין.

— צוקער טראגט ער! — האט אבראמעק א זאג געטון — שיינער צוקער!

נאר בליומע האט נישט געענטפערט. דינה האט איבגאנצן נישט געהערט. זיי האבן זיך געאיילט ארויסצוקומען אין גאס אריין און מיט אייגענע אויערן דערהערן די בשורה, וואס זיי האבן אזוי דערוואַרט...

די ביעלינסקי גאס האבן זיי געטראפן א שטילע. נאר עפעס איז פארט נישט שטיל געווען. פאר די הויפן זענען געשטאנען יונגע און עלטערע מענטשן. געשטאנען, אזוי ווי אלע וואלטן געוואַרט אויף א פאראד, וואס דארף זיך באלד אנהייבן... ס'האט זיך געפילט, אז אלץ איז פאר-

באַ־גן און פאַרשטעלט. לעבן דער „יונקערסקי אומשילישטשע" איז איצט געשטאַנען אַן איינציקע פור. אַ צעטומלטער אַפּיציר איז געשטאַנען אויסגעשטרעקט און געוואַרט די צוויי זעלנער זאָלן אַרויפלייגן די איבעריקע זאַכן. פון שטאָט־צענטער איז אַלע ווײַלע אָנגעקומען אַהער אַ שטילער מענטש מיט גיכע, פאַרנאַכטיקע טריט. האָט געטראָגן אין דער האַנט אַ לאַנג, ווייס ברויט, אָדער עפּעס אַ פּעקעלע אין פּאַפּיר פאַרפּאַקט. אַז אַזעלכער איז צוגעקומען צום הויף, וואו ער האָט געוווינט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און די שכנים האָבן אים אַרומגערינגלט, מיט די קעפּ צו אים געבויגן און מיט אויסגעשפּיצטע אויערן, ווי ער וואָלט עס געקומען פון אַן אויסשפּירונג.

— וואָס זשע הערט זיך?

— איז טאַקע אמת?

— זיי גייען שוין טאַקע?

— וואָס האָט איר געהערט אין גאַס?

— איר קומט דאָך פון גאַס, וואָס־זשע טוט זיך דאָרט?

און דער אָנגעקומענער האָט געהאַט ערנסט מידע אויגן, ווי ער וואָלט זיך פון עפּעס נאָר וואָס געראַטעוועט און געענטפערט מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים:

— דערווײַל איז נאָך שטיל... נאָר אַ ליאַדע מינוט קאָן עס זיך אָנהייבן... עס הענגט אויף אַ האָר.

— אַזוי? איז עס דאָך טאַקע אמת...

— די קלייטן זענען פאַרמאַכט... מען האָט מורא צו עפענען... גייען אָבער אַרום אַפּיצירן און הייסן עפענען...

— אַזוי?

— און אַז מען עפנט, גייען זיי אַרײַן, נעמען, וואָס זיי ווילן און הייסן מאַנען בײַ גאָט...

— באַצאָלן נישט?

— זיי ראַבעווען! — גיט איינער אַ זאָג און עס ווערט אַלץ פאַרשטענדלעך.

דינה און בליומע זענען שטיין געבליבן אויף ראָג אַטראַדנע, וואָס גיסט זיך אַרײַן אין ביעלינסקי. אַבראַמעק האָט אָבער נישט געקאָנט איינשטיין. האָט ער זיך אָפּגעריסן פון זיי און האָט אָוועקגעשפּאַנט אַ קוואַרטאַל ווײַטער, האָט אַרײַנגעקוקט אין דער נאָוואַריבנע, וואָס שנײַדט זיך אַרויס פון דער ביעלינסקי. האָט ער אויך די גאַס געטראָפן ליגן אַ

שטילע, א לײדיקן קארידאר. די רעלסן פון טראמװײ זענען געלעגן און געדרימלט, האט ער צוגעשפאנט צו א טויער, װאו א רעדל מענטשן זענען געשטאנען און געשװיגן מיט פארזארגטע אויגן, װי עס קוקן ײדן פאר־נאכט נאך א תענית־טאג און װארטן אויף שטערן אין הימל.

איז אנגעלאפן א ײנגערמאן מיט א סוחריש־צעשראקן פנים, אײנ־געפאלענע באקן און אויפגעהויבענע אקסלען, האט געהאט פארפרעסטע ליפן, און זיך געגעבן א שטעל אפ באם רעדל מענטשן:

— א?

— װאס זשע?

— אויף מאלדעװאנקע האט זיך אנגעהויבן... אפיצירן זענען דארט אװעק ראבעװען אין די קלײטן... נו, נו, לאזט מען זײ נישט... גיט מען טאבאק צו שמעקן...

— אזוי?...

— װער זשע לאזט נישט?

— װײס איך? שוין דא אזעלכע, װאס לאזן נישט... מאלדא־װאנקע!

אבראמעק איז אװעק מיט דער בשורה צו די מײדלעך:

— שוין... זיך אנגעהויבן... אויף מאלדאװאנקע.

אויף דער גאס האט זיך באװיזן א חברה קלײנע שקצימלעך. זײ האבן געטראגן אין די שמוציקע הענט גרויסע געלע שיך מיט גלאנציקע שטיפטן אויף די פאדעשװעס. צװישן זײ איז געגאנגען א הויכע, דינע גויע מיט א לאכעדיק נאריש פנים און דיקע ליפן. זי האט געטראגן אין די הענט א נײ פעלצל און האט עס געהאלטן צונויפגענומען: אין דעם איז עפעס געלעגן. אויפן אקסל — א פאר נײע שיך פארװארפן.

— װאס איז עס פאר א שיך? — האט אבראמעק א פרעג געטון בא א שגצל.

דאס שגצל האט געשפאנט גאװהדיק און נישט געענטפערט; האט באר שעלמיש א װינק געטון מיט די אויגן און זיך אנגעבלאזן מיט גרויס־קײט.

א צװײטער האט זיך בארימט:

— ענגלישע שיך... דארט אין פארט ליגן גאנצע שטויסן... אלע נעמען... גוטע אפיצירן... זײ גיבן!

— אהא: װאס עס טוט זיך דארט שיך... און פעלצלעך... אלע

„אונזעריקע" נעמען... זשידעס גיט מען איבער די הענט... זיי קומען באלד נישט.

— שווייג דו הונט! — האט די הויכע דינע גויע זיך אנגע־רופן — וואס האסטו זיך צעפלאפלט דארט... נישטא פאר אלץ קיין ארט אויף די שיפן, האט מען עס צעשיט; נעמט וויפיל איר ווילט! האבן מיר גענומען... און „בנארד" איז דארט! אוי גאט! ווי די פליגן.

דינה האט א פרעג געטון:

— נו, און זיי לאזן נעמען?

— וואס דען וועלן זיי מיט דעם טון? אין זויערן איינמארינירן? זאלן זיי נישט לאזן! — האט זיך די גויע נאריש צעשמייכלט — אז זיי האבן עס נישט וואו צו נעמען סיי ווי סיי... זיי אליין האבן נישט גענוג ארט.

— זיי גייען טאקע אוועק? — האט בלומע א שמייכל געטון.

— זיי גייען? מען טרייבט זיי. אוי טרייבט מען זיי... און אן ענגשאפט איז דארט! אוי מאמעלע! גאנצע זעק צוקער זענען דארט צעווארפן... שיך... פעלצלעך... אט האב איך געכאפט א ביסל צו־קער.

זי האט געגעבן א צעעפן דאס פעלצל און עס האט געגעבן א ווייס ארויס זאמד־צוקער אויסגעמישט מיט שטרויעלעך.

— גאנצע זעק צוקער, מעל, גרויפן ווארפן זיי אין וואסער אריין.

דערווייל זענען צוגעקומען נאך עטלעכע יידן. צווישן זיי — איי־נער א דיקער גוי מיט א שווארץ בארעבקאווע היטל אויפן קאפ. ער האט געהאט שווארצע, לאנגע וואנסעס און האט אויסגעזען, ווי א פאר־שטעלטער.

— אין פארט געכאפט? — האט ער איבערגעפרעגט.

— עס וואלגערט זיך דארט אונטער די פיס.

מיט אמאל האבן זיך אלע געגעבן א גלייך אויס און א קוק־אום: ערגעץ האט עס א שאס געטון מיט הילכעדיקע קנאקערייען, ווי מען וואלט געגעבן א שיט אויס שטיינדלעך איבער א בלעכענער פאד־לאגע:

— טיק־טיק־טיק־טיק.

— אהא! ס'הייבט זיך אָן! — האָט עמעצער אַ זאָג געטאָן.

די פּנימער זענען געוואָרן ברוגזע. דער גוי מיטן בּאַרענקאָוועץ היטל איז אויסגעטרוקנט געוואָרן.

— אויף מאַלדעוואַנקע! — האָט אַבּראַמעק אַ זאָג געטאָן. אַ שמייכל האָט פון זיינע אויגן איבער זיין פּנים אַראָפּגעפּליסט.

לעבן „יונקערסקי אָטשילישטשע", האָט דער אָפיציר גענומען שרייען און מאַכן מיט די הענט בּייזערנדיק זיך; איין זעלנער איז גלייך אַרויפגעשפּרונגען אויף דער פור און געכאַפּט די לייצעס אין האַנט; דער צווייטער האָט מיט אַ שפּרונג זיך אַרויפגעכאַפּט בּלייבנדיק זיצן אויפן ווענטל פון וואָגן מיט אַראָפּגעהאַנגענע פיס; פון דער געבּיידע איז אַרויסגעלאָפן אַ דריטער מיט אַ בּיקס אין האַנט, איז אויך אַרויף אויף דער פור, און דער וואָגן האָט גענומען לויפן איבער דער גאַס קלאַפּנ-דיק מיט שפּרינגענדיקע רעדער.

— רוקט זיך אָפּ... ער האַלט אַ בּיקס...

אַזוי האָט עמעצער אַ זאָג געטאָן. אַלע האָבן זיך געגעבן אַ ריס פון די ערטער; זיך גערוקט מיט געלאָסענע, פאַרזיכטיקע טריט טיפער אין דער זייטיקער גאַס אַריין.

דינה האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. איז געשטאַנען אַזוי, ווי זי וואָלט הנאה געהאַט פון שטיין אַנטקעגן דער בּיקס, וואָס בּאַם זעל-נער אין האַנט. בּליומע איז אויך שוין שטיין געבּליבן, נאָר אַבּראַמעק האָט זיך צוגערוקט נענטער צו דער וואַנט פון הויז, וואָס איז געשטאַנען אין ראָג.

דער וואָגן איז פאַרבּייגעלאָפן איבּערגעלאָזט נאָך זיך אַ קנאַקעדיק זשומערײַ, וואָס האָט זיך, ווי אַ פאַס אויסגעצויגן אין אָוונט אַריין און גע-לאָזט אין גאַס אַ ווידער-קול. עס איז טונקעלער געוואָרן אינדרויסן. אַ ווינט איז פון ערגעץ אַנגעקומען און אַ בּלאָז געטאָן מיט מרה-שחורה. די נאַקעטע בּיימער האָבן זיך צעשאַרכט בּאַ די זייטן גאַס. יידן זענען צו-ריקגעקומען פון דער זייטיקער גאַס און ווידער שטיין געבּליבן אויף ראָג בּיעלינסקי. פון אַ דערבּייִיק געסל האָבן זיך מיט גיכע, דרייסטע טריט אַרויסגערוקט עטלעכע יונגע מענטשן, ווי דאָס שיסערײַ, וואָס איז געקו-מען פונדערווייטנס, וואָלט זיי פון זייערע בּאַהעלטענישן אַרויסגערופן. האָבּן זיי געשפּאַנט הויכע, פאַרבּיסענע, ברייט-פּלייציקע. האָבן געצויגן אין איין אָטעם זייערע פּאַפּיראָסן, און זענען אַוועק מיט דער נאַוואַריבּ-נאַ, האַלטנדיק איינציקע שטייפע הענט אין קעשענעס פאַררוקט.

פונדערוויטנס האט עס געשלאגן מיט איינציקע ביינערדיק־קלינגענ־דיקע, טעמפּע הילכן.

מיטאמאל האבן אלע דערזעען:

איבער דער גאס האט געשפּאנט א גרופּע יונגע אפיצירן; אלע אין גריע, לאנגע שינעלן און מיט ביקסן אויף די אקסלען. זיי האבן גע־שפּאנט איילנדיק און שטיל, ווי זיי וואלטן זיך אונטערגעגנבעט אונטער־צוציינדן א שטאט. פון די היטלען אראפּ האבן פארנאכטיק געוואונקען די צייכנס פון „הייליקן־רעטונגס־באטאליאן״ און די פּאלעס פון די שינעלן האבן געקלאפּט איבער די כאלעוועס פון די שטיוול. פאר זיי איז גע־גאנגען אן עלטערער אפיציר, א נידעריקער פּארשוין מיט טונקל בלוט אין פּנים; ווייסע, פארקלעמטע ציין האבן געוואונקען פון אונטער דער אויפגעהויבענער אויבערשטער ליפּ מיט שווארצע וואנסעס. ער האט מיט דער לינקער האנט אונטערגעהאלטן זיין שווערד, זי זאל זיך נישט פּלאנ־טערן צווישן די פיס, און אין דער רעכטער — זיין באקעטן רעוואלווער. אלע האבן זיך געטראגן אימפּעטיק, אנגעשטרענגט, פארביסן, אטעמענ־דיק שווער דורך די צעברייטערטע באז־לעכער און מיט פארפרעסטע ליפּן.

די יידן האבן זיך געלאזט שפּאנען טיפער אין דער דערבייקער גאס אריין. בליומע האט א זאג געטון:

קום דינה... — עס ווערט נאכט.

— זיי מעגן גיין... ס'וועט זיי שוין א סך העלפן — האט אברא־מעק דורכגעשמייכלט דורך די ציין.

אין שטוב זענען אלע דריי אריינגעקומען מיט שטילער פריילעכ־קייט און אויפגעלייגטן געפילדער. אלע דריי זענען גלייך אריין אין גרויסן זאל און דארט געטראפן א שטילע מרה־שחורה: לערנער איז געזעסן בלייך, שטארק אומרואיק; ער האט אויסגעזען, ווי ער וואלט גע־פאסט שוין עטלעכע טעג. א מידקייט, א צעשראקנקייט האט אראפּגעקוקט פון זיין פּנים. דער אלטער עטינגער איז געזעסן אן אנגעבלאזענער, ווי עמעצער וואלט אים א גרויסע עוולה געטון, און ליע האט זיך געער־געריט רעדנדיק דורכן טעלעפאן:

— אזוי? אלע זענען אוועק? א?... וואס זאגט איר? עס מאכט נישט אויס... וועט איר בלייבן שלאפן בא אונז... איר פארט גלייך? גוט... א? איר וועט זעען, ווי עס זעט אויס אין גאס? גוט... גוט... מיר ווארטן.

זי האט אוועקגעלייגט דאס טעלעפאן־רערל און געזאגט פארזארגט און רויק:

— אין זאוואד איז קיינער נישטא. אלע ארבעטער זענען זיך צע־לאפן נאך מיט א פאר שעה צוריק. דארט איז שוין א צעמישעניש. אויף מאלדעוואנקע שיסט מען. אויב מען וועט קענען פארן — כאפט ער א דראזשקע און קומט באלד. ער וועט שוין דא מוזן בלייבן נעכטיקן.

— און פארקויפט האט מען טאקע גארנישט? א! נישט געלוינט!! איצט, זיך און ווארט ביז זיי וועלן אמאל חשק האבן אוועקצוגיין... גוט געמאכט! — האט דער אלטער אי געפרעגט, אי גלאט געזאגט; האט זיך אנגעבלאזן, נישט אויפהייבנדיק די אויגן אויף לערנערן.

— וויפיל מען האט געקענט, האט מען געטון. דאס וואס מען האט געקענט פארקויפן, האט מען פארקויפט — האט לערנער געענטפערט — איך ווייס נאר נישט צי מען האט היינט באוויזן ארויסצונעמען די סחורה... אויב יא — האט בורמאן דאס געלט... איך אליין — —

לערנער האט זיך פארהאקט אינמיטן רעדן. האט געווארפן א צע־רודערטן בליק אויף די דריי, וואס זענען אריינגעקומען מיט אזא אימפעט, ווי עס וואלט זיי א גליק צוהאנען געקומען... האט באמערקט, ווי אבראַ־מעק באהאלט א בייזן שמייכל אונטער דער נאז, האט ער זיך צוגעבויגן צום אלטן און א זאג געטון:

— שפעטער...

— ס'איז נאך נישטא קיין טיי? — האט אבראמעק א פרעג געטון מיט א קלארער שטים, וואס האט מיט פארבארגענער פרייד א שאל גע־טון, — מיר האבן זיך אזוי אנגעפרוירן... וואו איז דער סאמאוואר?

— מער ליגט אים איצט נישט אין זינען — האט לערנער א ברום געטון.

בלימע האט מיט פארבארגענער פרייל־עכקייט אונטערגעכאפט:

— איך וואלט אויך געטרונקען... און דינה וועט אויך טרינקען... וועסט טרינקען טיי, דינה?

זי האט עס געפרעגט אזוי אויפגעלייגט, אז ליע האט זיך אומגע־

קוקט אויף איר מיט וואונדער, ווי זי וואלט געפרעגט: וואס איז עפעס בלוצלינג די שמחה?

בליומעס אויגן זענען איצט געווען געצונדן. די ברוינקייט זייערע האט געבלישטשעט מיט גאלד און אויף אירע מאט-ווייסע באקן האט זיך א פארב געשפילט. דער אלטער האט זיך דערוויל פארקוקט אויף דער טאכטער און מיט אזעלכע בליקן, ווי ער וואלט זי שוין לאנג נישט געזען: זי איז געווען ערגעץ אין דער פרעמד און איז נאר וואס אהיימגעקומען... האט ער איצט דערקענט איר אויפגעלייגטקייט און א טאטיש שמייכעלע האט זיך ארויסגעגנבעט אויף זיינע ליפן.

ליע האט געזאגט מיט פארדראס:

— ווען איז דען דער סאמאוואר פארטיק אזוי פרי? ס'איז דאך נאך גרויסער טאג?

נאר בליומע האט עפעס נישט געהערט אירע רייד: זי האט געעפנט די טיר און גערופן אין קארידאר אריין:

— אניא! אניושא?!

— אט וועל איך אליין גיין זען, וואס עס הערט זיך מיטן סאמאוואר — האט אבראמעק פריילעך אויסגערופן און ארויס אונטערשפרינגענדיק.

לערנער האט זיך אלץ געחדושט מיט פארפרעסטע ליפן: וואס איז פארט מיט זיי די גדולה? זע נאר ווי זיי קוועלן!...

דינה איז געזעסן שטיל און ס'האט פון איר געשמעקט מיט פרישן שמייכל. בליומע איז געווארן שטארק רירעוודיק: האט נישט געקענט איינשטיין אויף קיין ארט. איז זי צו צום פענצטער, געכאפט א קוק אויפן אוונט, וואס האט זיך אין דרויסן אראפגעלאזט, איז ארויס אין קארידאר, איז אריין צו זיך אין צימער, געגנישטערט בא זיך אויפן טישל, איז באלד צוריק אריין און מיט איר — א ווינט, וואס האט זיך געטריבן מיט די פאלדן פון איר קליידל, וואס זענען געלאפן ארום איר מיט פרייד.

— און דו, דינה? וואס מאכסטו? — האט דער אלטער געפרעגט.

— א דאנק...

ס'איז געווען אזוי מאדנע: ליע מיט לערנערן האבן שטארק געשוויגן און בליומע מיט דינהן האבן געהאט פרישע, פריילעכע פנימער.

דער אלטער האט עפּעס אי געשוויגן, אי געקוקט מיט פריילעכקייט אויף דער טאכטער.

בליומע האט אלץ נישט געקענט איינזיצן. געלאפן אריין און ארויס מיט אזעלכע זינגענדיקע, פרייליכע טריט, ווי זי וואלט גע־שוועבט אין א פארטראכטן טאנץ. די לאנגע צעפּ אירע האבן אויך נישט געקענט איינרוען. בא יעדן מאל, וואס זי האט זיך אויסגעדרייט, האט א ווינט זיך א יאג געטון, אזוי גיך און געשיקט האט זי עס גע־מאכט, אז אלע אויגן האבן איר נאכגעקוקט מיט וואונדער: א נייע בליומע.

— עפנט! — האט זיך דערהערט אבראמעקס שטים.

— אט, שוין... שוין... — האט געענטפערט אניאס קול.

אניא האט געעפנט פאר אים די טיר, און אבראמעק האט מיט גע־ציילטע טריט אריינגעשפּאנט טראגנדיק דעם סאמאוואר מיטביידע הענט. דער סאמאוואר האט געשריגן פון זיך, אז א פארע האט געשלאגן פון אים פון אלע זייטן. דורך די אונטערשטע לעכלעך האט דאס פייער רויט ארויסגעבליאסקעט מיט ליכטיקע בלישטשען און געוואונקען אין טונקלקייט.

— פארזיכטיק דער „פאניטש" וועט זיך נאך אפּפּארען — האט אניא געלאכט.

פלוצלינג, עפּעס גאר נאענט, אונטערן פענצטער, האט זיך צעשאטן א שאס און נאך א שאס און באלד — אין איין אטעם, איינס נאכן אנ־דערן, ווי עס וואלטן געשפּרונגען קארקעס פון פלעשער מיט שארפע גע־טראנקען, וואס עקספּלאדירן.

אלע זענען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער. ליע האט זיך א ריס געטון אויפצושטיין און צודיקגעפאלן אין שטול.

— וואס־זשע האט איר זיך אזוי דערשראקן? — האט אבראמעק חוזקדיק א קוק געטון אויף לערנערן — ווארט צו: עס הייבט זיך ערשט אן! זיי שרעקן זיך שוין! נאך צייט...

אבראמעק איז צוגעגאנגען הארט צום פענצטער. איז שוין לערנער אויך צוגעגאנגען. און —

עטלעכע אפיצירן, וואס האבן געוואוינט אין שכנות פון עטינגערן, זענען געשטאנען צעטומלט אויף דער גאס ארום א פירל, אויף וועלכן עס זענען געזעסן זייערע צעשראקענע פרויען און קינדער, מיט ציטערדיקע

ליבן און גרויסע אויגן. די אפיצירן האבן געהאלטן די רעוואלווערן אין די אויסגעצויגענע הענט און אלע ווײַלע, הערנדיק פונדערווייטנס א שי־סעריי, האבן זיי פונדאנען געענטפערט.

און ווידער:

טראך! טאך! טאך:

— רוקט זיך אפ! רוקט זיך אפ פון פענצטער! — האט לערנער דער ערשטער אוועקגעכאפט דעם קאפ.

האט זיך פלוצלינג אפגערופן צו אבראמעקן מיט א בעטנדיק קול:

— גיב א לויף אראפ נאך טאניען... זי איז אליין מיטן קינד און דער דינסט... זי שרעקט זיך געוויס.

— פארוואס־זשע שטייט איר?

אזוי האט אבראמעק חוזקדיק א פרעג געטון און לערנער האט גענומען פינטלען מיט די אויגן.

דערווײַל האט זיך דערהערט א קלאפן אין דער טיר. ליע האט זיך איצט אויפגעשטעלט, און איר פנים איז געווארן צעטומלט. לערנער איז ארויס אינו קארידאר ארײַן. ס׳איז טאקע געוועזן טאניע מיטן קינד.

זי איז ארײַן אין זאל אן אטעם.

— אוי... מען שיסט דאך אין גאס.

דאס ייִנגל מיטן בלאנדן קעפל און פולע, צעגאסענע בעקלעך, האט גענומען ציען דאס פנים צום וויינען.

ס׳איז גארנישט... זיי נעמען דעם וועג... סטר׳אשן זיי דערווײַל די גענז... זיי וועלן דאנקען גאט, אז זיי וועלן זיך ארויסכאפן פון שטאט מיט גאנצע ביינער... נארישקייטן!

אזוי האט אבראמעק א זאג געטון און מיט אזא זארגלאזיקייט, אז די שרעק איז באלד אויסגעוועפט געווארן. די פנימער רויקער; דאס ייִנגל האט זיך נישט צעוויינט.

ס׳איז שטיל געווארן. ערגעץ ווייט נאר האבן אפגעהילכט די קלעפ פון ביקסן און קוילנווארפער.

צוריק האט זיך אראפגעלאזט א מרה־שחורה אין שטוב. טאניע האט שווער געאטעמט, זיצנדיק מיט גרויסע אויגן. בלומע האט דעם ייִנגל דערווײַל דערלאנגט א קיכעלע אין די הענטלעך ארײַן און לערנער האט שטיל אפגעזיפצט.

איבער דער שטילער גאס האט זיך א דראזשקעצ עשריגן. פערדי־שע פאדקאווע האבן געקלאפט און געציילט הילכיקע קלעפ איבער די שטיינער. פאר דער שטוב איז שטיל געווארן: דאס פערד האט זיך אפ־געשטעלט און ארויסגעלאזט א כארכל דורך די נאז-לעכער.

— דאס מוז זיין הער בורמאן! — איז ליע צו צום פענצטער — יא... דאס איז ער טאקע...

האט זיך אפגעקערט פון פענצטער און זיך צוזאמענגעטראפן מיט אבראמעקס אויגן... האט זי גלייך צוגענומען אירע אויגן און גע־זאגט:

— אט וועלן מיר באלד וויסן, וואס עס טוט זיך אויפן זא־וואד.

און גערופן:

— אניא? אניא! דעם לאמפ גיב אריין!

— באלד... די מינוט! — האט זיך געהערט פון קארידאר אן ענטפער.

קאפיטל זיבן.

דער אלטער עטינגער איז געלעגן אין בעט מיט אפענע אויגן. אין גרויסן שלאף-צימער איז געווען א גרוילעכע פינצטערקייט. א שפיגל האט געקוקט מיט פארלאפענעם גלאנץ, ווי א רויק טייכל אין דער נאכט. פון גאס האט זיך דערטראגן אן אומרויקייט. אים איז אויסגעקומען, אז ער הערט פארטויבטע געשרייען, וואס וואיען אויסגעצויגן און שטיקן זיך. פון ווייטע צו ווייטע האט זיך ערגעץ צעשיט א שיסעריי; פון פארשידענע זייטן איז עס געקומען, ווי סיגנאלן וואלטן זיך צונויפגערעדט... איז ער געלעגן און האט נישט געקאנט איינשלאפן. אין אים איז געווען א בלינד געפיל, אז מען האט אים עפעס אפגעטון, כאטש אים איז נישט איינגע־פאלן וואס אזוינס. אין צווייטן בעט איז ליע געלעגן און ער האט געפילט.

אז זי שלאפט אויך נישט. כאטש געלעגן איז זי שטיל, ווי פארזונקען אין שלאף. זי האט זיך אלע ווײלע איבערגעדרייט פון זייט אויף זייט; א ריח פון אומרו האט געשלאגן פון איר געלעגער.

— ליע? ליע!

— וואס איז?

זי האט עס געפרעגט מיט אזא שטים, ווי זי וואלט זיין קול דערהערט אין מיטן שלאף און זי שטרענגט זיך אן אים צו ענט־פערן.

— דו הערסט, וואס עס טוט זיך אינדרויסן?

— הא? — און מער נישט געענטפערט: צוריק פארזונקען אין שלאף.

האט שוין עטינגער געשוויגן. נאר געפילט האט ער, אז זי שלאפט דאך נישט. און עס האט אים פארדראסן, פארוואס זי איז נאך נישט איינגעשלאפן. האט געוואוסט, אז זי באהאלט זיך פאר אים...

מאדנע: אים איז אויסגעקומען, אז קיינער אין שטוב שלאפט נישט. אלע מאכן זיך בלויז שלאפנדיק, אבער שלאפן נישט. איבער דער וואנט איז געווען דאס צימער, וואו בורמאן איז געבליבן נעכטיקן. אויך פון דארט האבן זיך אין דער שטילקייט אנגעשלאגן ווייכע טריט. ער האט די טריט נישט געהערט, און דאך געהערט. דאכט אים אפילו, אז עמעץ פארקעט זיך דארט באם פענצטער. וואס־זשע, זאל ער דארט האבן גע־עפנט דאס פענצטער? ס'קאן נישט זיין: ס'איז דאך אזא קעלט אין דרויסן...

אן אומהיימלעכקייט האט געגעבן א שלאג אויף, ווי פון אונטער א צודעק, וואס האט געפלאצט; האט געגעבן א פלייץ ארויס און אלע גלידער פארגאסן. ער האט זיך דערפילט אין דער פרעמד, אין נישט זיכערקייט.

איצט האט ער אין זיך א טראכט געטון:

א נארישקייט... א גרויס נארישקייט געווען צו בלייבן זיצן דא אין דעם תהו ובהו... עס וואלט שוין געווען א סך גלייכער, ווען ער פארקויפט אלץ אויס מיט א פאר חדשים פריער און פארט גלייך אודעק קיין אויסלאנד... ווי אנדערע האבן געטון... צוואס? צוואס האט ער גענומען און זיך „געלייגט מיט א געזונטן קאפ אין א קראנק בעט אריין?"

ערשט איצט דערמאנט ער זיך: ער האט דאך טאקע געהאט בדעה

אזוי צו טון, נאר ליע האט זיך פשוט צעלאכט, ווען ער האט איר גע־
זאגט וועגן דעם. זי האט זיך אזוי צעלאכט, ווי ער מאלט געזאגט דאס ווילדסטע נארישקייט, וואס א מענטש קאן אמאל זאגן... און ער — ער האט זיך דערפון אינגאנצן פארלוירן.

— וואס א מענטש קאן איינפאלן, כא־כא־כא! אהעקפארן?

ער האט אפילו נישט פארשטאנען, וואס דא איז פארהאן אזוי צו לאכן, נאר ער האט מער קיין מוט נישט געהאט. דערצו איז זי געווארן אזוי גוט און צוגעלאזן, ווי זי וואלט געדארפט עפעס פועלן בא אים.

— מען קומט נאך נישט, נישטא וואס צו לויפן, ס'איז ווינטער, וואו וועסטו זיך וואלגערן? דא האסטו דיין היים, דיין ארט, וואס־זשע... און אז זיי וועלן אפילו קומען? וועלן זיי ווידער זיין א ביסל און ווידער אנטלויפן...

— איז וואס־זשע איז זי איצט אזוי אומרויק? וואס־זשע ליגט זי און קאן נישט איינשלאפן? זי האט דאך אליין געלאכט פון מיין צע־שראקנקייט און איצט — —

ווידער געפילט, אז זי איז וואך. אז זי וויל נאר מאכן דעם אנ־שטעל, ער זאל מיינען, אז זי שלאפט...

אין דער נאכט האט זיך אויפגעהויבן א שרעקלעכע שיסעריי. פון אלע זייטן און ווי א שטורם האט זיך דאס הילכנדיקע שיסעריי אנגעטראגן. עטינגער האט אויפגעציטערט, שוין געוואלט זיך אויפזעצן, נאר מיטן זעלבן אימפעט, מיט וועלכן דאס שיסעריי איז אנגעלאפן, איז עס אפגעלאפן. ס'איז צוריק שטיל געווארן. פון ערגעץ האט זיך דערקייקלט א שפרינגען פון רעדער איבער הארטע שטיינער. א וואגן האט זיך פאר־ביי דער שטוב דורכגעטראגן, די שטילקייט אויפגערודערט, האט אוועקגע־קנוילט און זיך דערווייטערט.

בלומע האט אויך געעפנט די אויגן, דערהערנדיק אין איר צימער דאס שפרינגען פון די רעדער. איר איז אויסגעקומען, אז דער וואגן לויפט הארט אונטערן פענצטער. נאר צוריק האט זי פארמאכט די אויגן, געבליבן ליגן און אומרויק עפעס דערוואַרט.

בלומע האט אויך נישט געקאנט שלאפן. אין איר האט דאס אומ־געדולד און די דערווארטונג געהאט אויפגעשטורעמט. עפעס אזוי, ווי זי וואלט אינדערפרי געדארפט באגעגענען איר טייערסטן, וואס קומט פון ווייטע לענדער און אויך וועלכן זיווארט שוין אזוי לאנג, קוקט אים אויס פון אלע וועגן. זי איז געלעגן מיט פארמאכטע אויגן און געהערט, ווי

דינה זיפצט אלע ווײַלע אַ לאַנגזאַם און שווער ; ווי זי וואָלט אַז״ געשוימט די פּײַן אירע, וואָס דערגייט שוין ביזן האַלז. זי האָט נישט גע־וואוסט, צי דאָס קומט פאַר אין שלאָף, אָדער אויף דער וואָך. מיטאַמאָל האָט זיך איר געדאַכט, ווי דינה וויינט.

האָט זי געגעבן אַן עפן אויף די אויגן :

— דינה... דינה...

— אַ ? — האָט יענע איבערגעפרעגט.

— דו שלאָפסט נישט ? דינה !

— כ'ווייס אַליין נישט...

מיטאַמאָל איז בלומען אײַנגעפאַלן :

— הערסט, דינה ?

— וואָס ?

— ווי נאָר זיי קומען... גיי איך אַרײַן אין דער פּאַר־טיי.

— אין פּאַרטיי ?

און ביידע זענען שטיל געוואָרן. אַ ווײַלע האָבן ביידע גע־טראַכט דרימלענדיק, נעפּלדיק. מיטאַמאָל האָט דינה אַ זאָג גע־טון :

— זאָל זיך נאָר דוד אָפּזוכן.

— וואָס זשע ?

— וועסט שוין זען... אַך... אַך... ווי דער פאַרשאָלטענער פּאַליאַק האָט עס געהוזקט... און דעם דירעקטאָרס זינדל... ווי אַ שלאַנג האָט ער געשיפּעט... און מרים... מרים האָט אַזוי יאָמערלעך גע־שריגן... און...

דינה האָט אַ שוידער געטון. האָט זיך פאַרהאַקט אינמיטן און שטיל געוואָרן. בלומע האָט צוריק פאַרמאַכט די אויגן און גענומען צוריקקערן צו איר טראַכטונג : ווידער איז צוריקגעקומען יענער זומער־דיקער אָוונט און דוד האָלט איר האַנט אין זײַנער. אָט באַלד וועט ער זי צוציען צו זיך. נאָר דאָ האָט זיך דינה געגעבן אַ זעץ אויף אין איר בעט און בלומע האָט צוריק געעפנט די אויגן.

אין טונקלקייט פון צימער האָט זיך געבלייכט דינהס געשטאַלט. זי האָט אַזוי געלאָסן און פאַרביטערט געזאָגט, ווי זי וואָלט זיך ענדלעך דערטראַכט צו דעם :

— און פארוואס, בליומע, פארוואס האבן מיר יידן אזא קורצן זכרון, הא?

בליומע האט זיך אויך אויפגעזעצט.

— מיר האבן דאך אזא קורצן זכרון... אז מען באליידיקט אונז מיט א ווארט, ווען מיר עס קיינמאל נישט פארגעסן. כאטש יעדער איז אן אייגענער, א באעקנטער... און אז א פרעמדער, אז א רוצח פייניקט אונז... הרגעט אונז... אנטלויפן מיר און פארגעסן. הא? פארוואס פאר-געסן מיר?

איז א ווײלע שטיל געבליבן און פארענדיקט מיט עקשנותדיקער רויקייט:

— און איך וועל נישט פארגעסן... און דוד וועט אויך נישט פארגעסן... איך קען נישט פארגעסן.

בליומע האט גארנישט געענטפערט. זי האט קלאר נישט פארשטא-נען, וואס זי מיינט.

שוין צוריקלייגנדיק זיך האט דינה געזאגט:

— איך ווייס: דוד קען אויך נישט פארגעסן... ער פארגעסט נישט...

בליומען איז א שטילע פרייד באפאלן פון די ווערטער. א קלינגענ-דיק געלעכטער האט אין איר א בלאנדזשע געטאן. האט זי זיך צוריקגע-לייגט און צוריקגעקערט צו איר טראכטן.

„ווארעם איז זיין האנט... ער קוקט מיט אזעלכע ליכטיקע שווארצע אויגן... קיינער האט נישט אזעלכע ליכטיקע אויגן... דוד... א! דוד...“

— — — — — — — — — — — — — — —

א פראסטיק, טרוקענער טאג האט מיט שנייקע ברעמען אריינגע-קוקט דורכן פענצטער. א בלוילעכע ווייסקייט האט פון די שנייקע אויגן אפגעשלאגן און דאס גאנצע צימער מיט מאטער העלקייט באגאסן. שטיל איז דער טאג אנגעקומען און אין דער שטילקייט האט געציטערט א טעמפער רעש, וואס איז געשטאנען אין ווידערקול פון די שיסערייען, וואס די נאכט האט אין זיך איינגעזאפט. בליומע האט זיך געגעבן א כאפ אויף מיט א ציטער, און ס'איז געווען, נישט ווי זי וואלט זיך איפ-

געכאפּט פון שלאָף, נאָר וואָלט אויפגעקומען פון אַ פאַרזונקען טראַכטן. דער חלום האָט נאָך געדרויכערט און פאַרשפּרייט אַרום איר אַ טרויעריק־צאַרטן ריח, דורך וועלכן עס האָבן געשמייכלט דודס שוואַרצע, קלאָרע אויגן פון יענעם אוונט אַרויס. זי האָט איצט געפילט דעם טעם פון זיינע ליפּן, וואָס זענען אויף אירע געלעגן. האָט זי מיט דער צאַרטער בלייכער האַנט זיך אַ גלעט געגעבן איבער די האָר, ווי זי וואָלט געמיינט זיך אַנשלאָגן אין נאָך אַ האַנט, און דאָס גאַנצע לייב אירס האָט זיך אַנגעצונדן מיט שטיל־פלאַמיקער אומגעדולד. האָט זי זיך ראַפּטום געגעבן אַ זעץ־אויף מיט פאַרהוילענער שרעק, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז זי האָט דעם יום־טוב פאַרשפּעטיקט. זי האָט דערזען דינהן ליגן מיט אָפענע אויגן.

— שטיל געוואָרן... ווייזט אויס: שוין נאָך אַלעמען...

אַזוי האָט דינה געזאָגט און בלומע איז גלייך אַראָפּ פון געלעגער:

— וועלן מיר זיך אַנטון...

ביידע זענען שטאַרק געווען פאַרטון באַם אָנטון זיך. האָבן זיך געאיילט און גאָרנישט געערעדט. דערפאַר האָט דאָס אָנטון בא בלומען געדויערט לענגער ווי געוויינלעך. בלומע האָט געהאַט אַזאַ יום־טובדיק געפיל און זי האָט געשמייכלט צו איר חלום, וואָס איז איינגעזאַפּט געוואָרן אין איר אַריין. זי האָט זיך לאַנג געוואַשן און זיך אַקוראַט און מיט געדולד אַרומגעווישט, ווי זי וואָלט זיך געגרייט צו אַ פייערונג. האָט זיך אָנגעטון דאָס ברוינע קלייד, וואָס איז שטאַרק איינגעפאַלן אַרום איר טאַליע און פון דאָרט זיך צעגאַנגען ברייט אין אַ סך פאַלדן. בשעת מעשה געדענקט, אַז דעמאָלט... ווען זי האָט דאָס ערשטע מאָל אַזוי שטאַרק געוואַרט אויף אים, איז זי אויך געווען אָנגעטון אין אַ ברוין קלייד...

— זעט אויס, די הינט זענען שוין אוועק, שטיל געוואָרן...

דינה איז איצט געווען שטאַרק פאַרביסן און פאַרטון אין עפּעס אַן עקשנות:

— לאָמיך נאָר אָפּזוכן דודן...

— וואו־זשע זוכט מען אים?

— מיר וועלן אים שוין אָפּזוכן... מיר וועלן אים שוין געפינען... נאָך היינט וועלן מיר אים זעען...

בלימע האט געפילט א ווארעמקייט אין פנים און אין די אויגן און זיך געגומען ווידער איילן:

— לאמיר עס מאכן גיכער... דינה... קום אריין טרינקען טיי...

אין דער גרויסער עס־שטוב, וואס איז אויך געווען דער זאל, איז שוין דער אלטער עטינגער געזעסן באם טיש. ער איז געזעסן אנגעברוגזט און מיט שטילער בייזקייט. ליע האט א שווייגנדיקע זיך שוין ארומגע־דרייט אין שטוב. זי איז געווען פארטראכט. אירע אויגן — שווארצער. דאס פנים בלייכער און דער קאלירטער מארגן־ראק איז געווען יום־טוב־דיקער. האט געוואונקען מיט אזוי פיל דינע, דורכזיכטיקע שפיצן און קרוזשעוועס, און אן אנגענעמער שארפער פערפום־ריח האט ארום איר געדויכערט.

בלימע מיט דינהן האבן זיך געזעצט צום טיש. דער סאמאוואר האט שטיל־הייזעריק געווארקעט און א לייכטע מארגן־קעלט האט זיך ארומ־געטראגן אין שטוב. ליע האט אלץ צוגעגרייט צו פרישטיק און אלץ געשוויגן, ווי זי וואלט באהאלטן אירע רייד אויף שפעטער.

אבראמעק איז אריין מיט געפילדער און מיט א געזונט־צערויטלט פנים פון פראסט; מיט ברענענדיקע אויגן פון באגייסטערונג. ער איז שוין געווען אין גאס, געכאפט א קוק און —

— מזל טוב! שוין!...

קיינער האט גארנישט איבערגעפרעגט און דער ייִנג האט אויסגע־לאזט:

— פטור געווארן פון די כוליגאנעס!

דער אלטער האט א קנייטש געטון דעם שטערן און בייז א קוק געטון, ווי האט לערנער געזאגט: „דער ייִנג געפעלט מיר נישט"... א?

— וואס־זשע איז עס מיט דיר אזוי די שמחה, תכשיט מיינער? — וואס פארא מחותן ביסטו דא צו דער התונה?

— ס'איז שוין איינמאל א שמחה... וואס דען, נישט קיין שמחה? איך בין שוין גאר א קנאפער בעלן, אז עפעס א „סוואלאטש" אן אפיציר זאל מיר אריינשיקן א קויל אין קאפ אריין... — האט אבראמעק א זאג געטון, אויסגעדרייט דעם קאפ און געווארפן אן אויסגעצויגענעם בליק אויף דעם ה' בורמאן, וואס איז אריינגעקומען מיט לייטישע טריט, מיט א גלאנציקן קאפ און פרייש ראזירט פנים — האט אזוי א קוק געטון, אז

אויך דינה און דער אלטער האבן זיך אומגעקוקט. און ער האט פאר־ענדיקט:

— אט נעכטן אינדערפרי נאך, איז אויף ביעלינסקי געגאנגען א סטודענט... א יידישער סטודענט... גארנישט... גלאט אזוי דורכגע־גאנגען... א ברויט קויפן... צו וואס... גייט זיך אונטער א „סוואלאטש", א „פאגאניק" און דיר נישט, מיר נישט, א קויל אין פלייצע אריין... אוועקגעלייגט.

— אזוי? — האט דער אלטער אויסגעשטעלט די אויגן — אויף טויט?

— אויף טויט.

מסתם איז ער געווען פון דער חברה! — האט זיך בורמאן אפ־גערופן.

האט זיך אבראמעק געגעבן א דריי אויס און אים ווידער אפגע־מאסטן מיט א שארפן קוק:

— איר אויך? איר זענט דאך נאר א פארוואלטער... אן אנגע־שטעלטער!

און דאס ווארט פארוואלטער אויסגעצויגן מיט א חוזק און סאר־קאזם...

ס'איז געווארן שטיל. דער פארוואלטער האט מאדנע געפינטלט מיט די אויגן און ליע האט זיך מיט שרעק געגעבן א גלייך אויס.

דערווייל איז אריינגעקומען מיט גיכע טריט אניא — די דינסט. דעם קאפ אין א פאטשיילע איינגעהילט, אין דער האנט א קריגל מילך.

— אוי, „באטיושקא" ס'איז אזא צער צוצוקוקן!

— וואס איז? — האט ליע געפרעגט, ווי זיך אנגעכאפט אין אירע רייד...

און די שיקסע האט גענומען רעדן מיט אימפעט און מיט היי־מישקייט:

— אזוי האבן זיי געוויינט... זיי האבן אזוי געקלאגט, די אפי־צירשעס... ווי קליינע קינדער... די אפיצירשעס פון אונזער גאס... באלד באגינען זענען זיי שוין געשטאנען גרייט, מיט די טלומעקעס אויף די פלייצעס... ווי די פויערטעס... און די קינדער... און די „בא־רישניעס"... אלע זענען זיי געשטאנען... און געוויינט...?! שטיל געגאסן מיט טרערן... אוי, „באטיושקא", ווי די קליינע קינדער... און

די אפיצירן האבן געאײלט: גיכער... גיכער! ... עס ווערט שפעט...
און עס גיט א פלי אין א קאזאק! א שרעק, ווי ער פליט! א טשיטשע־ניעץ געווען... „וואשע בלאגאראדיע"... אזוי און אזוי... גיכער צום פארט... זיי זענען בא דער שטאט... גיכער! די „קראסנע" גייען...
„וואשע בלאגאראדיע"... די קינדער מיט ווייבער איבערלאזן... דער קאמאנדיר האט באפוילן...

און ווידער א געוויין. דאסמאל שוין אויף א קול! ... אוי, מא־מינקע! זיי האבן זיך געשלאגן מיט די הענט אין די קעפ... און די אפיצירן זענען בלייך... ווי די טויטע בלייך... צעקושט זיך אין איין אטעם: בלייבט געזונט, טייערע... און זענען אוועק... ווי דער ווינט אין פעלד... און די ווייבער מיט די קינדער... אין די שטובן זיך צע־לאפן... אוי, „באטיושקא"! א שרעק... ערגעץ הערט זיך א שיסעריי...
א באמבע האט אויפגעריסן ערגעץ... אוי, „באושע טי מאי"... א רחמנות... א צער...

— און אז אנדערע זענען איבער זיי געלאפן? איבער די רוצחים? — האט דינה א זאג געטון.

— אויך אמת... — האט די שיקסע שוין א שמייכל געטון — איצט זענען שוין ארבעטער אויף די גאסן... מיט ביקסן און מיט רויטע „באנטיקלעך" און מען שפאצירט ארום אינדרויסן... אלע שכנים זע־נען אין גאס... און באם פארט, זאגט מען — עס טוט זיך דארט חושך...

אבראמעק האט זיך גענומען שאקלען פון אומגעדולד. אזוי שטיי־ענדיק און אויסהערנדיק, האט ער אויסגעזופט זיין טיי און איידער נאך דער אלטער האט באוויזן א ווארט צו רעדן, איז ער שוין נישט גע־ווען.

בלויזמע איז געווען צערודערט און אויפגעלייגט און דינה האט נישט פארענדיקט טרינקען די טיי...

קאפּיטל אכט.

אויף דער גאַס איז געווען אַ פרישקייט און אַ שטילע יום-טובדיקייט.

דער הימל האט מיט פארוואונדערטער בלויקייט געבליקט דורך לייכטן גרויען נעפּל. די זון איז געווען באהאלטן, נאר אַ מאטע ליכטיקע שיין איז רויק געלעגן איבער גאסן און דעכער. די פארגליווערטקייט פון שניי האט נאכגעלאזט, אַ היימיש ווינטל האט שפּאצירט מיט קינדישער פרישקייט. האט עס געבראכט צו טראגן טיפע עכאס פון פעלדער ארום, האט עס געשמייכלט פון ווייטע וועגן, וואס ציען זיך צו דער שטאט; אַ קול פון יונגן פרילינג האט געציטערט אין לייַדיקייט ווי אַ טאָן, וואס זאגט פאר דאס אנקומען פון געזאנג, וואס איז שוין נאענט. די קלייטן זענען געווען פארמאכט. ס'האט זיך געפילט אַ ריח פון חול המועד: מענטשן האבן הולך-בטלדיק שפּאצירט איבער די גאסן מיט נייגיר און וואונדער, האבן שפּאצירט נישט ווייט פון זייערע היימען און האבן זיך אלע ווײַלע אומגעקוקט מיט צווייפל און מיט פארבארגענער שרעק.

אויף די ראגן זענען שוין געשטאנען ארבעטער מיט ביקסן אויף די אקסלען אנגעהאנגען. זענען זיי געשטאנען שטילע, מידע און ערנסטע, ווי נאך אן אפּגעמוטענער שווערער ארבעט. די אויגן האבן געשמייכלט; די מיילער — עטוואס געעפנט, ווי זיי וואלטן שווער אפּגעאטעמט. קוקן זיך ארום מיט צעטומלטקייט: איז שוין טאקע אלץ פאריבער?... יונגע בחורים, הויכע, שטייפע, פארעקשנטע, האבן געשפּאנט דורך די גאסן מיט ביקסן אויף די ברייטע פּלייצעס, מיט צעפלאמטן גלאנץ אין די אויגן און מיט הויכע אימפּעטיקע קולות. עלטערע מענטשן האבן זיי דעם וועג אפּגעטרעטן, זיי נאכגעקוקט מיט פארוואונדערונג. מיידלעך מיט געשוירענע האר און בלייך-פארטוענע פּנימער האבן געאיילט ווי פרעמדע, אנגעקומענע, וואס זענען דא קיינמאל נישט געווען און ווייסן דאך יעדע גאס און יעדן ווינקל... יונגע בחורימלעך איילן דורך שווייגנדיקע, פריילעכע, און אז איינער טרעפט זיך מיט אַ צווייטן אדער צווייטער, ווארפט

מען דורך א ווארט, אן אומפארשטענדלעך ווארט. קומט עס צוריק און מען איילט ווייטער.

— דאס האלטן זיי פארבינדונג! — האט דינה געזאגט. בליומע האט נישט פארשטאנען, וואס דאס באדייט. נאר זי האט נישט איבערגעפרעגט. ביידע האבן געאיילט, ווי זיי וואלטן מורא געהאט נישט צו פארשפעטיקן...

און מיטאמאל איז פון דירעבאסאווסקע אנגעלאפן א מחנה צעהילדעוועטע, צעשראקענע טשיטשענצעס. זיי זענען אנגעלאפן פלוצלינג, שווייגנדיק און מיט צעמישטע פנימער. זענען זיי ארויס אויף רישעלעווסקי, זיך מיט אימפעט און ווילד געלויף א יאג געטון מיט דער גאס אראפ צום וועג, וואס פירט צום פארט. און מאדנע: קיינער האט זיי נישט נאכגעיאגט. קיינער האט זיי נישט געטריבן, נאר געלאפן זענען זיי מיט א ווילד צעשראקענעם אטעם, ווי מען לויפט פון א פארפלייצונג, וואס יאגט נאך... מענטשן האבן זיך אפגעשטעלט פאר די טויערן, נאר קיין שרעק איז נישט געווען. איז מען אין די הייף נישט אריין. די טשיטשענצעס האבן די קעפ נישט אויסגעדרייט, זיך נישט אומגעקוקט. זיי זענען געלעגן ווי אויסגעצויגן אויף זייערע געלע און רויטע פלינקע פערדלעך. די פערדלעך האבן זיך געטראגן מיט אויסגעצויגענע העלזער און בייכער, קארטשענדיק די פיס ווי אין קאנוואלסיע, זענען זיי געשוואומען אין ליידיקייט איבער דער ערד. צייטנווייז נאר אנגערירט די שטיינער פון גאס, דא מיט די פאדערשטע, דא מיט די הינטערשטע פיס.

נאך זיי איז געקומען א הוילע פוסטקייט. א פארהוילן געלעכטער האט שטיל אין דער פוסטקייט געריזלט. האט מען זיך אפגעריסן פון די ערטער בא די טויערן, זיך געלאזט שפאצירן צום בולוואר, פונוואנען מען האט געזען, וואס עס טוט זיך אין פארט. אלע האבן דערפילט, אז דאס זענען געווען די לעצטע, וואס זענען פון שטאט אנטלאפן... פון ערגעץ ווייט האט זיך נאך דערטראגן א הילך פון א ביקסן-שאס. אפגעהילכט און איינגעזאפט געווארן אין פוסטער שטילקייט. אויף דער גאס און אויפן דומא-פלאץ, באם בולוואר, האט מען שוין נישט באגעגנט קיין אפיצירן. אין ליידיקייט האט נאך געציטערט דער רעש, וואס איז געבליבן פון דער לעצטער מחנס דורכלויף.

אז בליומע מיט דינהן זענען צוגעקומען צום דומא-פלאץ, האט זיך בליומע פלוצלינג געגעבן א שטעל-אפ: איידער נאך דינה האט פארשטאנען, וואס דא איז געשען, איז שוין מירל געווען לעבן בליומען,

און מיט דעם אימפעט, וואס האט זי פריער געטריבן, זי געוואלט פאר־
ביילויפן.

— מירל !

בליומע האט עס אויסגערופן מיט אזא היימישקייט, ווי זי וואלט
רערזעען די נאָענטסטע חברטע, וועלכע זי זוכט שוין א לאנגע צייט.
האט זיך שוין מירל אפגעשטעלט, געקוקט מיט פריילעך-צעגלאנצטע
אויגן, אטעמענדיק גיך און טיף. זי איז געווען אנגעטון אין א קורץ
זשאקעטל, וואס האט אויסגעזעען ווי א מענער-רעקל. דאס זשאקעטל איז
איבגאנצן געווען פונאנדערגעשפּליעט.

— א ! בליומע !

און באלד זיך געכאפט :

— איך מוז לויפן... איך האב קיין צייט נישט...

— שוין ?

— דער לעצטער „אריעגארד” זייערער איז שוין אראפ אין פארט...
די שטאט איז שוין אפגערייניקט...

— איז וואס זשע לויפסטו ?

— איך האלט פארבינדונג...

זיך שוין געהאט אפגעריסן פון ארט. נאר בליומע האט זיך א כאפ
געטון, ווי זי וואלט זי נאר צוליב דעם געהאט אפגעשטעלט און שיער
געהאט פארגעסן :

— וועסט אפשר מיר זאגן... ווייסט אפשר, וואו מען קען טרעפן
דובאווינען ?

מירל האט זיך צוריק אויסגעדרייט, נאר איז געבליבן אפגע־
רוקט :

— דובאווינען ? הא ?... אפשר מיינסטו חבר דאכין ?

— דוד איז זיין נאמען.

— א ? מיינסט טאקע דאכינען... פון קיעוו... נישט לאנג צו־
ריקגעקומען...

— זיין שוועסטער איז געקומען... פון א פאגראם אנטלאפן...
אט איז זיין שוועסטער...

דינה איז צוגעלאפן צו מירלען :

— אפשר זעט איר אים ? איך דארף אים אזוי נייטיק... דאכין...
אמת... זיין פארטיי-נאמען איז דאכין...

מירל האט זיך ארומגעקוקט און באלד געזאגט :

— אז איך װעל אים זעען, װעל איך אים זאגן... איך װעל אים מסתּם באַלד זעען... װאו־זשע געפינט איר זיך?

— בײַ אונדז! — האָט בלימע געזאָגט.

— װעל איך אים איבערגעבן...

און זי איז אַװעק.

בלימע איז געװען שטאַרק צעטומלט און דינה האָט באַקומען אַ צעפּיצעשעטע עקשנותדיק פּנים. האָט זי צוזאַמענגעצויגן דעם שטערן, װי זי װאָלט עפּעס דערטראַכט... ביידע האָבן געגומען שפּאַנען האַסטיקער צום בולװאַר, פונװאַנען מען האָט געקאָנט זעען, װאָס עס טוט זיך אין פּאָרט. אין בלימען האָט זיך געחזרט:

— ער איז דאָ... ער איז דאָ!...

* *

*

אין פּאָרט איז געשטאַנען אַ געדיכטער רעש. אַלע שיפן זענען שוין געװען אָפּגעשװאָומען אין ים אַרײַן, און נאָר איין שיף, די לעצטע איז געשטאַנען באַם פּאָרט. געשטאַנען גרױ און עלנד. פון דעם איינציק קוימען האָט זיך געצויגן אַ דינער רויך. דער פּלאַץ איז געװען פאַרװאָרפן מיט פּעק און פּעקלעך. אַפּיצירן מיט פרויען און קינדער האָבן זיך געשטופּט צום בריקל מיטן פּאַרענטש, װאָס איז געלעגן מיט איין עק אויפן פּאָרט און מיטן צװייטן אויף דער שיף. מען האָט זיך געאײַלט מיט צעטומלעניש און שרעק. געדזשװיגעט שװערע טשעמאָדאַנעס. זיך געבויגן טראַגנדיק קאַסטנס און פּעק. אַ הויכער אַפיציר מיט שװאַרצע לאַנגע װאָנסעס האָט כסדר געשריגן און באַפוילן. די פרויען האָבן זיך געשטופּט מיט װיינענדיקע קולות און אויסגעשטרעקטע הענט אינדערהייך, האָבן יאָמערלעך גערופן צו מענער און קינדער, װי זיי װאָלטן זיך געטרונקען און שטרעקן די הענט מען זאָל זיי ראַטעװען. די מענער האָבן געשװיגן מיט בייזקייט און געפּאַלנקייט אויף די פּנימער. מיטאַמאָל: די מחנה טשיטשעשענצעס איז װי אַ שטורם אַנגעלאָפן. אַנגעפלויגן װי אַ היישעריק. זענען זיי אַרײַן מיט די פערד צװישן מענטשן. זענען געשפּרונגען אַראָפּ, װי מען שפּרינגט פון אַ ברענענדיק הויז. זיך גענומען שטופּן צום בריקל, װאָס פירט אויף דער שיף. איז געװאָרן אַ דרענגערײַ, אַ געדיכט טופּערײַ.

ס'האט זיך אויפגעהויבן א ווילד צעמישעניש פון בייזע קולות, געשרייען, געוויינען און יאמערן.

דער הויכער אפיציר מיט די שווארצע וואנסעס, וואס האט געדארפט האלטן די ארדנונג באם אויפזועצן, האט גענומען שרייען מיט באנומענע קולות. ער איז געשטאנען אויפן בריקל מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ און אויסגעשטרעקטער האנט; באפעלעריש און רציחהדיק געשריגן. זיין האלז איז געווען אנגעצויגן, זיינע ליפן האבן שטארק זיך באוועגט, נאר מען האט זיינע באפעלן נישט געהערט. זיי האבן זיך אויסגעמישט, פארטרונקען געווארן אין ווילדן ליארם און דאס שטופעניש איז געווארן אזוי ווי אלץ האט זיך צוזאמענגעקלעבט אין א ווילדן קנויל און קאן זיך נישט פונאנדערדרייסן.

דער אפיציר איז געווארן אינגאנצן צעטומלט. ער האט זיך געגעבן א בייג איין, א טרייסל מיט דער רעכטער האנט. זיך צוריק אויסגעגלייכט, מיט אלע כוחות ארויסגעלאזט א געשריי, וואס האט דעם טומל איבערגעשריגן; אויסגעצויגן א האנט מיט א גלאנציקן, באקעטן רעוואלווער:

— איך וועל שיסן!... טרעט אפ!

די טשיטשענצעס זענען אינגאנצן אראפ פון זינען. האבן זיך געגעבן א רייס אריין צווישן די פרויען און אפיצירן. דער ליארם האט געגעבן א בראך אויס מיט קוויטשערייען און געוואלטן. די פערדלעך האבן געריסן די קעפ ארויף, און מיטאמאל:

— טאך! טאך!

א שאס איז געפאלן. באלד א צווייטער. האט זיך אויפגעהויבן אזא צעמישעניש און אזא ליארם. און די געשרייען האבן זיך געריסן קוויטשענדיק און רעגזשענדיק; הענט האבן געפאכעט. קעפ האבן זיך געבויגן, פערד האבן גענומען שפרינגען און הירזשען. א טשיטשעניעץ האט געגעבן א צי אויס די ביקס. קנאק און קנאק, דער אפיציר מיט די שווארצע וואנסעס האט געגעבן א שטרעק אויס ביידע הענט, זיך א וואקל געטון און אראפגעזונקען.

עס איז געווארן א שיסעריי און א שפרינגעריי, ס'האבן זיך צוזאמענגעקנוילט מענטש און פערד, מענער און פרויען. פון קנויל האבן זיך געריסן פערדישע קעפ, און א רויך האט זיך איבער דעם קנויל אויפגעהויבן. אויפן שיף האט זיך א שטורם ארייגעריסן; ס'איז געקומען א צעמישעניש, א שטופעניש. עטלעכע טשיטשענצעס זענען ארויף

אויפן בריקל מיט זייערע פערדלעך. דער ליארם האט זיך געטראגן משוגע און פון זיבעט געדירט. די שיף האט זיך מיטאמאל געגומען רירן. קיינער האט עס נישט באמערקט. פון קוימען האט עס געזעצט מיט שווארצע שטיקער רויך. א טשיטשעניעץ איז שוין געשטאנען אויפן דעק פון שיף, זיך געשטופט אין ענגשאפט אריין, ציענדיק נאך זיך זיין פערדל באם ציימל. אפיצירן האבן זיך ארום פערדל געשטופט און באץ ! די שיף האט זיך אפגערוקט, דאס בריקל איז געפאלן. א פאנטאן שפריצעריי האט זיך אויפגעהויבן, און פערדישע פיס האבן זיך א טרייסל געטון אין שפריצעריי...

— — — — — — — — — — — —

אויפן פלאץ איז געשטאנען א ווילדער רעווע. אפיצירן האבן זיך איינגעפלאכטן אין טשיטשענצעס. האבן געהויבן פויסטן און ווילד געליארעמט. עטלעכע טשיטשענצעס האבן זיך אוועקגעשטעלט מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן, געעפנט א שיסעריי אויף דער שיף. אויף דער שיף האט מען זיך געווארפן צו די ברעטער פון דעק. איינער אויפן אנדערן, איינער איבערן אנדערן. פרויען האבן געיאמערט און זיך געשלאגן מיט די פויסטן אין די קעפ. פון פלייצעס זענען געפאלן טשעמאדאנעס און פעק. עס איז געווארן שטארקער דאס שיסעריי. די שיף האט זיך געהאט שוין אפגערוקט און פון דארטן האט עס געגומען צוריק פייערן... נאר ווען די שיף איז שוין געוועזן דערווייטערט, איז מיטאמאל שטיל געווארן. א פאר מענטשן זענען געלעגן אויפן פלאץ מיט די פנימער אראפ. געלעגן ווי זיי וואלטן מידע געפאלן אויף די שטיינער און פארזונקען אין שלאף. א פערד האט זיך געוואלגערט, האט זיך מיטאמאל געגעבן א שטעל אויף אויף די פאדערשטע פיס, האט געצויגן און באוועגט מיטן אויסגעשטרעקטן האלז; פון פיסק האט בעגאסן; האט זיך א פאר מאל געריסן אויפצושטיין, נאר די הינטערשטע פיס זענען געווארן ווי צוגעוואקסן. האט עס געדרייט א פאר מאל מיטן קאפ, דערנאך געגעבן א פאל אויף א זייט, געקלאפט מיטן קאפ אויף דער ערד, זיך ווידער א ריס געטון, זיך א שטעל געטון אויף די פאדערשטע קניען מיט א געבויגענעם האלז און זיך אוועקגעוואלגערט, בלייבנדיק ליגן לעבן אן אפיציר מיט צעווארפענע הענט...

עטלעכע טשיטשענצעס זענען ארויף אויף זייערע פערדלעך און אוועק פייל פון בויגן. די אפיצירן זענען זיך צעלאפן און די־

פרויען זענען ווי אויסגעטרוקנט געוואָרן. אויפן פּלאַץ איז גע־וואָרן שטיל. אַזוי שטיל, ווי אויף אַ בית עולם אין אַ ווינטער־טאָג.

— — — — — — — — — — — —

* * *

די שטאָט איז מיטאָמאָל אַנדערש געוואָרן. אַלץ איז אַנטפּלעקט און אָפן. אַ ליכטיקע זון האָט איצט געשיינט מיט אַ רויטלעכן גלאַנץ. אַלע לאָדן פון די פענצטער זענען געווען געעפנט. די גאַסן זענען געוואָרן פּייכט און קויטיק. דער שניי, וואָס איז נאָך געלעגן צווישן די שטיינער פון ברוק, איז געוואָרן שוואַרץ און קלעפּיק. מענטשן האָבן גערעדט הע־כער, פרייער. אויף די ווענט איז שוין געווען צוגעקלעפּט דער צווייטער אויפרוף פון „רעווקאָם". אין די גאַסן האָט מען גערעשט, ווי מען וואָלט זיך אויסגעפּאַקט נאָך אַ שווערער לאַנגער נסיעה. אויטאָמאָבילן האָבן גע־שניטן איבער גאַסן, געשריגן הייזעריק אין דער וועלט אַריין. אומעטום האָבן זיך באַוויזן באַוואָפנטע מענטשן מיט רויטע בענדלעך אין די לאַצן און אויף די „שטיקעס" פון די ביקסן. באַלעבאַטים זענען געווען אַנגעטון אין היטלען מיט דאַשקעס און אויף פּרעאָבראַזשענסקי, ראָג אוספּענסקי, האָבן באַוואָפנטע פאַרכאַפּט דאָרט דעם האָטעל. עפּעס אַ „שטאַב" האָט זיך דאָרט באַזעצט און הויכע, צעהיצטע, פאַרדעכטיקע יינגען זענען גע־לאָפן אַרויף און אַראָפּ פון די טרעפּ. געלאָפן, געקלאַפּט מיט די קליאַמ־קעס פון די ביקסן. זיך איבערגעשריגן מיט הפקר־קולות. אומגעריכט האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג פון אַן אָרקעסטער, וואָס האָט זיך צעשריגן מיט יובל און אַנזאַג פון דער נאָענטער גאַס.

— מיליטער גייט!

פון אַלע זייטן האָבן מענטשן געשפּאַנט. מען איז געגאַנגען מיט גיכע טריט און האַסטיקע באַוועגונגען, ווי צו אַ פייערונג־פּאַראַד. אַז מען איז צוגעקומען צו טיעראַספּאָלסקע — האָט מען זיך אָנגעשטויסן אָן גע־דיכט־באַשטעלטע טראָטואַרן. איבער דער גאַס האָבן לאַנגזאַם, מיד געשפּאַנט די כינעזער, וואָס זענען די ערשטע אַריין אין שטאָט.

זיי האָבן געשפּאַנט און לאַנגזאַם געציילט די טריט, וואָס האָבן

נישט געקלאפּט נאָר געשאַרט. . . זייערע שמאָלע מאַנדל־אויגן האָבן געקוקט רויִק און ערנסט. די געלע פּנימער זענען געווען גוטמוטיק אָפן און מיד. די ליפּן פאַרמאַכט, ווי צוזאַמענגעקלעפּט. זיי האָבן געשפּאַנט „ווזוואַדנווייז“, און פאַר יעדער „ווזוואַד“ איז געגאַנגען אַ הויכער, דאַרער כינעזער מיט שפּיציקע קניען אַרויסגעשטעלטע און מיט אַ שווערד בײַ דער זייט. ער האָט געשטעלט דעם פוס צום טאַקט און געקוקט אַ ביסל פאַרוואונדערט. פון די כינעזער האָט אַ פּרעמדקייט געבלאָזן, נאָר אין דער פרעמדקייט איז געווען היימישקייט, זיכערקייט. זיי זענען געגאַנגען אַזוי ערנסט און אַזוי שטיל, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אין אַ פּראָצעסיע פאַר גאָט. האָט מען געקוקט אויף זיי מיט וואונדער און מיט אַ שמייכל. . . ס'האָט הנאה געטון, מען איז זיכער געוואָרן.

די גאַנצע גאַס איז געווען פאַרפלייצט מיט כינעזישע רויטע זעלנער. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט און געגאַנגען ווייטער און ווייטער, ביז —

פון ערגעץ אַ צווייטער גאַס האָט זיך צעהילכט אַ פרייליכער אָרקעסטער־מאַרש און אַ הילכיקער הורא־געשריי האָט פון דאָרט געכוואַליעט.

דורך רישעלעווסקי האָט אַ צווייט פּאָלק מאַרשירט. דאָס זענען געווען הויכע צעוואַקסענע רוסן מיט אויסגעשטעלטע ברוסטן און ברייטע פּלייצעס. זייערע פיס שטאַרקע, גלייכע האָבן צוזאַמען אויסגעשלאָגן קרעפּטיקס, פאַרעקשנטס און שטאָלצעס. זיי זענען געגאַנגען ווי געגאָסענע. יידן זענען געשטאַנען און זיך געחידושט:

— וואו האָבן זיי גענומען אַזעלכע זעלנער?
— אָבער טאַקע די אמתע זעלנער. . .
— אהא! דאָס הייסט זעלנער!. . .
— ריזן. . .
— גבורים! אוואַ!
— ווער וואָלט עס זיך גערייכט אויף זיי?

אויף אַ באַלקאָן האָבן זיך די טירן צעעפנט. עטלעכע מענטשן האָבן זיך דאָרט באַוויזן. זיי האָבן באַגריסט די אָנגעקומענע. אויסגערופן מאָדנע געשרייען און די ווערטער זייערע זענען זיך צעלאָפן איבער דער גאַס ווי פּישטשענדיקע פייגל. די זעלנער האָבן די קעפּ נישט אויסגעדרייט, האָבן נאָר פאַרנומען די אויסגעשרייען און נאָך יעדער געשריי

— הורא־אַ־אַ!

מיט אזא פארביסענעם הילכיקן ליארם, אז עקשנות האט איבער גאס געציטערט.

די טראַטוארן זענען געווארן געפּאקט, ווי אלע וואלטן פארלאזט שטוב און היים. שטימען האבן געציטערט אין ליידיקייט און קיינער האט ניט געדענקט, אז עס זענען פארהאן צימערן און שטובן. פאַנען האבן רויט געשריגן איבער גאסן און פון וואקזאל אראפּ האט עס גע־פּאכעט מיט א גרויסן רויטן פלעק איבער ווייטקייטן...

קאפּיטל ניין.

בלומע און דינה האבן דעם גאנצן טאג געבלאנדזשעט איבער די גאסן. בלומע האט מיט בלאנדזשענדיקע אויגן ארייגעקוקט אין די פּנימער, וואס זענען איר אנטקעגן געקומען... זי האט געהאט אזא מאדנע געפיל, וואס האט אויסגעוועבט זיכערקייט אין איר, אז זי וועט אים בא־געגענען. זי האט כסדר געדענקט, ווי ער האט אויסגעזען, ווען זי האט אים אנגעטראפן מיטן אפיציר. דאכט זיך איר, אז ער האט געקוקט אויף איר מיט היימישע אויגן. מאדנע: דעם גאנצן טאג זעט זי זיין פּנים. אזוי קלאר, אזוי שארף, ווי עס וואלט כסדר געשוועבט פאר איר. אט...

בלומע גיט א דריי אויס דעם קאפּ; דאס הארץ גיט האסטיק א שלאג, אין קאפּ א שארפן מיש. פארהאלט זי איר טריט. נאר יענער גייט פארביי און בלומע פארשטייט ניט, ווי איר האט עס גאר גע־קענט איינפאלן: ער איז דאך גאר א נידעריקער און כמעט א בלאנ־דער?...

און דודס פּנים טרעט אלץ ניט אפּ. א שמייכל שיינט אין הארצן: ער וועט זיך דאך באווייזן...

— קום אהין דינה... עפּעס שטייט מען דארט...

דינה איז געגאנגען ניט רעדנדיק קייןווארט. פון אירע אויגן האט געקוקט פארגליווערטער טרויער. דאס פּנים איז איר שטארק בלאס געווען, ווי זי וואלט זיך היינט צוריק דערמאנט דאס, וואס זי האט שוין עטלעכע טעג ניט אזוי שטארק געדענקט: ווער זשע ווייסט, וואס מיט די אין דארט געווארן? אפשר זענען זיי געבליבן לעבן און זענען איצט

שטארק קראנק? אפשר ווארטן זיי דארט מען זאל קומען און זיי ראטע־
ווען? אלע ווײלע געפילט, ווי א ציטער דרילעוועט דורך דאס גאנצע
לייב: מרימס קול שרייט. און דאס קול איז אזוי גרוילעדיק און יאמער־
לעך... האט דינה יעדן ציטער אירן פארענדיקט מיט א זיפץ און נאכ־
געגאנגען בליומען. שטיין געבליבן באם רעדל מענטשן. געקוקט אויף די
צעהיצטע יונגע פנימער, וואס זענען געשטאנען אינמיטן רעדל מיט
ביקסן אויף די אקסלען אנגעהאנגען. געזעען, ווי זיי רייכערן פאפיראסן
און בלאזן שטארק דעם רויך דורך די נאזלעכער. קאכן זיך... דערציילן
עפעס און — צעגייען זיך —

זיי האבן אומעטום באגעגנט היימישע פנימער. אבער אלע
פרעמדע...

ס'האט זיך דערנענטערט דער אוונט. דער הימל האט זיך צוריק
געהאט פארצויגן מיט צונויפגעגאסענע, טונקעלע כמארעס. איבער דער
שטאט האט צוריק אראפגענידערט ווינטערדיקע פארטראכטקייט. ס'איז גע־
ווארן שטילער אויף די גאסן, שיטערער אויף די טראטוארן. דער דרויסן
איז געווארן אזוי, ווי עס וואלט זיך נאר וואס געענדיקט א גרויסער פא־
ראד: אין ליידיקייט האבן נאך געציטערט אפקלאנגען פון געשרייען. איז
ארויסגעקומען: ערגעץ פאקט מען זיך אויס, מען כאפט אפ דעם אטעם
און דער יום־טוב וועט באלד צוריק זיך צעשאלן.

בליומע האט זיך דערמאנט אן מירלען: ווי האט זי געזאגט?

— וועל איך אים איבערגעבן... כ'וועל אים באלד זען...

עס האט געגעבן א געשריי דאס אומגעדולד: ס'קאן דאך זיין, אז
ער איז שוין דארט, בא זיי אין שטוב.

— לאמיר גיין אהיים, דינה... לאמיר גיין — האט שוין בליומע
גענומען אטעמען טיפער און איילן.

א געלויף אויף דער גאס. געדיכט און שרייענדיק האט זיך עס צו־
נויפגעשטופט. די מענטשן האבן זיך געדרענגט צו איין זייט גאס, זיך גע־
שטעלט אויף די שפיצן פינגער און — בא דער וואנט פון א הויז איז
געשט[illegible] א הויכער פארשוין מיט א טעקע אונטערן ארעם. ער האט גע־
טראגן א בעראנקאווע היטל, א שווארצן פאלטא און פון צווישן די לאצן
האט ארויסגעקוקט א שווארצע בלוזקע, וואס האט זיך אויפן האלז פאר־
קנעפלט. דאס פנים מיט דער שווארצער בלוזקע זענען געווען פרעמד איינס
פון אנדערן... ער איז געווען שטארק בלייך; א שווארצקייט איז געווען
אין דער בלייכקייט.

— אט איז ער!
— ווער ביסטו?
— די דאקומענטן זאָל ער ווייזן!
אזוי האט עס גערעשט ארום אים ווי א ווֹאסערפאַל.
נאר יענער האט זיך געשטארקט: די ליפּן האבן זיך געעפנט:
— וואס ווילט איר פון מיר? וואס זענט איר מיך באפאלן?
די ארומיקע זענען צעטומלט געווארן; באקומען פנימער ווי זיי וואלטן א טעות געהאט: דער פארשוין איז איצט געווען רויקער; האט אויסגעזען שטארק באליידיקט:
— וואס איז דאס פאר א צוטשעפּען זיך? וואס האט איר דערזען אין מיר?
נאר די אויגן האבן פארט געקוקט מיט חשד. קיינער האט נישט געוואוסט, ווער עס האט אים אפגעשטעלט, אבער אלע זענען געווען זיכער, אז עמעצער האט אויף אים אנגעוויזן.
— זאָל מען אים ארעסטירן!
— ארעסטירן!
— וואס ווילט איר פון מיר, חברים?
איצט, ווען ער האט ארויסגעזאגט דאס ווארט „חברים", איז עפּעס קלאר געווארן, אז ער איז נישט דער, פאר וועלכן ער מאסקירט זיך... דאס געשריי ארום אים איז געווארן געדיכטער און שטארקער.
פּלוצלינג — עס האט זיך אויפגעהויבן א שיסעריי נישט ווייט פון דאנען. בא עק אוספּענסקי און פּרעאבראזשענסקי האט זיך דאס שיסעריי אויפגעהויבן. די קוילן האבן זיך צעסווישטשעט, א קלינגעריי פון שויבן, א שרעק אין אנקומענדיקן אוונט. ס'איז געווארן א צעמישעניש: מען האט זיך גענומען אפּרייסן פון די ערטער; געלאפן מיט געבויגענע קעפּ, און דער פארשוין איז מיטאמאָל פארגעסן געווארן.
בליומע מיט דינהן זענען אויך צו צו א טויער. א גרופּע מענטשן איז זיך צוזאמענגעלאפן אהין. אלע זענען געווען איבערגעשראקן, געקוקט מיט צערודערטע אויגן.
— וואס האט פּאסירט?
— וואס איז דאס פאר א שיסעריי?
— וואס זאָל עס הייסן?
באלד אבער האט זיך דאס שיסעריי איינגעשטילט. איינער מיט א ביקס איז פארבייגעלאפן, איילנדיק זיך מיט פארטועקייט.

— הש, חבר! וואס איז דאס געווען פאר א שיסעריי?

— ס'איז גארנישט...

— האט געזען די שרעק אין די פנימער און —

— אין דעם האטעל האבן זיך צונויפגעקליבן פארדעכטיקטע באַוואפנטע מענטשן... האט מען דעם האטעל ארומגערינגלט... געהייסן זיי אוועקגעבן דאס געווער... האבן זיי נישט געוואלט... נו, האט מען געעפנט א שיסעריי. איצט ארעסטירט מען זיי. פארדעכטיקע חברה־לייט! — האט דער חבר צוגעגעבן.

בלומע האט א צי געטון דינהן באך זיך: קום.

עפעס איז זיכער געווען, אז דארט דארפן זיך געפינען אנגעזעענע טוער... אפשר איז ער אויך דארט פארהאן...

באם האטעל זענען געשטאנען רויטע ארמעער. צווישן זיי הויכע טונקעלע יינגען מיט אראפגעלאזטע הענט און צעשראקענע אויגן; זיי זענען געשטאנען ארומגערינגלט פון די רויטע ארמעער; האבן געאטעמט מיד און אונטערטעניק.

ערשט איצט האט מען זיך געכאפט, אז דער פארדעכטיקטער פארשוין איז נישטא. עטלעכע ארבעטער האבן זיך געלאזט איבער דער גאס, געלאפן צעטומלטע, צעכעסטע, געקוקט אין די הייף אריין, און —

— א פארשטעלטער אפיציר!

— א פראוואקאטאר!

נאר ער איז שוין נישט געווען.

ווידער איז בלומען איינגעפאלן: דארט אינדערהיים שטייט דוד א צעטומלטער און וואונדערט זיך:

— וואו־זשע זענען זיי, הא?

— קום אהיים, דינה. קום אהיים.

דינה האט אויך זיך איינגעקוקט אין די מענטשן, וואס זענען געשטאנען באם האטעל. עפעס האט זי אויך געזוכט דארט עמעצן צו טרעפן... נאר בלויז מיליטער־לייט זענען דארט געווען. איצט האט מען פון דארט ארויסגעטראגן געווער. צונויפגעלייגט די ביקסן אויפן טראטואר. מענטשן זענען זיך צונויפגעקומען אהין, זיך ארומגעשטעלט און געקוקט מיט נייגעריקייט.

— אהא! גלייך זיך דערוואוסט...

— דערוואוסט? — מען האט שוין אנגעוויזן...

— וואס דען?! בא זיי גייען ניט די קונצן...
— קום דינה, ס'ווערט נאכט.

זיי זענען געגאנגען מידע און איילנדיקע. בליומע האט זיך אלע ווײַלע א ריס געטון צו גיין שנעלער, נאר דינה איז געווען מיד און געבליבן הינטערשטעליק. האט זי שוין אויך נאכגעלאזט די טריט אירע, זיך צוריק מיט איר אויסגעגלייכט.

ווען זיי זענען אנגעקומען אין דער שטילער גאס, וואו זיי האבן געוואוינט, איז שוין בליומע געווארן רויקער; ווי דער, וואס איז זיכער, אז ער וועט זיך שוין ניט אויסמיידן מיט דעם, וואס דערוואַרט אים.

ס'איז שוין געווען שטילער אוונט. די פענצטער האבן געבלאנקט מיט טונקעלן גלאנץ. עס האט פארנאכטיק געשארכט און געקוקט מיט גרויסע אויגן.

פארן טויער האט זיי דער אלטער עטינגער באגעגנט א בייזער:

— שוין? איר האט שוין אריינגעבראכט דעם חתן?... אדרבה: וואו ווערט מען עס פארפאלן אויף א גאנצן טאג? מען גייט אוועק אין דער פרי און מען קומט צוריק אויף דער נאכט? וואס איז? אן אייך האט מען זיך דארט ניט געקענט באגיין?

בליומע האט גארניט געענטפערט; ווי זי וואלט ניט געהערט, וואס אט דער ייד רעדט צו איר. דינה האט געשמייכלט מיט א קרענקלעכן שמייכל.

— אבראמעק איז אייך שוין געלאפן זוכן... ער איז דא געווען... אריינגעלאפן ווי א ווינט פון פעלד... אט ער אייך ניט געפונען, איז ער צוריק ארויס: ער דארף אייך האבן.

דינה איז געשטאנען מיט א פרעגנדיק פנים, ווי זי וואלט נאך געוואַרט עפעס צו הערן. בליומע האט באקומען גרעסערע אויגן, נאר דער אלטער האט געשוויגן.

— ער האט אונז געדארפט?
— פונוואנען ווייס איך? איך ווייס?
— אזוי האט דער אלטער בייז א זאג געטון און זיך אינגאנצן אפגעקערט פון זיי.

זיי זענען אריין אין שטוב.

בליומע האט שטיל געעפנט די טיר — זיך געגעבן א שטעל אפ. פון זאל האט זיך דערטראגן א געלעכטער. עפעס א מאדנע פרעמד געלעכטער... ווער זאל עס דארט זיין! עמעצער א פרעמדער איז דארט, ווער זשע איז עס? האט זי געגעבן א שפאן צו צו דער טיר, אנגעקלאפט. דינה איז דערוייל אריין אין איר צימער.

— אריין! — ליעס קול. מיט וועמען־זשע איז זי דארט? הא?

אז זי האט געעפנט די טיר, איז ליע געשטאנען לעבן טיש, און אויף א שטול איז געזעסן בורמאן. בליומע האט זיך איינגעקוקט אין אים, ווי זי וואלט אים נישט דערקענט. ער איז געווען עפעס צעטומלט און האט נאריש געשמייכלט. ליע האט גענומען גלייכן דאס טישטוך אויפן טיש. זיך געווענדט צו בליומען:

— וואס זשע, שטייסט אזוי? ס'איז שוין, דאכט זיך, צייט עפעס צו עסן אויך?! ווי ווערט מען עס פארפאלן אויף א גאנצן טאג?

די איז צוגעגאנגען צו בליומען אזוי נאענט, און מיט היימישקייט:

— און וואו איז דינה?

— זי איז דא.

— דארפט איר דאך ביידע זיין שטארק הונגעריק. טו זשע אויס דעם מאנטל. רוף אריין דינהן... אבראמעק האט זיך נאכגעפרעגט דא אויף אייך. אויף דינהן דער עיקר.

— ווען?

— מיט א שעה צוריק.

— בליומע איז געווען צעראדערט: עפעס איז איר אויסגעקומען, אז אבראמעקס נאכפרעגן זיך האט א שייכות מיט אים, מיט דודן. האט זי גארנישט געזאגט און איז ארויס אין קארידאר. ליע איז אויך ארויס נאך איר, און גערופן:

— אניא! אניושא!

נאר פון קיך האט זיך קיינער נישט אפגערופן.

— שוין, עס הייבט זיך שוין אן; זי קאן שוין אין קיך נישט איינזיצן.

זי האט זיך געלאזט מיט שטרענגע, האסטיקע טריט צו דער קיך.

בליומע האט זיך נישט אומגעקוקט צו איר. האט אויסגעטון דאס מאנטל, איים אויפגעהאנגען און איז אריין צו זיך אין צימער.

געקומען איז עס פּלוצלינג:

אלע זענען געזעסן באם טיש. דער אלטער איז געווען שטארק אנ־געברוגזט און אלץ נישט אויפגעהערט צו האבן טענות:

— גארנישט... מען נעמט און מען ווערט פארפאלן ווי אין וואַ־סער אריין. מען איז זיך „סאמאוואלצעס״... מען דארף שוין גאר קיינעם נישט פרעגן, קיינעם נישט זאגן. איך וואלט נאר געוואלט וויסן: וואס טוט מען א גאנצן טאג אין גאס? און וואס איז די שמחה, וואס די „רוצחים״ זענען אריין אין שטאט?

דינה האט נישט געהערט, וואס דער אלטער רעדט. בורמאן האט כסדר געשמייכלט אונטערטעניק, און ליע האט זיי דווקא געוואלט פאר־ענטפערן:

— ווער איז דען נישט געווען היינט אין גאס? אין שטאט איז א טומל, יינגע קינדער, גלוסט זיך צוצוקוקן.

האט דער אלטער אויפגעהויבן זיינע פארשנדע אויגן אויף ליען. ליע האט עס אבער ווי נישט באמערקט; האט צוגערוקט דעם טעלער צו בליומען: עס ווערט דאך קאלט ווערן.

— איז א גאנצן טאג קוקט מען? וואס איז דארט געווען אזוינס צו זען? די שיינע חברה, וואס איז אנגעקומען?

נאר בליומע האט אלץ נישט געענטפערט. זי האט אלע ווײלע גע־געבן א קנייטש דעם שטערן און זיך איינגעהערט. זי האט נישט געקאנט איינזיצן רויק און האט אפילו נישט געטראכט דעם פאטער צו ענטפערן. מיטאמאל האט זי שארף א קוק געטון אויף בורמאנען, און בורמאן איז פון דעם געווארן אזוי ערנסט, אז דער שמייכל האט זיך גלייך אפגעווישט פון אונטער זיינע אויגן.

— און נע: און דער יינג איז נאך אלץ נישטא. אריין און ארויס און נישטא... אז מען האט גאר קיין האר נישט איבער זיך... און מען טוט, וואס דאס הארץ גלוסט.

אזוי האט דער אלטער אפגעזיפצט מיט א ווייך זיפצעלע און אלץ נישט געקענט זיך איינשטילן.

— נישקשה, ער וועט נישט פארפאלן ווערן.

אזוי האט שוין בליומע א זאג געטון, און זיך צעלאכט מיט א קורץ, שטיל געלעכטערל. עפעס איז מען צעטומלט געווארן פון דעם געלעכטערל.

— און איך וועל שוין גיין — האט זיך בורמאן אויפגעשטעלט. עס ווערט נאכט.

— וואו־זשע וועט איר איצט גיין? — האט עטינגער געזאגט. ס'איז דאך שוין נאכט. גלייכער איצט נישט צו גיין אין גאס... בלייבט שוין בעסער דא.

— קיין מורא איז שוין איצט דווקא נישטא... — האט זיך בליומע אנגערופן — איצט איז שוין נישטא פאר וועמען מורא צו האבן: קיין אפיצירן זענען דאך שוין נישטא...

— אזוי? דו ווייסט שוין אויך, אז איצט איז די „ישועה" געקומען? דו פרייסט זיך שוין אויך מיט די „רוצחים"? ביסט שוין אפשר אויך פון דער חברה? דו ווילסט אפשר אויך איבערמאכן די וועלט, הא? — האט דער אלטער זיך גענומען בייזערן.

האט זיך ליע ארייגעמישט:

— ווען דער הער בורמאן וויל אונז טון א טובה, וואלט ער געבליבן בא אונז וואוינען אין א צימער, ביז מען וועט „זיי" איבערקומען... אויב נישט, קען מען אונז נאך אריינזעצן א פאר זעלנער אין א צימער.

— הא? — האט דער אלטער איבערגעפרעגט.

— זיי וועלן דען נישט רעקווירירן קיין צימערן? געוויס וועלן זיי רעקווירירן... און איין צימער איז בא אונז אן איבעריקער... לויט זייער יושר איז איין צימער איבעריק... וואלט טאקע געווען גוט, אז א היימישער זאל דאס צימער פארנעמען וועלן זיי —

אונטערן פענצטער האט אן אויטאמאביל א קרעכץ געטון. אזא טרוקענער, אויסגעצויגענער רענדוש האט זיך געגעבן א דרילעווע אריין אין דער ליידיקייט און צום פענצטער דערגרייכט. אלע האבן אויסגעצויגן די קעפ. די אויגן זענען געווארן גרעסער. בליומע איז אויפגעשפרונגען. בלייכער געווארן. מיט איין שפרונג צו צום פענצטער.

אינדרויסן איז שוין געווען טונקל. בליומע איז געשטאנען מיט א

קלאפנדיק הארץ און מיט א מישערײ אין קאפּ. זי האט געזעען: פון אױ־טאמאביל אראפּ פלאטערט א פאן, און אײנער א הױכער, א שלאנקער שטײגט ארױס. װער זאל עס זײן? — עס האט אין איר א געשרײ געטון: — דוד! מיט אזא הילך האט עס אין איר א געשרײ געטון, אז עס האט איר די אױערן פארטױבט. זי האט נישט אפּגעריסן די אױגן פון זײן יעדער באװעגונג. אט איז פון דער צװײטער זײט ארױס אבראמעק. דוד האט עפּעס אנגעזאגט דעם שאפער, און זי האט זיך אײנגעהאלטן מיט אלע כּוחות נישט אױסצושרײען דעם נאמען זײנעם... די פּיס האבן איר א ציטער געטון, און איבער די אױגן — א װאסער־בלאם... זי האט קױם געקאנט זעען, װי זײ גײען ארײן.

— װאס איז דארט? — האט זיך עטינגער אױפגעשטעלט.

בליומע האט נישט געקאנט ענטפערן. זי האט א פּאר מאל גע־שלונגען און זיך נישט אפּגעקערט פון פענצטער.

דאן איז ליע אױך צוגעגאנגען צום פענצטער, ארױסגעקוקט און גע־זאגט;

— עפּעס אן אױטאמאביל... צו װעמען זאל עס זײן?

דינה האט זיך געגעבן א שטעל אױף, זיך גענומען אײנהערן.

— אן אױטאמאביל? צו אונז? — האט עטינגער נישט פארשטא־נען.

אניא האט דארט דערװײל געעפנט די טיר, ס'האבן זיך דערטראגן גיכע, געדיכטע טריט. מען האט אנגעקלאפּט אין טיר, און אײדער נאך עמעצער האט געענטפערט, האט זי זיך געעפנט. ארײן איז אבראמעק, און נאך אים —

בליומע האט אזש געגעבן א מאך צו די אױגן. מיט אײן האנט האט זי אנגעכאפּט דעם פארהאנג פון פענצטער.

דינה האט אױסגעשריגן נישט מיט איר קול:

— דוד!

און איז אים געפאלן אױפן האלז.

בליומע האט אפּגעלאזט דער פארהאנג. שױן געװען צו זײן געקו־מען.

— — — — — — — — — — — — —

אין בליומעס צימער איז געװען א געפּרעסטע שטילקײט. דורכן פענצטער האט ארײנגעקוקט שװארצע פינצטערקײט מיט גרױסע צעשװא־

קענע אויגן. בליזמע איז געווען אויפגעלייגט און דערשלאגן: אין הארצן האט בא איר געזונגען, און א טרויער האט זיך ארום געזאנג געוויקלט. דאס פנים אירס איז געווען בלייך. נאר די אויגן האבן געגלאנצט אזוי גאלדיק ריין, מיט אזא פרישקייט, ווי זיי וואלטן נאר וואס אויכגעוואשן געווארן. דוד איז געזעסן א מידער, א שטילער, געזעסן געבויגן ווי אונטער א שווערער משא. זיינע שווארצע האר, — צעשיט אין פאסמעס, דער קלארער שטערן זיינער — גלאט און פארטראכט. די אויגן האבן געקוקט אין זיך אריין. זיינע ליפן זענען געווען פארשלאסן.

דינה האט שוין איצט נישט געוויינט. האט עס אויסגעזען ווי זי וואלט אלע טרערן געהאט אויסגעוויינט און זי ווארט איצט אויף אן ענטפער.

— ווי אזוי איז עס פארגעקומען, הא?

אזוי האט דוד א פרעג געטון, און מיט אזא שטים, ווי ער וואלט די זאך געוואלט אויספארשן. זיינע פיס אין די שטיול זענען געווען אנגעשטרענגט, ווי פארגליווערט; די קינבאקן זענען געשטאנען ווי הארטע בערגלעך. דינה האט זיך אויפגעשטעלט. געבליבן אזוי אויסגעשטרעקט און מיט טרויעריקער עקשנות. זי האט גענומען דערציילן. איר קול איז געווען הארט און מיט פארביסנקייט. אומגעדולדיק איז זי געשטאנען. אלע וויילע געבראכן די פינגער פון די הענט. נאר דערציילט האט זי לאנגזאם, קלאר. דודס אויגן זענען געשטאנען אויף איר פנים. זיי זענען איצט געווען גרויס און צעטומלט: ס'האט אויסגעזען, אז נישט ער הערט אירע רייד, נאר ער זעט זיי, זעט ווי זיי שיילן זיך אפ פון אירע קאנוואלוסירנדע ליפן.

דעם דירעקטארס זינדל? — האט דוד איבערגעזאגט.

— מ'האט דעם טאטן געגעבן א זעץ אין קאפ... זעט אויס מיט א הענטל פון א רעוואלווער. ער האט ארויסגעלאזט א קרעכץ, זיך אראפגעזעצט, צופאלנדיק מיט דער פלייצע צו דער טיר פון קיך, אונטער וועלכער אין בין געשטאנען...

דוד האט געגעבן א פארמאך די אויגן און פארקריצט די ציין. האט געאטעמט טיפער, פארביסענער, און דינה האט דערציילט אן רחמנות. אן רחמנות צו זיך אליין, ווי זי וואלט דווקא געוואלט נאך אמאל דורכליידן אלע פיינען.

— א, זי טויג שוין אויך! — האט דער פאליאק זיך צעלאכט.

דוד איז אויפגעשפּרונגען מיט אן אָפן מויל און צעגליטע אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט אויף עמעצן אָנפאַלן. בלומע האָט זיך אויך אויפגעשטעלט און געקוקט אויף אים מיט גרויס צער. האָט דוד פּלוצלינג אויסגעקערט דעם קאָפּ, אויף איר א קוק געטון, מיט אזא לאַנגן פאַרוואונדערטן בליק... און ער האָט זיך צוריקגעזעצט מיט א שטילן זיפץ.

דינה האָט שוין געשוויגן. דוד האָט מיט ביידע הענט ארומגענומען דעם קאָפּ. זיינע פינגער האָבן זיך טיף אריינגעגראָבן אין די פּאַסמעס האָר און ער איז אזוי געזעסן מיט פאַרשטאַרטע, צעוואונדערטע אויגן.

אזוי איז ער געזעסן און געשוויגן. דערנאָך זיך אויפגעשטעלט, מיט א געזונקענעם קאָפּ דורכגעשפּאַנט דאָס צימער הין און צוריק; דערנאָך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך גאָר געווענדט צו בלומען:

— וואָס-זשע מאַכט איר, בלומע? הא, בלומע?

בלומע האָט דערפילט, ווי אין האַלז האָט איר פאַרצויגן. זי האָט גאָרנישט געפּרוּווט ענטפערן.

— שוין לאַנג, אז איך האָב אייך נישט געזען, הא?

— און איך האָב אייך געזען... מיט א פּאָר וואָכן צוריק...

— מיך?

בלומע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: יא.

— ווען?

— ווען דער אָפיציר האָט אייך געפירט.

— א! און איך בין אַנטלאָפן?

זיך צוריק דערמאָנט אין דער טרויעריקער עקשנות. האָט ווידער דורכגעשפּאַנט און, ווי ער וואָלט פאַרגעסן אין דעם, וואָס ער האָט נאָר וואָס גערעדט מיט בלומען, זיך אָפּגעשטעלט לעבן דינהן. געזאָגט אַנטשלאָסן:

— ווער מען דאַרפן פאַרן זען, וואָס עס טוט זיך דאָרט.

ס'איז געווען אזוי מאָדנע די רויִקייט, מיט וועלכער ער האָט עס געזאָגט:

— און וואו זענען זיי איצט? דעם דירעקטאָרס זינדל מיט דעם פּאַליאַק?

איך ווייס דאָך נישט... מסתּם זענען זיי דאָרט אין שטעטל.

— איז גוט... איז גוט...

דוד איז געווען צערודערט און געהערט די לעצטע ווערטער. דינה

האט איינגעגעסן אין זיין פנים די בליקן אירע, און געווארט נאך עפעס צו דערהערן. בליומע איז געהעצן פארבלאנדזשעט: נישט געוואוסט, צי זי וויל לאכן אדער וויינען. געוויין און געלעכטער האבן זיך צונויפגעמישט...

צווייטע טייל

קאפיטל איינס.

ס'האט געשמעקט מיט יינגן פרילינג: א שארפער ריח פון צעאקערטער, פעטער ערד; זיסער זאפט פון אויפגעוואכטע ביימער האט זיך געטראגן אויף ווייכע, ווארעמע ווינטלעך. די גאסן זענען געלעגן טרוקענע, שטילע, שמייכלענדיקע. אן ערב יום-טובדיקייט האט פון זיי געאטעמט. שטילע געזאנגען, עכאס פון פרייד-געשרייען האבן געציטערט פון ווייטקייטן. די טעג זענען געקומען יינגע, ליכטיקע, קלארע. פון די דורכזיכטיקע פרימארגנס האבן געקוקט גרויסע, מיידלשע, בלויע אויגן; זיי זענען געהאנגען אין דער רייבער לופט און אראפגעקוקט מיט קינדערישער פארוואונדערונג און שמייכל. פון ים האט זיך פארשפרייט א געזאלצענער, פרישער אטעם. עס האט געשאלט פון דארט מיט שווערע, שטארקע און פארבארגענע קולות. א פארחידושטע זון האט מיט צונויפגעצויגענע ברעמען אראפגעקוקט אויף גאטס נייער וועלט.

אין די פרימארגנס האט זיך בלומע אויפגעכאפט מיט שרעק און פארהוילענער האפנונג אין הארץ. זי איז אויפגעקומען מיטאמאל און אזוי לייכט, ווי זי וואלט זיך אינמיטן שטילן טראכטן עפעס וויכטיקס דערמאנט. האט זי זיך מיט אימפעט אויפגעזעצט אויף איר געלעגער און זיך איינגעהערט: האט זי נישט נאר וואס געהערט א באקאנטע שטימע?

די לעצטע טעג, זינט דוד איז אוועקגעפארן מיט דינהן אין זייער שטעטל, האט זי א סך געטראכט, כאטש זי האט וועגן גארנישט געטראכט. זי האט גאר געזעען דאס בלייכע פנים דוכאווינס מיט די שווארצע צעבליטע אויגן, וואס האבן אזוי שארף געקוקט און זי האט מיט אלע גלידער געווארט אויף זיין צוריקקומען. דאס ווארטן האט פון איר ארויסגעזויגן מיט אזא צארטער בענקשאפט, שטילער פרייד און עס האט איר געשראקן מיט עפעס פרעמדס, נישט געריכטס... ס'האט זי געהאלטן אין אן אומרויקייט, וואס איז ארום איר געשטאנען, ווי א לייכטער רויך. זי האט זיך באמיט צו בלייבן רויק, גיין געלאסן מיט געדולד אויף איר וועג אנטקעגן דעם אנקומענדיקן. זי איז איצט שוין געווען אין דער פארטיי און האט געארבעט אין „גאראבראז", אין דוכאווינס אפטיילונג. אבער דאס ווארטן אין איר איז געווען שטארקער פון איר: עס האט אנגעפולט אלע קעמערלעך פון איר לייב, אפילו די האר אירע האבן געווארט, און די אומרו פון דעם האט זי ווי אין א שלייער געהילט.

איינמאל אינדערפרי, האט זיך בלומע אויפגעכאפט און מיט איר א מאדנע זיכערקייט, אז דוכאווין איז שוין דא, נאך באנאכט איז ער געקומען. די זיכערקייט האט זיך געפלדיק געצויגן פון אירע באנאכטיקע חלומות און ס'האט איר גארנישט געקענט איינפאלן, אז עס איז נישט אזוי. מאדנע: זי איז מיטאמאל געווארן אינגאנצן רויק. דאס ווארטן, וואס איז געווען צעגאסן איבערן גאנצן לייב אירן, האט זיך איצט געהאט צונויפגענומען און זיך באזעצט אין הארצן. האט זי זיך געלאסענער און אויפמערקזאמער אנגעטון; האט מיט שטילער הנאה זיך לאנג געוואשן און לאנג די האר געקעמט. זי האט דערביי געקוקט אין שפיגל און ס'איז איר געווען אזוי, ווי זי וואלט איר פנים שוין לאנג נישט געזען. א? עפעס איז עס גאר אן אנדער פנים, כאטש ס'איז דאס זעלבע: א לענגלעך שטיל בלייך פנים, נאר פון דער בלייכקייט האט אונטער די אויגן ארויסגעשלאגן א ליכטיקע ראזיקייט. די אויגן אליין האבן אזוי ריין און ליכטיק געקוקט און די האר — קופער-גלאנציק, האבן געשמייכלט מיט צערטלעכקייט, ווי זיי וואלטן זיך צו איר קאפ מיט ליבשאפט געטוליעט. האט זי גענומען שמייכלען צום אייגענעם פנים און מיט ביידע הענט געגלעט אירע אייגענע האר.

אז זי איז אריין אין עס-שטוב, האט זי ערשט איצט באמערקט: אין שטוב וואוינט א מאדנע ליידיקייט; עפעס איז דארט פארענדערט. האט זי א ווײלע געקוקט מיט וואונדער און דערנאך באמערקט:

די פוירהאנגען זענען נישטא אויף די פענצטער. דערפאר זעען זיי אויס אזוי צעשראקן און עלנד.

ס'איז נאך געווען פרי. דורך די פענצטער האט ערשטער בליק פון יונגער זון ארייגעקוקט מיט פארהוילנקייט און מיט פארביסענער שטילקייט. נאר בליומען איז אויסגעקומען, אז ס'איז האלבער טאג, און די גאס איז איצט ליידיק אונטער ליכטיקער זון. זי האט געקוקט אויף די פיר-קאנטיקע ליכטיקע שטיקער, וואס זענען געלעגן אויף דער פאדלאגע, וועלכע איז געווען אן פארשפרייטן טעפיך, און די ליכטיקע שטיקער זענען איר אויך געווען פרעמד. ביז זי האט דערזען, אז די פאדלאגע ליגט א נאקעטע. איז איר איינגעפאלן:

„פאר ארימעלייט וויל מען זיך פארשטעלן".

— דאברע אוטרא, „בארישניא !"

בליומע האט זיך גיך געגעבן א דריי אויס. ס'איז געווען די דינסט: זי איז ארייגעקומען גרייטן צום טיש און איר „גוטמארגן" איז געווען אזוי זינגעדיק, אז בליומע האט זיך פארחידושט אומגעקוקט און האט בעטראפן: אויך אנא איז אנדערש; צופרידענע ליכטיקייט האט געשיינט פון איר פנים און פרייד — פון אירע שווארצע אויגן, וואס האבן געשמעקט מיט ריח פון יונגע, גרויסע גערטנער.

דערוויילן איז מיט גרינגע, ווייכע טריט אריינגעקומען ליע. זי איז אריין אין א ליכטיקן שטוב-כאלאט, וואס איז אריינגעפאלן בא איר טאליע און געלאזט פון זיך ארויסצייכענען די הויכע היפטן אירע, איבער וועלכע עס איז פויל און שטיפעריש געלעגן א דין גארטעלע. דאס פנים אירס איז געווען פרישער, יינגער און נאר א שטילע פארזיכטיקייט איז געלעגן אונטער אירע ברעמען.

— א ! אט איז דאך בליומע ! גוט מארגן

— גוט מארגן.

בליומע האט נישט פארשטאנען דעם „א !", האט נישט געוואוסט, וואס ער באטייט.

— מען זעט דיך דאך גארנישט ?! וואס ווייזטו זיך נישט ? האסט דאך אפילו פארגעסן צו עסן אינדערהיים !

ס'איז נישט געווען צו וויסן, צי דאס מאכט זי איר א פארוואורף, צי זי דערפרייט זיך בלויז מיט איר.

— דער פאפא איז א ביסל אויפגעבראכט... ער איז אומרויק די לעצטע צייטן... פארדריסט עס אים...

— װאָס־זשע איז ער אױפגעבראַכט ?
— דו װאונדערסט זיך ? אַז מען זעט נישט אַ קינד אַ גאַנצע װאָך און אפשר מער נאָך ?
ערשט איצט האָט זיך בליומע דערמאָנט, אַז די לעצטע טעג זעט זי טאַקע נישט דעם פאָטער : באַלד אינדערפרי גייט זי אַװעק און אַז זי קומט אַהיים שפּעט אין דער נאַכט — איז דער פאָטער שױן בײַ זיך אין שלאָף־צימער. איצט האָט זיך אין איר דערװעקט אַ רחמנות־געפיל, זי װייסט אַליין נישט צו װעמען.
— גוט מאָרגן !
װי פון אַ זייטיקער פאַרהױלענער טיר איז בורמאַן אַרױסגעקומען. זיין שטים איז געװען קאַפּריזנע און, װי פון אַ שטאַרק פאַרנומענעם מענטש, װאָס יחוסט זיך מיט זיין פאַרנומענקייט. בליומע האָט אױף אים אַזױ אַ קוק געטון, װי זי װאָלט נישט פאַרשטאַנען, פונװאַנען ער קומט אַהער, אין דער שטוב.
ליע האָט באַמערקט איר בליק און געזאָגט :
— װייסט גאָרנישט ? הער בורמאַן װאױנט דאָך בײַ אונדז.
— װאױנט בײַ אונדז ?
פון דעם װאָס בליומע האָט איבערגעפרעגט, האָט ליע באַקומען אַ גלייכגילטיקייט אין פּנים, האָט זיך אָפּגעקערט און זיך גענומען פאַרען באַם בופעט ; האָט האַסטיק געקלאַפּט מיט טעלער און גלעזער, װאָס זי האָט דאָרט איבערגעשטעלט, און אַזױ גלייכגילטיק גערעדט געלאַסן און מיט פאַרזאָרגטקייט:
— װאָס־זשע דען ? ס'האָט אונדז נאָך געפעלט מען זאָל בײַ אונדז רעקװיזירן אַ צימער און אַרייננזעצן דאָס שװאַרץ יאָר װייסט, װאָס פאַר אַן אַנשיקעניש. ס'איז זייער פיין פון הער בורמאַנס זייט... ער האָט אונדז פּשוט געטון אַ טובה... געװנג, אַז אין קיך אַריין האָט זיך אַריינ־געכאַפּט עפּעס אַ מאַטראָז... נאָך אין שטוב דאַרף מען זיי האָבן...
— אַ מאַטראָז ?
— נו יאָ... ער קומט צו אַניאָן...
האָט זיך אױסגעדרייט צו בליומען, און שױן מיט זאָרג און מיט אַ שטילער שטימע:
— װייס איך װאָס פאַר אַן אַנשיקעניש דאָס איז ? זי זאָגט, אַז ער איז אַ חתן... װייס איך ? שױן פון די אמתע חתנים. מיט אַ רוצחיש פּנים און מיט אַ מױל, װאָס גייט אױף שרױפן... איך האָב פּשוט מורא

פאר אים, און איך הייס גארנישט, ווי אזוי מען ווערט פון אים פטור...
איך קען דען אריינגיין אין קיך? אז שטענדיק זיצט ער דארט און אז איך דערזע אים, ווער איך א טויטע... איך וועל דיר זאגן דעם אמת: איך וואלט שוין אניאן אליין אויך מוחל געווען; ווען איך קען — וואלט איך זי אויך אוועקגעשיקט אבי פטור ווערן, נאר גיי הייב זיך אן מיט זיי אין אזא צייט.

האט זיך ווי פלוצלינג דערמאנט און אויסגעלאזט:

— ווייסט בלומע? הער בורמאן איז דאך געבליבן אויפן זאוואד...
„זיי" האבן אים איבערגעלאזט פאר פארוואלטער... דאס האט ער זיך נאך בא זיי איינגעבעטן... א? שיינע צייטן דערלעבט... וואס זאגסטו נישט צו דעם?

בורמאן האט געשוויגן. געזעסן צעיחוסט און געטרונקען זיין טיי. בליומע האט זיך נישט צוגעהערט צו ליעס רייד. ליעס קלאגן זיך אויף די „רוצחים" און איר פארזארגט פנים האבן דערוועקט אין איר אן עקל: איר איז אויסגעקומען, אז ליע שמייכלט אונטער דער פארזארגטקייט און אז עפעס באהאלט זי אונטער אירע רייד. בליומע האט עס געפילט שארף, מיט פארדראס און דאס רחמנות-געפיל צום פאטער איז געווארן ווארעמער...

עטינגער איז ארויסגעקומען פון שלאף-צימער אן אויסגעשטרעקטער, א גלייכער, א שווייגנדיק פארביסענער. דאס פנים איז געווען פריש און ריין געוואשן; דאס בערדל האט געבלאנקט מיט שיטערקייט און א ברוגז איז מיט אים ארויסגעקומען; האט ער א קוק געטון מיט בייזע אויגן אויף בליומען און געלאסן א זאג געטון:

— א!... אט איז זי דאך...

בליומע האט אויסגעשטעלט די אויגן מיט וואונדער און דער רחמנות צו אים איז שוין נישט געווען: איצט האט די בייזקייט אין איר צו ליען און בורמאנען אויך דעם פאטער אריינגענומען אין דעם קרייז... זי האט א טראכט געטון: פונקט דער זעלבער... אלץ נאך מיט באפעלעריש-קייט... באלד זיך דערמאנט, אז ס'איז שוין שפעט; מען דארף זיך צו-איילן. האט זי גענומען טרינקען איר טיי, וואס איז שוין קאלט געווען און צוריק אומגעדולדיק געווארן. בורמאן האט זיך געהאט אויפגעשטעלט צום אוועקגיין און דער אלטער עטינגער, האט מיט כוונה נישט געקוקט אויף בליומען; האט נאר ארומגענומען מיט די פינגער פוןביידע הענט זיין גלאז טיי און זיך פארקוקט אין פענצטער אריין.

בליומע האט זיך דערפילט שטארק פרעמד דא; דעם פאטערס פארביסנקייט האט זי געשראקן און זי האט איך דערזופט די טיי: דו-באווין ווארט שוין דארט אויף איר... זי האט אויסגעמיטן צו קוקן אויפן פאטער; האט דערפילט, אז דער פאטער לאקערט אויף איר; וויל מיט איר אליין פארבלייבן, כדי איר דעם וועג פארשטעלן; א פאר מאל האט ער די בליקן אראפגעלאזט צו איר פנים און זי באלד צוריק אויפ-געהויבן.

בורמאן האט דערוויל א קוק געטון אויף זיין קעשענע-זייגערל:

— א! שוין שפעט.

— איין ווילע — האט עטינגער אנגעהויבן — איך דארף זיך מיט אייך צונויפרעדן וועגן עפעס?

אויף ליעס פנים איז ארויס א צופרידנקייט און זי האט זיך דווקא נישט אומגעקוקט. בורמאן האט אויך באקומען א פריינדלעכקייט אין די אויגן:

— טא זייט-זשע אזוי גוט... איך איל זיך דאך.

— וואס איז דאס איילעניש?

— איך ווייס וואס? נאר גיי, הייב אן מיט דער „חברה!" בא זיי מוז מען זיין צו דער צייט.

— אזוי פלייט בא זיי די ארבעט.

— שוין איינמאל אן ארבעט... זיי קאנען דען ארבעטן? זיי ווייסן דען, ווי אזוי צו ארבעטן? נאר גארנישט: אויפן פלאץ מוז מען דאך זיין... פונקט ווי איך וואלט זיי עפעס געטון, ווען איך בין דא... שוין די אמתע ארבעט. נאר טאמער קום איך נישט צו דער צייט — קאן איך דאך נאך אנווערן מיין גרויסע „זשאלאוואניע"!

די לעצטע צוויי ווערטער האט ער אויסגעצויגן מיט איראניע און שמייכל.

— וואס זשע? די „רוצחים" מיינען טאקע, אז זיי וועלן באלעבאַ-טעווען, א? — האט זיך עטינגער פלוצלינג גענומען בייזערן — זיי מיי-נען עס טאקע אויף אן אמת, א? מען האט זיי אנגעגרייט און זיי וועלן באלעבאטעווען, א? און די מאשינען וועלן בא זיי ארבעטן?... און וואס איז מיט די „צילענדערס"?

— „צילענדערס"...

— זיי זענען „צורעכט" געמאכט?

— פארשטייט זיך... ס'הייסט... „צילענדערס"...

אזוי האט בורמאן געגומען שטאמלען און דערביי א פאר מאל גע־וואונקען אויף בליומען. עטינגער האט פארשטאנען, וואס ער מיינט און איז בייז־אויפגעקאכט געווארן: „פאר אן אייגן קינד זיך דארפן היטן"... זיי־נע אויגן האבן זיך צעכעסט; האט ער א לאנגן קוק געטון אויף בליומען און בייז אפגעאטעמט דורך דער נאז.

בליומע האט געפילט ארום זיך אן עקלדיק געוועב; זי האט שוין מער נישט געקענט איינזיצן; דער פארדראס אין הארצן איז געווען שווער און מיט ווייטיק: אלע באליידיקן זי... זי איז אויפגעשטאנען מיט אנטשלאסנקייט: איין מאל פאר אלעמאל; ארויסגיין און פטור ווערן זייערע רייד און זייערע וואונקען.

— וואס־זשע, דו לויפסט אויך? אויך קיין צייט נישט?

עטינגער האט עס ארויסגערעדט מיט חוזק און מיט כעס. בליומע האט געפילט, ווי פון האלז רייסט זיך א געשריי, נאר זי האט פארפרעסט די ליפן און גארנישט געענטפערט.

— ווארט צו! — האט עטינגער באפוילן, זיך אויפגעשטעלט און געזאגט צו בורמאנען:

— זייט מוחל.

ווען ער איז געשטאנען בא דער אפענער טיר אין דערבייאיקן צי־מער האט ער צום ערשטן דורכגעלאזט בורמאנען, און אליין נאך אמאל באפוילן בליומען:

— הערסט וואס מען רעדט צו דיר? ווארט צו! —

בליומע האט מיט פארפרעסטע ליפן געווארט א ווײלע ביז עטינ־גער האט פארמאכט אונטער זיך די טיר; האט געווארפן א בליק אויף ליעס צערודערט־פרייעך פנים און אין זיך געהערט: „ניין. איך ווארט נישט"... איז גלייך ארויס אין קארידאר; אנגעטון דאס מאנטל און איז אוועק.

* *
*

איצט האט זיך בליומע געאיילט. דאס הארץ האט אין איר העפ־טיקער געשלאגן און אין קאפ האט געטומלט. זי האט געהאט דאס געפיל, חי זי וואלט דערווארט א שרעק. אין האלז איז איר אלע ווײלע מאדנע

ענג געוואָרן, זי האָט זיך כסדר באַמיט צו גיין געלאַסענער, נאָר געגאַנ־גען איז זי גיך.

א ליכטיקע זון האָט איצט געשמייכלט איבער די טרוקענע גאַסן. א פרעמד־היימיש גערויש איז געשטאַנען ווי א נישט אנזעעוודיקער שטויב אין לײדיקייט. רויט־אָרמעער זענען פאַרבייגעגאַנגען קלינגענדיק מיט שפּאָרן, רעדנדיק צווישן זיך אויף הויכע, פריילעכע קולות. פון דעכער און טויערן האָבן געפלאַטערט רויטע פענער. די פענצטער פון מלוכה־אַנשטאַלטן זענען געשטאַנען אָפן און דורך זיי האָט זיך געשיט דאָס גע־רויש פון שרייב־מאַשינקעס, וואָס האָבן געשטעפּט אין איין אָטעם און אָפּגעקלונגען, ווי מען וואָלט געשאָסן מיט שרויט. שווערע טריט האָבן גע־קרעכצט איבער ליידיקע פּאָדלאָגעס; טירן האָבן זיך האַסטיק געעפנט און צוגעקלאַפּט.

בליומע האָט זיך געכאַפּט, אַז זי האָט שטאַרק פאַרשפּעטיקט און גענומען גיכער איילן. איצט איז שוין נישט געווען דאָס געפיל פון שרעק; זי האָט איצט בלויז געאיילט צו איר אַרבעט.

אַז זי איז אַריין אין איר אַנשטאַלט, און דורך דער אָפענער טיר — אין איר אָפּטיילונג, וואו זי האָט געאַרבעט, האָט זי גלייך דערזען דוקא־ווינען. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט, זי זאָל נישט בלייבן פּלוצלינג שטיין, ווי זי וואָלט א וואונדער דערזען. ער איז געזעסן אויף זיין אָרט באַם גרויסן שווערן טיש און זיין פּנים איז געווען פאַרגליווערט אין טונקעלער בלייכקייט; ער איז געווען אין א שוואַרץ העמדל, וואָס איז געווען פאַר־קנעפּלט אויפן האַלז מיט צוויי ווייסע מוטער־פּערלנע קנעפּלעך; די האָר זענען געלעגן אויפגעשויבערט אין פּאַסמעס און שוואַרץ־גלאַנציק; ער איז געזעסן גלייך ווי אויסגעגאָסן. די ליפּן פאַרפּרעסט און אין די אויגן א שטילער פאַרביסענער צער, ווי ער וואָלט זיך גוט געפילט מיט זיין ווייטיק. האָט ער אַזוי געקוקט אין פּאַפּיר, וואָס דער סעקרעטאַר האָט פאַר אים געהאַלטן; האָט אויסגעהערט זיינע דערקלערונגען, געשוויגן, און אַלץ די אויגן פון פּאַפּיר נישט אויפגעהויבן.

בליומע האָט זיך דאַך אָפּגעשטעלט אויף א ווײַלע; האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טון. האָט גלייך אויסגעטון דאָס מאַנטל מיטן היטעלע, געבליבן אין שטיל־באַשיידענעם ברוינעם קלייד, וואָס איז איר שטאַרק איינגעפאַלן אין טאַליע, און מיט די צוויי לאַנגע, קופּער־גלאַנציקע צעפּ, וואָס האָבן שטיל געשמייכלט פון אירע פּלייצעס אַראָפּ. איז מיט פאַרזיכ־טיקע טריט צוגעגאַנגען צו איר טיש, האָט זיך אָבער נישט געזעצט, און

שווייגנדיק געוואָרט, ער זאָל זי דערזעען. נאָר ער האָט אַלץ די אויגן נישט אויפגעהויבן. כאָטש זי האָט נישט געקוקט אויף אים, האָט זי עס געפילט. ס'איז אויסגעקומען, אַז ער האָט פאַרגעסן, אַז מען קאָן די אויגן אויפהייבן.

אַזוי האָט געדויערט אַ ווײַלע. ביז דער סעקרעטאַר האָט אויפגעהערט געבן זײַנע דערקלערונגען און דערנאָך געפרעגט:

— איבערגעגבן די „אַסיגנאַוואַקס" אין „אינספּעקציע"

— יאָ.

דאָס קול איז געווען אַזוי רויק, נאָר פרעמד, ווי דוכאָווין וואָלט געאַרבעט אין זין געהאַט דאָס, וואָס מען האָט צו אים ביז אַהער גערעדט.

דער סעקרעטאַר האָט זיך אויסגעגלײַכט. דערזעען בלומען, ווי זי שטייט עטוואָס געבויגן; מישט אויף אַ בוך.

— אַ! איר האָט הײַנט שטאַרק פּאַרשפּעטיקט, חברטע! גוט מאָרגן אײַך.

בלומע האָט זיך אויסגעדרייט, נישט ווײַל זי האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן דעם סעקרעטאַר, נאָר ווײַל זי האָט דערפילט, אַז דוכאָווין האָט אויפגעהויבן די אויגן און זי דערזעען.

דער סעקרעטאַר האָט אָפּגעציילט עטלעכע שפּאַן מיט זײַנע געלע חויכע שטיוול און געעפנט די טיר אין דער „אַלגעמיינער אָפּטיילונג" אַרײַן. אַ שטילער געפּרעסטער רעש האָט זיך געגעבן אַ רייס אַרײַן דורך דער אָפענער טיר; זי האָט זיך גלײַך פאַרמאַכט און דער רעש איז דאָ אין צימער גלײַך צעשווימען געוואָרן אין דער שאָטנדיקער שטילקייט.

דוכאָווין האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף בלומען און אַזוי מאָדנע, ווי ער וואָלט זי נישט דערקענט. בלומע האָט דערפילט וואַרעמקייט אין בנים:

— גוט מאָרגן! ווען זענט איר געקומען?

— האַ! — האָט זיך דוכאָווין אויפגעשטעלט, אויסגעצויגן די האַנט, מיט דינע פינגער אַ דריק געטון בלומעס האַנט: — נאָך נעכטן... ס'הייסט באַנאַכט...

און האָט שטיל אָפּגעזיפצט.

בלומע האָט שוין פאַרשטאַנען, וואָס עס איז געשעען דאָרט אין שטעטל. זי איז צוגעגאַנגען נעענטער צו אים. אין די אויגן איז אויפגעגאַנגען שרעק.

— וואס זשע, א? וואס איז מיט זיי געווארן?
— דערהרגעט.
— דערהרגעט?
— דעם טאטן... די מאמען... מרים לעבט שוין אויך ניש...

בליומע האט ארויסגעלאזט אזא קלאנג, ווי א דערשראקענער, געפאנגענער פויגל — א פישטש. האט איין האנט געגעבן א לייג-צו צום פנים. דוכאווין איז געשטאנען מיט פארקלעמטע ציין און מיט מידקייט ווי א געפייניקטער. זיינע אויגן האבן אויפגעגלאנצט, זיך איבערגעגאסן מיט טרערן; ער האט א שלונג געטון און דער גלאנץ האט זיך צוריק איינגעזאפט.

— מען האט זיי פארפייניקט... פארפייניקט און דערשאסן... אויפן מיסט האט מען מרימען געפונען א צעשלאגענע... מען האט זי קוים דערקענט... הינט האבן איר לייב געפרעסן...

בליומע האט מיט שרעק אויפגעצויגן די אקסלען, אז זיי האבן דערגרייכט ביז אירע אויערן. זי האט געגעבן א פארמאך די אויגן, שטארק א שוידער געטון און ווידער ארויסגעלאזט א משונהדיקן קלאנג. דוכאווין האט געקריגן גרויסע אויגן, געקוקט צום פענצטער לייכט שאקלענדיק מיטן קאפ. האט מיטאמאל אפגעצויגן דעם אטעם און געזאגט:

— און די רוצחים גייען ארום פראנק און פריי... איך ווייס ווער זיי זענען... איך וועל זיי געפינען...

האט עס אפגעזאגט אזוי זיכער, מיט אזא רויקער פארביסנקייט, אז בליומע האט צוריק געעפנט די אויגן, געקוקט אויף אים מיט רחמנות און ווייטיק.

דער סעקרעטאר איז אריין, געבליבן שטיין בא דער טיר, זיך דערמאנט אין עפעס און צוריק ארויס.

— און וואו איז דינה?
— געקומען. איז קראנק... צעבראכן פון יסורים...
— וואו-זשע איז זי?
— אין „דאם סאוועטאוו"... האט דארט גענומען א צימער.
— זאל איך אפשר צוגיין צו איר?
— אדרבה... גייט צו... זי האט מיך טאקע געבעטן אייך צושיקן... כ'האב גאר פארגעסן... אז איך בין ווי צעמישט... גייט טאקע שוין צו.

— גיי איך.

בליומע האט זיך ראפטום געגעבן א דריי אויס. האט זיך דערביי איר ברוין געפאלדעוועט קלייד געגעבן א יאג ארום איר און פון אונ־טער דעם האט עפעס א ווייסקייט א בלאנק געטון: א שמאל ווייסער פלעק האט איר קלייד ארומגעזוימט. זי האט זיך איינגעבויגן צו נעמען איר היטעלע און די לאנגע צעפ האבן זיך אראפגעגליטשט פון אירע אקסלען. דוכאווין האט צוזאמענגעקנייטשט די ברעמען: איין ווילע האט ער באמערקט איר שפילנדיקע, זינגענדיקע, שלאנקע פיגור און זיין בליק האט זיך אראפגעגליטשט ביז אירע פיס אין טיף־אויסגעשניטענע שווארצע שיכלעך. פאר די אויגן האט אים א גלאנץ געטון מיט קופער פון אירע האר; און אז זי האט זיך אויסגעגלייכט און געהאלטןביידע הענט אויפ־געהויבן ארויפצוזעצנדיק דאס היטעלע אויפן קאפ — האט ער דערפילט א ריח פון פארגאנגענע חלומות און טיף אין זיך דערפילט אן אויפגליווער: עס האט געשמעקט מיט פארהוילנקייט און היימישקייט... ער האט אליין נישט פארשטאנען, וואס אזוינס ער האט זיך דערמאנט.

דאס האט געדויערט נאר איין ווילע; באלד האבן זיינע ברעמען נאכגעלאזט, און צוריק איז געווען דער שטומער, רויקער צער אין די אויגן און דער ווייטיק און מידקייט אויפן בלייכן פנים.

קאפיטל צוויי.

דער האטעל „אימפעריאל“ — וואס איז איצט געווען נאציאנא־ליזירט און פארוואנדלט אין א ראטן־הויז — וואו עס האבן געוואוינט פאראנטווארטלעכע טוער, אנגעזעענע פארטיי־חברים און קאמאנדירטע, — איז געשטאנען באם בולוואר א הויכער, ברייט־ביינענדיקער, פעסט־איינ־געוואקסענער און מיט אלטן יחוס און גאווה אראפגעקוקט צום ים, וואס איז געלעגן אין טאל, שטיל זילבערנדיק זיך אונטער דער זון. אז בליו־מע האט זיך צום האטעל דערנענטערט, האט זי איינגעהאלטן אירע טריט און גענומען שפאנען געלאסענער; האט אין זיך דערפילט דאס אינטים שרעקנדיקע געפיל, וואס איז אין איר געבוירן געווארן פון דוכאווינס בליק, וואס האט זיך איבער איר א גליטש געטון. זי האט דעם בליק

נישט געזען. זי האט אים אבער דערפילט און מיט זיך מיטגענומען. האט זי זיך איצט אפגעקערט פון האטעל, איז ארויף אויפן בולוואר, דורכ־שפאצירט צווישן דיביימער און געבליבן שטיין באם אייזערנעם „פא־רענטש", וואס האט אפגעצוימט דעם בולוואר פון דער ים־זייט; איז גע־בליבן שטיין אזוי, ווי זי וואלט געוואלט דערלייענען דעם בריוו פון איר געליבטן, כדי דערנאך אריינקומען צווישן פרעמדע א שטילע און באַ־האלטענע.

און זי א ווײלע אזוי געשטאנען מיט שטילע ליכטיקע אויגן און מיט פרייד אין הארץ. און איר, ארום איר האט מאדנע געשמייכלט. אפילו דער ים, וואס איז געלעגן א פלאכער, א ווייט־צעגאסענער, האט אויך צו איר געשמייכלט. זי האט געקוקט אויף אים מיט דערשטוינונג, ווי זי וואלט דאס צום ערשטן מאל געזען אזא שטילן, שמייכלענדיקן ים. האט אויף א ווײלע צוגעמאכט די אויגן און ווידער דערפילט: דודס בליק גליטשט זיך איבער איר. האט אפגעאטעמט, צוריק געעפנט די אויגן און ס'איז געווען, ווי זי וואלט דערפילט איר געפיל ביזן סוף און איצט — איז זי שוין גרייט אויפצונעמען דינהס טרויער. האט זי זיך אויסגעדרייט און מיט רעשיקע טריט אוועק צום האטעל.

אויף די טרעפ איז איר אנטקייגן געקומען א הויכער, קלארער מאנספארשוין מיט הויכע שטיוול און פארעקשנט פנים. בלומע האט אים גלייך דערקענט. דאס איז געווען ראבינסאן, דער סעקרעטאר פון „פאר־קאם". זי האט געוואוסט, אז ער איז א שטרענגער און שווייגנדיקער; אז ער שטייט אין „פארקאם" און קוקט סתם אזוי זיך אין פענצטער אריין, זעט אויך אויס, אז ער איז פארנומען מיט וויכטיקע פאליטישע מחשבות; קוקט נישט אויף חברים און זעט גארנישט ארום זיך. ער קען זיי געוויס נישט... נאר בלומען האט זיך פארגלוסט א שמייכל טון צו אים. האט ער זיך אפגעשטעלט, זי דורכגעלאזט און בשעת מעשה געקוקט מיט אזעלכע אויגן, ווי ער וואלט באמערקט א ווילד פרעמדן; האט גע־קוקט מיט חשד און מיטאמאל א פרעג געטון:

— אנטשולדיקט... צו וועמען?

בלומע האט זיך אפגעשטעלט, האט אויסגעדרייט צו אים דעם קאפ, זיך ווידער צעשמייכלט און אליין זיך פארשעמט פאר איר שמייכל:

— צו חבר דוכאווין!

— צו וועמען?

— צו חבר דאכין.
— ער איז דען איצט אין דער היים?
— זיין שוועסטער איז דא.
— א!

און פון דעם „א!" איז אויסגעקומען, אז ער ווייסט שוין, ווער זי איז. דערפאר איז זיין פנים געווארן נאכגעלאזט, ווייכער און ער האט שוין ערנסט א שמייכל געטון:

— אויפן צווייטן שטאק... דאכט זיך נומער זעכצען.
— יא, זעכצען.

זי האט אזוי געענטפערט, כאטש זי האט זיך ערשט איצט געכאפט, אז זי האט נישט געוואוסט דעם נומער. ס'האט זי איצט געוואונדערט, פארוואס זי האט עס פארגעסן צו פרעגן בא דודן, און ס'האט איר הנאה געטון, וואס זי האט געענטפערט אזוי זיכער. עפעס האט ער שוין צופיל געקוקט אויף איר מיט חשד... מאדנע: וואס האט ער אזוי געקוקט אויף איר?

ווען זי איז אריין אין צימער, האט זי געטראפן דינהן ליגן אויף דער רויט פלושענער קושעטקע. געלעגן מיט די פיס געקארטשעט אזוי, אז איר גרוי קלייד האט זיי איינגאנצן צוגעדעקט. ס'איז געווען, נישט ווי זי וואלט געווען אנגעטון אין קלייד, נאר זיך בלויז צוגעדעקט מיט דעם. א מינוט האט בליומע געשוויגן: ערשט איצט האט זי געפילט, אז זי איז שטארק צעררודערט און זיך באמיט צו ווערן רויקער. דינה האט אויסגעדרייט צו איר דאס בלייכע פנים, געקוקט א ווײלע מיט וואונדער און צער, ווי זי וואלט נישט פארשטאנען, וואס בליומע זעט אזוי מאדנע אויס...

— דינה!

אזוי האט בליומע אויסגערופן און דאס פנים איז איר עטוואס איינגעלאשן געווארן, דערפילנדיק דעם טרויער, וואס זיצט דא מיט דינהן אויף דער קושעטקע.

אויף דינהס פנים האט זיך צעשפילט א בלייכער שמייכל.

זי האט זיך געגעבן א זעץ אויף:

— בליומע... בליומעטשקע!

זיי האבן זיך ווארעם ארומגענומען, זיך הארציק צעקושט און ס'איז איין ווײלע געווען, ווי פרייליכקייט האט ארויסגעשטעקט דעם קאפ פון אונטער א צודעק.

— בלומע טייערע! וואס־זשע הערט זיך?

ס'האט גלייך אויסגעטרוקנט די שרעק פון בלומעס אויגן.

— איך האב גארנישט געוואוסט, אז איר זענט שוין דא... ווען איך וויס, קום איך נאך נעכטן באנאכט... ערשט פריער האט מיר דוד געזאגט. ער האט געזאגט, אז ביסט קראנק, האב איך געלאזט די ארבעט און בין גלייך אוועק צו דיר.

— זייער גלייך... זייער גוט...

— ס'איז אריסגעקומען, ווי דינה דארף זי האבן וועגן זייער א היכטיקער זאך און הארט די גאנצע צייט אויף איר. בלומע האט דער־פון דערפילט א ווארעמקייט אין פנים און דאך האט זי באהאלטן דעם שמייכל.

— איך בין גארנישט קראנק... איך בין נאר מיד און... א ביסל שוואך.

בלומע איז געווארן רירעוודיקער: זי האט אויסגעטון דאס מאנטל, אראפגענומען פון קאפ דאס היטעלע, מיטביידע הענט זיך געגעבן א גלעט איבער די אייגענע האר און דינה האט לייכט געשמייכלט קוקנ־דיק אויף די ווייסע, לאנגע פינגער, וואס ליגן אויף די קופער־גלאנציקע האר.

— איז וואס זשע מאכסטו?

— וואס זאל איך מאכן? — האט דינה געגעבן א צי אויף די ברעמען — און דו, בלומעטשקע, שיינסט...

בלומע האט זיך געזעצט לעבן איר אויף דער קושעטקע און עפעס געוואלט פארווישן די לעצטע ווערטער דינהס:

— ביסט שטארק מיד?

— יא... נאר ס'איז גארנישט. איך בין שוין געוואוינט צו די צרות... איך האב זיך די גאנצע צייט געריכט אויף דעם... אבער דוד, ער איז גאר אויס מענטש געווארן... איך האב גאר מורא געהאט, ער זאל נישט אראפ פון זינען. האסט געזעען, ווי ער זעט אויס? אז ער שלאפט נישט... ער איז אזוי צערודערט געווארן, אז ער ער הערט נישט, וואס מען רעדט צו אים... עס קאן אים אויף קיין איין רגע נישט ארויס פונם קאפ.

דינה האט אפגעזיפצט טיף, שווער און דאס בלייכע פנים איז איר טונקעלער געווארן: די פרייד האט צוריק געהאט ארונטערגעצויגן דעם

קאפ אונטער דער צודעק. דער טרויער האט שטיל געקוקט פון אלע ווינקלען.

ביידע האבן געשוויגן. איינע אויף דער אנדערער נישט גע־קוקט.

דאס צימער איז געווען גרויס, הויך און ליכטיק. די פענצטער האבן געקוקט איבער די שפיצן פון די ביימער און אויף דעם שווער־פליושענעם טעפיך, וואס איז געלעגן ווי צוגעקלעפט צו דער פאדלאגע, זענען געלעגן פירעקעדיקע שטיקער זון, וואס זענען געפאלן פון די שויבן; זיך איינגעגעסן אין טיפן פליוש און שטיל דרימלענדיק אראפ־געשמייכלט.

ביידע האבן גערעדט שטיל, מיט פרומען ערנסט, ווי די וואלטן זיך געהיטן נישט צו פארשוועכן דעם שטומען טרויער, וואס איז דא ארום־געגאנגען מיט ווייכע שארענדיקע טריט פון ווינקל צו ווינקל. פלוצלינג האט זיך עפעס געגעבן א זאפ איין: אין דרויסן, זעט אויס, איז ווייסע כמארע אנגעלאפן אויף דער זון; זענען די ליכטיקע שטיקער אראפ פון פליושענעם טעפיך, זיך אויסגעלאשן און א בלייכקייט האט געגעבן א קוק אריין דורך די שויבן, ווי ווייסע שטייענדיקע אויגן. האט דינה גע־געבן אן עפן דאס קליינע מויל, האט עס צוריק פארמאכט, פארפרעסט די ליפן, און ס'איז געווען, ווי זי וואלט א שרעק דערזען: זי האט זיך אלץ דערמאנט און א זאג געטון מיט א פארנאכטיק קול:

— איצט בין איך א יתומה... און דוד איז א יתום...

די אויגן האבן זיך איר איבערגעגאסן מיט גלאנציקע טרערן:

— און מרים איז שוין מער נישטא... נישטא מרים... ס'ווייגט אזוי דאס הארץ... אט די קליינע מרים... וואס האט מען פון איר געוואלט? זי איז דאך נאך קיין גאנצע צוועלף יאר נישט אלט געווען... זי האט דאך אפילו דעם גרויל נישט פארשטאנען... און זיי האבן זי געשענדעט. געשענדעט און געפייניקט... ביז — זי איז אויסגעגאנגען... אך!

זי האט א ציטער געטון, גענומען שווער אטעמען און אויסגעלאזט שוין מיט געוויין:

— אויפן מיסט האט מען זי געפונען א צעריסענע... א צעשלא־גענע...

זי איז שטיל געווארן. געבליבן זיצן פארגליווערט און פון די אפע־נע שטייענדיקע אויגן האבן זיך געצויגן צוויי שנירלעך שטילע, קלארע

טרערן. זי האט אלץ געקוקט אויף בלומען, ווי זי וואלט געוואַרט פון איר אן ענטפער. בלומע האט געפילט, ווי עס שטיקט איר אין האלז און אין איר ווייטיק איז געווען עפעס א בושה: די פארבארגענע פרייד אין הארץ האט געטריפט מיט בושה. נאר זי האט זיך באמיט צו בלייבן רויק.

— און זיי זענען דאך דא די רוצחים; זיי באהאלטן זיך אויס, אבער זיי זענען דאך דא.

בלומע האט צוגעצויגן דינהס קאפ צו זיך אויף דער יינגער ברוסט, דינה האט זיך צו איר געטוליעט, ווי א באליידיקט קינד; האט געהערט ווי בלומעס הארץ שלאגט מיט געציילטע הארטע קלעפ; האט מיטאמאל אפגעהעשעט טיף, לאנגזאם, האט געעפנט די אויגן און די טרערן זענען שוין נישט געווען, ווי עס וואלט מער אין איר קיין טרערן נישט געבליבן.

דערווייל איז די זון צוריק אנטפלעקט געווארן. — האט עס צוריק געגעבן א לאך אריין דורך די שויבן, און די ליכטיקע שטיקער האבן זיך צוריק באזעצט מיט פרייליכקייט אויפן פליושענעם טעפיך.

דינה האט זיך אויסגעגלייכט און עפעס איז אין צימער פרייער געווארן, ווי א לינד ווינטל וואלט א בלאז געטון.

* *

*

מען האט אנגעקלאפט אין טיר.

דינה האט זיך געגעבן א שטרעק אויס מיט פארוואונדערונג:

— אריין!

אריינגעקומען איז דוד. איין רגע האט זיך נאך דינה געוואונדערט, וואס דוד האט אנגעקלאפט אין טיר און געווארט ביז ער האט דערהערט דעם „אריין". נאר באלד האט זיך דער וואונדער אפגעווישט. בלומע האט דערהערט, ווי אין הארץ האט עס שטארק א שלאג געטון און זיך אויך באלד בארויקט.

איצט האבן ביידע באמערקט אן ענדערונג אויף דודס פנים: ער איז איצט נישט געווען אזוי טרויעריק, נאר פעסט אנטשלאסן: ווי ער

וואלט זיך ענדלעך דערוואוסט דאס, וואס ער האט ביז אהער געזוכט זיך צו דערוויסן.

דערזעענדיק ווי ביידע זיצן אזוי באענט און היימיש, האט א שיין פון א שמייכל זיך באוויזן אויף זיין פנים; די אויגן דיינע זענען געווארן מילדער, קיילעכדיקער און ריינער.

— איז וואס זשע טוט איר דא?

איצט האט ער געקוקט אויף בלומען און זיין שטים איז אויך אנ־דערש געווען:

— אין דרויסן איז שוין זומער. ס'איז אזוי פיין אין גאס; א שאד צו זיצן אין צימער.

בלומע האט איצט שטארקער און זינגענדיקער דערפילט די פרייד אין הארצן. זי האט געשמייכלט פארלעגן און אזוי געבליבן זיצן.

— אט זיצן מיר און רעדן — האט דינה געזאגט — ס'איז שוין זייער שפעט?

— פארוואס מיינסטו אזוי?

— דו ביסט דאך שוין פון דער ארבעט?!

— ס'איז איצט פאר דריי דעם זייגער... איך בין אוועק פריער...

האט זיך דורכגעשפאנט איבערן צימער, איז א ווילע שטיין גע־בליבן לעבן פענצטער, זיך צוריק אויסגעדרייט און פארענדיקט:

— עס זיצט זיך מיר נישט בא דער ארבעט.

— ביסט מיד. וואלסט זיך געדארפט אויסרוען.

— ניין; נישט דאס. איך מיין: איך קען נישט איינזיצן אויף קיין ארט... איך קען נישט גלאט זיצן... איך טראכט גאר אוועקצוגיין פון „נאראבראז".

ער האט געווען שפאנען איבערן צימער; גערעדט מיט א פאר־עקשנט, ריין און זיכער קול; גערעדט ווי צו זיך אליין; האט זיך אליין געוואלט קלאר מאכן דעם געדאנק, וואס האט אים באהערשט: ווי אזוי קען מען? ווי אזוי קען ער נאך די אלע געשעענישן זיך אוועקזעצן סתם צו אן ארבעט, אפילו א נוצלעכע ארבעט און פארגעסן אלץ, וואס איז געווען? ווי אזוי? פארוואס האבן יידן אזא שוואכן זכרון? מארגע: מיר האבן א טבע צו פארגעסן, ווי נאר אונז איז געלונגען ארויסצוכאפן זיך פון בראנד, אפילו בלייבנדיק א קריפל... ס'איז דאך אזוי נישט פאר־

שטענדלעך: תיכּף נאכן פּאגראם, באגראבן ווייב און קינדער און גלייך — צום האנדל... ווי עס וואלט גארנישט געשען... ווי אזוי קען מען עס? ווען אן אייגענער ברודער איז אמאל נישט פּארזיכטיק און באליידיקט מיט א ווארט — ווערט מען אים א שונא און מען זוכט זיך נוקם צו זיין אין אים. און ווען א רוצח שעכט ווייב און קינדער — גייט מען צוריק צו אייגענע מסחרים און מען פארגעסט... וואס־זשע אבער זאל איך טון, אז איך טאר נישט פארגעסן און קען נישט פארגעסן און וויל נישט פארגעסן? דאס אייגענע בלוט שרייט פון ווייטיק און בושה...

אזוי האט ער גערעדט, געהאט מאדנע שארפקייט אין פּנים און פלאמיקן גלאנץ אין די אויגן. דינה האט געהערט זיינע רייד, איר פּנים איז געווען אויסגעצויגן פון צער, און בלומע האט איצט נישט פארשטא־נען, וואס ער רעדט; זי האט בלויז געהערט זיין שטימע און ס'איז איר געווען, ווי דאס געזאנג, וואס זי האט דורך פינצטערע נעכט געהערט פון ווייטן, האט זיך מיטאמאל דערנענטערט. איז זי געזעסן און אלע גלידער אירע האבן זיך צוגעהערט.

דוכאווין האט זיך אפּגעשטעלט נאענט לעבן בלומען, האט צו־גערוקט א בענקל, זיך אוועקגעזעצט און, אזוי היימיש און געטריי גע־פרעגט.

— און וואס הערט זיך בא אייך, בלומע?

— בא מיר? ווייס איך?!

בלומע האט געפילט, אז זי רויטלט זיך. האט זי זיך אנגעשטרענגט און באקומען פרומקייט אין די אויגן.

— כ'האב געהערט, אז איר זענט גאר א גוטע חברטע.

— ווייס איך?

— יא, מען האט מיר דערציילט: איר קומט אויף אלע פארזאמ־לונגען, אלע מיטינגען.

— ווי זשע דען?

— און איר נעמט אנטייל אין די דעבאטן... שוין אפילו ארויס־געטרעטן מיט א רעדע...

— עטלעכע ווערטער געזאגט.

— און וואס זאגט צו דעם דער הער עטינגער?

בלומע האט אויפגעהויבן די אויגן. איר איז אויסגעקומען, אז זי הערט א פארביסנקייט אין זיין קול.

— וואס זאגט מען דערצו אינדערהיים, אין דער רייכער משפּחה? — האט ער איבערגעפרעגט, נאר שוין ווייכער.

— זיי ווייסן גארנישט... איבעריקנס: וועמען ארט עס, וואס זיי זאגן?

דינה איז דערווייל ארויס פון צימער און דוד האט זיך פארטראכט. ס'איז געווען אזוי, ווי ער וואלט זיך פארגעסן אינמיטן רעדן, וועגן וואס ער האט גערעדט. בלומע האט שטיל געקוקט אויף זיין פּנים, וואס איז איצט געווען אנגעשטרענגט און זי האט געדענקט: זי האט אים שוין אמאל געזען מיט אזא פּנים.

דא האט דוכאווין א פרעג געטון:

— און וואס טוט טאניא? א? זי האט טאקע חתונה געהאט מיט דעם נארישן בורזשויטשיק?

בלומע האט אליין נישט געוואוסט, פארוואס איר גלוסט זיך צו שווייגן. זי האט בלויז צוגעשאקלט מיטן קאפּ.

— און האט שוין א קינד דאכט זיך?

בלומע האט ווידער צוגעשאקלט מיטן קאפּ און שטיל א שלונג געטון. דינה איז צוריק אריינגעקומען:

— מען דארף אראפּגיין צו מיטאג. שוין פיר א זייגער

נאר דוד האט פארענדיקט:

— מען וואלט געדארפט אריינגיין זען, וואס זי מאכט.

ערשט איצט האט זיך בלומע דערמאנט, ווי דער פאטער האט אויף איר געקוקט אין דער פרי, און ווי ער האט באפוילן זי זאל ווארטן. איר איז מיט אמאל קלאר געווארן, אז דער פאטער ווייסט שוין, וואס זי טוט און אז עפּעס אומאנגענעמס דערווארט זי. האט זי זיך אין דעם אנגע-כאפּט מיט פרייד; האט זיך צעשמייכלט און געזאגט:

— כ'האב מורא, אז דער טאטע ווייסט שוין.

— אז איר זענט אין דער פּארטיי?

— און אז איך בין אויף א שטעלע... ער איז בייז אוןווארט אויף א געלעגנהייט מיט מיר צו רעדן.

— נו? — האט דוד צונויפגעצויגן די ליפּן.

— ס'וועט זיין שיין — האט בלומע געלאכט — ער וועט מיך נאך פון שטוב ארויסטרייבן... דאס יינגע ווייב וועט שוין מסתּם פועלן.

האט דוד א ווײַלע געשוויגן און דערנאך געענטפערט:

— הערט איר וואַרטן מיט דינהן.

האָט זיך בליומע ווידער צעלאַכט:

— מען דאַרף דאָך פרעגן בא דינהן פריער?

— וואָס דינה? — איז דינה נענטער צוגעגאַנגען.

— אַז מיין טאַטע וועט מיך פון שטוב אַרויסטרייבן, וועסטו מיך אַריינעמען צו דיר? — האָט זיך בליומע געגעבן אַ שטעל אויף מיט אַ שמייכל.

דינה האָט זי אַרומגעכאַפּט און האַרציק געגומען זי קושן. דוד איז געשטאַנען און אַ פאַרהוילענער שמייכל האָט ווי אַ ליכטיקער פלעק געוואַונקען פון זיין ווינקל מויל.

— וועסט מיך מסתּם האָבן פאַר אַ מיטוואויינערין. היינט אינדערפרי איז ער געווען שטאַרק בייז... האָט ער מיך געהייסן צוּוואַרטן... ער איז אַריינגעגאַנגען מיטן הער בורמאַן אין צווייטן צימער... נו, האָב איך נישט געוואַרט... וועט שוין איצט זיין פריילעך.

אַזוי האָט בליומע גערעדט און מיט לינגענדיקע טריט זיך דערנענטערט צום גרויסן שפּיגל, וואָס האָט געזילבערט פון וואַנט אַראָפּ; האָט זיך גאָר שטאַרק צו אים דערנענטערט, זיך איינגעקוקט אין אייגענעם פּנים און געזען אונטער זיך, ווי דוד שטייט אַ הויכער, אַ שלאַנקער און די שוואַרצע האָר זיינע זענען צעוואָרפן אין געקנייטשטע פּאַסמעס; זיין פּנים איז פאַרגליווערט און שיינענדיק. האָט זי זיך אָפּגעקערט פון שפּיגל און אויסגעמיטן דודס בליק.

— קומט, לאָמיר אַראָפּגיין עסן.

אַזוי האָט דינה געזאָגט. בליומע האָט זיך אָנגעטון דאָס היטעלע און זיך באַלד געכאַפּט, אַז זי דאַרף עס נישט אָנטון: זי גייט דאָך נאָר אַראָפּ עסן... דוכאָווין איז געשטאַנען מיט געשלאָסענע קינבאַקן און געוואַרט.

*

אין קאָרידאָר, איז זיי אַנטקעגן געקומען אַבראַמעק. דער יינג איז געגאַנגען מיט געלאָסענע טריט און אַ צעהיצט פּנים; האָט מיט פאַרדריסענעם קאָפּ געקוקט די גומערן איבער די צימערן. ער איז געווען אין

זיין שווארצן גימנאזיסטן מונדיר און דאס היטל האט ער געטראגן צוזא-מענגעקוועטשט אונטערן ארעם.

— אבראמעק! — האט בליומע די ערשטע אים דערזעען.

דער ייגג האט זיך אומגעקוקט. איין ווײַלע איז ער געווען ווי צע-טומלט: נישט דערוואַרט דא צו טרעפן בליומען, נאר באלד האט ער זיך בארויקט און זיך צעשמייכלט.

דינה האט אים אנגעקוקט, ווי זי וואלט אים ספעציעל באטראכט. דוכאווין האט אים געדרוקט די האנט.

— איך בין געווען אין „נאראבראז" האב איך אייך שוין דארט נישט געטראפן... נאך געווען פאר פיר.

ער האט עס ארויסגעזאגט האסטיק אטעמענדיק, ווי ער וואלט זיך שטארק געאײַלט.

— איר דארפט עפעס צו מיר? — האט דוכאווין שוין ערנסט גע-פרעגט.

— איך דארף אייך זייער נייטיק.

די מיידלעך זענען געשטאנען און געווארט און אבראמעק האט דערפאר אראפגעלאזט זיין שטים:

— איך וויל פון אייך א רעקאמענדאציע.

— א רעקאמענדאציע?

דוכאווין האט זיך אויסגעדרייט און גענומען שפאנען מיט אברא-מעקן צו דער טיר פון זיין צימער. האט עטוואס אנגעבויגן דעם קאפ און זיך צוגעהערט צו אבראמעקס באגייסטערטע רייד. אויסגעדרייט דעם קאפ און געזאגט:

— גייט אראפ, איך קום באלד.

איז מיט אבראמעקן אריין אין צימער.

אבראמעק האט זיך נישט געזעצט, האט נאר אויפגעהויבן דעם ארעם און דאס היטל איז אראפגעפאלן אויף דער קושעטקע; האט ארויס-גענומען פון קעשענע א פאפיר און געריעדט אין איין אטעם:

— כדי אנצוקומען אין דער ארטילערישער שולע מוז מען האבן צוויי רעקאמענדאציע-אונטערשריפטן. איך וואלט געקענט אפילו באקומען אין „אודאסטאווערעניע" אין „קאמסאמאל" — נאר דארט איז נאך אלץ נישט ארגאניזירט.

— וואס זשע? דיר ווילט זיך שטארק אנקומען אין דער ארטי-

לע ישער שולע? עס ווילט זיך דיר דווקא ווערן א רויטער אפי-ציר?

אזוי האט געפרעגט דוכאווין, זעצנדיק זיך באַם, טיש און נישט אפּ-געריסן זיין בליק פון דעם צעהיצטן, באגייסטערטן פּנים מיט די קויל-שווארצע, ברענענדיקע אויגן, וואס האבן געשלאגן מיט רויטלעכע פונקען.

— אייגנטלעך בין איך שוין פארשריבן. שוין אריבער א וואך, אז איך האב זיך פארשריבן און בין שוין דארט עטלעכע טעג. ווארים, וואס וועל איך מיך ארומדרייען אין שטוב, וואו מען רעדט כּסדר פון זייף?! היינט האט מען אויסגעטיילט די אנקעטע-בויגנס; יעדער דארף האבן צוויי רעקאמענדאציע-אונטערשריפטן פון פארטיי-חברים, בין איך גע-קומען...

דוכאווין האט געשמייכלט פון ייִנגס באגייסטערטע רייד און אבראַ-מעק האט אלץ גערעדט גיך, אין איין אטעם.

פארוואס טאקע נישט? ער וויל טאקע ווערן אן אפיציר, און טא-קע אן ארטילעריסטער... וואס דען, ווערן א רעגיסטראטאר אין עפּעס א קאנצעלאריע? — דאס איז אן ארבעט פאר מיידלעך. וואס וועט ער זיצן און רעגיסטרירן פּאפּירן? — ס'איז נודנע. אזוי אבער: פארט מען מיט הבֿרה אויפן פראנט. ס'איז פרייִלעכער: פערד הירזשען. וועגענער קלאפּן, הארמאטן קנאלן מיט פייער — ס'איז געטון. דאס הייסט געאַר-בעט.

ס'האט פונעם ייִנג געשפּריצט מיט יוגנט און קראפט. דוכאווין האט געהאט דאס געפיל, ווי דער ייִנג וואלט אים איבערגעוואקסן. אין הארץ האט זיך גענומען רודערן א קנאה-געפיל:

— אבראמעק ביסט א מאלאדיעץ! כ'האב גארנישט געוואוסט, אז דו ביסט אזא רעוואלוציאנער!?

— ווייס איך?... מיר זענען א גאנצע גרופּע; נאך לאנג האבן מיר זיך אפּגעשמועסט... מיר האבן געווארט דעם גאנצן ווינטער... עט-לעכע זענען געגאנגען פאר רויטע יונקערס, איך וויל בעסער אין ארטי-לעריע.

— נו און דיין טאטע דער זאוואדטשיק, וואס וועט זאגן?

— דער טאטע?

איין מינוט האט זיך דער ייִנג פארטראכט. ס'איז געווען אזוי ווי ער וואלט זיך ערשט איצט דערמאנט, אז ער האט א טאטן... ביז אהער

איז עס אים גארנישט איינגעפאלן. האט ער לייכט א קנייטש געטון דעם שטערן און אים באלד אויסגעגלייכט:

— וואס גייט מיך אן דער טאטע? און אז ער האט זיך אריינגענומען אן אויסגעפוצטע באלעבאסטע? האט ער זיך ביי מיר געפרעגט? אז איך האב נישט קיין חשק צו זיצן אין שטוב און הערן די פאלשע ריידלעך פון דער שטיף-מאמע. איז וואס האט ער צו מיר, הא?

ס'איז געווען אזוי, ווי דאס, וואס דער טאטע האט זיך גענומען א יינג ווייב, וואלט אים באפרייט פון דער זארג, וואס ער וועט דעם פאטער פארשאפן עגמת נפש.

דוכאווין האט זיך אונטערגעשריבן אויפן אנקעטע-בויגן; האט אים געגעבן א בריוועלע צו ראבינאוויטשן, יענער זאל אים אויך אונטערשרייבן. אבראמעק האט זיך גלייך געזעגנט, זיך אויסגעדרייט, א קלאפ געבנדיק מיט די קנאפל מעשה אפיציר און האסטיק אוועק.

עטלעכע מינוט איז דוכאווין געשטאנען און געטראכט וועגן אבראמעקן. ס'איז אים אויסגעקומען, אז דורך דעם אבראמעקן ווערט אים קלאר. עס דערנענטערט זיך דאס, וועגן וועלכן ער טראכט אזוי מיד אין די לעצטע טעג, און ווייסט נישט, וואס דאס איז אזוינס... ער ווייסט נאך איצט אויך נישט, נאר אין „נארגאראו" וועט ער נישט בלייבן. ווי האט ער געזאגט דער יינג: „זיצן אין א קאנצעלאריע — דאס איז אן ארבעט פאר מיידלעך" — האט ער געדענקט אבראמעקס ווערטער און געטראכט: איז ער דען נישט גערעכט? געוויס — גערעכט.

ער איז דערנאך אראפגעגאנגען שטיל און פארטראכט. האט שוין איצט נישט געדענקט נישט טאניען און נישט בלומען. ער האט אין זיך געפילט א פארביסנקייט און געהערט א פארעקשנטן רוף פון זיין בלוט. עס האט זיך ווידער געהאט צוריקגעקערט דער צער און דער פיין, וואס ער האט מיט זיך געבראכט פון שטעטל, וואו טאטע-מאמע מיט מרימען זענען אומגעקומען.

דער טרויער איז געווען אין גאנצן לייב. אין הארץ איז געלעגן שווערס, פארשטיינערטס; האט געדענקט אין דירעקטארס זינדל מיטן לערער, וואס באהאלטן זיך אויס דארט אין שטעטל... ווי לאנג וועלן זיי זיך אויסבאהאלטן? נאך א פאר וואכן. דערנאך וועלן זיי רעכענען, אז מען האט שוין פארגעסן... נאר: איך וועל נישט פארגעסן! ניין! נישט פארגעסן...

קאפּיטל אכט.

אויף דער גאַס איז געווען אַ פרישקייט און אַ שטילע יום־טובדי־קייט.

דער הימל האָט מיט פאַרוואונדערטער בלויקייט געבליקט דורך לייכטן גרויען נעפּל. די זון איז געווען באַהאַלטן, נאָר אַ מאַטע ליכטי־קע שיין איז רויק געלעגן איבער גאַסן און דעכער. די פאַרגליווערטקייט פון שניי האָט נאָכגעלאָזט, אַ היימיש ווינטל האָט שפּאַצירט מיט קינדי־שער פרישקייט. האָט עס געבראַכט צו טראָגן טיפע עכאָס פון פעלדער אַרום, האָט עס געשמייכלט פון ווייטע וועגן, וואָס ציען זיך צו דער שטאָט; אַ קול פון יונגן פרילינג האָט געציטערט אין ליידיקייט ווי אַ טאָן, וואָס זאָגט פאַר דאָס אָנקומען פון געזאַנג, וואָס איז שוין באַענט. די קלייטן זענען געווען פאַרמאַכט. ס'האָט זיך געפילט אַ ריח פון חול המועד: מענטשן האָבן הולך־בטלדיק שפּאַצירט איבער די גאַסן מיט נייגיר און וואונדער, האָבן שפּאַצירט נישט ווייט פון זייערע היימען און האָבן זיך אַלע ווײַלע אומגעקוקט מיט צווייפל און מיט פאַרבאָרגענער שרעק.

אויף די ראָגן זענען שוין געשטאַנען אַרבעטער מיט ביקסן אויף די אַקסלען אָנגעהאָנגען. זענען זיי געשטאַנען שטילע, מידע און ערנסטע, ווי נאָך אַן אָפּגעטויענער שווערער אַרבעט. די אויגן האָבן געשמייכלט; די מײַלער — עטוואָס געעפנט, ווי זיי וואָלטן שווער אָפּגעאָטעמט. קוקן זיך אַרום מיט צעטומלטקייט: איז שוין טאַקע אַלץ פאַריבער?... יונגע בחורים, הויכע, שטײַפע, פאַרעקשנטע, האָבן געשפּאַנט דורך די גאַסן מיט ביקסן אויף די ברייטע פּלייצעס, מיט צעפלאַמטן גלאַנץ אין די אויגן און מיט הויכע אימפּעטיקע קולות. עלטערע מענטשן האָבן זיי דעם וועג אָפּגעטרעטן, זיי נאָכגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג. מיידלעך מיט געשוירענע האָר און בלייך־פאַרטויענע פּנימער האָבן געאײַלט ווי פרעמדע, אָנגעקומענע, וואָס זענען דאָ קיינמאָל נישט געווען און ווייסן דאָך יעדע גאַס און יעדן ווינקל... יונגע בחורימלעך אײַלן דורך שווייגנדיקע, פריי־לעכע, און אַז איינער טרעפט זיך מיט אַ צווייטן אָדער צווייטער, וואַרפט

און איז ארויס.

ערשט איצט האט ליע זיך אויסגעדרייט, געבליבן שטיין גלייך און געפרעגט:

— וואס זשע ביסטו אזוי שטיין געבליבן?

— ווי אזוי שטיי איך?

— איך זע דאך שוין: האסט עפעס עגמת נפש?

עטינגער האט נישט געענטפערט. ער האט געהאט פארפרעסט די ליפן און עס איז אויסגעקומען, אז ער הערט נישט איר פראגע. איז מיט געלאסענע גאר פעסטע טריט צוגעגאנגען צו דער טיר, איז ארויס אין קארידאר, צוגעקומען ביז בליומעס צימער און אלץ נישט געקענט גלייבן, זי זאל האבן אוועקגעגאנגען נאך דעם, ווי ער האט זי אויסדריקלעך געהייסן ווארטן. האט געעפנט די טיר און געטראפן בליומעס צימער מאדנע שטיל און ליידיק... עפעס אזוי, ווי דא וואלט שוין לאנג קיין מענטש נישט אריינגעקומען. האט ער שוין ארויסגעלאזט א זיפץ; געפילט ווי אין אים וואלט זיך א היץ אויפגעהויבן. האט נאך אלץ נישט געקענט גלייבן און געעפנט די טיר פון אבראמעקס צימער. אויך דארט איז קיינער נישט געווען. ער האט א מרוקע געטון, א דריי געטון דעם קאפ, גענומען צוריק גיין און זיך אפגעשטעלט אין קארידאר: אפשר איז זי אין קיך... ער איז צוגעגאנגען צו דער טיר.

בא דער טיר איז ער שטיין געבליבן: א מין פארשטיקטן קרעכץ האט ער דערהערט; האט ער א קנייטש געטון דעם קלארן שטערן, אנגענומען די קלאמקע און געגעבן אן עפן-אויף די טיר.

אגניא, די דינסט, האט ארויסגעלאזט א קוויטש, ווי מען וואלט איר א שטאך געטון און זיך אפגעריסן פון מאטראז, וואס איז געבליבן שטיין מיט צעעפנטע ארעמס.

— אוי, „באזשע"!

איר פנים איז געווען שטארק צעפלאמט און די אויגן — משונה גרויס. דער נידעריקער, ברייט-פלייציקער מאטראז איז געשטאנען מיט פעסטע, א ביסל צעשטעלטע פיס אין די שטארק ברייטע הויזן, וואס זענען געווען אזוי לאנג, אז זיי האבן זייערע שיך אינגאנצן כמעט צוגעדעקט. די בלאנדע, פעטע האר, זענען געווען אויפגעשויבערט און ער האט געקוקט מיט א דאר פנים, וואס האט דערמאנט שארפן ווינט; האט געקוקט מיט צעכעסטע אויגן, ווי ער וואלט נישט פארשטאנען: ווי קומט אהער אזא לויטער בורזשויסקע פנים מיט אזא געפוצט בערדלע? עטינגער האט

געהאט אויסגעצויגן א לאנגן בליק; דער בליק האט זיך, ווי א דין דרעטל אויסגעשטייפט, דערגרייכט צו אגיאן און זיך איבערגעטראגן אויפן מאטראז, וואס איז אלץ אזוי געשטאנען מיט שווער אראפגעלאזטע הענט, ווי ער וואלט שטארק מיד געווען. עטינגער האט געוואלט עפעס זאגן; האט געפילט, ווי די היץ האט אים א שלאג געטון אין קאפ אריין, נאר האט גארנישט געזאגט. האט זיך אויסגעדרייט, געלאזט די טיר און אפענע, צוריק אריין אין עס-שטוב:

— וואס טוט זיך דא בא מיר אין שטוב? א? וואס איז געווארן פון מיין הויז?

די ווערטער זענען ארויס אזעלכע פארביסענע, קרעכצנדיקע. ליע האט באקומען א צעמישונג אין פנים; האט זיך נישט גערירט פון איר ארט און די אויגן נישט אפגעריסן פון עטינגערן.

— א קרעטשמע! א שענק! ס'איז דאך שוין נישט צום אויסהאלטן!? — האט ער בייז געשריגן.

— וועגן וואס רעדסטו?

— וועגן וואס איך רעד?

עטינגערס אויגן האבן געפלאקערט.

ליע איז געווען בלייך, געפינטלט מיט די ברעמען:

— וואס איז געשען?

— גיי אריין אין קיך, וועסטו זען

— א: אין קיך?

ליעס פנים האט זיך צוריק אויסגעלייטערט; דאס צעטומלטקייט איז אפגעטרעטן:

— וואס וועל איך זען אין קיך? דעם מאטראז? איז וואס-זשע זאל איך טון? איך קאן זיך העלפן?

— ווער דארף דא דעם מאטראז? וואס איז בא מיר: א קרעטשמע? וואס איז געווארן פון מיין שטוב?

— איז וואס-זשע שרייסטו אויף מיר? אדרבא: גיי און טרייב אים ארויס! ער שרייט? וואס קאן איך זיך העלפן? ווייסט נישט אין וואס פאר א צייט מיר לעבן? איך ווייס: ער קומט אלע טאג... ליגט דא איבער די טעג... העלפט אגיאן ברענגען וואסער, אנהאקן האלץ...

— ברענגען וואסער... האקן האלץ...

— איך וואלט אים מוחל געווען די טובות. כאטש נאך וואסער מוז מען גיין אוש ביז פיראגאווסקי... אבער איך וואלט אים מוחל געווען...

ס'איז דען מעגלעך אין קיך אריינצוגיין? אבער — מוחל הייגט, מוחל מארגן... ס'איז הייגט זייער צייט.

— זייער צייט... זייער צייט...

— אדרבה, גיי הייב זיך אן מיט א מאטראז...

עטיגגער האט זיך צעשריגן:

— אז איך דארף זי נישט דא... איך דארף נישט קיין דינסטן!

האט זיך ראש אויסגעדרייט, זיך אוועקגעזעצט אויף דער שטול, וואס איז געשטאנען בא'ם פענצטער.

— און אנדערע זענען בעסער? אנדערע פאלגן א סך?

— וואס מיינסטו?

— וואס איך מיין?...

עטיגגער האט זיך צוריק דערמאנט און שוין א ביסל שטילער א פרעג געטון:

— זי איז טאקע אוועקגעגאנגען?

— בלייומע? געוויס איז זי אוועקגעגאנגען.

— איך האב זי דאך געהייסן ווארטן! זי האט נישט געהערט?

— זי האט שוין דווקא גוט געהערט... האסט געהייסן? איז וואס, אז דער טאטע האט געהייסן? ווער הערט היינט א טאטן? היינט איז א צייט, וואס אלץ איז אויס: נישטא קיין טאטע און קיין דרך ארץ פאר עלטערע. איז וואס-זשע האסטו טענות צו א שיקסע? — אז אן אייגן קינד פאלגט נישט... איבעריקנס: ווי אזוי האט זי געקענט ווארטן, אז זי האט געמוזט לויפן צו דער ארבעט? זי א ר ב ע ט דאך...

עטיגגער האט געקוקט אין פענצטער. די זון איז געפאלן אויף זיין פנים, און ער האט די אויגן צונויפגעשמוריעט. איין פוס האט א א פאר מאל א ציטער געטון; דער קאפל פון שוך האט אנגעקלאפט אין פאדלאגע.

ליע האט פאר אים געגרייט דעם טיש:

— איך האב דען א דינסט? זי איז דאך כסדר פארנומען מיטן שייגעץ. איך מוז דאך אליין אלץ אין זינען האבן...

און שוין מיט ווייכקייט:

— מילא, וואס וועסטו זיצן, וואס? פרישטיק דארף מען דאך עסן.

— איך וויל נישט עסן.

— איז ווען וועסטו דערמיט אפטון? אז יענע איז געווארן א

גאנצע קאמוניסטקע... לויפט ארום מיט די „חברים" און איז אויסגע-
קאכט מיט אלע שניידערקעס... עס ארט זי א סך, וואס מען האט באם
טאטן צוגענומען דעם זאוואד און אים געמאכט פאר אן ארעמאן? אז איר
געפעלט עס גאר!... אגומלט זאגט זי גאר: רייכקייט איז גזלה...
ערלעכקייט איז בא ארעמע לייט, נו גיי טענה מיט איר? דא אגומלט מיט
א פאר טעג צוריק גיי איך אין גאס. איך גיב א קוק: כ'האב זיך די איי-
גענע אויגן נישט געגלייבט — ס'איז בליומע! און מיט וועמען? גע-
דענקסט אפשר די שניידערקע, וואס האט בא אונז וועש געבייט? דאס
איז איר חברטע. אז איך האב עס איר פארגעהאלטן, נו, האט זי זיך
צערעדט: אז מיר זענען רייך פון דער שניידערקעס פראצע... די הערסט?
פון אט דער שניידערקע זענען מיר רייך געווארן. און זי האט זיך צע-
רעדט. ווער קען עס גאר נאכזאגן?... אז איך זאג דיר, זי איז גע-
ווארן א גאנצע קאמוניסטקע...

עטינגער האט זיך געגעבן א שטעל אויף:

— פארוואס זשע האסטו עס מיר באלד נישט געזאגט?

— און וואס וועט שוין ארויסקומען, אז איך האב דיר איצט יא
געזאגט? מער ווי עגמת נפש האסטו נישט? אז ס'איז אזא צייט: העלפן
קען מען זיך נישט.

— ס'וועט שוין יא העלפן! איך בין נאך א טאטע!

עטינגער האט עס אויסגעשריגן מיט כעס און פארביטערונג. ליע
האט דערוייל געשוויגן.

— מיט אט דער שניידערקע? מיט איר שלעפט מען זיך עס
ארום?

— בא זיי זענען דאך אלע גלייך! קאמוניסטן! מיינס, דיינס...
דיינס, מיינס...

עטינגער האט גענומען שפאנען הין און צוריק. האט זיך נישט
געקענט בארויקן; דער כעס האט אין אים געזאטן. זיין אינערלעכע זי-
כערקייט איז צעשטערט געווארן; אזוי גאר? איז אלץ שוין הפקר? שוין!
מען האט שוין גאר קיין דעה נישט. אן אייגן קינד זאל גיין צו די
שונאים? וואס הייסט דאס? אן אייגענע טאכטער העלפט די רוצחים?
די רויבער? די באנדיטן? א? א טאטע איז שוין גאר קיין טאטע
נישט?

— ועסט עפעס עסן

— אז איך דארף נישט קיין עסן!

— וואס זשע בין איך דא שולדיק? וואס שרייסטו אויף מיר?
ער האט נישט געענטפערט, האט אלץ געשפאנט מיט צעטראגנ־קייט:

— שיין! נישטא, וואס צו זאגן... עטינגערס טאכטער — א קא־מוניסטקע! פיין... גוט זיך דערלעבט.

— און ווער זאגט דיר, אז זי איז א קאמוניסטקע? און אז מען ארבעט בא זיי, איז וואס? — האט ליע זיך גענומען זי פארענטפערן — ווייניק לייטישע קינדער זענען אנגעקומען צו זיי אויף שטעלעס? דארף מען זיך געמען דערפון צום הארץ? הייבטיקע קינדער... און אז אברא־מעק קומט שוין דריי טעג נישט אהיים אפילו שלאפן?

דא האט זיך עטינגער האסטיק אפגעשטעלט און אויסגעשטעלט אזעלכע אויגן, ווי ער וואלט געוואלט זען, צי דאס רעדט צו אים א קלא־רער מענטש:

— וואס הייסט?

— וואס זאל עס הייסן? גאר פשוט: שוין דריי נעכט, אז זיין בעט בלייבט פארבעט.

— וואס?

— וואס זשע דו ווייסט עס דען נישט? איך האב געמיינט, דו ווייסט. אז דו האסט אפילו נישט געפרעגט אויף אים?!

עטינגער איז מיט אימפעט ארויס אין קארידאר, אריין צו אברא־מעקן אין צימער א ווײַלע געקוקט אויפן פארבעטן בעט; געזוכט, זעט אויס, א צייכן, אז אבראמעק איז שוין דריי נעכט אויף דעם נישט געלעגן; איז צוריק אריין אין עס־שטוב און מיט א שטיל קול שוין — גערעגקענדיק, אז ער האט זיך טאקע נישט געפרעגט אויף אים:

— פארוואס זשע האסטו געשוויגן?
— איך האב געמיינט: דו ווייסט.
— שוין דריי נעכט? שוין דריי נעכט, אז ער קומט נישט אהיים? איז וואו זשע איז ער?

— פונוואנען זאל איך וויסן? ער דערציילט מיר דען, וואו ער גייט? איך בין דאך א פרעמדע בא זיי!... — האט זי זיך אנגעבלאזן א באַ־לײדיקטע.

עטינגער האט געקוקט מיט וואונדער; ער האט עס בשום אופן

נישט געקענט פארשטיין: וואס הייסט מען גייט אוועק פון שטוב און מען קומט נישט צוריק?

— גאט מיינער! וואס טוט זיך דא? וואס איז געווארן פון מיין ...?

האט מיט ביידע הענט זיך געכאפט פארן קאפ, איז געבליבן שטיין מיט א טרויעריק פנים און עטוואס אראפגעלאזטע ברעמען איבער די אויגן, ווי ער וואלט זיך פון א שלעכטער בשורה דערוואוסט.

ער האט נישט געזעען, ווי אויף ליפס ליפן האט א שמייכעלע גנביש ארויסגערוקט דאס קעפל...

— — — — — — — — — — — —

* *

עטינגער איז מיטאמאל שטארק צערודערט געווארן. ס'איז געווען אזוי, ווי ער וואלט פלוצלינג דערזען, אז דער פונדאמענט פון זיין אויפגעבויטן איינגעפונדעוועטן לעבן האט זיך אנגעהויבן שאקלען און פאלן: די גאנצע געביידע שפאלט זיך; אט-אט וועט אלץ איינפאלן מיט א מוראדיקן קראך.

אין אים איז אויפגעשטאנען א געפיל, אז ער האט פארקוקט זייער א וויכטיקע זאך. איצט, אז ער האט זיך געכאפט, ווייסט ער נישט זיכער, צי ער וועט עס קענען פארריכטן.

נאר ער האט זיך געטרייסט: סוף כל סוף וועט עס דאך דורכגיין: ס'איז דאך נישט מער ווי א קראנקייט, וואס דארף איבערקומען דעם קריזיס; די וואסערן זענען ארויס פון די ברעגן, נו, שוימען זיי א ביסל. אבער פארפלייצן וועלן זיי דאך נישט. די „באנדע" וועט דאך אנטלויפן, און אלץ וועט צוריקקערן צום פריערדיקן.

אבער די זיכערקייט איז דאך נישט געווען: ווער ווייסט ווי לאנג דאס קאן געדויערן? זיץ זשע און ווארט ביז דער שטורם וועט זיך אמאל איינשטילן...

ס'איז געווען אזוי, ווי א שווערער ווייטיק האט אויפגעהויבן דאס איינגעקארטשעטע קעפל בא אים אין הארץ; איז אים דארט ענג געווארן, און די ענגשאפט און די באליידיקונג האבן זיך צעגאסן אין אלע

איבערים: אייגענע קינדער... אליין זיי אויסגעהאדעוועט, געהאלטן צו זיי לערער, איצט זענען זיי שונאים... לאמיר זאגן, אז ס'איז נישט אזוי שרעקלעך: קינדער, ער וועט זיך צו זיי נעמען... אבער די חרפה! איצט פארשטייט ער שוין, פארוואס דער העררוטמאן און די איבעריקע שכנים, — וואס זיצן אויך ווי ער אין זייערע היימען און ווארטן ביז „מען וועט זיי איבערקומען" — שמייכלען אזוי פארהוילן, ווען זיי רעדן מיט אים וועגן דעם „אנשיקעניש". דער טאטע זיצט און ווארט און די קינדער — — —

הייסט עס: אלע ווייסן שוין פון לאנג, אז די אייגענע טאכטער איז מיט דער „חברה" און דער זון גייט מיט די „באנדיטן"...

פיינלעכע בושה האט אנגעפילט דאס הארץ זיינס. אין קאפ האט געציטערט: נאך דאס האט אים געפעלט! ווייניק צרות פון גאציאנאליזאציעס און רעקוויזיציעס, דארפן אייגענע קינדער נאך צוהעלפן אים באגזלען... שיין דערלעבט.

און ווידער געטראכט וועגן דעם, וואס אים מאטערט די גאנצע צייט: ער, עטינגער, דער זאוואדטשיק, דארף איצט אנקומען צו זיין „מענטש", צו בורמאגען, ער זאל אים טון די טובה און ארויסבאקומען א ביסל סחורה... זיין אייגענע סחורה פון זיין אייגענעם זאוואד... און יענער — ער איילט זיך דווקא נישט:

— כ'וועל זען... איך זאג נישט צו... כ'האב מורא...

און אז ער ברענגט שוין! מ'שטיינס געזאגט, וויפיל ער ברענגט...

און דא — נא דיר נאך אן אנשיקעניש מיט א מאטראז. מען שעמט זיך גארנישט; מען האט גאר אפילו קיין מורא נישט פארן באלעבאס... הפקר! און די באלעבאסטע, — זי מאכט זיך אפילו נישט ווייסנדיק.

בלינדערהייט איז אים אויסגעקומען, אז שולדיק אין אלע צרות איז נישט קיין אנדערע, נאר ליע... פארוואס עפעס ליע? ער האט אליין נישט געוואוסט. נאר: איבער איר פילן זיך די קינדער פרעמד אין שטוב... און צו דער דינסט איז זי אזוי צוגעלאזן... דעריבער? ער האט עס נישט פארשטאנען, נאר דאס געפיל אין אים האט אויפגעלעבט מיט אזא קלארקייט: ליע איז שולדיק — אז עס האט אים צעטומלט.

נאך מיטאג איז אריינגעקומען לערנער.

אריינגעקומען מיט א פארזארגט פנים און מיט טעמפע פארגאכטע אויגן. עטלעכע טעג, אז ער האט זיך נישט ראזירט און די באקן זע-

גען געווען באשאטן מיט דיקע שווארצע הערעלעך: אונטער די אויגן זענען געווען נאכגעלאזטע בײטעלעך, און א מאדנע ווייכקייט איז געווען אין אים; האט ער אויסגעזעען ווי ער וואלט זיך בעצערט.

— כ׳האב געזעען מען זעט אייך נישט, בין איך ארויפגעקומען. א! שיינע צייטן דערלעבט.

עטינגער האט טרויעריק געענטפערט:

— יא, שיינע צייטן...

האט זיך אפגערוט און געזאגט:

— וואו זאל מען מיך זעען? אין גאס? וואס וועל איך טון אין גאס?

— אויך אמת... און וואס? ס׳וועט שוין טאקע אזוי בלייבן? שוין טאקע אלץ הפקר?

לערנער האט עס געפרעגט, ווי מיט א טענה. עטינגער האט ווידער דערפילט די בושה; דערפון אליין איז ער געווארן בייז און געענטפערט:

— און וואס פרעגט איר בא מיר?

האט שוין לערנער אויסגעשטעלט די אויגן מיט וואונדער:

— וואס זשע? עס ארט אייך נישט?

— און אז עס ארט מיך, איז וואס? איר האט דאך געזאגט, אז מען וועט זיי גלייך איבערקומען? און אז מיך ארט גאר שטארק, קען איך מיר העלפן?

— ס׳איז דאך א שרעקלעכע זאך... ס׳איז דאך שוין באלד נישטא, מיט וואס דעם טאג איבערצוקומען... געהאט א ביסל „דעניקינסקי“ געלט — נעמט מען עס נישט. אויס... קיין אנדערס איז נישטא. געווען עטלעכע פונט זייף — נו, האט מען זיי שוין פארקויפט און ס׳איז שוין אוועקגעגאנגען. איצט — כאטש נעם און פארקויף די לייַלעכער פון שטוב ארויס... וואס קאן ווערן דער סוף דערפון?

— און בא מיר — איז דען בעסער?

— ווער זאגט דען?

— איך האב דאך געזאגט, אז מען זאל פארקויפן די סחורה... זענט איר דאך געווען א קלוגער: האט מען זיך געקראצט און געקראצט ביז ס׳איז געווארן שפעט, איצט האט איר גארנישט.

— אבער די סחורה ליגט דאך.

— איז אדרבה: נעמט זי ארויס און פארקויפט זי!

— צו וואס איצט די טענות ? איך בין שולדיק ? איך האב געזאגט, מען זאל זי ברענגען אהער... איך האב געוואוסט, אז עס איז נישט קיין שפילעכל... אז אין זאוואד איז עס באגראבן אויף לאנגע צייטן : די חברה וועט זיך איצט אזוי גיך נישט רירן. זענען דאך אבער דא פרעמדע בעלי-דעות... מילא. וואס איז געווען, איז דאך שוין פארפאלן, אבער דער הער בורמאן איז דארטן ; וואלט ער דאך עפעס געקענט טון... וואס זשע שווייגט ער ?

— טא רעדט מיט אים.

— וואס-זשע, איר האט שוין מיט אים גערעדט ?

— און אז איך האב גערעדט, איז וואס ? דערשרעקט ער זיך פאר מיינע רייד ? איך בין דען א באלעבאס ?

— אזוי גאר ?... איך וועל אייך זאגן דעם אמת : ער איז מיר באלד נישט געפעלן געווארן ; עפעס איז מיר גאר שטארק נישט געפעלן, וואס ער וויל דווקא האבן די סחורה אין זאוואד... נאר גיי טענה, אז מען העלפט אים צו...

די לעצטע ווערטער האט ער ארויסגעזאגט א ביסל שטילער און נישט געקוקט עט-נגערן אין פנים אריין. איז דער אלטער געווארן נאך מער צעטומלט, האט א באוועג געטון מיט די ברעמען און זיך געמאכט נישט פארשטייענדיק :

— און צוריק גערעדט — האט לערנער געזאגט מיט פול באדייטונג — עס קען זיין, אז ער וויל נעבעך... אז ער וואלט אליין געטון. נאר... פארשטייט איר מיך... ער האט פשוט מורא פאר אייגענע...

— וואס מיינט איר ?

— איר ווייסט דען נישט ? אין שטוב זענען פארהאן אזעלכע, וואס האלטן מיט די „רוצחים"...

— ווער ? וועמען מיינט איר ?

— וואס זשע איר ווייסט דען נישט ?

דער אלטער איז געווארן רויטלעך. אין קאפ האט א ציטער געטון :

— וואס ? וואס ווייס איך ? רעדט ! זאגט !

— נו... איך ווייס ?... בלי,מע איז דאך א קאמוניסטקע.

— ווער האט עס אייך געזאגט ?

— אלע ווייסן.

דעני אלטער האט ווידער אפגעשוויגן. לערנער — ווי ער וואלט באשלאסן צו דערפירן ביז א סוף, — האט ווייטער גערעדט:

— געוויס ווייסט מען... נו און אבראמעק? איך האב אייך אלע מאל געזאגט, אז דער יינג געפעלט מיר נישט... האט איר פון מיר געלאכט: א שנעק איז ער... און אט דער שנעק איז בא זיי געווארן א גאנצער מאכער!

— וואס זשע פאר א מאכער איז ער בא זיי געווארן?

— ווייס איך... דאכט מיר, אז ער ווערט אן אפיציר... א רויטער אפיציר...

מאדנע: עטינגער איז נישט איבערראשט געווארן; האט נישט באקומען קיין גרויסע אויגן, נאר רויק געפרעגט:

— און פונוואנען ווייסט איר דאס?

— וואס הייסט פונוואנען? מען שמועסט...

איז עטינגער ביין געווארן:

— אזוי? מען שמועסט? ווער שמועסט? ווער זאגט? וואס האט איר זיך אלע אנגעשטשעפעט מיט אייער ליגנערישע זאגעכצן? א? צוואס טויגן אלע מעשות? מען שמועסט! ווער שמועסט?

לערנער האט זיך צעשמייכלט:

— פון מיינעטוועגן זאל זיין, אז נישט... איר וועט זיך שוין אליין דערוויסן. ווארים: אז מען קלינגט איז א חגא... ס'איז נאר א ווייטיק... ס'וועט דאך אויסקומען צו שטארבן פון הונגער. כ'מיין גארנישט קיין שפאס: די „חברה" האבן זיך דא אוועקגעזעצט שוין גארנישט אויף קיין געלעכטער... און אז בורמאן דארף נאך מורא האבן פאר אייגענע — איז דאך זייער שלעכט...

ערשט איצט האבן ביידע דערזען, אז ליע שטייט אין צימער. זי האט אויסגעצויגן איין האנט צו עפענען דעם בופעט, און אז זיי האבן זיך ביידע אומגעקוקט, האט זי זיך אנגערופן:

— און וואס איז דא פארהאן ביינ צו זיין? אז יעגער קומט און דערציילט ווערט מען נאך ביין? אז נאר מען גלייבט נישט... נאר מען איז חושד!... וואס? מען זעט א סך אבראמעקן אינדערהיים? און בליומע ווייזט זיך פאר די אויגן? איז מילא. וואס זאל מען טון? מסתם איז אזוי באשערט... אבער הער בורמאן מעג דאך מורא האבן? דארט אין זאגואד דארף מען זיך היטן, ווי פאר פייער... א גאנצן וועג ביז מען

דערפירט דאס „פעקל" אין שטוב אריין — פאלט ארויס די נשמה פון שרעק. און ערשט אין שטוב איז מען איצט נישט זיכער... ווער־זשע וואלט בעסער געווען? מען קאן עס גארנישט פארלאנגען.

עטינגער האט פון ווייטיק איינגעקנייטשט דאס פנים, און אויפ־שפרינגנדיק פון זיין ארט, זיך צעשריגן:

— אז איך דארף נישט קיין סחורה! איך דארף נישט קיין זייף! און דעם הער בורמאנען דארף איך אויף כפרות!

— שא! איז נישט!... — האט ליע פארצויגן די ליפן און גע־געבן א קוק מיט ביטול — נישקשה: אין שטוב געפינט זיך נאך א ביסל וועש, וועט מען עס ארויסטראגן אויפן „פריוואז" און מען וועט עס פארקויפן... פון מיינעטוועגן...

זי האט פארגעסן צו עפענען דעם בופעט; איז מיט שטייפע, דראבּ־נע טריט ארויס פון צימער.

קאפיטל פיר.

— וואס אזוי שפעט?

— ס'האט עפּעס פאסירט?

— וואס איז געשען?

אזוי האט מען באגעגנט דעם הער בורמאן, ווען ער איז אריין אין עס־שטוב, וואו אלע זענען געזעסן און געווארט אויף אים. ס'איז שוין געווען נאכט; דורך די שויבן האט אריינגעקוקט א שטילע טונקלקייט, א קיל ווינטל האט געבלאזן.

— ס'איז גארנישט געשען — האט בורמאן ערנסט געענטפערט; געהאט דערביי א פנים פון א דאקטאר, וואס קומט אריין צו אן ערנסט קראנקן. — איין קלייניקייט נאר: אין „זאווקאם" פון זאוואד איז צוגע־קומען א פרישער חברה־מאן... דאס האט מען אים ספּעציעל צוגעשיקט, ער זאל זען די ארבעט זאל גיין און עס זאל זיין אלץ אין ארדנונג... עס זעט אויס: ער נעמט זיך צום זאוואד טאקע אויף אן אמת... ער פירט חשבון; אלץ ווערט פארשריבן פון היינט אן; און אלץ מוז דורכ־גיין דורך זיין האנט... א ייד, פארשטייט ער אן עסק. ער האט מיך גע־

נומען אויפן פארהער: וויפיל סחורה האט דער זאוואד פריער אויסגע־ארבעט און וויפיל ארבעט ער איצט אויס?... די אלטע ביכער האט ער צו זיך גענומען... ס'איז שלעכט.

— אזוי? איז וואס זשע וועט איצט זיין?

אזוי האט געפרעגט ליע; אים דערביי ארייננעקוקט אין די אויגן אריין.

בורמאן האט דערוויילע אנגעשמירט א שטיקל ברויט מיט פוטער. ליע האט אים אנגעגאסן א גלאז טיי און אוועקגעשטעלט פאר אים. די איבעריקע האבן געוואַרט און געשוויגן: איז אויסגעקומען, ווי אלע וואלטן פאר אט דעם בורמאנען דורך ארץ געהאט און געזוכט אים צו חנפנען. בורמאן אליין האט זיך אויך געפילט צעיחוסט. האט ער דערפאר נישט אויפגעהויבן די אויגן און גערעדט געלאסן; געצײלט די ווערטער מיט אזא טאן, צו וועלכן אלע דארפן זיך צוהערן און נישט דורכלאזן קיין איין ווארט:

— איך בין געבליבן שפעטער... געוואלט זען, וואס מען קאן טון... אבער: ס'איז נישט גוט! דער נײער חברה־מאן איז געבען אן ערלעכער מאן. ער מײנט עס מיטן גאנצן הארץ; ער האט גלייך היינט זיך באקענט מיט אלץ אין זאוואד, האט גלייך אוועקגעשריבן א „ראַ־פארט" און פארלאנגט איין קלייניקייט: אזוי ווי זייף איז איצט א נײ־טיקע זאך, פאר דער ארמיי, פאר ארבעטער, בכן: וויל ער דווקא, אז אנשטאט מיליציאנטן, וואס היטן איצט דעם זאוואד, זאל מען אוועקשטעלן חברים... און אז מען זאגט „חברים" ווייסט איר דאך שוין, וואס דאס הייסט: זיי וועלן טאקע היטן.

— איז דאך שלעכט?! — האט לערנער צעשראקן געזאגט.

— נישט שלעכט, נאר טאקע גוט פאסקודנע... איצט וועט מען שוין גארנישט קאנען טון.

ער האט דערביי געקריגן תשעה־באבדיקע אויגן.

— און איך בין געבליבן אן א רובל... איך האב זיך אבער געבעטן, ווי מען בעט זיך בא גזלנים: לאמיר אהיימנעמען די סחורה...

— אהיימנעמען? — האט בורמאן איבערגעפרעגט און מיט אזא שמייכעלע, ווי דאס וואלט געווען א ריין משוגעת.

— אז מען זאל קומען אין שטוב אריין און פארנעמען און נאך אלעמען ארעסטירן? נאך דאס האט אונז געפעלט! — האט ליע פאר־צויגן די ליפעלעך.

האט לערנער אפגעזיפצט:

— נו, אוודאי... אז מען איז אין דער אייגענער שטוב נישט זי־כער, איז טאקע זייער נישט גוט...

אלע זענען שטיל געווארן.

עטינגער האט די גאנצע צייט גארנישט גערעדט. ער איז געזעסן מיט א פול הארץ כעס און מיט פארפרעסטע ליפן געווארט, ווי ער וואלט געלאקערט אויף עמעצן. טאניע איז אויך געזעסן א שטילע און דורך דעם דינעם שווארצן קלייד האבן דורכגעבלאנקט אירע פולע, שיינע הענט; דאס פנים איז איר געווען לויטער, פארטראכט; זי האט עפעס מאדנע געקוקט אויף ליען און אויף לערנערן; אירע בלויע אויגן האבן זיך אלע ווײַלע אפגעשטעלט אויף לערנערס בלייך צעצויגן פנים און דערבײַ איז אויף איר אייגן פנים ארויס אן ענדערונג, ווי זי וואלט אן איבל דערפילט.

— מען וואלט אפשר געדארפט פרוון צוקומען צו די קאסטנס — האט בורמאן גערעדט — כל זמן עס שטייען דארט מיליציאנערן... מיט זיי וועט מען אפשר קאנען דורכקומען. אבער וואוהין נעמט מען עס? אדרבא: וואוהין?

עטינגער האט אפגעזיפצט. ס'האט אויסגעזען, אז ער האט שוין מער נישט קיין כוח און געדולד צוווארטן.

— איז אפשר טאקע? — האט זיך לערנער אנגעכאפט אין דעם איינפאל און זיך אויפגעשטעלט — מילא, וועלן מיר עס שוין ערגעץ באַ־שטאטן... מען וועט שוין געפינען אן ארט! זאל מען נאר די סחורה ארויסקריגן, וועט מען ערגעץ דינגען אן ארט. אז בא זיך אליין קאן מען נישט...

בורמאן האט לאנגזאם דערזופט די טיי, האט דערבײַ געקוקט אנ־געשטרענגט, ווי ער וואלט עפעס זייער וויכטיקס צוגעטראכט און אלע האבן געשוויגן און געווארט. דא האט זיך דערהערט בליומעס שטימע פון קארידאר.

דער אלטער עטינגער האט זיך א באוועג געטון אויף דער שטול זיצנדיק און איז בלייכער געווארן. די ערשטע איז אריין בליומע און נאך איר — א ביסל נישט זיכער — דוכאווין.

— און אט איז טאניע אויך!

אזוי האט בליומע א זאג געטון. דוכאווין האט זיך גלייך צו איר

דערגענטערט, איר ווארעם די האנט געדריקט. טאניע האט צעשראקן גע־שמייכלט; איר קלאר פנים איז עטוואס פארדרייטלט געווארן.

— איז וואס מאכט איר? זיצט!

דוכאווין האט זיך ארומגעקוקט: די שטילקייט איז געווען עפעס מאדנע אנגעשטרענגט; לערנער האט געקוקט אויף אים מיט ארויסגעשטארצטע אויגן, ווי ער וואלט זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאנען, ווער דאס איז; דוכאווין איז געווען אויסגעבלייכט, האט געהאט אן איינגעפאלן פנים און דערפאר האבן די אויגן זיינע אזוי געבלישטשעט. א רויקייט איז געווען אין זיי; אזא מין רויקייט, וואס ברענגט מיט געדולד און איז זיכער, אז עס וועט קומען דאס, וואס דארף קומען...

— דיר קומט א שלום עליכם? ביסט נישט הי געווען?

אזוי האט פלוצלינג זיך אנגערופן דער אלטער עטינגער; זיין שטים איז געווען הייזעריקלעך און האט א ציטער געטון.

בליומע איז געבליבן שטיין גלייך. די האנט מיט דעם ליידיקן גלאז האט לייכט א ציטער געטון און דאס פנים - צערודערט נאר מיט עקשנות.

— וואס זשע? ביזט געווען פארנומען מיט נאציאנאליזירן זאוואדן? מיט איבערבויען די וועלט?

בליומע האט געגעבן א שטעל אוועק דאס אנגעגאסענע גלאז טיי, האט עס גלייך צוריקגענומען מיטן טעצל און, שוין נישט קוקנ־דיק אויף דעם פאטער, האט זי זיך געווענדט מיט א שמייכל צו דודן:

— איר וועט טרינקען טיי?

— טיי? ווייס איך?!

ליע האט געקוקט אויף עטינגערן אזוי, ווי זי וואלט אים געוואלט ווארענען מיט די בליקן ער זאל זיך איצט נישט אנהייבן. עטינגער אבער האט אירע בליקן נישט באמערקט. בורמאן איז צעשראקן געווארן און האט זיך אויפגעשטעלט.

דוכאווין האט זיך צוגערוקט נענטער צום טיש און אלץ נישט אפ־געקערט דאס פנים פון טאניען. טאניא האט געשמייכלט; געהאט א פנים, ווי זי וואלט זיך א פריילעכע זאך דערמאנט. נאר בליומע איז געווען צערודערט און געפילט דאס אנקומען פון אומאנגענעמס; האט זי זיך דערפאר ארייגעמישט אין געשפרעך, האט געשמייכלט און געווען שטארק פארזיכטיק.

נאר דא איז א מאדנע זאך געשען:

דער אלטער עטינגער האט זיך אויפגעשטעלט, איז אפגעטרעטן פון טיש און האט לייכט אפגעהוסט; ער איז געווארן בלייך, דאס קליי־נע בערדל האט א פאר מאל א ציטער געטון, האט געמאכט א פאר טריט נענטער צו דער טיר, וואס פירט אין זיין קאבינעט אריין, זיך אפ־געשטעלט און אלע האבן אויף אים געקוקט.

— בלומע! איך דארף דיך אויף א ווײלע.

ער האט עס געוואלט ארויסזאגן רויק נאר ארויסגעקומען זענען די ווערטער פעסדיק, שטרענג.

בלומע איז שטארק צעטומלט געווארן: זי האט זיך נישט גערעכנט, אז עס זאל אט איצט געשען; זי האט זיך שטארק פארשעמט, האט א פאר מאל אראפגעשלונגען, נישט קענענדיק ארויסברענגען קיין ווארט: איבער איר הויכן גלאטן האלז האט זיך א בערגעלע א פאר מאל דורכגע־רוקט און — מיט איינגעהאלטנקייט:

— וואס־זשע איז עס דיר אויף דער מינוט אנגעקומען? האסט קיין צייט נישט?

— ניין! איך האב נישט קיין צייט!

— און איך — האב צייט.

אזוי האט בלומע אפגעענטפערט שוין מיט עקשנות און זיך צוריק געזעצט.

— וואס־זשע? קענסט נישט אפטרעטן אויף א מינוט פון דיינע חברים?

בורמאן האט אזש א ציטער געטון. ליע האט זיך אינגאנצן פאר־לוירן און איין האנט ארויפגעלייגט אויף דער ברוסט:

— סאמועל! וואס איז מיט דיר? סאמועל? וואס האסטו קיין צייט נישט?

נאר עטינגער איז געווען אזוי צערייצט, אז ער איז נאך מער אין כעס געווארן:

— איך רעד דאך עפעס צו דיר — האט ער זיך צעשריגן. וועסט שפעטער טרינקען די „בורזשויסקע" טיי! אהער גיי!

דוכאווין האט זיך ראפטום אויפגעשטעלט. האט געקוקט מיט משונה־דיקע אויגן; דאס פנים איז אים געווארן אזוי שארף פארשפיצט, ווי אין קאנוואולסיע.

א ווײלע זענען אלע געשטאנען צעטומלט.

— סאמועל! — האט זיך ליע צו אים דערנענטערט און שוין מיט א שטילער קול: — וואס טוט זיך מיט דיר? באטראכט זיך, וואס דו טוסט...

דא האט בליזמע א זאג געטון צו דוכאווינען מיט א ציטערדיקער שטים:

— לאמיר גיין פונדאנען.

— קומט.

באר איידער בליזמע איז צוגעגאנגען צו דער קארידאר־טיר און עטינגער האט זיך א ריס געטון פון ארט:

— דא בלייב!

— הער עטינגער — האט דוכאווין זיך אנגערופן — איר באליידיקט זי דאך?

— איז וועמעס עסק איז עס?

— ס'איז טאקע נישט קיינעמס עסק... אבער איר דארפט דאך פארשטיין — —

— מען פרעגט אייך נישט!

— קום דוד! — האט בליזמע שוין קוים איינגעהאלטן די טרערן — זי האט אים אנגענומען פארן ארעם.

אלע זענען דערשטוינט און דערשראקן געווארן. ס'האט אויסגעזען, אז דער אלטער איז אראפ פון זינען: דאס פנים האט זיך אים אנגעגאסן, די אויגן צעשפילט און די ליפן האבן געציטערט; ער האט אנגעכאפט בליזמעס האנט מיט אזא ווילדקייט, אז זי האט ארויסגעלאזט א קרעכץ.

— וועסט נישט גיין! דא בלייב, איך דארף נישט קיין קאמוניסטקעס! דו הערסט, וואס מען רעדט צו דיר? איך דארף נישט!... דא זיי!

בליזמעס אויגן זענען געווארן, ווי זיי האלטן זיך איבערגעקערט. אין קאפ האט זיך אזוי אויסגעמישט און די גאנצע שטוב האט זיך א וואקל געטון. איין ווייל איז זי אזוי געשטאנען צעטומלט. מיטאמאל האט זי געגעבן א ריס ארויס איר האנט.

— חצופה!

דער אלטער האט געגעבן א הייב אויף א פויסט.

דא האט זיך דוכאווין געגעבן א שטעל אריין צווישן ביידע:

— פארגעסט אייך נישט! וואס מיינט איר מיט זיך?

עס איז געוואָרן אַ געשריי פון די ווייבער. עטינגער האָט זיך פון זיי געריסן, געמאַכט מיט די הענט און ווילד געשריגן. ליע האָט זיך געפּלאָנטערט אַרום אים. בורמאַן האָט אים פּאָר אַ האַנט אָנגעכאַפּט, טאַניאַ האָט געבראָכן די הענט, בלאָס געשעפּטשעט: טאַטע... טאַטע...

דוכאַווין האָט געעפנט די טיר אין קאָרידאָר אַריין. בלומע איז אַרויס מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אירע אויגן זענען געווען פאַרגאָסן מיט טרערן. דוכאַווין האָט איר געהאָלפן אָנטון דעם מאַנטל, און שוין שטייענדיק בײַ דער טיר, האָט זי זיך געגעבן אַ כאַפּ און מיט ביידע הענט פאַר דודס אָרעם, געגעבן אַ לייג צו דאָס פּנים צו זיין אַקסל און אַ שטאַרקן ציטער געטון.

— באַרויקט אײַך, בלומע, באַרויקט אײַך — האָט דוד איר אַ גלעט געטון איבערן אַקסל און אָרעם.

בלומע האָט זיך אויסגעגלײַכט. די טרערן זענען פון אירע אויגן נישט אַרויס. זי האָט נאָך אָנגעהאַלטן דודס אָרעם און געהערט דעם פאָטערס געשרייען:

— אַרויס פון מיין שטוב! אַרויס!...

נאָר דאָרט רייסט מען זיך מיט אים און מען האַלט אים צו.

— קומט דוד.

זיי זענען אַרויס.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווען אַלע זענען אָפּגעטרעטן פון אַלטן עטינגער, איז ער געבליבן שטיין שטיל מיט צעשראָקענע אויגן און ווייס פּנים. געשטאַנען אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט אָנגעהויבן אויפקומען פון עפּעס אַ קאָשמאַר און מיט אַמאָל זיך אוועקגעזעצט מיט אַ געזונקענעם קאָפּ.

— וואָס האָסטו געטון, וואָס? פּאַפּאַ! וואָס איז געשען מיט דיר? — האָט טאַניאַ זיך געבעטן.

— ביסט קראַנק סאַמועל! ביסט דאָך פון זינען געריט? — האָט ליע בערעדט מיט כּעס. וואָס האָסטו אָפּגעטון? וואָס? האָסט דאָך אַ צרה אָנגעמאַכט...

בורמאַן האָט זיך אַרומגעדרייט שטאַרק צערודערט. לערנער האָט געסאָפּעט, ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט:

— ווי פאַרלירט מען דאָס זיך אַזוי! ווי אַ מענטש קען עס זיך נישט באַהערשן...

עטינגער איז אלץ אזוי געזעסן מיט א געזונקענעם קאפּ. ס'האט אויסגעזעען: ערשט איצט הייבט ער אן באגרייפן, וואס ער האט אפּגעטון.

— ווערט איז זי עס אפילו — האט לערנער נאך אלץ געסאפּעט — אבער אט אזוי, א? ווען — — —

טאניא האט אויף אים אויסגעשטעלט צוויי אויגן מיט שפּאט און ער האט די פראזע נישט פארענדיקט.

עטינגער האט ארויסגעלאזט א זיפץ און פארווארפן דעם קאפּ.

ס'איז געווארן א געשריי, א ליארעם. די שיקסע איז אריין מיט א שעפ וואסער און גענומען שפּריצן אויפן אלטן. אין טיר האט זיך באַוויזן דער מאטראז, ער האט בלויז אריינגעקוקט און די שוועל נישט איבערגעטרעטן.

מען האט דעם אלטן צעשפּיליעט דעם זשילעט, געריבן די הענט, געדריקט די שלייפן; דאס געשריי און קוויטשעריי פון ליען מיט טאַניען האבן אנגעפילט די שטוב.

ביז — עטינגער האט געעפנט די אויגן. האט געקוקט ארום זיך מיט א פרעמדן בליק, ווי ער וואלט גארנישט פארשטאנען, וואס עס טוט זיך דא מיט אים: האט גענומען ציטערן און שלאגן מיט די ציין אין מויל. זיין ציטערן האט זיך געהערט איבערן גאנצן צימער.

דער מאטראז איז צוריק אוועק אין קיך אריין; אין קארידאר האט ער אויסגעשפּיגן און דורכגעזייעט דורך די ציין:

— אין זייער מאמען אריין! בורזשויעס פארשאלטענע.

מען האט דעם אלטן עטינגערן אויסגעטון, אריינגעפירט אין שלאָפצימער. ער האט אלץ געשוידערט און די ציין אין מויל האבן געקלונגען און ווען ער איז שוין געלעגן אין בעט — האבן טרערן א פלייץ געטון פון זיינע אויגן. א ווײַלע איז ער אזוי געלעגן און די טרערן זענען שטיל גערונען. נאר פלוצלינג האט ער זיך צעיאמערט אויפן קול שטיקנדיק זיך און שוידערנדיק מיטן גאנצן לייב.

ס'איז געווען ווי דער יאמער וואלט אויסגעבראכן אן זיין ווילן; די בערוון האבן זיך אליין צעוויינט; און מיט אזא הויל און טיף געוויין, אז ס'איז נישט מעגלעך געווען אים צו באַרויקן. טאניא איז נישט אפּגעטרעטן פון פאטערס בעט, האט אים געגלעט איבערן קלארן פייכטן שטערן, נאר ער האט נישט געקענט אויפהערן וויינען. ער האט א פּאר מאל אנגעכאפּט טאניאס הענט, ווי ער וואלט זי שטום געבעטן, זי זאל

אים באשיצן פאר זיין געווען. ליע האט נישט געוואוסט, וואס צו טון. בורמאן האט געשוויגן, שטיל געטראכט מיט צעטומלעניש...

— אפשר וואלט מען גאר גערופן א דאקטאר? — האט זיך שוין לערנער אריינגעמישט.

ליע האט א געשריי געטון:

— אניא! אניושא!

האט געעפנט די טיר אין קארידאר אריין און איבערגעחזרט:

— אניושא!

די שיקסע איז אריינגעלאפן מיט א צעדרויטלט פנים און מיט פאר־בארגענעם שמייכל.

— גיי אראפ נאכן דאקטאר... דער „בארין"... א „ניערווני פריפאדעק"...

דערווייל איז עטינגער שטילער געווארן. ליע האט זיך ארומגע־קוקט און געזאגט צו דער דינסט:

— ווארט צו.

ער האט שוין נישט געליארמט. איז נאר געלעגן שטארק מיד און געאטעמט, ווי א מידע גאנז, האלטנדיק די הענט אויסגעצויגן אויף דער קאלדרע.

— זאל איך גיין? — האט אניא שטיל געפרעגט.

לערנער האט א שאקל געטון מיטן קאפ אויף ניין.

דער אלטער איז געלעגן מיט צוגעמאכטע אויגן.

קאפיטל פינף.

אבראמעק איז אריין אין צימער א סאפענדיקער, א צערעשטער און געטראפן דינהן מיט בליומען, וואס האבן שטיל זיך געדרייט איבערן צימער, פארענדיקנדיק דאס רוימען, און זיך איבערגעווארפן מיט אפגע־האקטע פראזן, רעדנדיק וועגן עפעס אזוינס, וואס האט זיי ביידע שטארק אינטערעסירט. ער איז שטיין געבליבן א ווײלע בא דער טיר און זיין אפגעברענט פנים איז געווען צעהיצט; האט געגעבן א רוק־ארויף דאס פיליטערישע היטל און דער שטערן האט א בלאנק געטון ווייס און פייכט;

האט זיך איינגעקוקט אין בלומען, ווי ער וואלט דערזעען אן ענדערונג אין איר און האט גלייך אנגעהויבן :

— איך ווייס, איך ווייס שוין אלץ. איך בין היינט פריי נאכמי־טאג, נו בין איך געגאנגען אהיים, געוואלט זען, וואס דארט טוט זיך... האב איך אנגעטראפן דעם הער בורמאן ; ער איז געגאנגען פון זיין „סלוזשבע" האט ער מיר אלץ דערציילט. בין איך שוין אין שטוב נישט אריינגעגאנגען. צו וואס דארף איך עס ? א סקאנדאל פעלט מיר ? ...

בלומע האט שטיל געקוקט אויף אים ; געזעען, ווי זיינע אויגן ברענען מיט אזא אויפגעלייגטקייט און פרישקייט ; עס בלאזט פון זיי שטארקער ווינט פון פרייען, ברייטן פעלד ; געקוקט אויף זיינע געלע שטיוול מיט גלאנציקע שפארן, און זיי שטייען די שטיוול, ווי זיי וואלטן זיך איינגעקלעפט אין דער פאדלאגע. האט זי א שמייכל געטון און געזאגט :

— און וואס מאכט דער פאפא ?

— פונוואנען זאל איך וויסן ? איך בין דאך נישט אריינגעגאנגען אין שטוב. כ'האב נאר זיך דערוואוסט, וואס מיט דיר איז דארט פארגע־קומען, האב איך גלייך אויסגעקערעוועט... נאך א סקאנדאל פעלט מיר צום רימל ! איין קלייניקייט : אריינפאלן אין שטוב מיט שטיוול און שפארן... בורמאן האט געזאגט, אז א טאג צייט איז דער פאפא געלעגן אין בעט. איצט גייט ער שוין ארום.

— געלעגן אין בעט ? — האט בלומע איבערגעפרעגט.

— ס'האט אים, ווייזט אויס, באנג געטון דער גאנצער סקאנ־דאל... אזוי האט בורמאן געזאגט.

בלומע האט אפגעשוויגן. עס האט אויסגעזעזן, ווי ערשט איצט האט זי דערפילט די באליידיקונג ; די אויגן אירע האבן זיך צעגלאנצט מיט פייכטקייט.

— איך וואלט זיך אויף אים נישט גערינכט — האט דינה ערנסט געזאגט. — ווי קומט עס צו אים ? איך געדענק דאך : ער איז שטענדיק געווען א באטראכטער, א שטילער, און דא אזא — סקאנדאל, און נאך פאר דודן אין די אויגן ? ווי קומט עס ?

— ס'קומט פון דעם, וואס ער האט א יונג ווייב, וואס „ליובקעט" זיך מיטן פארוואלטער !

אזוי האט אבראמעק א זאג געטון מיט כעס און זיך פארשעמט פאר דינהן, וואס האט באקומען א פנים, ווי זי וואלט געהערט אן אויס־

געלאסענעם וויק... בליומע האט זיך געמאכט נישט הערנדיק. אבראמעק אליין האט זיך פארקוקט אין א זייט.

— איך... איך האב זיך גלייך אפגעזעגנט מיט דער היים... איך האב באלד פארשטאנען, אז איך האב דארט מער קיין ארט נישט... אז מען רעדט דארט נאר פון זייף און פון זאוואד!

זיין פנים איז געווארן שטארק צעכעסט:

— און דא, נא דיר נאך א שטיף-מוטער! די גוטע ריידעלעך אי-רע... אז איך קען איר פרצוף נישט אנקוקן!

דינה האט זיך דערשראקן, ער זאל ווידער נישט זאגן עפעס אזוינס, וואס זי וואלט נישט געוואלט הערן, און האט אים דעריבער גענומען אויספרעגן, ווי אים גייט אין שול. אבראמעק האט גלייך פארגעסן אן דעם, פון וועלכן ער האט נאר וואס גערעדט און מיט צעהיצטקייט גענו-מען דערציילן, ווי ער לערנט זיך דארט; דערציילט מיט ברען און ענ-טוזיאזם פון פריילעכקייט, וואס הערשט דארט; ווי מען לויפט ארום אויף די פערד און מ'שיסט פון הארמאטן: הארמאטן זענען דיר נישט קיין ביקסן... עס געדויערט א ביסל: איידער מען שטעלט אן, איידער מען פארלייגט די סנאריאדן, דערפאר, אז מען האט שוין אנגעשטעלט — רעדט עס דבורים! און איצט די פערד: ער האט א שיוואק! א הויכער פעס-טער „יינג"! און קלוג איז ער! — קלוגער פאר לערנערן... כא-כא! פאר דער וואך צייט, וואס ער האט אים, איז ער שוין מיט אים אויסגעע-בונדן; אז ער דערהערט פון ווייטן זיינע טריט — נעמט ער הירזשען פון שטאל ארויס; ער דערקענט אים שוין! אז ער לייגט ארויף א האנט אויף זיין קארק — טרא-א! די גאנצע פעל גיט אויף אים א ציטער. אז ער גיט זיך א זעץ אויף — איז היידא! ווי א ווינט אין פעלד!

— ביזט דאך עפעס א גאנצער מזיק! ווען האסטו זיך דאס אויס-געלערנט?

אזוי האט געפרעגט דינה. אבראמעק האט אלץ גערעדט מיט עקס-טאז; דערציילט די וואונדער פון זיין שיוואק און פון די „שפייערס". דינהס אויגן זענען געווען שטארק געעפנט און ס'איז געווען, ווי זי וואלט איצט פארגעסן אן טרויער, וואס האט זיך צו איר באהעפט און וואוינט מיט איר צוזאמען; א שמייכל האט זיך געשפילט אויף אירע ליפן. מיט-אמאל האט זי אויסגעשטרעקט איר האנט, גענומען זיינע און זי ווארעם א דרוק געטון:

— ביזט א מאלאדיעץ, אבראמעק!

האט זיך דער יינג פאררויטלט, זיך צעשמייכלט מיט פארלעגנ־הייט:

— וואס זשע דען? זיצן דארט בא דער קעלבערנער שטיף־מאמע און צעגאסענעם שוואגער? זעען כסדר, ווי די דאמע פוצט זיך צום הער בורמאן, האט א פארחלומט פנים און אלע איבעריקע „קייען" זיך?

דינה האט זיך צעלאכט. דער יינג איז אריין אין התלהבות און ווייטער גערעדט.

נאר בלומע האט געשוויגן; זי האט זיך אוועקגעזעצט לעבן פענצ־טער און א רויקער אומרו האט איר הארץ געשראקן; זי האט געפילט א רחמנות צום פאטער און ס'האט איר שרעקעוודיק הנאה געטון, וואס ד'ער סקאנדאל האט שוין אויסגעבראכן און זי וואוינט איצט מיט דינהן אין א צימער אין ראטן־הויז. איצט איז זי אינגאנצן אוועק פון דער פרעמדקייט: איצט פילט זי זיך אינגאנצן פריי און מיט זיך. נאר דאך איז עפעס געווען א שרעק אין דער פרייקייט, וואס זי האט מיטאמאל ד'ערפילט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

די טעג זענען געשטאנען קלארע, זוניקע און אפענע. די גאנצע וועלט שטייט מיט ברייט־צעעפנטע טירן. מילדע ווינטלעך האבן געבלאזן מיט היימישער פרעמדקייט; הילכיק־פארטויבטע טענער האבן זיך אין ליי־דיקייט געשפינען. בלומע האט זיך אלע אינדערפרי אויפגעכאפט א שטי־לע נאר מיט אן אומרו אין הארץ; האט זיך ארומגעקוקט מיט שטארק געעפנטע אויגן און טיף אפגעצויגן דעם אטעם, פילנדיק א בלינדע האפ־נונג, וואס טוליעט זיך צו איר לייב.

פון זינט זי וואוינט מיט דינהן, איז זי אינגאנצן געווארן שטילער, פארטראכטער. זי האט געהאט א געפיל, אז גליק האט זיך צו איר דער־נענטערט; זי האט זיך דערקליבן צום באשטימטן ארט, אירע טריט זע־נען ארויף אויפן אויסגעחלומטן ווייסן וועג און זי גייט אנטקייגן דעם, וואס דארף אנקומען. יעדער טאג איז צו איר געקומען א נייער, א פריי־שער. יעדער פרימארגן האט זי באגעגנט מיט פרעמדקייט און מיט אנ־זאג, פון וועלכן דאס הארץ האט אויפגעציטערט. האט זי זיך אנגעטון מיט גרויס געדולד, דערביי געזונגען שטיל און פארחלומט, ווי נישט זי

וואלט געזונגען, נאר די שטילע פרייד אין איר, וואס האט פון דער פרעמדקייט ארויסגעשפונען גליקלעכע דערוואַרטונג. דערנאך האט זי געשמייכלט צו דינהן און ביידע האבן זיך אנגעקוקט מיט גוטע, ליכטיקע אויגן... איז זי געגאנגען געלאסן מיט שטילע טריט צו איר ארבעט. אין „נאראבראז״, געגאנגען אזוי, ווי אירע טריט וואלטן דעקלאמירט ריטמיש א פארטראכטונג פון איר נשמה. נאר אריין איז זי אין איר אפטייל מיט אַ קלאפנדיק הארץ: אלע מאל איז איר אויסגעקומען צו פילן, אז עפעס דערווארט זי דארט... זי האט זיך צוריק בארויקט, טרעפנדיק דוכאווינס טיש א ליידיקן: ער איז נאך נישט געווען.

די לעצטע טעג איז דוכאווין געקומען שפעט. איז געווען אזוי פארטראכט, ווי ער וואלט כסדר געלאקערט אויף א מאמענט, וואס ער טאר נישט פארקוקן. האט ער גארנישט געזען ארום זיך און נאר געווארט אויף דעם מאמענט. ווען ער איז אריינגעקומען, האט ער זיך צו איר געגריסט שטיל, היימיש, נאר זייער פארנומען; האט זיך אוועקגעזעצט בא זיין טיש שווייגנדיק; מיט איין האנט זיך אונטערגעשפארט דעם קאפ און די אויגן זענען אים שטיין געבליבן.

בליומע איז געזעסן און רעגיסטרירט פארשידענע פאפירן. האט זיך איינגעהאלטן נישט אויפצוהייבן די אויגן, נאר פלוצלינג האט איר אויסגעדאכט, אז דוד האט זי באם נאמען גערופן; האט אין הארץ ווארעם א קלעם געטון און עס איז ענג געווארן אין האלז; האט זי געגעבן אַ הייב אויף די אויגן, פילנדיק א פלאם איבערן פנים, נאר דוכאווין איז אלץ אזוי געזעסן מיט שטייענדיקע אויגן און גארנישט געזען. האט זי די אויגן צוריק אראפגעלאזט און ס'איז איר שווער געווארן. א לייכטע צעטומלטקייט האט איבער איר א פלייץ געטון.

איר איז אויסגעקומען: דוכאווין זעט זי גארנישט. ער איז פארנומען מיט אזא וויכטיקער זארג, וואס ער טראגט מיט זיך איבער די טעג און שלאפט מיט איר איבער די נעכט. געדענקט ער גארנישט, אז בליומע זיצט נישט ווייט פון אים... ער וועט זיך דאך אומקוקן! עס קאן דאך נישט זיין, אז ער וועט זי נישט דערזען.

איז צוגעקומען דער סעקרעטאר מיט די פאפירן. דוכאווין האט גארנישט געזאגט, האט נאר רויק שטיל אויסגעהערט, אמאל איבערגעפרעגט:

— וועגן וואס האנדלט זיך עס?

דער סעקרעטאר האט געגעבן א קוק מיט גרויס וואונדער; האט

פון דאס ניי אנגעהויבן פון אנהייב. דוכאווין האט זיך אנגעשטרענגט צו פארשטיין און בייזערנדיק זיך אפגערופן:

— מען האט דאך שוין איינמאל אויסגעשריבן פאר דער שול?

— דאס איז געווען מיט צוויי וואכן צוריק.

— דארף מען שוין ווידער?

— נו, געוויס... די קינדער פארנוצן דאך...

— אזוי גיך?

דער סעקרעטאר האט שוין גענומען רעדן מיט אזא טאן, ווי ער וואלט געוואוסט, אז זיינע רייד זענען איבעריק, באר דוכאווין האט איינ־מיטן פארגעסן זיין בייזקייט און געזאגט:

— גוט... גוט...

האט אונטערגעשריבן פארשידענע פאפירלעך, דערנאך האט ער זיך אויפגעשטעלט אלץ אזוי פארטראכט מיט דער זעלבער פארנומענקייט און שטיל אוועק.

איז בלומע געבליבן א צעטומלטע; געהאט דאס געפיל, אז דוכא־חין שפאנט שטיל און פארעקשנט אויף א זייטיקן וועג... און אז ער קומט צום באשטימטן ארט, וואו זי זיצט און וואַרט, גייט ער פארביי נישט וויסנדיק, אז זי וואַרט אויף אים.

איז וואס־זשע איז ער אזוי פארנומען? וואס־זשע טראכט ער אזוינס? אט זיצט ער און זעט קיינעם נישט... וואס־זשע אזוינס האט אים גע־מאכט אלץ פארגעסן?

ס'האט געפייניקט דער געדאנק. ס'האט זיך געוואלט וויסן, וואס טוט זיך בא אים אין דער נשמה.

דערווייל — רעשט א ניי לעבן:

דעניקינס מחנות ווערן צעשלאגן... איבער די ברייטע גאסן מאר־שירן די רויטע מחנות; מארשירן מיט שטייפע, זינגענדיקע טריט און אלע הערצער שלאגן צוזאמען אין טאקט. אלע טריט קייטלען זיך אין פעסטער באוועגונג; עס שאלט דאס ליד פון נצחון און מיט געהויבענע קעפ גייען מחנות אויפן פראנט, אויף קרים, דארט וואו עס האבן זיך באפעסטיקט די לעצטע שונאים... עס לייכט א ליכטיקע זון; דער ים ליגט דארט א גלאנציקער, א קרעפטיקער, אטעמט מיט פרישקייט און גבורה. דעם שונאס ארמייען זענען צעשלאגן, און דער יובעל איז אי־בער גאסן און הייזער... אין „פארקאם" קאכט עס גאנצע טעג; די פארזאמלונגען זענען שטורמישע, פרייליכע: עס רוישן וואסער־פאלן...

נאך קרים און דאס גאנצע לאנד איז פון שונא פריי... דער טאג דער־נענטערט זיך, די מחנות באוועגן זיך, ס'הילכן די שטימען מוטיקע, דרייסטע. ליבשאפט איז אין די אויגן און עס שפאנט זיך אזוי פריי און אזוי גרויס צווישן גערדיכטן עולם אין די זאלן. אין „ארבעטער־היים" איז מען אויפגעלייגט: אפגעווישט איז די לעצטע שרעק פון פלוצלינגע איבערפאלן און הריגות אויף יידישע יינגעלייט. הילכן פריי־לעכע געלעכטערן און די שטימען זענען קרעפטיקע און די רעדעס — פארעקשנטע און זיכערע:

— דעם שונאס לעצטע פעסטונג דארף באזיגט ווערן! קרים דארף גענומען ווערן! ווער עס קען האלטן א ביקס — אויף קרים!

— ס'וועט פאלן דער לעצטער שונא און דאן — צום בויען א נייע וועלט!

עס הילכן הורא־געשרייען. בלומע איז איינגעוועבט אין דעם רעש און אין דעם יובעל. חברים קוקן אויף איר מיט ליבשאפט און דרך ארץ. זי שיינט ארויס פון צווישן אלע מיט אזא לויטערקייט און זי האט זיי אלע, אלע אזוי ליב... אז זי האט גענומען דאס ווארט, האבן זיך אלע צוגעהערט מיט אזא נייגער און מיט ליכטיקע אויגן; חברטע בלומע! מען האט צו איר געשמייכלט. זי האט געאטעמט אזוי פריי און גוט; ס'איז איר געווען גוט צו זען, ווי דוכאווין זיצט און הערט זיך צו מיט אנט־ציקונג.

— פאראן נאך א פ ר א נ ט! דער פראנט פון גייסט! אויף יענעם פראנט דארף מען פיזיש פארטיליקן דעם שונא, אויפן פראנט פון דערציונג דארף מען פארטיליקן דעם גייסטיקן שונא... געדענקט דעם נייעם דור, וואס מען דארף דערציען צו א נייער וועלט!

אלע האבן געשטורעמט מיט אפלאדיסמענטן. מען האט גערופן איר נאמען און עס איז געווען א פרייד ארום איר.

נאר דוכאווין זיצט אויף די פארטיי־פארזאמלונגען אלץ אזוי פאר־נומען. אז מען רעדט וועגן דערציונג, וועגן „ארבעט צווישן פרויען" — בלייבט ער שטיל. עפעס טראַכט ער אלץ...

אויף וואס־זשע אזוינס ווארט ער?

איז וואס־זשע טראכט ער?

און אזוי האבן זיי איינמאל שפאצירט צוזאמען. זיי זענען פון מי־טאג צוזאמען ארויס און וועקשפאצירט. בלומע איז געגאנגען מיט א

שטיל־געבויגענעם קאפ און זיך צוגעהערט צו דוכאווינס רייד: ס'איז געווען, ווי א צודעק האט זיך אפגעדעקט פון דעם באהאלטענעם אין אים; ער האט גערעדט אזוי, ווי ער וואלט עס פאר זיך אליין געוואלט דערקלערן: כאטש יעדער מענטש איז דאך נאר א טייל פון דער גרויסער מאסע, פונקט ווי יעדער טראפן וואסער איז נאר א טייל פון גרויסן ים, און אלע צוזאמען לעבן איין לעבן, — האט דאך יעדער איינציקער זיין פאראנט־ווארטלעכקייט און זיין טרויער... יעדער מענטש, האט א חוץ דעם לעבן פון כלל, אויך זיין אייגן לעבן. פאראן אזעלכע פראגן, וואס מאנען נאר בא אים אן ענטפער, כאטש דאס האט א שייכות צו דער גאנצער מאסע: אזוי איז שוין געשען און אזוי געשעט: איינער ווערט ארויסגעטריבן אויפן ברעג פון א וועג, אויף וועלכן די מאסע גייט און ער דארף דער ערשטער ענטפערן.

אזוי רעדנדיק האט ער זיך אפגעשטעלט אינמיטן גיין און גע־זאגט:

— אט איז געווען א פאגראם. האט מען אויסגעהרגעט מענטשן פון דער מאסע. וואלט דאך די מאסע געדארפט אויסראטן די פאגראמטשי־קעס... אבער די מאסע פארגעסט: דער שטראם איילט ווייטער און מען האט נישט קיין צייט זיך אומצוקערן. האט מען אבער געהרגעט מיין טאטער, מיין מוטער, האט מען געשענדעט און צעשניטן מיין קליינע שוועסטער און איך — איך קאן נישט פארגעסן! ווייל ס'איז מיין טאטע, מיין מאמע, מיין שוועסטער... איך קאן נישט פארגעסן, ווייל: דער, וואס האט געשענדעט און געפייניקט מיין שוועסטער גייט ארום און טראגט מיט זיך מיין שאנד... אז ער לעבט — לעבט מיט אים מיין שאנד... איך קאן עס נישט פארגעסן...

בלומע האט אים געוואלט עפעס איבערפרעגן און האט נישט גע־פרעגט: זי האט געפילט, אז דאס, וואס ער רעדט, האט צו טון מיט דעם, וואס ער שווייגט אזוי און ווארט כסדר. איז וואס־זשע וועט ער טון? נאר זי האט נישט געפרעגט. זי האט זיך נאר אפגעשטעלט אין פארנאכט, געקוקט פון בולוואר אראפ צום ים, וואס איז איצט געלעגן א שווארצער, פינצטערער און תהום־טיפער. האט זיך פארטראכט און נאר א זאג געטון:

— זעט ווי שווארץ דער ים איז איצט.

דוכאווין האט זיך אויך אפגעשטעלט און אזוי שטייענדיק האט זיין האנט אנגענומען בלומעס ארעם. זי איז נישט ווילנדיק צוגעפאלן הארט

צו אים, ווי זי וואלט זיך צו אים צוגעקלעפט און אין איר האט א שכרות און א קלארקייט אויפגעלויכטן.

דער ים איז געלעגן שטארק פארביסן און אנגעכמורעט; פון אונטער א שווערן חאלקן, וואו די זון האט זיך געזעצט, האט אפערגעשלאגן א בראנז-ליכטיקייט, וואס איז געפאלן, ווי א דינער קופער-פאס אי-בערן ים; האט דער פאס גאלדיק-רויט געשימערירט און געציטערט, ווי צעלאזט קופער וואלט זיך געגאסן אין דער טיפעניש. ארום דעם פאס איז געווען א געדיכטע שווארצקייט. עפעס גרויזאמס, קרעפטיקס האט שטיל געדרעמלט פון די שווערע וואסערן, וואס האבן זיך געקנייטשט. ביידע זענען אזוי געשטאנען און זיך איינגעקוקט. דערנאך האט דוכאווין געזאגט:

— לאמיר זיך זעצן

זיי האבן זיך געזעצט אויף א באנק, וואס איז געשטאנען נישט ווייט פון זיי. אומגעריכט איז דודס פנים לויטערער געווארן און ער האט געפרעגט:

— און ווי לעבט זיך טאניאן?

אין זיך האט בלומע אויפגעציטערט, ווי זי וואלט דערזעען אזעל-כעס, אויף וועלכן זי האט זיך נישט געריכט. נאר זי האט געענטפערט מיט א שמייכל:

— ווייס איך? ווי געוויינלעך.

— זי איז נאך גאנץ שיין.

— יא... זי איז א שיינע.

— און אלץ דיזעלבע אנגעבלאזענע? האלט זיך טאקע מיט אט דעם נארישן... ווי הייסט ער דארט? —

— מיט לערנערן, מיינט איר?

און בלומע האט זיך דערמאנט, וואס זי האט אמאל געזאגט: „ווי באריש ער איז"... און האט זיך צעלאכט.

דוכאווין האט איר אריינגעקוקט אין די אויגן, עפעס אזוי טיף אריינגעקוקט:

— איז וואס-זשע לאכט איר, בלומע? א, בלומע?

און אזוי פרעגנדיק האט ער איר האנט צערטלעך און שטיל אין זיינער גענומען:

— וואס לאכט איר

— גלאט אזוי... כ'האב זיך עפעס דערמאנט.

און שוין ערנסט צוגעגעבן:

— נו געוויס... זיי האבן דאך שוין א קינד...

בלומע האט אליין נישט געוואוסט, פארוואס זי טוט עס: זי האט זיי אן א כוונה ארויסגעצויגן איר האנט פון זיינער.

דוכאווין האט עס אויך נישט באמערקט. האט צוגענומען די אויגן פון בלומעס פנים און זיין געזיכט איז צוריק געווען פארעקשנט און פארנומען. פון ערגעץ האט זיך א געשריי אפגעריסן און געקומען אהער פארבלאנדזשעט. א ווינטל האט שארף א בלאז געטון, די יונגע קיילעכדיקע בלעטלעך פון די הויכע בעריאָזע-ביימער, האבן זיך מיט שארכעריי צעשאקלט ארום זיי. די נאכט האט זיך שוין געהאט אראפגעלאזט ביז די דעכער און פארנאכטיקע אויגן האבן געקוקט פון דער טונקעלער ליידיקייט. דוכאווין האט זיך דערמאנט:

— מיר האבן היינט א פארטיי-פארזאמלונג.

בלומע האט א קוק געטון אויפן האנט-זייגערל און געזאגט:

— מען דארף שוין טאקע גיין.

ביידע זענען געגאנגען שווייגנדיק און בלומע האט געהאט א שווער געפיל. האט געדענקט, ווי ער האט זיך נאכגעפרעגט אויף טאַניען; אין איר איז געבליבן ציטערן ווי א ווידערקול:

— „זי איז נאך גאנץ שיין"...

* *

*

ס'איז שוין אזוי אויסגעקומען: בלומע איז געזעסן אפגערוקט פון דוכאווינען און צוזאמען מיט איר איז געזעסן א שטילער אומעט, וואס האט מיט פארדראס זיך געטוליעט צו איר לייב. א פאר מאל האט בלומע אויפגעהויבן די אויגן און א קוק געטון אויף דוכאווינען, נאר ער איז געזעסן אנגעשטרענגט און ס'איז אויסגעקומען, אז ער האט אין זינען עפעס אנדערש, נישט דאס, וועגן וועלכן מען רעדט דא. דערנאך האט שוין בלומע מיט עקשנות אין זינען געהאט נישט אויפצוהייבן די אויגן; האט זיך שטארק גענומען צוהערן צו דעם, וואס מען רעדט דא. און דאך האט די פראזע פון איר נישט אפגעטרעטן:

„זי איז נאך גאנץ שיין"

נישט ווי ד וואלט די פראזע געדענקט, נאר זי האט זיך צו איר צוגעקלעפט, זיך איינגעקלאמערט ציטערנדיק אין אויער.

דער זאל איז געשטאנען א הויכער, א בלויער און פון דער געוועלבטער סטעליע האבן משונה גרויסע שוואלבן אראפגעקוקט, בלייבנדיק הענגען אינמיטן פון אימפעטיקן פליען. די פענצטער האבן געקוקט פארצויגן מיט מאטקייט. די גרויסע קאנדעלאברע, וואס איז שווער אראפגעהאנגען מיט א סך לעמפלעך אויף שפיצן פון ווייסע ליכט, האט געגלאנצט מיט די שפילעוודיקע גלעזלעך, וואס זענען געווען אנגעזעצט איינס אויף דאס אנדערע; די לעמפלעך האבן געברענט מאטע, ווי גרויסע פארלאפענע אויגן, און דערפאר איז דארט געווען אזא מין שטילקייט, ווי אין א רעפארמירטער שול. דער זאל האט געהערט צו דער געוועזענער באנקגעביידע, אין וועלכער ס'איז איצט געווען דער „פארקאם" און ס'האט זיך נאך געפילט דער ריח פון פולער, זאטער פוסט-און-פאסטקייט, וואס האט במשך פון יארן זיך געהאט איינגעפונדעוועט דא אין זאל, דורך די באנקדירעקטארן, וואס זענען דא שווייגנדיק געזעסן און נאך שווייגנדיקער געגעגנעצט; פון אלע ווינקלען ארויס האט די פוסט-און-פאסטקייט גע־קוקט... דערפאר איז מען דא געזעסן ווי אין דער פרעמד און ס'האט זיך געפילט א באהאלטנקייט און א לאקערעכץ: פרעמדע, פיינטלעכע אויגן האבן פון באהעלטענישן נאכגעקוקט. ראבינסאן, דער סעקרעטאר פון „פארקאם", האט געפירט די פארזאמלונג; האט גערעדט מיט פאטאס, מיט זיכערקייט און פון די גרויסע בלויע אויגן האט געקוקט אזא ערנסט, וואס איז געווען ענלעך צו שרעק. ווי א שטייגער: ער וואלט אין פאר־באכט געשטאנען אין א ליידיק, ברייט פעלד און א שארפער ווינט בלאזט אין די אויגן אריין. ער האט גערעדט פון וואכזאמקייט; פון דעם, וואס שווארצע אגיטאטארן גייען ארום צווישן ארבעטער און פויערים, אגיטירן פאר פאגראמען און האפן איצט אויפצורייסן די ראטן-מאכט פון אינעווייניק... זיין שטימע איז געווארן שטילער נאר קלארער. ער האט דערמאנט, אז עס קומען די לעצטער שווערסטע חדשים פארן נייעם גע־רעטעניש... דער הונגער רוקט זיך אן מיט ריזיקע טריט און — עס וועט אויסקומען צו נעמען באם דארף תבואה מיט געוואלט... מען וועט דאס מוזן טון, כדי צו קאנען ארויסגעבן דעם „ברויט-פאיאק" צו די ארבעטער פון שטאט. אין אזא מאמענט מוז מען זיין זייער טאקטיש, ווייל דער באדן איז אויסגעמיסטיקט פאר אלערליי שווארצע אגיטאציעס... יעדער חבר מוז טראגן אויף זיך גרויס פאראנטווארטלעכקייט; מען דארף

שטיין אויף דער וואך און נישט אפטון אזעלכע נארישקייטן, וואס קאנען אין אזא צייט קאמפראמיטירן...

אזוי האט ער גערעדט און אלע פנימער זענען געווען שטיל צעשראקן און פארטראכט, ווי מען וואלט דערפילט, אז עס שטייט פאר א גרויסע סכנה, וואס רוקט זיך אן און מוז קומען... אירע טריט הערן זיך שוין. האט מען זיך צוגעהערט מיט גרויסע אויגן און מיט שטיל רעגלמעסיק אטעמען. בלומע האט זיך פלוצלינג דערמאנט, אז דינה איז אויף דער פארזאמלונג נישטא; עפעס איז זי געבליבן אינדערהיים מיט א נישט-פארשטענדלעכער עקשנות, ווי זי וואלט געהאט שרעקלעכע קאפשמערצן. האט ווידער אויפגעהויבן די אויגן און דערזעען: דוכאווין הערט זיך גארנישט צו צו די אלע רייד. אט זיצט ער מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ און די שווארץ-אפלען זיינע שפילן גלאנציק אונטער די אויבערשטע וויעס. ער קוקט אזוי אנגעשטרענגט צו דער גרויסער קאנדעלאברע ארויף. וואס זעט ער דארט אויף דער שווערער קאנדעלאברע, וואס הענגט, ווי גרייט צום אראפפאלן? — האט עס אין בלומען א געשריי געטון:

„פון וואס זשע אזוינס טראכט ער דארט?"

און אונטער דעם געשריי האט שטיל, ווי אפגעזונדערט געציטערט:

„זי איז נאך גאנץ שיין".

האבן זיך איר אייגענע וויעס גענומען אראפלאזן מיט מידקייט: זי האט זיך דערמאנט דוכאווינס אריינקומען אין יענעם פארנאכט, ווען טאניא איז געשטאנען גרייט אוועקצוגיין מיט לערנערן... נאר זי האט זיך פארעקשנט און די וויעס צוריק אויפגעהויבן. פארדראס און בושה האבן זי געצוואונגען דאס צו טון; האט זי זיך אנגעשטרענגט צו קוקן אויף רובינסאנען און צו הערן זיינע רייד, נאר געקוקט האט זי גאר אויפן חבר פאטיאמקין, וואס איז געווען דער פארזיצער פון „גובאיספאלקאם" און איז געזעסן באם פרעזידענט-טיש לעבן רובינסאנען. ער איז געזעסן שטיל מיט רויקע ריינע אויגן; האט ער געקוקט אויפן טיש, ווי ער וואלט דארט עפעס געלייענט אדער אויסגעפארשט. די טונקעל-בלאנדע באָרד זיינע איז געווען שיטער און שמאל, און די האר האבן זיך הפקרדיק געקארטשעט און געשטרעקט. ער האט געלאסן גערייכערט, געלאזט גערדיכטע שטיקלעך רויך דורך דער נאז און ס'איז געווען דערפון צו פארשטיין, אז ער ווארט געדולדיק אויף דעם וויכטיקסטן, וואס דארף ערשט קומען.

אומגעריכט האט א שטילער גערויש זיך דורכגעטראגן און אנגע-

פילט דעם זאל מיט אויפמערקזאמקייט: דאס ווארט האט באקומען חבר פאטיאמקין און ווי נאר ער האט זיך אויפגעשטעלט און עטוואס אויפגע־הויבן דעם געדיכט באוואקסענעם קאפ, האבן אלע קעפ זיך עטוואס אונ־טערגעהויבן. ער איז געשטאנען מיט א צעעפנטער, גרויער טוזשורקע און מיט זיכערקייט געווארט. האבן אלע אויסגעדרייט די קעפ און באַ־מערקט, ווי עס דערנענטערט זיך צום טיש חבר סטאך — דער פארזי־צער פון „טשעקא". ער איז געגאנגען מיט שמאלע לאנגע פיס, וואס האבן זיך ריטמיש געבויגן און יעדן טריט באגלייט מיט א קלונג פון שפאר. דאס פנים זיינס איז געווען איינגעפאלן, בלייך און עטוואס צע־טראגן.

האט בלומע אויך דערפילט א מאדנעם ערנסט אזוי, אז זי האט פארגעסן איר אומעט. וואס איז נאך אלץ מיט איר אויף דער שטול גע־זעסן. זי האט דערפילט רויקע צעטומלטקייט.

פאטיאמקין האט גערעדט. ער האט געציילט ריינע, טרוקענע, קיי־לעכדיקע ווערטער. יעדער ווארט באזונדער איז ארויס אן א פגם און זיך געקייטלט גלאטיק צו די איבעריקע. גערעדט אן איבעריקן פאטאס, אבער פעסט און מיט אונטערשטרייכונגען; פארשטייט זיך: קלאנגען האבן שוין אזא טבע ארויסצוקומען מיט צעבלאזענע, אנגעשוואלענע פנימער... מען טרייבט א סך איבער. אבער געוויסע קלאנגען — זענען פאקטן: אין „טשעקא" איז נישט אלץ אין ארדנונג. די צופאלן פון ארעסטירן אומ־שולדיקע — זענען שוין געווארן צו אפטע. ס'איז אמת: ארעסטירטע סא־ציאליסטן זענען באליידיקט געווארן. צוויי אנגעזענע ארבעטער־טוער — טאקע סאציאל־דעמאקראטן, אבער ארבעטער־טוער — וואס זענען, אזוי צו זאגן, דורך א צ ו פ א ל ארעסטירט געווארן — זענען אויך באליידיקט געווארן. באם פארהער האט מען זיך פארהאלטן גראב צו זיי און — זיי זענען דאך נישט קיין פארברעכער!?

ער האט גערעדט פשוט, קורץ, ווי מען רעדט מיט אייגענע. ער האט געמאכט א שטיקל חשבון הנפש: מיר טוען נישט גוט... אזוי טאר מען נישט... מען מוז זיין פאראנטווארטלעך פאר אלעמען... עס טארן נישט זיין קיין צופעליקייטן...

מאדנע: אלע האבן באקומען צעטומלטע פנימער, ווי א שרעק וואלט אנגעקומען און טראגט מיט זיך שטארק אומאנגענעמס. מען האט זיך גע־נומען אומקוקן אין די זייטן און יעדער פנים האט זיך באמיט צו באהאלטן עפעס אזויגס, וואס האט זיך באהאלטן נישט געלאזט. מען האט זיך אײנער

דעם אנדערן נישט געקוקט אין די אויגן אריין. איצט האט בלומיצ באַמערקט, אז דוכאווין קוקט גלייך אויף פאטיאמקינען און איז שטארק אויפגערעגט; זיין שטערן האט זיך אויפגעהויבן אין לייכטע קנייטשן און די אויגן זענען גרעסער און שווארצער, ווי ער וואלט אנגעהויבן דערזען אזוינס, אויף וועלכן ער האט שוין לאנג געוואַרט.

די דיסקוסיע איז דערווייל געווארן א היציקע, א געדיכטע, ווי פארע וואלט געשלאגן פון די ווינקלען און ווערט אלץ געדיכטער און שווערער. אלע ווילע האט זיך עמעצער אויפגעשטעלט. מען האט גערעדט קורץ, מיט ציטערדיקע שטימען און מיט ווייטיק: ס'האט אנדערש געדארפט זיין... סטאך איז די גאנצע צייט געזעסן שטיל מיט א פארביק שמייכעלע, פילנדיק די זיכערקייט אין זיך. אז ער האט באקומען דאס ווארט, האט ער מיט איין הייב זיך אויפגעשטעלט, געבליבן גלייך אויסגעשטרעקט, און אויף דעם ארט פון שמייכל איז ארויס אן איראנישער פארדראס. די בלאנדע האר, וואס זענען אים געווען גלאט פארקעמט, האבן זיך באם אויפשטעלן זיינעם צעטרייסלט און די פאסמעס האבן זיך גענומען גליטשן צו די אויערן.

ער לייקנט נישט! א סך פאלן זענען אמת. און אפשר זענען אלע קלאגעס אמת... מעגלעך. אבער ווער איז שולדיק אין דעם? —

האט עס געפרעגט, א ווילע געוואַרט מיט געצונדענע אויגן און ס'איז געפאלן איבערן שטילן זאל:

— איר חבריב! איר זענט שולדיק!

האט עס ארויסגעזאגט אזוי שארף, אז א סך פנימער זענען געווארן נאריש פארטעמפט, ווי מען וואלט זיי בא דער האנט געכאפט.

ער האט די ווערטער אויסגעשלאגן איינס נאך איינס:

— שולדיק זענט איר, ווייל: איר האט איבערגעלאזט דעם וויכטיקסטן אפאראט אויף נישט גענוג פאראנטווארטלעכע הענט! אדרבה! קומט אהין און זייט פאראנטווארטלעך! די בעסטע חברים דארפן אהינגיין, נישט אויסמיידן און זיך ווארפן צו די נישט אזוי וויכטיקע אמטן!

ער האט פשוט געפאדערט: מען זאל אים געבן פאראנטווארטלעכע פארטיי-טוער, וואס ווייסן צו זיין טאקטיש און האבן גענוג פארטיי-פארשטענדעניש פאר דער זאך. ער האט שוין וועגן דעם א סך מאל גערעדט. איז גוט, וואס די פראגע איז איצט אויפגעהויבן געווארן. איצט

פאדערט ער: אויב נישט, וועט אים, אלס פארזיצנדן, אויסקומען צו ציען די געהעריקע קאנסעקווענצן.

ער האט גערעדט לאגיש, פשוט און קלאר. אלע זענען איצט גע־ווען צעטומלט און יעדער האט אין זיך געטראכט: „ווען איך וואלט איצט דא נישט געווען"... מען האט געקוקט מיט צעשראקענע אויגן, ווי מען וואלט געזוכט אן אונטערוועגעלע, דורך וועלכן אנטרונען צו ווערן.

ס'איז געווען א פרעסעדיקע שטילקייט. אלע האבן געהערט סטאכס פאדערונג און קיינער האט נישט געוואגט צו רעדן אקעגן דעם. אלע האבן עס פארשטאנען, אבער קיינער האט קיין חשק נישט געהאט דאס צו נעמען אויף זיך: עפעס האט זיך דערביי בלינד געטראכט וועגן גע־שרייען, וואס ציטערן אין פינצטערע נעכט; וועגן משונהדיקע אויגן, וואס קוקן נאך מיט צעגליטער שווארצקייט און — וועגן סכנה, וואס גייט נאך פיס־טריט יעדן באאמטן פון „טשעקא".

באם פרעזידיום־טיש האט מען זיך שטיל דורכגערעדט. פאטיאמקין האט צוגעשאקלט מיטן קאפ, סטאך איז געווען אויפגעלייגט, מיט נצחון אויפן פנים און ראבינסאן האט געזאגט:

— דאס פרעזידיום נעמט אויף די פאדערונג פון חבר סטאך. איז עמעצער קייגן דעם?

קיינער האט גארנישט געזאגט אקייגן און רובינסאן האט געוואלט אפשטימען:

— ווער איז קייגן דעם?

קיין איין האנט האט זיך נישט אויפגעהויבן. קיינער האט זיך נישט געכאפט, אז שטימען דארף מען פארקערט: ווער איז פאר?... עפעס האבן אלע זיך געשראקן ארויסצוזיין דאס פארבארגענע טראכטן...

נאר דא האט זיך אויפגעשטעלט פאטיאמקין און האט פארגע־לייגט:

— זאל יעדער חבר, וואס פילט זיך פאטיק צו אזא אמט, זיך אפרופן.

האט אבער סטאך געגעבן א שטרעק אויס די האנט:

— איך בין קעגן אזא סיסטעם! לאם איך זאגן גאנץ אפן: די חברים זענען צעטומלט. זיי פילן די וויכטיקייט פון דעם אפאראט, אבער יעדער וואלט וועלן, אז דער אנדערער זאל אויף זיך נעמען די מיסיע. אין דעם פאל — האלט יעדער איינער דעם צווייטן פאר מער־פאראנט־

וואָרטלעך! — האָט ער זיך צעשמייכלט — מיין פאָרשלאָג איז דעריבער: דער „פּאַרקאָם" זאָל באַשטימען די חברים.

פּאַטיאָמקין איז פאַרבליבן אין פאַרלעגנהייט: נישט געוואוּסט, צי ער זאָל צוריקציִען זיין פאָרשלאָג, צי נישט.

דא — האָט דוכאָווין זיך אויפגעשטעלט מיט א בלייך, און דאָך צעפלאַמט, פּנים:

— איך האַלט: גערעכט איז חבר סטאַך! די פּאַרטיי דאַרף באַשטימען. מיר, מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, זענען זעלנער? א זעלנער דאַרף מען שיקן און ער גייט! וואָס איז שייך צו מיר פּערזענלעך, בין איך גרייט צו גיין אַרבעטן!

אויף זיין פּנים איז געווען א שטאַרקע אַנטשלאָסנקייט. ער האָט געאָטעמט מיט אומגעדולד, ווי ער וואָלט דערגרייכט צו דעם, צו וואָס ער האָט געהאָפט.

ס'איז געוואָרן א צופרידענע באַוועגונג. מען האָט גענומען קלאַפּן בראַוואָ. דוכאָווין איז אַלץ געשטאַנען און מיט א גרייטקייט, ווי ער וואָלט שוין געדאַרפט זיך נעמען עפּעס טון. אין בליומעס האַרץ איז געווען שרעק און צו דער זעלבער צייט האָט א שמייכל געבליט אויף אירע ליפּן: ער איז געשטאַנען אַזוי שלאַנק, אַזוי אויסגעשטרעקט און אַנטשלאָסן. ער איז געווען העכער, האָט זיך אויסגעטיילט פון אַלע.

סטאַך האָט אים געדרוקט די האַנט און צופרידן געשמייכלט. נאָך אייניקע האָבן זיך אַנגערופן און פּאַטיאָמקין האָט איינגעשטימט מיט סטאַכס פאָרשלאָג. אין זאָל איז געוואָרן אַזוי, ווי די שווערקייט וואָלט זיך צערונען.

— — — — — — — — — — — — —

גייענדיק פון דער פאַרזאַמלונג מיט בליומען, איז דוד געווען שטאַרק אומגעדולדיק און זייער רירעוודיק. ער האָט בליומען א פּאָר מאָל אַריינגעקוקט אין פּנים, ווי ערשט איצט וואָלט ער זי דערזעען אויף אן אמת. ער האָט גערעדט אויפגעלייגטער, פריילעכער, מיט א קלינגענדיקער שטים, ווי אַלץ, וואָס האָט ביז אַהער געדרוקט אויף זיין האַרץ, איז מיטאַמאָל אָפּגעטרעטן. ער האָט געשפּאַנט מיט גיכע טריט, ווי ער וואָלט פאַר עמעצן געטראָגן אן אַנזאָג.

— וואָס איילסט איר זיך אַזוי? — האָט בליומע געפרעגט מיטן צעבליטן שמייכל אויפן פּני

— א ? איך ווייס אליין נישט ! דינה איז דארט אליין. און ער האט געכאפט בליומען אונטערן ארעם מיט ווארעמקייט און נאענט־קייט.

— איך פארגעס נישט... איך וועל נישט פארגעסן...

בליומע האט אים גארנישט איבערגעפרעגט. זי האט נישט געהאט קיין צייט צו טראכטן: זיין האנט האט זיך אזוי ווארעם געטוליעט צו איר ארעם, ווי א רינג וואלט זיך ארום ארעם געשלאסן... אזוי פריש און גוט האט זיין האנט געצערטלט. — איז זי געגאנגען מיט אימפעט, ווי געטראגן פון אים, און ס'איז געווען אזוי, ווי זייערעביידנס טריט וואלטן זיך צוזאמענגעגאסן און זיי שפאנען שווייגנדיק בארג ארויף. שפא־נענדיק, הערן זיי זיך צו צום געזאנג פון אייגענע טריט, וואס זינגט אין דער זומערדיקער נאכט אריין: — זאל זיך ציען דער וועג... ציען אן א סוף...

קאפיטל זעקס.

נאך דעם ווי דער אלטער עטינגער איז א גאנצן טאג אפגעלעגן אין בעט, און די נאכט דערנאך שווער געאטעמט און לייכט גע־דרימלט — איז ער אויפן אנדערן טאג אויפגעשטאנען א פארערדענטער: פארעקשנט, שווייגנדיק און מיט א שטילן כעס, וואס איז ווי א שארף געטראנק געווען אנגעגאסן אין זיין לייב און געקלעמט דאס הארץ.

דאס פנים איז אים געווארן בלייכער. די פאמעראנץ־ליכטיקייט האט זיך אויסגעלאשן פון זיין פנים איבער די צוויי נעכט מיטן טאג, וואס ער איז אין בעט געלעגן. אין זיינע אויגן האט זיך באזעצט טונקע־לער צער, ווי אין די אויגן פון א שטארק באליידיקטן. האט ער דערפאר אויסגעמיטן צו רעדן מיט שטוב־מענטשן; האט געענטפערט פארעקשנט, פארביטערט און מיט גרייטקייט אנצופאלן.

אין שטוב האט זיך באזעצט א שטיל־שארפער ריח, ווי אין א שטוב, וואו אייגענער פארן אנדערן היט זיך; ליע האט אויסגעמיטן צו רעדן א הויך ווארט; האט באקומען שטילקייט אין אירע טריט, ווי זי וואלט זיך בסדר געגנבעט דורך די צימערן אויף די שפיץ פינגער און מורא געהאט

עמעצן פון שלאף אויפצוװעקן. עטינגער אליין — כאטש ער איז נאך אליך ארומגעגאנגען אן אויסגעשטרעקטער מיט א געהויבענעם קאפ — זענען אבער זײנע טריט שוין נישט געװען אזוי זיכער און קרעפטיק. הער בורמאן האט אויסגעזעען, ווי א שטיף־זון: האט אפט זיך באמיט צו רעדן צו עטינגערן און באם רעדן — באקוקן ווייכקייט אין פנים און געטרייע פרומקייט אין די אויגן; אן אונטערטעניק שמייכעלע האט כסדר אים געשוועבט אויף די שווארצע אינטערגעשוירענע וואנסעס.

אז עטיגער האט זיך דערוואוסט: אבראמעק איז שוין אויך מיט דער „חברה" און גייט ווערן א רויטער אפיציר — האט ער זיך שוין נישט געוואונדערט, נישט געשריגן, נאר דאס פנים איז אים בלייך געווארן. ער האט מיט א רויקן כעס א פרעג געטון באם הער בורמאן:

— און פונוואנען ווייסט איר דאס? הא?

האט הער בורמאן געענטפערט מיט א היימיש צוגעלאזט קול:

— איך האב אים היינט געטראפן, אבראמעקן, האט ער עס מיר אליין דערציילט. און מיט אזא גרויסקייט האט ער עס דערציילט: פונקט א שטייגער עס וואלט אים א גרויס גליק צוהאנענגעקומען: עפעס א קלייניקייט? — ער ווערט א גאנצער אפיציר! ער וועט און ער וועט!... די גאנצע וועלט וועט ער איבערמאכן! נישט אנדערש; די גאנצע וועלט זאל ווערן פראלעטאריער! אזוי וויל אבראמעק.

דעם אלטנס ברעמען האבן זיך געגעבן א צי צונויף; איבער דער נאז האט זיך א לענגלעך בערגעלע אויפגעשטעלט צווישן די ברעמען. ער האט גארנישט געזאגט און דווקא רויק אויסגעהערט, ווי הער בורמאן דערציילט:

— אט דער שנעק וויל איבערמאכן די וועלט? א שיינע וועלט קען שוין בא זיי ארויסקומען, אז אבראמעק איז פון די איבערבויער...

— ווען האט איר אים געטראפן?

— היינט, מיט א פאר שעה פריער; איך בין געגאנגען פון נאוואד, געקומען דא אויף אונזער גאס — אהא! — אבראמעק! נישט ער גייט נאר ער לויפט. צי ער איז געגאנגען א היים? ווער ווייסט אים. איך האב אים דערציילט, וואס דא איז געוועז...

— האט איר אים דערציילט? אזוי?

— ס'הייסט... איך האב אים נישט געהאט, וואס צו דערציילן: ער האט שוין געוואוסט פון דער גאנצער געשיכטע... ס'איז דאך איין

חברה... נו האט ער זיך צעלאכט; בין איך דאך קלוגער, זאגט ער, און בין באלד ניט אהיימגעקומען, האט מען פארשפארט ארויסצוטרייבן.

עטינגערס פנים האט זיך פארכמורעט. שווערער צער און שארפער פארדראס האבן געגעבן אן אטעם־אראפ פון זיין שטערן און פארפרעסטן מויל. בורמאן האט זיך פארלוירן און ליע, וואס האט זיך בשעת מעשה געפּארעט בא דער שאפע מיט מלבושים, זיך פארבארגנדיק אין די שאטנס פון דעם אנקומענדיקן אוונט, האט זיך מיטאמאל געגעבן א גלייך אויס, אויסגעשטעלט דערשראקענע אויגן.

דער אלטער האט זיך אויפגעשטעלט און אלץ מיט די שארפע, בייזע בליקן. האט בורמאן אראפגעלאזט נידעריקער דעם קאפ אין האלז אריין, ווי ער וואלט זיך געשראקן פאר א קלאפ, גענומען רעדן מיט א חניפה־שטימעלע:

— איך בין געגאנגען אין גאס... געגאנגען און געטראכט וועגן דער לאגע, איצט — ער שטעלט מיך אפ: וואס הערט זיך עפּעס אינ־דערהיים? זאג איך אים: אבראמעק, וואס פרעגסטו עפּעס בא מיר? וואו ביסטו פארפאלן געווארן? מען האט דאך עגמת־נפש אין שטוב...

— אזוי... עגמת־נפש!... — האט עטינגער איבערגעזאגט.

האט זיך בורמאן שוין גענומען פּלאנטערן: געוואוסט, אז ער דארף מער ניט רעדן און געקענט אויפהערן:

— נו, האט ער געזאגט... ווער האט עס צייט צו דער שטוב?... אז ער ווערט אן אפיציר. און... האב איך אים גענומען זאגן: הער אויס, אבראמעק...

אזוי האט ער גערעדט און געוואלט דערציילן, ווי ער האט גע־זוכט צו ווירקן אויפן יונג... נאר אינמיטן רעדן, האט דער אלטער עטינגער אוועקגעשפּאנט אין צווייטן צימער אריין און פארמאכט די טיר הינטער זיך.

בורמאן איז געבליבן מיט א ניט דערזאגט ווארט אין מויל און מיט צעשראקענע אויגן. ליע איז געשטאנען צעטומלט.

אין שטוב האט שוין געוואוינט דער פארעקשנטער ברוגז. דער אל־טער עטינגער האט געהאט דאס געפיל, ווי פרעמדע וואלטן זיך ארייג־געגנבעט אין זיין שטוב און זיינע אייגענע פון דארט פארטריבן. אפילו די דינסט איז געווארן א גאנצע באלעבאסטע בא אים אין הויז: אלע טאג קומט צו איר דער מאטראז, זיצט, לאכט און זינגט מיט א גרויב קול... און ליע איז אים געווארן אזוי פרעמד... אומבאוואוסטע שרעק

האט געהילט דעם כעס, וואס ער האט צו איר געפילט. כאטש ער האט געבוי נישט געוואוסט, וואס זי איז שולדיק.

ער איז געווארן אפגעלאזט. כסדר אויסגעזען באליידיקט. האט ער אויפגעהערט צו רעדן רויק: אז מען האט זיך צו אים געווענדט מיט א פראגע — האט ער זיך געגעבן אזא רעשיקן דריי אויס און פון זיינע אויגן האט געגעבן א בליק ארויס אזא כעס, פון וועלכן מען איז דער־שראקן געווארן.

א פאר מאל איז לערנער אריינגעקומען. ער האט אויסגעזען זייער בלייך און צעטראגן, דער גוידער אונטער זיין גאמבע איז געהאנגען ווייך, נאכגעלאזט, און די שווארצע הערעלעך האבן אויסגעזען נישט קיין האר, נאר שווארצע שטויבעלעך, וואס דער ווינט האט אהין פארטראגן. ער האט געהאט צעשראקענע אויגן, א ביסל טונקל־אונטערגעשלאגענע און אויף זיין פנים איז געווען ווייבעדיקייט. ער האט א פאר מאל געפרווט רעדן מיט עטינגערן וועגן דער סחורה, וואס מען מוז ארויסבאקומען, ווארים: —

— ס'איז דאך שרעקלעך: היינט איז שוין בא אים אין שטוב קיין פוטער נישט געווען... שפעטער האט מען קוים געקריגן: ער האט נאך געהאט א פאר פונט זייף פאר זיך אליין, האט טאניע זיי ארויסגעטראגן אויפן מארק און זיי אויסגעביטן בא א פויער אויף פוטער... טאניע אליין איז שוין אויס מענטש: זי איז כסדר פארביטערט, אנגעבלאזן, רעדט נישט קיין גוטווארט, און... קאן נישט הערן קיין גוט ווארט... ווארים, אז עס פעלט אין שטוב...

נאר עטינגער האט אלץ געשוויגן. אז לערנער האט נישט אויפ־געהערט רעדן און קלאגן זיך, איז ער אין כעס געווארן און זיך מיט אימפעט אויפגעשטעלט:

— איז וואס־זשע ווילט איר פון מיר, א?

— וואס הייסט, וואס איך וויל? מען דארף זען צו מאכן עפעס מיט דער סחורה.

— טא מאכט! ווער לאזט אייך דען נישט?

איז לערנער אויך בייז געווארן און איז באלד אוועק.

עטינגער איז ארומגעגאנגען א צעפעסטער; האט געשפאנט איבער אלע צימערן, געקלאפט מיט די טירן, געברומט אין זיך אריין הארטע, פארביסענע ווערטער.

ליע האט אים שטיל נאכגעקוקט, זיך גישט ווינדיק געמאכט. א

ער איז מיד געוואָרן פון שפּאַנען און האָט זיך אָנגעקוועצט, שוין אַ שמילער, אַ פאַרזאָרגטער, האָט זיך ליע אונטערגעגנבעט און מיט אַ האַר-ציק געטריי קול אָנגעהויבן:

— צו וואָס גענמסטו זיך אַלץ צום האַרצן? דאָס געזונט איז טייע-רער...

האָט עטינגער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו איר, האָט געקוקט אַ ווײַלע אויף איר צעשראָקן פּנים און גאַרנישט געענטפערט.

— און בײַ אונדז איז דען בעסער? בײַ אונדז איז אויך קיין געלט נישטאָ.

ס׳איז געווען מאָדנע: עטינגער האָט זי אויסגעהערט און איז נישט אויפגעשפּרונגען. ער האָט בשעת מעשה געקוקט, נישט אויף איר, נאָר — דורכן פענצטער אויף דער ליידיקער גאַס אַרויס. האָט געזען, ווי די ביימער זענען צעוואַקסן און די בלעטלעך שאָקלען זיך מיט פאַרהוי-לענער נאַכטיקייט. אים איז געווען אַזוי, ווי מען רעדט דאָס נישט צו אים.

— עס וועט אויסקומען צו בייטן „וואַלוטע"... איז ווי מיינסטו?

— מילא.

— זאָל מען, הייסט עס, בייטן? נו, און וואָס וועט זיין נאָכדעם?

— ווייס איך?

— אָבער טראַכטן דאַרף מען דאָך?

— זיי וועלן דאָך אַלץ אַמאָל ברעכן די קעפּ? וואָס-זשע? זיי וועלן טאַקע שוין דאָ בלייבן? שוין? אויף אייביק?

אַזוי האָט געפרעגט עטינגער און שוין צוריק געווען אַ ביסל אין כּעס.

— וואָס קאָן מען וויסן? ס׳איז אַן אומגליק! מען זאָגט: איצט בלייבן זיי שוין. איז אויב זיי בלייבן טאַקע, וואָס זשע וועט מען טון?

— ווייס איך? — ס׳איז טאַקע נישט גוט.

— איז אפשר טאַקע גלייכער צו טון, ווי לערנער זאָגט?

— וואָס זאָגט לערנער?

— איך ווייס? ער האָט דאָך גערעדט דאָ.

— איז ווער פאַרשטייט, וואָס ער רעדט? ער רעדט דען? ער האָט דאָך טענות!

— טענות... אַז אַ מענטש איז שלעכט, —

— וואָס־זשע בין איך אים שולדיק? מען האָט דאָך מיך נישט געפֿאָלגט! איך בין דאָך נישט קיין בעל דעה...

האָט ליע גענומען רעדן מיט אַ שטיל־היימיש קול; מיט דעם קול, וואָס געטרייַע פֿרויען רעדן צו זייערע מענער: עס זענען דאָ מיטלען... מען דאַרף איבערקויפֿן עטלעכע מענטשן, וועט מען קאָנען די סחורה אַרויסנעמען ביסלעכווייַז. הער בורמאַן איז דאָך דאָרט... סחורה איז דאָך הייַנט מיט גאָלד גלייַך! פֿאַר געלט קריגט מען דען עפּעס? אַז די פּויערים ווילן נישט קיין געלט. סחורה גיב זיי... נאָר מען דאַרף די מענטשן פֿריער באַצאָלן... אויף אַזאַ אופֿן וואָלט שוין געלוינט אויסצובייַטן אַ ביסל וואַלוטע...

האָט זי אַזוי לאַנג גערעדט און געטענהט, ביז עטינגער האָט דערפֿילט, אַז מען וויל אים אָפּנאַרן; האָט ער זיך ווידער צעבייזערט:

— איז וואָס־זשע? כ'האָב נישט קיין וואַלוטע! כ'האָב נישט! איז וואָס־זשע קאָן איך טון? אפֿשר זאָל איך זיך אייַנשטעלן דאָס לעבן און גיין אַרויסנעמען סחורה? אַ? דאָס ווילסטו?

— שאַ! צוּוואָס איז דאָס בייזערן זיך? מען קאָן זיך דאָך דורכרעדן ווי מענטשן?

אָבער עטינגער איז אויפֿגעשפּרונגען:

— טוט אייַך, וואָס איר ווילט און מיך לאָזט צורו!

האָט שוין ליע אָפּגעשוויגן און עטינגער האָט ווידער געשפּאַנט איבער די צימערן.

אַזוי האָבן זיך געצויגן טעג, צערודערטע, צעכעסטע און פֿרעמדע טעג. עטינגער האָט זיך כּסדר געבייזערט, אויף אַלעמען געקוקט מיט חשד, האָט נישט געלאָזט צו זיך רעדן. לערנבער האָט זיך שוין אײַנגעזאָגן אויפֿגעהערט צו ווייַזן. ליע ווידער פֿלעגט זיך אָפּט אַנטון נאָך מיטאָגצייַט און אַוועקגיין:

— זי וועט אייַנגיכן צוריקקומען. זי וועט אַ ביסל אַרויסגיין צו באַקאַנטע, צו היימישע מענטשן... מען מוז זיך דאָך מישב זייַן, וואָס מען האָט צו טון... מען מוז דאָך וויסן, וואו מען איז אין דער וועלט...

האָט עטינגער אויף דעם גאָרנישט געענטפֿערט, פּונקט ווי דאָס וואָלט צו אים קיין שייכות נישט געהאַט. פֿלעגט בלייַבן זיצן באַם פֿענצטער און מיט צער און כּעס געקוקט אויף דער לײדיקער גאַס אַרויס.

ס'איז געווען א שטילער פארנאכט. איבער די פענצטער איז געהאנגען געדיכטע זומערדיקע כמורנעקייט. דער אקאציע-בוים פארן אפענעם פענצטער איז געשטאנען א מידער, א שווייגנדיקער און מיט פרומקייט געוואַרט אויף רעגן. צווישן די גרינע ייִנגע בלעטלעך זענען געהאנגען די ווייסע, פארמאכטע בליעכצן, ווי זיי וואלטן זיך פארעקשנט, נישט געוואלט זיך עפענען; זענען זיי גרייט זיך קייגן צו שטעלן אי דעם רעגן, אי די אנגענעמע ווארעמקייט, וואס האט זיי געגלעט. איז אלץ ארום שטיל געווען אין גארטן און דיביימער האבן זיך צוגעהערט מיט לייכטער שרעק, ווי די וואלקן קלעטערן איינער איבערן אנדערן; זאגן עפעס און מיט א געבייזער. א פויגל האט ערגעץ ארויסגעלאזט א לאנגן טרעל, צוריק איינגעקארטשעט דאס קעפל טיף אין העלזל אריין און די בלעטלעך האבן זיך באוועגט, ווי ברעמען אויף צעשראקענע אויגן.

אין שטוב איז אינגאנצן שטיל געווען. ליע איז ערגעץ אוועק מיטן אויסרייד:

— מען מוז דאך זען, וואס מען האט צו טון... מען מוז זיך דאך מישב זיין. זי וועט זיך אפשר גאר ארויפכאפן אין זאוואד אריין.

איז זי אוועק. עטינגער איז געזעסן באם פענצטער און ווי דער בוים געווארט. אזוי ווארטנדיק זיך דערמאנט:

— וואו-זשע איז טאניע? וואס זעט מען עפעס נישט טאניען?

האט דערפילט צו איר א מאדנע ווארעמקייט, וואס ער האט שוין לאנג נישט געפילט. ווי ער וואלט זיך איצט געכאפט, אז זי איז בא אים א בת-יחידה. א חוץ איר האט ער דאך מער קיינעם נישט. בשעת מעשה האט ער בלינד געזאגט א פארדראס אויף ליען און צו להכעיס איר, האט ער זיך אנגעכאפט אין דער ווארעמקייט צו טאניען; האט ער באקומען א טרויעריק-טאטיש פנים; די אויגן זענען אים געווארן ווייכער און גרעסער, האט ער שטיל אפגעזיפצט און געדענקט, ווי לערנער האט געזאגט:

— ס'איז דאך שרעקלעך... טאניא איז אויס מענטש...

ער האט זיך אויפגעשטעלט:

„מען דאַרף דאָך זען, וואָס עס איז מיט טאַניאַן...“

האָט ער זיך אָנגעטאָן דאָס לייכטע אַלפּאַגאַ-רעקל; האָט זיך דערביי אויסגעשטעלט פאַרן שפּיגל און געקוקט מיט רחמנות אויפן אייגענעם טרויעריקן פּנים; האָט באַמערקט, ווי זיינע באַקן זענען באַדעקט מיט ווייסע הערעלעך און די הויט איז שוין נישט אַזוי שטייף אָנגעצויגן. ער האָט מיט ביידע הענט זיך אַ וויש געטאָן איבער די באַקן און מיט די פינגער דורכגעגלעטיקט זיין שיטער בערדעלע. דערנאָך האָט ער פאַר-קנעפּלט דאָס רעקל אויף אַלע קנעפּלעך און אָפּגעהוסט.

דערווייל האָט זיך געעפנט די טיר; אַניאַ, די דינסט, האָט אַריינ-געקוקט. איר פּנים איז געווען עפּעס צעשראָקן.

— האָסט עפּעס געוואָלט?

— אַ? ניין... איך האָב געוואָלט פרעגן, צי איך זאָל שטעלן דעם סאַמאָוואַר...

— דעם סאַמאָוואַר? — האָט עטינגער איבערגעפרעגט און אַלץ געקוקט אין שפּיגל — ווער דאַרף איצט האָבן אַ סאַמאָוואַר? ס'איז דאָך קיינער נישטאָ.

— כ'האָב געמיינט... דער „באַרין“...

— פאַר מיר דאַרף מען נישט... איך גיי אַראָפּ.

ער האָט אָנגעטאָן דאָס היטל און גענומען דעם שטעקן אין דער האַנט.

ציאַ האָט אים נאָכגעקוקט מיט אַ מאָדנע פּנים.

זע, די טיר זאָל זיין פאַרמאַכט.

— גוט, „באַרין“.

— אַז די „באַרינינאַ“ וועט קומען וועסטו זאָגן...

ער איז שטיל געוואָרן; חרטה געהאַט.

— וואָס זאָל איך זאָגן?

— גאָרנישט. איך וועל מסתּמא פריער צוריק זיין... זי וועט אודאי אַזוי גיך נישט קומען...

— גוט, „באַרין“.

עטינגער האָט זיך נאָך אָפּגעשטעלט אין קאָרידאָר, נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, מחמת געהערט האָט ער, אַז אין קיך האָט זיך אַ רודער געטאָן; האָט זיך דערמאָנט אָן מאַטראַז און גאָרנישט געזאָגט. נאָר דער כּעס אין האַרצן איז געוואָרן שטאַרקער און אַזוי איז ער מיט דעם כּעס אַרויס.

— אויפן שליסל פארמאך נישט... געגוג אויפן קלאפ־שלאס.

— גוט, „בארין".

ער האט אליין נישט פארשטאנען, פארוואס ער האט נישט געהייסן פארמאכן אויפן שליסל, נאר אין זיך האט ער געפילט א כוונה און א פאר־עקשנטע דערצו, ווי ער וואלט עפעס באשלאסן, כאטש ער האט דערביי גארנישט אין זינען געהאט.

ארויסגייענדיק פון הויז האט ער א טראכט געטון: א גיי אנגשי־קעניש... נאך א מאטראז האט מיר געפעלט צום רימל...

טאניען האט ער נישט געטראפן אין שטוב. לערנער איז ארויסגע־קומען פון שלאף־צימער א צערודערטער, אויסגעזען, ווי מען וואלט אים איבערגעשלאגן אינמיטן אן ארבעט.

— א! וואס זשע מאכט דער פאפא? וואס־זשע שטייט איר? זיצט.

עטינגער האט זיך געזעצט, נאר געשמייכלט האט ער נישט. ער האט כסדר געקוקט אויף לערנערס הענט, ווי ער וואלט אויף זיי עפעס געזען; לערנער האט זיך געפלאנטערט, געדרוקט די הענט אין די קעשענעס.

— שיינע צייטן. זיך גוט אויסגעארבעט, א?

— און וואו איז טאניע?

— טאניע? זי איז א ביסל ארויסגעגאנגען שפאצירן מיטן קינד... א גאנצן טאג איז ער אין שטוב... מיר זענען דאך שוין גאט צו דאנקען אן א דינסט אויך.

— אן א דינסט?

— איר ווייסט נאך גארנישט? שוין עטלעכע טעג, אז זי איז אוועק: זי קאן א ביסל שרייבן, נו — האט זי געקריגן א שטעלע... און גאט צו דאנקען! ווער קאן היינטיקע צייטן אויסהאלטן א דינסט? און בכלל: היינטיקע צייטן איז גלייכער און טאקע געזונטער, אז מען האט נישט קיין פרעמדע מענטשן אין שטוב. צוואס? און ס'איז טאקע שווער אויך! מען האט אליין נישט צו עסן, גיי שפייז נאך פרעמדע... און אז זי איז אליין אוועק מיט איר גוטן ווילן — איז טאקע א גליק...

— אזוי, איז טאניא געגאנגען שפאצירן?

— ס'הייסט... געגאנגען איז זי דערווייל ארויס אויפן מארק... מען מוז דאך לעבן: האט זי ארויסגענומען עפעס צו פארקויפן. און דערווייל — וועט זי זיך דורכגיין מיטן קינד.

— האסטו נאך, הייסט עס, יא וואס צו פארקויפן?

— איר מיינט סחורה? — חס ושלום! פונוואנען? אז די גאנצע סחורה איז דאך געבליבן דארט, כאטש נעם און צערייס זיך... איך האב זיך אבער געבעטן רחמים: זאל מען אהיימנעמען די סחורה. האט אבער דער גייער באלעבאס זיך איינגעשפארט אזוי און נישט אנדערש — איז דאך נישט שייך; האט שוין די מאדאם אויך אזוי געזאגט... און איצט שריי חי וקים!

לערנער האט מיט א כוונה צוגענומען די אויגן און אוועקגעטראגן זיינע בליקן אין א זייט אריין.

עטינגער האט א קנייטש געטון דעם שטערן. אין אים האט עס א ציטער געטון. ס׳איז געווען אזוי ווי פארשידענע פעדים וואלטן זיך צו־זאמענגעטראפן און צוזאמען ארויסגעשלאגן א חשד, וואס האט ווי א גרוי־סער טראפן געבלישטשעט און זיך איבערן הארץ צעגאסן. נאר באלד איז אנגעלאפן די עקשנות און דעם ציטער איינגעשטילט... עטינגער האט נישט איבערגעפרעגט, ווען ער האט געמיינט מיטן „גייעם באלעבאס" און געזאגט:

— וואס זשע דען איז די געגאנגען פארקויפן?

— וואס הייסט: וואס? — האט לערנער צוריקגעבראכט זיינע טרויעריקע בליקן — און א פאר לייַלעכער זענען קיין סחורה נישט? און אויף מיינע א פאר העמדער זענען קיין בעלנים נישטא?

— אזוי גאר? — האט דער אלטער נישט פארשטאנען און נישט געגלויבט — שטוב־זאכן?

— וואס־זשע דען זאל מען טון? הונגערן? מען הונגערט ברוך־השם טאקע גאנץ פיין אונטער אויך... אבער טאניע איז א שוואכע... און דאס קינד... גוט געמאכט: דארט וועט ליגן די סחורה און פוילן און דא — וועט מען ארויסטראגן די לייַלעכער פון שטובן, אוודאי, אז מען האט געוואלט אזוי...

— ווער האט געוואלט?

— נישט איך.

— איך האב דאך געזאגט מען זאל פארקויפן.

— פארקויפן! וואס־זשע, די קונים זענען געשטאנען און געווארט? ווער האט דען געוואלט קויפן?

לערנער האט ווידער אנגעהויבן מיט זיינע פלענער: מען מוז זען די סחורה ארויסצונעמען. ס׳איז גארנישט אזוי שווער. מען דארף זיך צו־

זעצן צו בורמאנען... אז ער וועט נאר וועלן — וועט ער קענען. זאל נאר די מאדאם דאס פארלאנגען...

עטינגער האט ווידער אויף דעם נישט געענטפערט. ער האט רעכט נישט פארשטאנען, וואס אייגנטלעך לערנער וויל פון אים. אין אים האט זיך דאס ווארט „מאדאם" געפלאנטערט, ווי א בייזע פליג, וואס שלאגט זיך אן א שויב. אים איז געווארן אזוי, ווי ער וואלט אנגעהויבן פארשטיין, וואס ארום אים טוט זיך.

איצט האט זיך בורמאן נישט צו שרעקן פאר קיינעם. פריער האט ער געהאט א תירוץ: ער האט מורא, האט ער געטענהט... אבער איצט — וואס דען וועט ווערן דער תכלית! מיט דעם מיליציאנער קען מען רעדן... און נאך א זאך: ווען מען שיקט אפ א פארטיע סחורה איז גאר נישט אזוי שווער פארבייצופארן א הויז און ארויסצולאזן אן איבעריק קעסטל... ס'איז סיי־ווי־סיי בא די לייט א שיף אן א רודער... אז בורמאן וועט נאר וועלן...

— פון מיינעטוועגן — האט עטינגער מסכים געווען, כאטש ער האט נישט געגוי פארשטאנען, וועגן וואס דא האנדלט זיך.

איז לערנער געווארן לעבעדיקער, רירעוודיקער, האט באקומען גאר אן אנדער פנים: מען וועט עס שוין איינארדנען.

עטינגער האט זיך אויפגעשטעלט.

— איר גייט שוין? וואס זשע איילט איר זיך?

— אז טאניע איז סיי ווי סיי נישטא.

— וועל איך איר זאגן... ווי נאר זי וועט קומען, וועלן מיר ארויפגיין.

— קומט טאקע.

עטינגער איז געווען צעטראגן: געהאט א משונהדיק געפיל: פעס און נייגיריקייט איז געווען בא אים אין הארצן. ער איז א ווילע שטיין געבליבן אין גארטן. די ביימער האבן איצט געציטערט, פון ווייטן האט זיך דערטראגן א ווידער־קול, וואס האט זיך אוועקגעקאלערט אין א זייט אריין און פארפאלן געווארן אין געדיכטקייט. אין לופטן איז שוין דער רעגן געהאנגען; די בלעטלעך האבן געציטערט פון גערונג און די גראזן האבן שטיל געלעכצט. די כמארעס האבן זיך געשלעפט מיט א הייזעריק, שטיל איינגעהאלטן רעווען. א ווינטל האט א צי געטון, א גלעט איבער צווייגן און בלעטלעך און אוועק. עטינגער האט דערפילט א קילקייט און זיך גלייך געלאזט אין שטוב אריין. האט געדענקט, „אז ער האט

מיט זיך דעם שליסל צום קלאפּ-שלאָס, האָט פּאַרזיכטיק אויפגעעפנט די טיר און —

פון קיך האָט זיך דערטראָגן קרעכצעריי און געוואָרע. א ווײַלע איז ער געשטאַנען אין קאָרידאָר שטאַרק צעטומלט און נישט פאַרשטאַנען. דערנאָך האָט ער מיט שטייפע טריט זיך דערנענטערט צו דער קיך-טיר און א רוף געטון:

— אניאַ!

שטיל. א זיפץ, גיך מורמלען.

ער האָט געפּרוּווט עפענען די טיר, זי איז געווען צו. האָט ער אָנגעקלאַפּט.

ס'איז געווען, ווי עטינגער וואָלט זיך דערוואוסט פון א גרויל, וואָס האָט א שייכות מיט זײַן אייגן לעבן. אין האַרץ איז אויפגעשטאַנען דער גאַנצער כּעס און באַליידיקונג, וואָס האָט זיך דאָרט געהאָדעוועט פאַר דער לעצטער וואָך. איז ער געוואָרן שטאַרק צערייצט און אָנגעהויבן שרייען:

— עפן! עפן!

— אָט באַלד... אָט עפן איך.

ער האָט געהערט א שטיל קרעכצנדיק שעפּטשען; געהערט ווי די טיר פון קיך אין דרויסן אַרויס באַוועגט זיך פאַרזיכטיק; דערנאָך האָבן זיך דערהערט עטלעכע טריט און אַניאַ האָט די טיר געעפנט.

ס'איז געווען טונקל פון פאַרנאַכט און פון די כמאַרעס אין דרויסן. א דונער האָט ערגעץ א קײַקל געטון מיט א שטאַרקן קלאַפּ און זיך צעשיט אין געבראָכענע שטיקלעך, ווי אָנגעגליטע קוילן וואָלטן זיך א שיט געטון אין וואַסער אַרײַן. אײַן ווײַלע איז עטינגער געשטאַנען מיט גרויסע אויגן: דאָס בעט אין קיך איז געווען בידעריק געזונקען, דאָס קישן אײַנגעקנייטשט, אַניאַ איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, צעפּלאָשעטע האָר, און די מלבושים זענען אויף איר געהאָנגען. דאָס פּנים איז געווען צעטומלט, זי האָט אַ געשמייכלט, אַ געווען ווייבעדיק.

— אַזוי גאָר? אַזוי גאָר? בא מיר אין שטוב?

עטינגערס אויגן האָבן זיך געצונדן. דער פאַרדראָס האָט אים א ווײַלע דעם אָטעם פאַרשלאָגן. ער האָט זיך א ביסל צוריקגערוקט צו דער טיר.

— הער אויס! מער האָסטו דאָ קיין אָרט נישט! גלײַך פאַרנעם זיך פונדאַנען!

די שיקסע האט אויפגעהויבן דעם קאפּ, האט מיט צעטראגנקייט געטון:
שמייכל געטון:

— וואס איז דאס איילעניש? איך האב נאך צייט.

— וואס?

— נו, יא... איך אייל זיך נישט... היינטיקע צייטן טרייבט מען נישט... אז איך וועל וועלן, וועל איך גיין, און אז איך וועל וועלן — — —

— דיין געבויין זאל דא מער נישט זיין! שויז ארויס פונדאנעט!

— פריער וועט איר מיט מיר גיין אין פארייך.

— וואס? פאריין? פארמאך דאס מויל.

עטינגער האט גענומען שרייען און דערביי געציטערט פון כעס. האט געפילט ווי דער קאפּ איז אים הייס און האט זיך אליין נישט צוגעהערט צו די ווערטער, וואס רייסן זיך פון זיין מויל בייזע, שווערע, אומגעלומפּערטע. אין אנפאנג האט די שיקסע געקוקט מיט וואונדער: האט נישט פארשטאנען, וואס דאס האט צו איר. נאר מיטאמאל האט זי זיך געגעבן א גלייך אויס, באקומען א בלייכקייט אין פּנים און פארביסנקייט האט פון איר א בלאז געטון:

— וואס איז? וואס האט איר זיך צעשריגן? וואס זידלט איר? נו, און די „באריניא" — זי מעג? ער איז כאטש מיין חתן און איך האב נישט קיין אנדערן מאן! און די „באריניא" — מיט וועמען? מיט א פרעמדן! האט א מאן דערצו...

עטינגער האט געגעבן א שטרעק אויס דעם קאפּ, ווי דער האלז וואלט אים שטאר געווארן. דאס פּנים האט אים געגעבן א פארפריר; די אויגן האבן זיך ארויסגערוקט אויף פארויס. שווערער ווייטיק האט מיטאמאל געגעבן א שלאג אויף אים.

— געהערט א ביסל? שרייט! וואס שרייט איר נישט אויף דער „באריניא?" וואס זשע איר האט דען נישט געוואוסט? זיי מעגן אלץ! אפילו מיט פרעמדע! און אויף דער דינסט שרייט מען מיט אזעלכע געמיינע ווערטער. נישקשה: נישטא היינט די אמאליקע צייטן!

— פארמאך דעם פּיסק!

ער האט אזוי געשריי געטון, אז די שיקסע האט זיך דערשראקן, געמאכט א טריט הינטערווייליכן, האט זיך אויך צעשריגן:

— פארוואס זאל איך שווייגן? די „באריניא" האט א ליובאוויק דא אין שטוב! יא! יא!

ס'איז געווען, ווי א פלאם האט ארויסגעשלאגן פון דער ערד און עטינגערן ארומגעהילט; האט עס אים געגעבן א צעברען פון די פיס ביזן קאפ; האט ער שוין אליין נישט געוואוסט, וואס ער טוט און — ווי דא וואלט געשטאנען נישט אניא, נאר ליע... האט ער זיך ווילד צע־שריגן:

— זונה! „בליאד!"

און מיט אויפגעהויבענע קולאקעס זיך א לאז געטון אויף איר:

— ארויס! וואן! וואן!

די שיקסע האט ארויסגעלאזט א קוויטש און נאך א קוויטש. עטינ־גער האט נישט פארשטאנען, וואס זי שרייט. דערווייל האט זיך די טיר געגעבן אן עפן אויף. דער מאטראז האט געגעבן א טראג אריין א צע־ברענט רציחהדיק פנים, האט געגעבן א צייל־אפ עטלעכע טריט און גע־בליבן שטיין פאר עטינגערן:

— „בורזשואזני סוואלאטש!" שלאגן ווילסטו?

עטינגער האט געגעבן א קארטשע־איין דעם האלז און האט זיך צוריקגעבויגן.

אניא האט געשריגן מיט א משונה קול פון שאנד און ווייטיק, צוריקגעשליידערט שווערע, צעגליטע ווערטער.

— ארויס פונדאנען, „סוואלאטש!" איך דערשיס דיך באלד ווי א הונט!

דאס פנים פון מאטראז האט זיך אנגעגאסן: ער האט אנגעבויגן דעם קאפ ווי א צערייצטע חיה, זיינע אויגן האבן א בליאסק געטון מיט צעברענטער הפקרות פון ווייטע פרעמדע וואסערן. ער האט לאנגזאם א באוועג געטון מיט דער האנט:

— „פאשאל וואן, סוואלאטש"!

נאר אניא האט זיך געגעבן א כאפ אן אין זיין האנט מיט א געשריי!

— לאז אפ! לאז אפ וואלאדיא! מיר וועלן אוועקגיין פונ־דאנען! גענוג! איך וויל דא מער נישט זיין.

דער מאטראז האט זיך געריסן:

— ווי א פארשיווען הונט וועל איך אים דא דערשיסן! לאז מיך!

און גענומען זיך פארקען בא דער קעשענע, שלעפנדיק דעם רעוואלווער.

— וואלאדיא... איך בעט דיך, וואלאדיא... לאז אפ... ער איז דאך נישט באם זינען... אליין א „גיעסטשאסטנער" נעבעך... לאז אפ.

איז וואלאדיא געווארן אפהענטיק בא די לעצטע ווערטער, האט זיך אויפגעהערט רייסן:

— זאל ער ארויסגיין! שוין... די מינוט... איך וועל אים ווייזן...

ערשט איצט האט זיך עטינגער געכאפט, וואס דא טוט זיך, און איז ארויס פון קיך. ער איז גיך דורך דעם קארידאר און אים איז דערביי אויסגעקומען, אז ער שלעפט נאך די פיס, וואס ווילן נישט מיטגיין. אים האבן נאכגעקוקט בייזע ווערטער, וואס האבן זיך געריסן דורך פארקריצטע ציין:

— איך וועל אים ווייזן! ער וועט גיין פונדאנען! מיר וועלן גיין, און ער וועט גיין... אזא „סוואלאטש"!

— לאז אפ וואלאדיא... לאז אפ, טייערער.

עטינגער איז אריין צו זיך אין קאבינעט און איז דארט שטיין געבליבן א צעמישטער. אלץ אין אים האט זיך אויסגעמישט און ס'איז אים געווארן, אזוי ווי נישט ער שלאפט און נישט ער איז וואך. אין אים הייבט זיך אן רירן א קנויל, וואס וועט זיך אט-אט פונאנדערוויקלען און א קלארקייט און א גרויסער ווייטיק וועט אים דערטרינקען...

אין טונקעלן אוונט האט א דונער דורכגעקייקלט און א רעגן האט שלאג געטון מיט רעש איבער די פענצטער. —

אין שטוב איז איצט שטארק שטיל געווען.

קאפיטל זיבן.

עטינגער איז געבליבן זיצן אין קאבינעט. די צייט האט זיך גע־צויגן שווער און פארעקשנט־פויל. אים איז אויסגעקומען, אז די צייט האט זיך אפגעשטעלט, שטייט אויף אן ארט און קוקט זיך צו, ווי עטינגער זיצט מיט א געזונקענעם קאפ און בלייך פנים. אינדרויסן האט דער רעגן גע־בושעוועט: האט רעשיק זיך געגאסן איבער די ביימער שפרינגנדיק אי־בער די בלעטלעך, וואס האבן זיך געבויגן אונטער די שווערע טראפנס. ערגעץ אויפן דאך האט עס פארעקשנט געפויקט אויף איין ארט. אלע ווײלע האט דער ווינט א טרייב געטון און א געדיכטער שטראם האט זיך א גאס געטון איבער די שויבן פון די פענצטער. האט ער זיך צוגעהערט צו דעם, וואס עס טוט זיך אינדרויסן און געפילט: פארביסענע רויקייט שארט זיך צו אים פון אלע זייטן, הילט אים איין אין מידקייט.

איז ער אזוי געזעסן זייער לאנג און אפשר גאר נישט אזוי לאנג. אין צימער איז שוין געווען נאכט, זי איז געזעסן דארט א טונקעלע מיט די קניען אונטער זיך געבויגן און דאס גאנצע צימער פארפולט. די פענצטער זענען געווען מיט שווארץ־דורכזיכטיקע פורהאנגען פארצויגן. פון צייט־צו־צייט האט א ווייטער הילך דורכגעציטערט, דערנאך א העלע רויטקייט זיך געגעבן א גאס, איבער די פענצטער דורכגעפלאמט, אוועק — און צוריק האט א שווארצע ברעם זיך אראפגעלאזט איבערן ליכטיקן אויג.

עטינגער האט זיך באמיט צו פארשטיין, וואס מיט אים איז. ער האט דערפילט א פוסטקייט אין הארץ און א טרויער האט פון א ווינקל ארויסגעקוקט מיט א לאנג אויסגעשטעקט צינגל; וואס האט דען דא פא־סירט? נו, גוט, ער האט געטראפן די דינסט... איז וואס־זשע האט עס צו אים? וואס־זשע איז ער אזוי אין כעס געווארן? ס'איז טאקע א חוצפה, בא אים אין שטוב... נו, און אז מען נעמט און מען נאציאנאליזירט זיין זאוואד? הא? איז וואס־זשע איז ער אזוי אויפגעקאכט געווארן?

איצט האט ער פארשטאנען, אז ס'איז געווען א נארישקייט: מילא, וואלטן נאך די קינדער געווען אין שטוב... זענען דאך

די קינדער אויך נישטא אין שטוב... איז וואס זשע איז ער אזוי ארויס פון די כּלים און כּמעט נישט געוואוסט, וואס ער טוט ?

אז ער האט זיך דערמאנט אן די קינדער, האט זיך דער פאדעם פון זיין טראכטן גענומען צוריקוויקלען און דער געדאנק האט זיך צוריקגעקערט צום פריערדיקן און פון אפגרונט האבן זיך אויפגעהויבן צעטומלטע פארגאנגענע טעג. אזוי קלערנדיק, האט עס מיטאמאל אויפגעלויכטן אין אים: ער האט זיך דערמאנט אן ליען, אן בורמאנען, זייער רעדן און קוקן; אלץ איז אים געווארן קלאר און פארשטענדלעך:

— און אט, זענען איצט ביידע נישטא...

און דערפאר, וואס ביידע זענען נישטא, איז ער אינגאנצן רויק געווארן: די צעטומלטקייט האט אויסגעוועפט און אויף איר ארט איז געקומען פארביסנקייט — מען דארף עס דערפירן ביז א סוף...

ער האט געשפאנט איבערן פינצטערן קאבינעט און רויק געווארט אויף עפעס אזוינס, וואס ער האט עס אליין נאך נישט געזען, נאר איז געווען זיכער, אז עס וועט קומען. ער אליין וויל עס זען מיט זיינע אייגענע אויגן... עס איז געווען, ווי ער וואלט זיך געוואלט רייצן מיט זיך אליין; ער אליין וועט עס זען... עטיגער דארף זיך נישט צוהערן צו די רייד פון עפעס א שיקסע... וואס וועט ער זאגן ? די שיקסע האט געזאגט ? ס'קען דאך זיין, אז זי האט גלאט געזאגט... כאטש ער האט געפילט, אז ס'איז נישט גלאט גערעדט... געוויס איז עס אמת... אלץ איז אמת... אבער דאס ווייסט נאר ער... און — זאל קיינער נישט קענען זאגן, אז עטינגער ווייסט נישט, וואס עס טוט זיך מיט אים; אז ער הערט זיך צו צו די רייד פון א נארישער שיקסע... ער אליין וועט עס זען.

דערפאר, וואס אים האט אלץ אנגעהויבן קלאר ווערן, האט ער זיך איצט פארבענקט נאך די קינדער; ער האט איצט געהאט א געפיל, אז מען האט אים כּסדר אפגענארט; ס'איז גאר אינגאנצן אנדערש, ווי ער האט געמיינט...

ער האט זיך אפגעשטעלט אינמיטן שפאנען; מען האט געקלאפט אין טיר.

האט זיך דערמאנט אן מאטראזס פּנים און האט א ווילדע געווארט;

האט נישט געוואוסט, צי זאל ער גיין עפענען די טיר אדער ווארטן ביז די דינסט וועט דארט עפענען. און מאדנע: אט אזוי שטייענדיק און צו־הערנדיק, ווי מען קלאפט אין טיר, איז אים איינגעפאלן:

— אפשר קלאפט עס בלומע, הא?

דארט האט מען אויפגעהערט קלאפן. א ווײַלע האט דער לעצטער קלאפ געציטערט און אויסגעאנגען אין שטילקייט. דערנאך האט מען ווידער גענומען קלאפן שוין שנעלער און האסטיקער.

— ווייזט אויס, די דינסט איז אוועק.

איז ער ארויס אין קארידאר. געגאנגען פארזיכטיק, צוהערנדיק זיך, צי פון קיך קומט נישט קיין קול — האט געעפנט די טיר און טאניא מיט לערנערן זענען ארײַנגעקומען.

— פאפא? וואס־זשע טוט זיך דא? וואס איז עפעס אזוי פינצ־טער?

עטינגער האט געפלאנטערט מיט דער צונג:

— ווייס איך?... ס'הייסט... כ'האב זיך געהאט צוגעשפארט און איינגעשלאפן.

— און וואו איז אניא?

— ווער ווייסט זי?

עטינגער האט שוין איצט געוואוסט, אז ער וועט די גאנצע פא־סירונג נישט דערציילן; אז ער טאר עס נישט דערציילן...

— און וואו איז ליע?

אזוי האט געפרעגט טאניע; לערנער האט אין דער פינצטער א שמייכל געטון און געזאגט:

— צוליב דעם רעגן האט זי מסתם פארשפעטיקט.

אלע זענען א ווײַלע שטיל געווארן, ביז טאניע האט זיך גע־כאפט:

— וואס זשע שטייען מיר אין דער פינצטער? וואו זשע איז אניא?

איז אליין ארײַן אין קיך. פריער גערופן: אניא? אניא! נאר קיי־נער האט נישט געענטפערט; האט זי דארט אליין אפגעזוכט די שוועבע־לעך, אנגעצונדן דעם לאמפ, זיך ארומגעקוקט אין קיך, ווי זי וואלט זי נישט דערקענט, דערנאך איז זי ארײַן מיטן לאמפ אין גרויסן זאל.

טאניע איז געווען אנגעטון אין א טונקל־בלוי קלייד און דאס פנים

איז איר געוועזן בלייך. איידלקייט איז איר געלעגן בא די ווינקלען פון איר שמאלן מויל. אוועקשטעלנדיק דעם לאמפּ, האט זי זיך איינגעקוקט אין פאטער און אן אפשיין פון שרעק האט זיך באוויזן אין אירע העל־בלויע אויגן. ס'איז אויסגעקומען, ווי זי וואלט אים רעכט נישט דער־קענט.

איבער דער שטוב האט זיך געהאט צעגאסן א רויטלעכע, ווייכע שיין. דער לאמפּ האט געברענט שטיל און פארטראכט. עטינגער האט מאדנע געקוקט אויף טאניען, וואס האט אויך געשוויגן.

— בא אייך איז נאך פארהאן קעראסין — האט לערנער אנגע־הויבן — בא מיר ברענט מען שוין א קאניצל...

עטינגער האט גארנישט געענטפערט.

— און וואס איז אזוי שטיל? — האט טאניע געפרעגט.

עטינגער האט זיך באמיט צו רעדן און אפילו צו שמייכלען:

— ווער זאל א שטייגער רעשן דא? די קינדער זענען דאך נישטא.

— און וואו איז אניא?

— ווער ווייסט זי? מסתם ערגעץ אוועק מיטן שייגעץ.

— יא... שיינע צייטן דערלעבט.

אלע דריי האבן זיך געחדושט און ס'האט געבלאנדזשעט א וואונ־דער איבער דער שטוב. מען האט גערעדט און פויל געענטפערט ביז טאניע איז מיט געמאכטער פריילעכקייט אויפגעשפרונגען:

— אט וועל איך גיין מאכן טיי! נישקשה: איך קאן שוין אליין די מלאכה.

עטינגער האט בלאס א שמייכל געטון:

— אז דו ווילסט.

ער איז שוין אינגאנצן רויק געוועזן.

* * *

ווען אויפן טיש זענען שוין געשטאנען אנגעגאסענע גלעזער טיי — זענען אנגעקומען ליע מיט בורמאנען. ליע איז אריינגעקומען א דער־שראקענע און דערפאר — מיט א זיכערער שטימע גלייך אנגעהויבן:

— איז דאס געווען א רעגן א ביסל ?! כ'האב געמיינט, ער וועט שוין גארנישט אויפהערן... און נע... גוט פארשפעטיקט.

בורמאן האט געשמייכלט נאריש און שטיל. האט זיך געזעצט באם טיש, און לערנער האט גלייך גענומען רעדן וועגן דער סחורה.

— ביסט שוין לאנג דא, טאניעטשקא ? — האט ליע מיט א חניפה־שטים געפרעגט.

— שוין אפילו טיי געמאכט.

— וואס הייסט ? און אניא וואו איז ?

— זי איז נישטא.

— אניא איז נישטא ?

זי האט דערביי א קוק געטון אויף עטינגערן און עטינגער האט גראד געשמייכלט צו לערנערן :

— אז מען וויל קען מען אלץ מאכן... געוויס דארף מען ארויס־באקומען די סחורה...

— אזוי האט געזאגט עטינגער ; האט געשמייכלט שטארק רויק, ווי איינער, וואס איז זיכער, אז זיין פיינט וועט זיך פון זיינע הענט שוין נישט ארויסדרייען. נאר לערנער האט נישט פארשטאנען, צי דער אלטער מיינט עס ערנסט, צי ער שפאסט. ווארים : גערעדט האט מען שוין פון עפעס אנדערש ; פון דעם ווי אזוי דורכצופירן דעם „עסק"...

ליע האט מיט געמאכטער פרייליכקייט צעעפנט דעם בופעט : עס זענען נאך פארהאן בא איר „קארזשיקעס"... זי האט זיי אליין געבאקן... קען מען דאך זיי נוצן צו דער טיי... האט זי גיך דערלאנגט צום טיש און אינמיטן — געכאפט און אוועק אין קיך. נישט לאנג געזוימט און צוריק אריין פארוואונדערט און דערשראקן :

— אניעס קיישל איז דאך נישטא ?

האט עטינגער אויפגעהויבן די אויגן און זיך אויך פארוואונ־דערט :

— נישטא גאר ?

— אפשר איז זי אינגאנצן אוועק ?

— און גארנישט געזאגט, — האט עטינגער איבערגעפרעגט — עס קען נישט זיין.

נאר אין זיין פנים איז געווען עפעס אזוינס, וואס האט ליען דער־שראקן. זי האט א ווײַלע געקוקט אויף אים, נישט פארשטאנען און האט אויסגעזען אזוי, אז טאניע האט אויף איר אויסגעשטעלט די אויגן. אפילו

לערנער האט אויף א ווײַלע איבערגעריסן זײַן שמועס מיט בורמא־נען.

— עס קען נישט זײַן! — האט עטינגער נאכאמאל גע־זאגט.

האט ליע אפגעזיפצט זײַער שטיל און איז ווידער אוועק אין קיך; איז באלד צוריקגעקומען און שוין מיט א צערודערטן שמייכל:

— כ'האב געהאט א טעות. דאס קײַשל אירס איז דא, נאר ס'איז איבערגעשטעלט אויף אן אנדער ארט. פון וואנט אבער פעלן אירע מלבושים, אין וועלכע זי גייט זונטיק שפאצירן; ווײַזט אויס אוועק מיטן מאטראז הוליען... אבער וואס הייסט: זי נעמט און גייט אוועק און אפילו קיין טיי נישט געמאכט?

— אז איך בין געשלאפן — האט שוין עטינגער רויק געענטפערט און צוריק געגומען זיך אײַנהערן צו לערנערס רייד.

איצט האט שוין עטינגער פארשטאנען, וועגן וואס מען רעדט. בור־מאן איז דווקא געווען גרייט אלץ צו טון. מען קען אפילו אפמאכן מיטן מיליציאנער. נאר וואס דען? עס איז אפשר גלײַכער זיך אפצוהאלטן נאך א ביסל; עפעס שמועסט מען דאך... א סברה, אז אין די דערפער בונ־טעוועט מען זיך גאר שטארק; מען נעמט דארט ברויט מיט געוואלט און פויערים זענען מלא רציחה... מען שמועסט אויך, אז פוילן הייבט עפעס אן... עפעס טוט זיך... אז מען רעדט איז עס נישט גלאט אין דער וועלט ארײַן. איז אפשר גלײַכער צוצווארטן. ווארים אזוי וועט מען קיין גרויסע גליקן נישט מאכן: „הינט" זענען דא א סך... יעדערן גיב... איז וואס זשע וועט בלײַבן? דערצו דארף מען האבן פריער אויסלאג...

נאר לערנער האט נישט אויפגעהערט זיך צו קלאגן:

— אײַך איז גוט צו ווארטן... בא מיר אבער איז די לאגע א שרעקלעכע... איר פארשטייט: ס'איז פשוט נישטא, מיט וואס דעם טאג איבערצוקומען.

האט אזוי גערעדט און זיך געקלאגט: „פון טאגיען ווערט א תל"... נאר די אויגן האט ער אויף בורמאנען נישט אויפגעהויבן. בור־מאן האט אויסגעהערט און סודותדיק געשמייכלט אין זיך ארײַן... טא־ניע איז געזעסן א בלײַכע און מיט אזא אויסזעען, ווי עס וואלט זי שטארק געאיבלט. ליע איז געווען שטארק צעטראגן, אנגעשטרענגט אויס־

געמיטן צו קוקן אויף עטיגגערן. עטינגער האט געשמייכלט: גלאט אזוי, אים גליסט זיך צו שמייכלען.

— פון מיינעטוועגן... — האט בורמאן געזאגט.

נאר אינמיטן האט זיך טאניע געגעבן א רוף אן:

— פון מיר ווערט נישט קיין תל... איך הונגער נישט... אויב עס גייט נאר אין מיר, קאן איך צוווארטן...

לערנער האט געגעבן א שטעל אויס צוויי אויגן מיט וואונדער און כעס. זיין נאכגעלאזטע גאמבע איז געווארן אויסגעצויגענער און די שווארצע הערעלעך האבן זיך עטוואס אויפגעשטעלט. טאניע האט פארצויגן די ליפן און צוגענומען פון אים די אויגן.

— איז טאקע גלייכער צוצוווארטן — האט בורמאן געזאגט מיט זיכערקייט — שוין אזוי לאנג געווארט, וועט מען נאך צוווארטן.

מיטאמאל האט זיך דאס גאנצע געשפרעך איבערגעריסן. שטילע פרעמדקייט און אנגעצויגנקייט איז אויסגעוואקסן, ווי אלע וואלטן אויף א מינוט אנטפלעקט געווארן פון זייערע באהעלטענישן... אלע האבן זיך באמיט צו שמייכלען און אלע זענען געווען צערודערט. די ווערטער האבן זיך נישט געבונדן און קיינער האט נישט געוואוסט, וואס אזוינס האט פאסירט. אבער אלע האבן די שוועריקייט געפילט און זיך באמיט צו מאכן דעם אנשטעל, אז מען פילט זי נישט...

* * *

ס'איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט, ווען עטינגער האט זיך פלוצלינג געגעבן א זעץ-אויף אין בעט און האט א ציטער געטון. א ווייַלע איז ער געזעסן שטיל און זיך איינגעהערט מיט פארהאלטענעם אטעם. באוועגנדיק שווער מיט די ברעמען: פון הויף האט זיך דערטראגן איינגעהאלטן גערויש און דאס טויער האט זיך פארמאכט מיט א קרעכץ. דערנאך האט זיך דערטראגן א געדיכט, שטיל בייזערן, ווי א גרופע מענטשן וואלטן זיך ארום איינעם ארומגעשטעלט מיט כעס.

— ליע! ליע?! — האט דער אלטער א רוף געטון; באלד איז אים שווער געווארן אויפן הארצן און ס'האט אים באנק געטון, פארוואס ער האט איר נאמען ארויסגעבראכט.

אין צימער איז געווען פינצטער, נאר א בלויקייט איז געווען אין

רפאר איז אים אויס..קרומען, אז עס קוקן אויף אים

גרויסע אויגן די שאפע, דאס טואלעט-טישל און דער גרויסער ...יגל פון ווינקל ארויס. ליע איז געלעגן שטיל און ס'איז געווען, ווי שלאפט נישט, נאר ליגט פארעקשנט און מיט כעס. דאס שווארצע ...רגל האר איז געווען אייגעוואקסן אין ווייסן קושן און ס'איז נישט ...ווען צו דערקענען אויב אונטער דעם איז נאך פארהאן א פנים ...אויך.

עטינגער האט דערהערט טריט אויף די טרעפ. די טריט האבן זיך געקייטלט געדיכט און שארף און מיט זיי איז מיטגעגאנגען א קלינגען פון שפארן, וואס האט יעדן טריט אויסגעציילט.

עס האט אים אויסגעהוילט אין הארצן. אים איז קלאר געווארן, אז דאס האט א שייכות מיט אים. כאטש עס האט אים דערביי געוואונדערט: וואס קאן עס זיין? הא? ער האט דערביי אויסגעדרייט דעם קאפ און דערזעען: פון די שווארצע האר קוקט ארויס א פנים און א בלייכע האנט ליגט אויף דער קאלדרע.

— מען גייט!

אזוי האט געזאגט ליע און זיך געגעבן א זעץ-אויף.

דאס טיר-גלעקל האט אריינגעדרילעוועט א געשריי אין פארגליווערטער ליידיקייט. באלד א צווייטן און א דריטן.

— צו אונז? הא? — האט ליע געזאגט — מען קלינגט!

— מסתם שוין אן „אביסק״... שוין לאנג שטיל געווען.

אזוי האט געזאגט עטינגער און האט אפגעזיפצט, ווי א מענטש וועמען מען פייניקט אומשולדיק און מען לאזט אים נישט צו רו. איצט איז ער געווען רויק; די שרעק איז אוועק און נאר א כעס איז געבליבן.

ער האט אראפגעלאזט די פיס פון בעט, גענומען זוכן די שטעקשיך. ליע איז שטארק צעשראקן געווארן:

— מען קלינגט דאך... וואס-זשע שטייסטו? גיי עפן...

זי האט א פאר מאל געפרואווט אויפשטיין פון געלעגער און איז דאך געבליבן זיצן אין בעט, ווי זי וואלט זיך געשוואוירן און נישט געוואוסט, וואס ס'איז גלייכער.

דארט האט מען שוין געקלאפט אין טיר. געשריי און געבייזער האט זיך מיטן קלאפן געהערט. ווען עטינגער איז ארויס פון שלאף-צימער, האט ליע געגעבן אווארף אפ די קאלדרע און איז פלינק ארא...

פון בעט; האט געמאכט עטלעכע ווייכע שטילע טריט, דאס ווייטע לאנגע העמד האט געווארפן ווייסע פלעקן אין פינצטער, זי האט מיט ציטערדיקע הענט געעפנט דאס טישלעדל פון טואלעט-טישל, האט געשארכט מיט דער האנט אין דעם, ארויסגעשלעפט א בינטל און מיט דעם צוריק אריין אין בעט...

— עפנט! וואס געדויערט עס אזוי לאנג?

— אט עפן איך!

עטינגער האט אנגעצונדן דעם לאמפ; איז מיט אים ארויס אין קארידאר, צוגעגאנגען צו דער טיר און געפרעגט:

— און ווער קלאפט עס? הא?

— עפנט! פון דער מאכט!

— פון דער מאכט?

כאטש עטינגער האט זיך אויף דעם געריכט, פונדעסטוועגן איז עס פאר אים געווען אן איבערראשונג. אין האלז האט זיך אים עפעס פארהאקט און ער האט עס מיט שווערקייט ארא‍פגעשלונגען.

— עפנט... איך, וואסיל, בין אויך דא.

עטינגער האט דערקענט די שטים פון זיין „דווארניק“, נאר אויסגעקומען איז אים, אז דאס הערט ער צום ערשטן מאל, אז ער הייסט וואסיל.

ער האט געעפנט.

אין קארידאר זענען אריין עטלעכע מענטשן מיט ביקסן אין די הענט און מיט שפיציקע רויט-ארמעישע היטלען אויף די קעפ. עטינגער האט דערפילט א קעלט איבערן לייב און האט זיך באמיט איינצוהאלטן די ציין, זיי זאלן נישט קלאפן איינע אויף די אנדערע. ער איז געשטאנען אין נאכט-העמד און אין די הויזן; האט געהאלטן דעם לאמפ און דאס פנים איז אים געווען געלבלעך.

איינער — ווייזט אויס אן עלטסטער — וואס איז געווען אין א געווינלעך מיליטעריש היטל און אין א „רובאשקע“ האט זיך צוגעבויגן צו א צווייטן:

— געבליבן אינדרויסן?

— יא.

— און באם טויער?

— געבליבן.

האט ער זיך געווענדט צו עטינגערן:

א'יער פאמיליע, „גראזשדאנין״?

— עטינגער.

— אזוי איז עס... איר האט געהאט אמאל א זאוואד פון זייך?

— געהאט.

— איצט איז ער נאציאנאליזירט.

— געוויס.

— איר קענט אפשר ארייגגיין מיט אונז אין א צימער, צו וואס שטיין אין קארידאר?

— ביטע.

מען איז ארייך אין גרויסן עס-צימער, וואס איז געווען אויך דער זאל. עטינגער האט אוועקגעשטעלט דעם לאמפ און אלץ געפילט, אז אים איז קאלט. בורמאן איז אויך ארייגגעקומען און דאס פנים איז אים געווען אזוי, ווי ער וואלט געליטן אויפן מאגן... עטינגער האט א פאר מאל שארף א קוק געטון אויף אים, דערנאך צוגענומען די אויגן, ווי ער וואלט אן אים אינגאנצן פארגעסן. דער עלטסטער האט זיך אוועקגעזעצט, האט צעעפנט זיין טעקע. דערביי האט זיין טונקל איינגעפאלן פנים מיט די שווארצע אויגן אויסגעזעעו זייער מיד און ערנסט. האט ארויסגענומען א פאפיר און דערלאנגט עטינגערן:

— דאס איז דער ארדער פון „גובטשעקא״ „גראזשדאנין״ עטינ-גער.

עטינגער האט גענומען דאס פאפיר אין האנט, האט אין דעם נישט ארייגעקוקט באר אויסגעשטעלט פארוואונדעטע אויגן:

— וועגן וואס האנדלט זיך?

— עס האנדלט זיך וועגן דעם — האט דער טונקעלער ייגגער-מאן געלאסן געציילט די ווערטער — וואס מיר טרעטן צו צו מאכן אן אביסק בא אייך לויטן ארדער פון „גובטשעקא״.

— וואס זשע ווילט איר בא מיר זוכן? וואס אזויגס?

— דאס איז שוין אונזער זאך, בירגער עטינגער.

ס'איז געווארן שטיל. די רויטע ארמייער מיט די ביקסן האבן גע-קוקט צעשראקן און סודותדיק. עפעס א משונהדיקער ערנסט איז געווען אויף זייערע פנימער; זיי האבן אזוי געשוויגן, ווי זיי וואלטן געדארפט אפטון א זאך אין גרויס געאיילעניש.

— און וואו איז דער הויז-קאמיסאר?

— נישטא בא אונז... מיר אליין וואוינען דא. געהערן מיר צו א צווייטן הויף.

— און ווער וואוינט אונטן?

— מיין איידעם.

— גוט... דער הויזוועכטער איז דא?

— איך... — האט געענטפערט וואסיל.

— איר, חבר, וועט ביי־וואוינען דעם „אביסק" און שפעטער אונטערשרייבן דעם פראטאקאל.

עטינגער איז אליין געשטאנען און בשום אופן נישט געקענט פארשטיין: וואס אזוינס זוכן זיי? וואס מיינען זיי?

מאדנע: אין די צימערן האט מען ווייניק געזוכט; מען האט זיי נאר דורכגעקוקט פון אויבן־אויף און מען האט גלייך געבעטן דעם שליסל צום בוידעם.

„הייסט עס: אונטערגעשיקט... איז וואס־זשע אזוינס ליגט דארט אויפן בוידעם?" האט זיך עטינגער געמאטערט צו דערגיין, האט זיך אבער גארנישט דערמאנט. נאר ווען מען איז שוין געגאנגען אויפן בוידעם ארויף — האט עס אים מיטאמאל א שלאג געטון אין הארץ: דאכט זיך, אז דארט האט ליע באהאלטן די טייערע חפצים און דאס צירונג.

האט עס אין זיין מוח געגעבן א ציטער; א דין עקבוירל האט דורכגעבויערט זיין גוף פון די פיס ביזן קאפ. צו דערזעלבער צייט איז עפעס א בלינדער חשד אראפ פון זיין הארץ און האט שוין רויקער א טראכט געטון: וועמענס־זשע ארבעט קאן עס זיין?

אויפן בוידעם האט מען לאנג געזוכט. אויף דער ערד האבן זיך געוואלגערט אלטע פלעשער, צעריסענע זעק, אלטע מלבושים, קאפליעס פון דאך, אויוון־קאפליעס, און אלטע רעמען פון פענצטער. מיט א משונה־דיקן געדולד האט מען דאס אליץ דורכגעווארפן, דורכגעגישטערט ביז — פון א ווינקל האט מען ארויסגעשלעפט א שווערן קאסטן.

אלע האבן זיך ארום אים ארומגעשטעלט. עטינגער איז געשטאנען, זיך געהילט אין זיין מאנטל און אלץ נישט פארשטאנען: וואס־זשע? וואס זשע ליגט דארט?

דער הויז־וועכטער האט זיך צוגערוקט בעענטער; האט אויסגעשטרעקט דעם קאפ מיט נייגיר. איז אים דער האלז אויסגעקומען לאנג, קרום, פארשטייפט און די אראפגעלאזטע, שווארצע וואנסעס זענען געווארן אויפגעהויבן איבער אן אפן מויל.

מען האט געעפנט דעם קאסטן. איינער האט אראפגעלויכטן און וואסיל האט ארויסגעזאגט:

— זייף.

איז עטינגער שוין אויך צוגעגאנגען נענטער און זיינע אייגענע אויגן נישט געגלייבט: פונוואנען קומט אהער זייף? ווער האט דא אוועק־געלייגט זייף? מאדנע: אין קאסטן ליגן קליינע פעקלעך. אין יעדן פא־פיר צו עטלעכע פונט...

נאר דער אנפירער פון אביסק האט גארנישט געזאגט. האט זיך אפגערוקט פון קאסטן, זיך א וויילע פארטראכט: נישט דאס מיינט ער.

פון דרויסן האבן זיך דערטראגן איינציקע העגער קרייען און דורך די פענצטערלעך האט שוין א גרויקייט אריינגעקוקט, ווי בלינדע ווייסע אויגן. דער לאמפ האט זיך אויפגעהויבן, דער אנפירער איז נאכגעגאנגען דעם לאמפ, געלאסן און שטארק אויפמערקזאם באטראכט די ברעטער פון בוידעם. ביז ער איז צוגעקומען צום געמויערטן „סטשיט". האט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין די רויטע ציגל, וואס זענען געלעגן פאר־חלשטע צונויפגעדרוקט. מיטאמאל האט ער געגעבן א צי אויף דעם קאפ; האט מיט א האמער'ל גענומען שלאגן איבער זיי: קלאפ נאך קלאפ. לאנגזאם, אויפמערקזאם, קלאפ נאך קלאפ און — פון איין ארט איז געקומען א הוילער ענטפער. נאכאמאל אויפן זעלבן ארט — הויל!

— דא איז עס.

עטינגערן האט זיך אויסגעמישט אין קאפ. ער האט געקוקט און ס'איז אים אויסגעקומען, אז ער זעט נישט.

ער האט געהערט פעסטע קלעפ און אנגעשטרענגט קרעכצן. עפעס שטיקלעך ציגל מיט ליים האבן זיך געשיט, ווי א שטראם און מיטאמאל — א קאטשע פון א שטיק, וואס האט שווער אראפגעקייקלט און —

— „וואָט!"

די עפענונג האט געקוקט מיט פארגאפונג, ווי א גרויס מויל אן ציין. עטינגער האט געזען, ווי דער עלטסטער שלעפט פון דארט. וואס־זשע שלעפט ער? הא? ס'איז א פוטער... און אט נאך א פוטער... און אט נאך א פוטער... און — א ווייס זעקל, ס'איז פון האנט ארויס־געפאלן און ס'האט מיט א מעטאל־קלינג א געשריי געטון.

מען האט זיך ארום דעם ארומגעשטעלט אזוי געדיכט, ווי ארום

א הרוג, וואס מען געפינט אין פעלד. עטינגער האט שוין גארנישט גע־
זען, גארנישט געהערט. עפעס שטייט דא בורמאן. וואס קוקט ער אזוי?
הא? ער האט געפילט: אין הארץ שלאגט עס לאנגזאם מיט שווערע
קלעפ און די קלעפ פארטויבן אים...

— — — — — — — — — — — — — —

— מען קען אריינגיין?

אזוי האט געפרעגט דער אנפירער פון אביסק, צוקומענדיק צו עטינ־
גערס שלאפצימער.

— די פרוי שלאפט דארט.

אזוי האט עטינגער געזאגט און אליין נישט געוואוסט, נאך וואס
ער האט עס געזאגט. אים אליין איז עס געווארן נישט פארשטענדלעך:
וואס־זשע? זי ליגט טאקע אין בעט? דא איז אן אביסק און זי ליגט אין
בעט?

דער אנפירער האט אנגעקלאפט:

— „מאזשנא?"

— ביטע — איז צוריקגעקומען אן ענטפער.

ער האט געעפנט די טיר. געטראפן ליען זיצן אין בעט אין א
מאנטל אויף זיך.

— איר וועט אנטשולדיקן.

דורך די פענצטער האט אריינגעקוקט א יינגער אויפגייענדיקער
טאג. ער האט געקוקט מיט קילקייט און פארוואונדערונג. ליע איז געווען
בלאס; האט זיך שטארק געהילט אין מאנטל און זיך פון ארט נישט
גערירט.

דער אנפירער האט באמערקט, ווי אין טיש־קעסטל פון טואלעט־
טישל שטעקט דאס שליסעלע; האט ער זיין בליק איבערגעטראגן פון
טישל צו ליען און צוריק... האט א ווייל געטראכט, דערנאך געפרעגט,
אויסציענדיק די האנט:

— מען קאן עפענען?

— פון מיינעטוועגן, עפנט... דארט איז גארנישטא.

האט דער אנפירער ווידער א קוק געטון אויף ליען, ווידער גע־
טראכט א ווייל און — האט שוין נישט געעפנט; א מאך געטון מיט
דער האנט: „לאז זיין"... און איז ארויס.

אין שטוב האט מען צונויפגעשטעלט א פראטאקאל. מען האט אי־

בערגעשריבן די זאכן, וואס מען האט געפונען און עטינגער האט שוין איצט געזעען אי די פוטערס, אי דאס זילבערוואַרג, א פּאר פּעקלעך מיט פאַרשידענע אקציעס און א פּאָר שטיקלעך זיידנס. דאס צירונג אבער, איז דאָרט נישט געווען... הא? וואו זשע איז דאס צירונג?... צוריק איז דער חשד ארויף אויפן האַרץ, ווי א שווערער צוגעקלעפּטער פּלאַס-טער. באַלד איז אים איינגעפאַלן: אט פּאַרוואס זי איז געבליבן אין בעט...

— שרייבט זיך אונטער.

עטינגער האט זיך אונטערגעשריבן. דערנאָך דער הויז-וועכטער און —

— איר, בירגער עטינגער, טוט אייך אָן; איר גייט מיט אונז.

ס'איז געווען שטיל. עטינגער האט זיך ארומגעקוקט, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט מיט די אויגן. האט נישט געזעען בורמאַנען און האט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר פון שלאָף-צימער.

— וואו גייט איר?

— מען דאַרף זיך דאָך אַנטון.

— באַלד.

האט אליין פריער געעפנט די טיר און אַריינגעקוקט: מער ווי צוויי פענצטער זענען דאָרט נישט געווען.

— ביטע.

עטינגער האט זיך אָנגעטון. די פינגער האבן אים געציטערט און די גאַמבע מיטן שיטערן בערדל האבן זיך אויך געטרייסלט. ליע האט געקוקט אויף אים מיט גרויסע אויגן; ס'האט אויסגעזעען, אז זי ווייסט נישט, וואס דא קומט פאָר.

עטינגער האט די אויגן אויף איר נישט אויפגעהויבן.

ווען עטינגער איז מיט די צוויי זעלנער, וואס האבן אויף אים גע-וואַרט, אַראָפּגעקומען אויפן הויף, האט ער שוין געטראָפן ווי לערנער שטייט דאָרט און ציטערט שטאַרק. ער האט זיך געהילט אין מאַנטל און דער קאָלנער איז אים געווען אויפגעשטעלט. דאס פּנים זיינס איז געווען גרינלעך-בלייך און נישט ריין. לעבן אים זענען געשטאַנען דריי גרויסע זעק פול אָנגעפּאַקטע. עטינגער האט גאַרנישט געפרעגט; ער האט גע-וואוסט, וואס עס ליגט אין די זעק. דערווייל האט ער דערזעען: לעבן טויער שטייט א באַקאַנטער מיט א ביקס אין האַנט. הא? אט איז ער דאָך... דאס איז דאָך ער... דער מאַטראַז... אַזוי הייסט עס...

דער מאטראז האט געקוקט שטיל מיט פארפרעסטע ליפן און פעסט-געשלאסענע קינבאקן.

— ווייסט דא צוואַרטן „טאוואַרישטש" וואלאדיא! מיר וועלן באלד שיקן נאך די פעק.

— גוט.

— און דו, יעפים, בלייב אויך!

— גוט.

דער מאטראז האט זיך אפגערוקט פון טויער, זיך געשטעלט לעבן די זעק און קאסטן.

— בירגער עטינגער און בירגער לערנער — מיט אונז!

ווען זיי זענען געשטאנען באם טויער, האט זיך עטינגער אומגע-קוקט און געזען: טאניע קוקט דורכן פענצטער; שטייט דארט מיט צע-לאזטע האר, און דאס פנים איז איר שרעקלעך ווייס. האט ער שטיל אפגעזיפצט, אראפגעלאזט דעם קאפ טיף צווישן די אקסלען און מיט פאר-ביסענער רויקייט ארויס דורכן טויער.

לערנער האט נישט אויפגעהערט צו ציטערן. אלץ נישט געקוקט אויפן אלטן.

ווייט אין מזרח האט רויטקייט אויפגעפליסט אין דער פארוואונ-דערטער בלויקייט אריין; א ווינטל האט שטיל געשעפטשעט צווישן די בלעטלעך פון די ביימער, וואס האבן זיך לאנגזאם באוועגט און מיט גא-רונג דערוואַרט דעם זון-אויפגאנג...

קאפיטל אכט.

א רויטקייט האט אויפגעפלאמט איבערן האטעל-פענצטער און גע-בליבן ליגן אויף די שויבן, ווי אנטקעגן איבער וואלט זיך צעפלאקערט. אין צימער איז אריין א שרעקעדיק שארכן, וואס האט דערמאנט דעם ריח פון בלייכן אוונט אין יינגן הערבסט. פאריהוילנקייט האט פון גאס אריינגעקוקט און בליזמען איז אויסגעקומען, אז זי איז גארנישט געשלאפן ביז אהער; אז זי ליגט שוין אזוי וואך זייער א לאנגע צייט, נאר זי האט נישט געוואוסט ביז אהער, אז זי איז וואך. ערשט איצט האט זי

דערפילט, אז א שרעק האט אויפגעציטערט אין איר און דאס הארץ איז ליידיק געווארן. דאכט זיך איר: געשרייען טראגן זיך פון ווייטנס; עפּעס געשעט דארט אין דרויסן.

זי האט זיך א ווײלע איינגעהערט, ארום איז שטיל געווען, ס׳האט זיך גאר געטראגן א שטיל געזאנג פון צעוואקסענעם זומער-טאג, וואס האט מיט פרײלעכע טריט געשפאנט פון האריזאנט מיט א צעפלאמטער זון אויבן קאפ. האבן זיך די שטילע וואסערן פון שווארצן ים, — וואס איז געלעגן נישט ווייט פון האטעל — צעשעפטשעט און זיך אנגעהויבן קושן מיט די צעפלאמטע סטענגעס, וואס האבן זיך איבער זיי געלייגט. האבן די ביימער פון בולוואר זיך שטיל צעשמייכלט, אונטערשטעלנדיק זייערע קעפ אונטערן רויטן ליכט. דער דרויסן האט זיך הילכיק געוועקט. האט אויף בליומעס פנים גענומען בליען א שמייכל און אין די אויגן איז איר געווען שטארק קלאר; אזוי קלאר, אז זי האט דעם גאנצן דרויסן דורך די שויבן געזען און האט געפילט דעם זיסן ריח פון צע-גליטן טאג. האט זי אזוי געקוקט פון איר געלעגער און געשמייכלט ביז, צוריק האט אין איר אויפגעטויכט אזא נאענטס, אזא ליכטיק-אומעדיקס, וואס זי אליין האט עס פאר איר מויל נישט ארויסגעבראכט און ס׳איז איר איינגעפאלן: „אין אנדערן צימער ליגט דוד מיט אפענע אויגן און קוקט און זעט אזוינס, וואס זי פארשטייט נישט“.

ווארים: זינט דוד איז אוועק אין „טשעקא“, האט זיך אין אים אנגעגאסן א פארגליווערטער אומעט, ווי שטארק-אלטער ווײן און ער האט געשוויגן. זיינע אויגן זענען געווארן שטייענדיקע, טיפע, גלאנציקע וואַ-סערלעך. האט ער כסדר געקוקט אזוי מאדנע, ווי ער וואלט גאר געזען דאס, וואס איז ווייט און אריבערגעקוקט דאס, וואס איז נאענט.

ער איז געווארן ווי אפגערוקט פון איר: זי האט מיט ווייטיק גע-פילט, אז ער הערט נישט דאס שטילע געשריי, וואס שרייט פון איר לעבן צו אים. . . ער איז פארנומען מיט עפּעס אזוינס, וואס רופט צו אים פונווייטן און דאס, וואס רופט פון איר ארויס, גייט אים פארביי.

ערשט איצט האט זי זיך דערמאנט: די לעצטע טעג האט זי דאך אים איינגאנצן נישט געזען. גייט זי ארום די לעצטע טעג אזא שטילע, גייט מיט הארץ-קלאפעניש פון „פארקאם“ אין „ארבעטער-היים“, פון „ארבעטער-היים“ אין „ראטן-הויז“, אירע אויגן זוכן אים און טרעפן אים נישט. געהאט האט זי דאס געפיל: ער וועט דאך קומען; ער וועט דאך

דערזען, ווי אירע אויגן זוכן אים און ער וועט דערהערן דאס שטילע געשריי; ער וועט זי דערזען, ווי א וואונדער...

„בליומע... בליומעטשקע..."

און ער זאגט נישט מער. ער דארף מער נישט זאגן; זיינע ליפן ציטערן און בעטן זיך.

האט זי פארמאכט די אויגן און ס'איז געווען, ווי זי וואלט געזונקען אין אנגסט. דאס גאנצע לייב אירס גייט אויס פון גארונג: אָ-אָ-אָ! זי ציטערט פון גרויס גליק: זיינע ליפן זענען צוגעוואקסן צו אירע און פון זיי פליסט אזא איבערמענטשלעך פארגעניגן, וואס שכורט איר לייב און חלשט דאס הארץ... זיינע הענט זענען אזוי שטארק ארומגעוואקסן ארום איר, אז זי צעגייט אינגאנצן אין זייגע ארעמס... זי האט גענומען אטעמען שווער און ווייך, ווי טרערן וואלטן איר הארץ פארגאסן: אָ-אָ-אָ!

„דוד... דוד... איך וועל ווארטן... איך וועל רויק ווארטן"...

זי האט צוריק געעפנט די אויגן און איצט קלאר געדענקט, אז ער קלויבט זיך אוועקצופארן. א? נעכטן האט דינה געזאגט, אז זי פארט אויך מיט אים; זי וויל זיין דערביי... זיין מיט אים.

— וואוהין פארט ער, דוד?

— ער פארט אפזוכן די רוצחים... צוליב וואס דען איז ער געגאנגען אין „טשעקא"?

נעכטן האט זי עס נישט פארשטאנען. ווי אזוי האט עס פאסירט, וואס זי האט עס נישט פארשטאנען? ס'איז דאך אזוי קלאר: אט פארוואס דוד איז געווארן א „טשעקיסט"! די גאנצע צייט האט איר שטיל א געפיל דערקוטשעט: דוד — א „טשעקיסט"? אזוי גאר! איצט פארשטייט זי... אט, פארוואס ער שווייגט... ריכטיק.

א פרייטלעכקייט האט איר באשלאגן. ס'האט זיך איר פארגלוסט זינגען און זי האט אפילו אנגעהויבן עפעס צו זינגען. נאר דאס קול איז געבליבן אין איר; איז נישט ארויס אין צימער אריין.

א שטילער קרעכץ האט זיך דערהערט. נאכן קרעכץ איז געקומען א מורמל. האט זיך בליומע אויפגעזעצט אויף איר געלעגער און געזען: דינה באוועגט זיך אין איר בעט בא דער קעגנאיבערדיקער וואנט. זי האט דערביי געמורמלט פון שלאף; איז עס געווען אזוי, ווי דער שלאף וואלט זי צוגעהאלטן און זי רייסט זיך פון אים מיט א פארדראס.

איצט האט שוין די זון געשמייכלט דורך די שויבן און זאפטיקע שטיקער ליכטיקייט צעלייגט אויפן טעפּיך.

— אט צוליב וואס!...

בליומע איז אראָפּ פון בעט, האט אנגעשטעקט די שיך און אין איר נאכט-העמד צוגעגאנגען צום פענצטער; האט עס געעפנט און א פרישקייט האט זי ארומגעכאפּט, האלז און פּנים אויסגעקושט.

זי האט זיך אנגעלענט מיט די נאקעטע עלנבויגנס אן אושאק פון פענצטער; האט געקוקט מיט גאר ליכטיקע אויגן און געזעען: דער ים ליגט דארט א ווייס-זילבערדיקער און שמייכלט קעגן בלויען הימל. די ביימער האבן זיך לייכט באוועגט און די ערד איז געלעגן א רויקע, צופרידענע און זאטע. בליומע האט עס פאר זיך אליין איבערגעזאגט:

„אט מיט וואס ער איז פארנומען"...

„גוט... איך וועל ווארטן... איך וועל ווארטן... גוט".

ס'איז איר איצט געווען אזוי גוט פון דעם, וואס זי ווארט. זי ווארט אויף דוד! אין איר האט געזונגען די זיכערקייט: איך וועל זיך דערווארטן.

מיטאמאל האט זי זיך געגעבן א גלייך אויס און דערפילט, אז דאס הארץ אין איר האט זיך געגעבן א קארטשע-איין: ס'האבן זיך דערהערט טריט אין קארידאר, דערנאך האט מען פארזיכטיק אנגעקלאפּט אין דער טיר.

נישט בלויז זי האט אים געזעען, נאר זי האט געפילט, אז דער קלאפּ אין טיר איז דודס. זי ווייסט נישט פארוואס ס'האט איר געגעבן אזא מיש אין קאפּ; פּונקט ווי דאס וואלט געווען דאס ערשטע מאל, וואס זי דארף אים טרעפן... דאס הארץ קארטשעט זיך אלץ אזוי... זי איז געשטאנען און נישט געוואוסט, וואס זי דארף איצט טון. האט נאר גע-האט געעפנט די ליפּן, אט אזוי א שטייגער, ווי א בלום אין זומערדיקן פרימארגן צעעפנט זיך, דערפילנדיק די זון.

אין טיר האט מען שטארקער אנגעקלאפּט. בליומעס שטערן האט זיך געגעבן א קנייטש איין מיט וואונדער: נישט דוד.

זי איז נאך אלץ אזוי געשטאנען, ווי זי וואלט נישט געקאנט ארויס פון דעם פריערדיקן. —

— בליומע!

דאס קול איז געקומען פון יענער זייט טיר. ס'איז געווען אין

דעם שרעק און געבעט. איצט האט שוין בליומע געוואוסט קלאר, אז ס׳איז נישט דוד.

— ווער איז דארטן? ווער קלאפט? וואס איז?

אזוי האט זיך דינה געגעבן א כאפ-אויף און מיט שרעק אויפגע-הויבן דעם קאפ.

— עפנט!

— ווער איז דארט? — האט דינה געקריגן גרויסע אויגן.

דאן איז בליומע צוגעגאנגען נאנט צו דער טיר:

— ווער איז?

— איך... טאניע!

— טאניע?

— יא... עפן, בליומע.

— באלד.

דינה האט אלץ געקוקט אזוי צעשראקן:

— ווער איז?

— ס׳איז טאניע... די שוועסטער.

בליומע איז געווארן צעטומלט; האט גיך אויף זיך ארויפגעכאפט איר מאנטל, האט אויפגעשלאסן די טיר. טאניע האט אריבערגעטרעטן די שוועל.

זי איז געווען אין א גרויען מאנטל, אן א הוט און דאס פנים בלייך, אויסגעצערט; די אויגן צעשראקן.

— טאניע? וואס האט פאסירט? וואס איז געשען?

טאניע האט אפגעצויגן דעם אטעם:

— מען האט ארעסטירט דעם טאטן.

— וואס?

— ווער האט ארעסטירט? — האט זיך דינה אויפגעזעצט אין בעט.

— ארעסטירט... געקומען אינמיטן דער נאכט און ארעס-טירט.

טאניע האט זיך שווער אראפגעלאזט אויף א שטול.

בליומע איז געווען שטארק צעררודערט. דינה האט געקוקט, ווי זי וואלט לחלוטין נישט פארשטאנען:

— וואס הייסט? פארוואס? ווער? ארעסטירט?

— — — — — — — — — — — —

— איז וואס זשע טוט מען איצט, הא?

אזוי האט טאניע געפרעגט נאך דעם, ווי זי האט דערציילט, ווי דאס איז פארגעקומען און האט אויסגעשטעלט גרויסע, בלויע אויגן.

— מען וועט שוין זען עפעס צו טון — האט דינה געזאגט שטייענדיק שוין אנגעטון — זאל נאר דוד אריינקומען... מיר האבן היינט גערעכנט אוועקצופארן... ער דארף באלד זיין דא...

בלומע איז אלץ געשטאנען צערודערט. האט מיט שטילער פארבארגענער שרעק געקוקט אויף טאניען און ס'איז איר געווען א וואונדער: ס'איז איר אויסגעקומען, אז טאניע האט געדארפט אנדערש אויסזעען, נישט אזוי ווי זי זעט איצט אויס. ווי אייגנטלעך זעט זי איצט אויס? בלומע האט פון דעם נישט געטראכט, נאר אין טאניען איז געווען עפעס אזוינס, ווי זי וואלט געוואַרט אויף עפעס... אין בלומען האט אויפגערייכערט א ריח פון דער פראזע, וואס דוד האט געזאגט צו איר:

„טאניע, איז נאך גאנץ שיין"...

זי האט איצט די פראזע נישט געדענקט, נאר דער ריח פון איר איז געווען. און ווייל זי האט עס נישט געדענקט אזוי גענוי, דערפאר האט זי לייכט געקנייטשט דעם קלארן שטערן און זיך איצט דערמאנט: טאניע האט נאר וואס דערציילט, אז אויך לערנער איז ארעסטירט.

— אזוי... און לערנער איז אויך ארעסטירט? הא?

— האט טאניע אויפגעהויבן אויף איר די אויגן:

— נו, יא... איך האב דאך געזאגט.

בלומע האט גארנישט פארשטאנען, פארוואס זי פרעגט זיך אזוי איבער. ווירקלעך: זי האט דאך גלייך דערציילט, אויך לערנער איז ארעסטירט... מאדנע... און איר איז ביז אהער אויסגעקומען, אז זי האט גערעדט בלויז וועגן פאטער...

* *

ווען דוד איז אריינגעקומען, האט זיך טאניע אויפגעשטעלט און א שרעקעדיקער שמייכל איז איר ארויס אויפן פנים. דאס גרויע מאנטל

איז איר געווען צעשפּליעט און פון אונטער אים האט ארויסגעקוקט א בלוי זיידן קלייד. ס'איז געווען אזוי, ווי דאס קלייד האט זיך געטוליעט צו איר שלאנקן גוף און ארויסגעשמייכלט פון אונטערן מאנטל.

דוד איז געבליבן שטיין, ווי ער וואלט א וואונדער דערזען. אין זיין פּנים איז עפּעס אנטפּלעקט געווארן, ווי ער וואלט זיך באגעגנט מיט אומגעריכטס און אנגענעמס. זיינע שווארצע אויגן זענען ווייכער און אומעטיקער געווארן אין דער רגע. ער האט איינגעהאלטן דעם אויסגעשריי, וואס איז אים געבליבן פארשטיקט אין גימען און דערפאר שטיל געזאגט:

— טאניע, דאכט זיך.

ער האט אויסגעצויגן די האנט. טאניע האט איר האנט א טרוקענע, א מידע ארייגעלייגט אין זיינער און די שרעק איז שוין נישט געווען אין איר שמייכל; פארלעגנהייט בלויז האט זיך איצט אין שמייכל איינגעוועבט. איין ווייל האבן זיי זיך שארף אנגעקוקט און פון טאניעס פּנים איז שוין דער שמייכל אינגאנצן פארשוואונדן, גאר דער אומעט האט איצט געקוקט פון אירע אויגן.

ס'האט געדויערט א ווייל; בלומען איז אויסגעקומען, אז עס געדויערט זייער לאנג. אין הארצן האט איר פארקלעמט און דאס פּנים אירס איז, ווי אונטער א לייכטן שאטן געווען. איצט האט זי שוין געדענקט די פראזע דודס... ס'האט א שמעק געטון מיט יענעם פארנאכט, ווען דוד איז ארייגעקומען און געטראפן לערנערן... עפּעס איז געווען אין זייער קוקן א ווילן צו פארגעסן אן דעם, וואס עס איז געווען.

באלד אבער האט זיך צוריק א פארביסנקייט באוויזן אויף דודס פּנים. אויף טאניעס — איז צוריק ארויס דער שמייכל. ס'איז געווען, ווי א דערינערונג האט זיך אויסגעלאשן און מען וויל מער אן דעם נישט געדענקען.

— א, בלומע! גוט מארגן... וואס-זשע הערט זיך בלוזמעטשקע?

ווי ער וואלט זיך געוואלט פארענטפערן, און ער האט אויסגעצויגן ביידע הענט. ווארעם געדרוקט בלומעס הענט:

— שוין עטלעכע טעג, אז איך האב אייך נישט געזען... כ'האב זיך שוין פשוט פארבענקט נאך אייך.

זיין פּנים איז דערביי געווארן ווייכער און איידעלער. לייכטע רויט-

קייט, ווי א הויך, האט זיך אויסגעשפרייט אונטער דער הויט פון זיין געזיכט. די אויגן זענען געווארן צעטראגן. האט בלומע דערפילט, ווי דאס הארץ אין איר האט זיך צעזונגען און א פרייד איז דארט אויפגעגאנגען. אירע פינגער האבן זיך לייכט א קרעמפ געטון אין זיינע הענט און זי האט געפילט, ווי איר פנים איז געווארן אויפגעדעקט; זי שטייט איצט מיט אן אפן פנים. באלד אבער האט זי זיך געכאפט:

— דוד... ס'האט אן אומגליק געטראפן.

בלומעס פנים איז צוריק געווארן ערנסט און פארזארגט.

— וואס אזוינס?

— מען האט דעם טאטן ארעסטירט.

— ארעסטירט?

ער האט אפגעלאזט אירע הענט און געבליבן מיט א שטארק ערנסט פנים. טאניע האט גלייך גענומען דערציילן, ווי דאס האט פאסירט:

— אן א פארוואס, אן א פארווען... אינמיטן דער נאכט איז מען געקומען... מען האט געזוכט, גענישטערט... ביז טאג האט דער „אביסק" געדויערט און מען האט זיי ארעסטירט.

— וואס האט מען געפונען?

דוד האט זיך דערביי געהאט אוועקגעזעצט; געזעסן מיט עטוואס א געזונקענעם קאפ און ס'האט אויסגעזען: ער פרעגט אויס אן עדות.

— וואס האט מען געהאט צו געפינען? — האט טאניע גערעדט שוין געלאסענער — בא'ם טאטן האט מען אפילו קיין זייף אויך נישט געפונען... עטלעכע שטיקלעך אינגאנצן... אפשר א פוד... דאס האט מען דאך געהאלטן פאר זיך. ס'איז דאך א שטוב. בא לערנערן — זי האט אראפגעלאזט די אויגן — האט מען געפונען מער... ער האט דאך כסדר געציטערט, אז מען זאל נישט אויסגיין פון הונגער... האט ער געהאט א ביסל מער אנגעגרייט.

— איז לערנער אויך ארעסטירט? — האט דוד איבערגעפרעגט און באקומען א בלייכקייט אין פנים, ווי א שטילער כעס, וואס איז געווען אין אים, ווי א פארשוויגענע קראנקייט פארבארגן, וואלט זיך איצט אויפגערודערט.

ס'איז געווען מאדנע: — טאניע האט צוריק באקומען א שרעק אין פנים; האט גערעדט, ווי זי וואלט עמעצן פארענטפערט:

— די סחורה איז געלעגן פון פריער... נאך איידער די מאכט האט זיך געביטן... א קליין קינד אין שטוב...

— א סך!

— ווייס איך ? א ביסל.

— דאס איז נישט אזוי פריילעך.

האט זיך בלומע דערנענטערט :

— דוד... איר פארשטייט דאך: דא איז נישט קיין פראגע פון ספע־קולאציע. . . ס'איז געלעגן אין שטוב. . . איז. . . קאן מען די סחורה קאנ־פיסקירן און פטור.

ס'איז אויסגעקומען, אז בלומע רעדט מיט שטילן געבייזער

דוד האט אויפגעהויבן די אויגן. זיך צוזאמענגעטראפן מיט בלו־מעס און דער אנזאג פון שטילן כעס האט צוריק איינגעזאפט.

— צו וואס די אלע רייד ? איך פארשטיי נישט ! — האט זיך דינה ענערגיש אריינגעמישט. מיר אליין דארפן זיך נישט נארן און נישט פארענטפערן : מען ווייסט גאנץ גוט, אז עטינגער און לערנער זענען גע־וועזענע באלעבאטים פון א זייף־זאוואד. . . האט מען געפונען בא זיי א ביסל זייף — נעמט מען עס צו און א סוף זאל עס נעמען !

האט דוד זיך שוין צעשמייכלט, ווי ער וואלט זיך איצט אליין געכאפט, אז סך הכל איז די גאנצע זאך א נארישקייט און ער האט גע־זאגט :

— ס'איז אבער געווען א באפעל : מען זאל אנגעבן די סחורות אויפן „אוטשאט".

— נו, האבן זיי נישט געוואוסט פון דעם באפעל. און דעם זייף האבן זיי געהאלטן פארן אייגענעם געברויך. איז וואס זשע איז דא דער געוואלט ?

— מילא, מיר וועלן שוין זען, וואס מען האט צו טון. אבער וואס וועט זיין מיט אונזער נסיעה ?

— וועלן מיר פארן מארגן — האט דינה געענטפערט — איצט דארף מען גלייך גיין און טון, וואס מען דארף.

דוד האט לייכט א שמייכל געטון, האט זיך אויפגעשטעלט און געזאגט :

— וועלן מיר אראפגיין, בלומע.

פון דעם, וואס ער האט זיך געווענדט צו איר און פון דער זי־כערקייט, וואס איז געווען אין זיין שטים, האט זיך בלומע איצט דער־מאנט, אז דער טאטע זיצט דערוויל ארעסטירט ; איז א צערודערונג און

א גרויס רחמנות אויפגעגאנגען אין איר און זי האט זיך גענומען איילן; האט גיך אנגעטון דעם מאנטל.

דאן האט טאניע זיך אויך פארקנעפּלט איר מאנטל:

— איך וועל שוין גיין.

האט געדרוקט דודס האנט, אירע אויגן האבן אויסגעזעען, ווי א דינע טרער וואלט זיי איבערגעגאסן. זי האט געשטאמלט:

— איך דאנק אייך...

— איר דארפט מיר נישט דאנקען, טאניע.

— פארוואס זעט מען אייך נישט?

— איך בין דאך אזוי פארנומען.

— פונדעסטוועגן... איר שעמט זיך?

— מיט וואס?

— ווייס איך?... גיין צו א בורזשויקע.

דוד האט זיך קרענקלעך צעשמייכלט. טאניע האט זיך דער-חייל געזעגנט מיט דיגהן. שוין שטייענדיק בא דער טיר, האט זי גע-זאגט:

— פונדעסטוועגן קומט אמאל אריין... אייגענע פריינד...

און זי איז ארויס.

בליומע האט זיך שוין געהאט אנגעטון דאס היטעלע און גענומען איילן דודן:

— קומט... קומט... גיכער...

מיט דודן איז געווען אזוי, ווי ער וואלט זיך פּלוצים איינגאנצן פארענדערט. עפּעס האט איבער זיין קאפּ דורכגעפּלייצט, ער האט זיך צוריק אויסגעגלייכט און דערזעען: ליכטיקע זון שיינט אים אין פּנים אריין... אויף די טרעפּ האט ער היימיש און נאענט גענומען בליומעס ארעם. בליומע איז געשפּרונגען פון די טרעפּ און ער נאך איר. פון טרעפּ אויף טרעפּ, פלינק, גרינג און זינגענדיק. ביז זיי זענען ארויס אויף דער גאס.

צעווארעמטער, צעזונגענער טאג האט זיי אין זיינע ארעמס ארייגעכאפּט. די ליכטיקייט האט געלאכט און עס האט זיך געפילט א געשמאקער ריח פון פריש-געבאקן ברויט. דיביימער האבן אזוי טיף געאטעמט.

— ס'איז מיר אזא רחמנות... אזא רחמנות... — האט בליומע א זאג געטון.

— אויף וועמען ?

— אויפן טאטן... ער קאן דאס גארנישט פארשטיין... ער קאן מיינען מי יודע, וואס מען וועט אים טון... ער איז דאך אזא שרעקעדיקער.

— נישקשה, מיר וועלן אים ארויסנעמען.

בליומע האט איצט דערפילט, ווי דודס האנט האט פעסט ארומגענומען איר ארעם. האט זי זיך געגעבן א לאז נאך און ווי א שטארק מידע געגעבן א וואקס צו צו זיין זייט ; האט געגעבן א הייב אויף גאלד-צעגלאנצטע, אומעטיק-פריילעכע אויגן. דוד איז געווען שטארק פארטראכט ; זיינע אויגן האבן געקוקט אין ווייטקייט. האט זי צוריק אראפגעלאזט די אויגן, דאס הארץ האט איר מאדנע געקלאפט און עפעס א ווארט, אן אומפארשטענדלעך קלאר ווארט, האט זיך אויסגעצייטיקט אין איר. זי האט עס אבער נישט געקאנט ארויסזאגן. א ווארעמקייט, א מילדע, קילע ווארעמקייט, האט זיך צעגאסן איבערן לייב. מיטאמאל האט זי א זאג געטון :

— דוד...

איר האט זיך געדאכט, אז זי האט עס ארויסגעזאגט הויך, אבער דאס ווארט האט זיך נישט געהערט. דודס האנט האט איר ארעם שטארק א טוליע געטון צו זיך און זיי האבן געשפאנט מיט אימפעט און מיט לאכנדיק שווייגן.

ווען זיי זענען שוין געווען אויף פושקינסקי גאס און זענען פארבייגעגאנגען דעם „פארקאם", איז זיי אבראמעק אקייגן אנגעקומען מיט אן „אט". האט זיך אפגעשטעלט און גלייך געזאגט :

— איז וואו-זשע גייט איר ?

ער האט נאר וואס געהאט אנגעטראפן טאניען און האט שוין געוואוסט וועגן דער פאסירונג : זי איז אזוי פארזארגט טאניע... איז וואו-זשע ? הא ?

— אין „טשעקא".

אזוי האט געזאגט דוד און אבראמעק האט געפרעגט :

— זאל איך אויך מיטגיין ?

— צו וואס ? — האט דוד איבערגעפרעגט און ארויסגעצויגן די האנט פון בליומעס ארעם.

בליומע איז געווארן אומגעדולדיק :

— דערווייל שטייען מיר דא און —

— ווייס איך ? — האט אבראמעק געזאגט — אפשר קען איך עפעס צונויף קומען, איבעריקנס, איך גיי ארויף צו דינהן. טאמער דארף מען מיך — וועל איך דארט זיין.

— גוט.

— איך וועל דארט ווארטן... איך האב היינט א פרייען טאג.

בלימע האט גענומען איילן. אין איר איז געווען שטארק דער ווילן, אבראמעק זאל נישט מיטגיין. בשעת מעשה האט זי א טראכט געטון :

— אויסגעוואקסן אבראמעק... די מיליטערישע קליידער פאסן אים שטארק.

די גאסן זענען געלעגן אויפגעדעקטע, נאקעטע. די הייזער זענען געשטאנען צעעפנטע און א יום-טובדיקייט האט פון זיי געשמעקט. די ווארעמקייט האט שטיל געכוואליעט איבער טראטוארן און זיי האבן געשפאנט איילנדיק מיט יינגע לייכטע טריט.

— צו וואס לויפן מיר אזוי ? — האט דוד א זאג געטון.

ווי דאס גיין גיך וואלט אים געשטערט צו געדענקען אזוינס, וואס ער האט זיך איצט דווקא געוואלט דערמאנען...

קאפיטל ניין.

קאן זיין : דערפאר, וואס אבראמעק האט געטראפן דוכאווינען גיין געארעמט מיט דער שוועסטער ; אדער אפשר דערפאר, ווייל בלייבנדיק שטיין הארט לעבן דודן, האט ער אליין איצט באמערקט, אז ער איז נאך עפעס העכער פון אים ; אדער גאר דערפאר, ווייל ער האט איצט געטראגן הויכע שטיוול און די שפארן האבן אויסגעשריגן זיין יעדן שטייפן טריט, — ער אליין האט וועגן דעם נישט געטראכט ; ער האט נאר דערפילט מיט אזא קלארקייט, וואס האט אויסגעפילט זיין גאנץ לעבן, אז ער גייט איצט צו דינהן...

איצט איז אים געווען פארשטענדלעך. אז אין די אלע טעג, ווען אין די פארנאכטן איז אים פלוצלינג אן אומעט באפאלן ; האט מיטאמאל

בענומען שווייגן און זיך פארקליבן אין א ווינקל מיט עפעס אזוינס, וואס ער האט עס דייטלעך נישט געזען — איז עס געווען, ווייל ער האט זיך דערמאנט אן דינהן... הײנט אינדערפרי, ווען ער האט זיך אנגעטון אזוי רויק, מיט געדולד און שטילקייט זיך געוואשן, געריייניקט די נעגל; ארומגעגאנגען איבער דער קאזארמע און געזוגעגן שטיל מיט א פריי-לעכקייט, וואס איז שוין אין אים געבליבן — איז עס געווען, ווייל ער האט זיך געגרייט צו גיין צו דינהן. ער האט געוואוסט, אז זי דארף היינט צוזאמען מיט דודן אוועקפארן און ער האט געוואלט זי באגלייטן צו דער באן. ערשט איצט, גייענדיק איבער דער צעזונטער, ליכטיקער גאס, איז עס אים איינגעפאלן. ס'איז געווען אזוי, ווי דאס, וואס איז אין אים שטיל און אומבאמערקט געוואקסן פאר וואכן און חדשים, איז נאר וואס דער-וואקסן און רייף געווארן.

איצט האט ער געהאט אן אנגעשטרענגט פנים; די שווארצע אויגן האבן געברענט אונטער דער מאטקייט, וואס איז געלעגן איבער זיי, ווי טוי. ער האט זיך געוואלט דערמאנען דינהס געשטאלט, נאר מער, ווי דאס מויל אירס, דאס צארטע, לאכנדיקע מויל, האט ער נישט געזען. מאדנע: דאס קליינע מויל מיט די עטוואס פולערע ליפן איז געווען צע-עפנט, ווייסע ציין האבן ארויסגעזוילבערט פארקלעמטע און די ליפן האבן געציטערט... אין זיי איז דער ציטער געווען. ער האט נישט געדענקט, צי האט ער טאקע אמאל אזוי געזען איר מויל, אדער די זעונג פון א חלום איז אין אים פארבליבן. דאס מויל איז נישט אפגעטרעטן פון זיינע אויגן און אין אים איז געווען אן אויפגעשריי.

ער איז געגאנגען האסטיק, ווי ער וואלט זיך געהאט אפגערעדט מיט דינהן זיי זאלן זיך איצט באגעגענען. ס'איז אים געווען גוט פון דעם, וואס ער האט נאר וואס אנגעטראפן דורכאווינען מיט בלומען. דאס הארץ האט אין אים געשלאגן אזוי, ווי עס וואלט לאנגזאם געציילט די קלעפּ.

— עטינגער! חבר עטינגער!

דערהערט ווי מען רופט אויס זיין נאמען, האט ער פארהאלטן די טריט, נאר אויסגעדרייט דעם קאפּ האט ער גאר אין דער צווייטער זייט אריין. אין הארץ האט זיך עפּעס פארהאקט אויף א ווײלע און ער האט שווער א שלונג געטון. נאר נישט דינה און נישט קיין אנדערער איז גע-ווען אין דער זייט.

— „טאווארישטש" אבראם!

איצט האט ער זיך אויסגעדרייט אין דער זייט פון וואַנען דאָס קול איז געקומען און דערזען: אויפן בולוואַר, צווישן די ביימער, שטייט גראַנאַווסקי; אַט דער נידעריקער, רירעוודיקער בחורל מיט דעם קלאַ־ליכטיקן פּנים און גלאַנציקע פּענסנע־גלעזלעך.

— איך איַל זיך! — האָט אַבראַמעק איבערגערופן.

— קום אַהער אַ ווײַלע!

כאָטש אַבראַמעק האָט געהאַט בדעה נישט אָפּצושטעלן זיך מיט גראַנאַווסקין, וואָרים איצט האָט ער געפילט, אַזוי ווי ער טראָגט עפּעס מיט זיך און דאַרף עס דערטראָגן צו דינהן איידער דוכאָווין מיט בלומען קומען צוריק; דאָך איז ער גלייך אַריבער די גאַס, אַרײַן צווישן די ביי־מער אויפן בולוואַר, וואו גראַנאַווסקי איז געשטאַנען.

— וואָס איז דאָס איילעניש, האַ?

אַזוי האָט געפרעגט גראַנאַווסקי, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ברוינער „גימנאַסטיאַרקע" און אין שוואַרצע הויזן און הויכע שטיוול, אָבער אָן שפּאָרן; ער איז געווען אַ שילער פון דער רויטער־יונקער־שולע און אַ מיטגליד פון „צע־קאַ" פון „קאָמסאָמאָל".

— איך האָב דיך שוין לאַנג נישט געזען! וואָס טוסטו, אַבראַמעק?

אַבראַמעק האָט זיך צעשמייכלט, שוין פאַרגעסן, אַז ער איילט זיך; אין אים איז געווען אַזאַ שכּרותדיק געפיל, אין וועלכן ער האָט געוואָלט וואָס לענגער בלײַבן.

— איז וואָס־זשע הערט זיך?

— זעסט דאָך: איך וועל אינגיכן ענדיקן דעם ערשטן קורס.

— טאַקע אין אַרטילעריע?

— וואָס דען? אין „פּיעכאָטע" וועל איך קריכן?

אַבראַמעק האָט זיך ווידער צעשמייכלט; געגעבן אַ קלאַפּ צונויף די קנאָפּל און ס'האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון די שפּאָרן, ווי ער וואָלט דערמיט געגעבן אָנצוהערן, אַז ער איז העכער פון גראַנאַווסקין.

— פאַרוואָס זעט מען דיך נישט אויף די פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען?

— ווער האָט צייט? מיר האָבן וואָס צו טון... מיר לערנען דאָך.

— לערן איך דאָך אויך?

— אַ פאַרגלייך אַ ביסל! אַ „פּושקע", ברודער, איז דיר נישט קיין ביקסל!

בײַ'ע האָבן זיך צעשמייכלט און שפּאַצירט צווישן די ביימער

אנטקייגן איבער דעם ראטן-הויז. די זון האט געזונגען איבערן ים און בולוואר און זי האבן געדעדט פרייליך, אויפגעלייגט אויפלאכנדיק אלע ווייליע מיט יינגע, געזונטע קולות; גערעדט וועגן וואוקס פון דער פארטיי, וועגן די גבורים פון דער רויטער ארמיי. נישקשה: מען דערנענטערט זיך צו קרים... איי וועט מען דעם וורנגעלן קלאפן!... נאר עפעס די פאליאקן שמועסט מען... אין די דערפער האלט עס בא בונטן...

נאר אינמיטן געשפרעך האט אבראמעק זיך מיט אמאל געגעבן א קוק-אום; אים האט אויסגעדאכט: דינה שטייט אויפן באלקאן פון ראטן-הויז... האט די גאנצע רויקייט אין אים אויסגעוועפט און ער האט זיך אפגעשטעלט:

— איך מוז גיין... פארשטייסט: מען האט — — —

ער האט געוואלט זאגן, אז מען האט ארעסטירט דעם פאטער, נאר ער האט זיך פארהאקט און נישט געזאגט. געהאט דערביי דאס געפיל פון איינעם, וואס וויל נישט דערמאנען זיין פארגאנגענהייט.

— וואס האט מען?

— מען האט מיך געשיקט... אייל איך זיך... צום ווידערזען.

זיך געזעגנט און גלייך זיך אויסגעדרייט מיט גיכע טריט.

גראנאווסקי האט אים א ווייליע נאכגעקוקט. נישט פארשטאנען: ס'איז יא עטינגער און נישט עטינגער... עפעס איז ער אזוי צעטומלט און די אויגן זיינע ברענען אזוי מאדנע.

באלד פארגעסן וועגן דעם. זיך אליין אויך גענומען איילן.

* *

*

בא דער טיר פון דינהס צימער איז אבראמעק א ווייליע שטיין געבליבן; דאס הארץ האט אין אים אזוי שטארק געקלאפט, אז עס האט אים געטויבט אין די אויערן. ער האט עטלעכע מאל טיף אפגעאטעמט און האט זיך פלוצלינג שטארק פארשעמט. ס'איז געווען אזוי, ווי ער וואלט זיך אויפגעכאפט פון א פארזונקענעם דרימל און דער חלום איז נאך געלעגן אויף די אויגן און אויף די ליפן... באלד איז ער צוריק פארזונקען אין חלום.

דינה איז געשטאנען בא אן אפענער וואליזע און וועלכער זי האט

איינגעפּאַקט פאַרשידענע זאַכן. זי איז געשטאַנען אין א בלוי קליידל און איבער דעם — א ווייסע בלוזע מיט ברייטע אַרבל און א שנור האָט אַרומגענומען איר דינע טאַליע. די טונקל בלאָנדע געשוירענע האָר זע־נען געווען אויפגעשויבערט אַרום איר קאָפּ; עס האָט זיך געפילט פון זיי א ריח פון ווינט און פייכטקייט.

— א! אבראַמעק!

אבראַמעק האָט זיך פאַרדריטלט, האָט א ווײַלע געהאַלטן איר האַנט אין זײַנער. ער האָט געזען, ווי איר פּנים איז קלאָר און די גרויע, ברייטע אויגן שמייכלען. זי האָט געהאַט עטוואָס געעפנט דאָס קליינע מויל און די ווײַסע ציינדלעך האָבן אויך געשמייכלט. מיטאַמאָל האָט זי באַקומען אן ערנסט און א וואונדער אין די אויגן: פון אבראַמעקס אויגן האָט געקוקט אַזאַ טרויער, אַזאַ אומעט, ווי זיי וואָלטן זיך שטאַרק געבעטן.

— וואָס איז מיט דיר אבראַמעק? וואָס קוקסטו אַזוי?

האָט ער זיך ווידער פאַרשעמט, געפּרוּווט שמייכלען:

— גאָרניש... וואָס זאָל זײַן?...

און האָט אָפּגעלאָזט איר האַנט.

ער האָט אָפּגעהוסט, ווי אין האַלז וואָלט אים ניש ריין געווען. דינה האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף אים מיט וואונדער.

— פאַרסט הײַנט אַוועק? — האָט ער געפרעגט

— הא? — דינה האָט זיך אָנגעשטרענגט, א פינטל געטון מיט די ברעמען — וואָס פרעגסטו? צי איך פאָר הײַנט? ניין... מיר וועלן שוין פאָרן מסתּמא מאָרגן... ווייסט, וואָס ס'האָט פּאַסירט?

— וואָס?

— מען האָט דאָך אַרעסטירט דעם טאַטן מיט לערנערן.

— א! איך ווייס... יאָ... איך האָב באַגעגנט טאַניען... איך האָב אויך געטראָפן דודן מיט בלומען...

אבראַמעק איז געבליבן זיצן אויף דער קושעטקע און דינה האָט אים דערציילט, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען לויט דעם, ווי טאַניע האָט עס איבערגעגעבן. זי האָט דערבײַ איינגעפּאַקט די זאַכן, געגאַנגען פון צימער אין בלינדן שלאָפצימער און צוריק. אינמיטן דערציילן האָט זי זיך געגעבן א שטעל אָפּ: זי האָט דערפילט, אַז אבראַמעקס אויגן דערגרייכן איר לײַב, ווי דינע, שטײַפע, שטילע פעדעמלעך... אבראַמעק האָט אויך גאָרניש געזאָגט; ניש דערמאָנט, אַז זי האַלט אינמיטן דערציילן; האָט

זי זיך אליין דערמאנט און ווייטער דערציילט; דערביי נישט געקוקט אויף אים. ער איז געזעסן, ווי פארגליווערט, א מאדנער שמייכל האט געגרוט אויף זיין פנים.

— דאכט זיך מיר: דו הערסט גארנישט, וואס מען רעדט צו דיר — האט דינה א זאג געטון און זיך אומגעקוקט. אירע אויגן האבן אזא גלאנץ געטון, אז אבראמעק האט דערפילט א בלאסקייט אין זיין פנים.

האט געוואלט ענטפערן; נישט געקאנט די ווערטער ארויסברענגען. דאך זיי ארויסגעבראכט:

— פארוואס?... איך הער...

נאר מיט די ווערטער איז א ציטער געווען.

דערווייל האט דינה שוין געהאט פארפאקט די וואליזע, וואס איז געשטאנען אויפן טיש לעבן פענצטער. זי האט געוואלט פארמאכן, ס'איז איר אנגעקומען שווער. האט אבראמעק זיך געגעבן א שטעל־אויף:

— אט, וועל איך פארמאכן.

דינה האט זיך עטוואס אפגערוקט און האט דערביי באמערקט, ווי אבראמעק איז אויסגעוואקסן. ער איז איצט געשטאנען מיט שטייפע, יונגע פיס און ברייטע פלייצעס. זיין האלז איז געווען לענגער און אנגעצויגן, ווי אויסגעגאסן. זי האט דערפילט פון אים אזא ריח, וואס איז איר ביז אהער פרעמד געווען.

ער האט דערווייל פארמאכט. צוגעשלאסן און מיט איין באוועג פון דער האנט, האט ער די וואליזע אראפגענומען, אפגעציילט פעלעכע שטאר־קע, לייכטע טריט:

— וואו שטעלן?

— וואו עס איז... ס'מאכט נישט אויס.

— האט ער אראפגעלאזט די וואליזקע, זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו איר. דינה האט ווידער דערזען דעם אומעט אין זיינע אויגן. דאס האט זי א ביסל צעטומלט, נאר זי האט זיך באמיט לייכט אונטער־צוזינגען און נישט איינשטיין אויף קיין ארט. אבראמעק האט זיך צוריק־געזעצט, אראפגעשלונגען א שטילן זיפץ, וואס דינה האט נישט גע־הערט.

— איז, פארט איר ביידע?

— הא? יא. איך און דוד.

— מארגן פארט איר?

— מיר האבן נאך היינט געוואלט פארן... איז אבער אונטערגע־קומען די געשיכטע מיטן ארעסט. קען מען שוין היינט נישט פארן; ס'איז דאך א רחמנות... מילא, וואס זיי זענען אמאל געווען, אבער איצט... רעכן איך: היינט וועט מען זיי ארויסנעמען און מארגן וועלן מיר קענען פארן.

— אויף לאנג?

— צי מיר פארן אויף לאנג? ווער ווייסט? מיר וועלן זען... לאמיר זיי נאר געפונען...

ס'איז געווען, ווי זי וואלט זיך איצט צוריק דערמאנט דאס, וואס זי האט שוין נישט געהאט אזוי גוט געדענקט. איז זי בלייכער געווארן און די אויגן האבן זיך צעגליט מיט טרויער און ווייטיק; האט זי ווי־דער געגומען רעדן פון מרימען; ווידער דערציילט מיט א ציטערדיק קול, נאר מיט פארביסנקייט, ווי די באנדיטן האבן זי געפייניקט. אזוי רעדנדיק איז זי צוגעקומען בענטער צו דער קושעטקע, אויף וועלכער אבראמעק איז געזעסן אין ווינקל און האט אזוי גערעדט ביז זי איז שטיל געבליבן, זיך געזעצט, אפגעזיפצט, זיך פארטראכט. —

ווי לאנג זענען זיי אזוי געזעסן?ביידע האבן עס נישט געוואוסט. ס'קאן זיין לאנג און אפשר גארנישט לאנג. נאר אינמיטן פון איר טראכטן האט דינה דערהערט א שעפטשע:

— דינה.

זי האט זיך אומגעקוקט. אבראמעק איז געזעסן א בלייכער, א צע־טומלטער. האט זי זיך אויפגעשטעלט, זיך דערנענטערט הארט צו אים, אים א גלעט געטון איבערן קאפ:

— וואס איז, אבראמעק?

אבראמעק האט געגעבן א לייג־צו זיין פנים צו איר האנט. האט שטארק א ציטער געטון. מיטאמאל האט דינה דערפילט הייסע ליפן זענען איינגעוואקסן אין איר האנט.

זי איז געווארן דערשראקן. האט זי גענומען גלעטן מיט דער צווייטער האנט די שווארצע, געדיכטע האר, וואס זענען געלעגן צוזאמענגע־וואקסן אויף זיין קאפ:

— אבראשא... אבראשא... וואס איז מיט דיר?

ער האט אפגעזיפצט. זיינע ליפן האבן זיך אפגעקלעפט. זי האט זיך עטוואס אפגערוקט און ער האט באהאלטן זיין פנים אין די אייגענע הענט. געשעפטשעט שטילע, אומפארשטענדלעכע ווערטער.

איצט האט זי אנגעהויבן פארשטיין. ס׳איז איר געווען וואונדערלעך און פארשטענדלעך. א ווארעמקייט האט איר גאנץ פארגאסן און שרעק איז אין איר אויפגעגאנגען.

מיטאמאל האט זי א זאג געטון:

— אבראשא, לאמיר גיין שפאצירן

אבראמעק האט באפרייט זיין פנים פון די הענט; האט זיך געשעמט די אויגן אויפצוהייבן, ארום זיי, — האט געטרוקנט לייכטע פייכטקייט.

— קום אראפ, מיר וועלן זיי גיין אנטקייגן... א? וואס זוימען זיי אזוי לאנג? — האט זי דערביי א קוק געטון אויפן זייגערל, וואס האט איר קלארע, בלייכע האנט מיט א שווארץ רימענדל ארומגענומען.

— יא, ס׳איז דאך שוין דריי א זייגער... זע נאר זע; עס איז דאך שוין אזוי שפעט... קום אראפ וועלן מיר זיי טרעפן שוין בא מיטאג... פיר א זייגער...

אבראמעק האט זיך אויפגעשטעלט, ער איז געווען באגליקט: ס׳איז געווען אזוי, ווי דאס פייער, וואס האט אים ארומגעכאפט אזוי מיטאמאל און מיט אזא פלאם, האט זיך צוזאמענגענומען, זיך אריינגעצויגן אין אים אריין, זיך פארקליבן דארט אין א ווינקל און ברענט שטיל און זיכער...

— — — — — — — — — — — — — — —

זיי האבן שפאצירט אויפן בולוואר. אבראמעק איז געווען רויק, שטיל; האט אויסגעהערט דינהס רייד מיט ערנסט און שמייכל. דינה האט אלץ גערעדט וועגן איר נסיעה. ווי נאר זיי וועלן דארט כאפן די באנדיטן, וועלן זיי צוריקקומען. איר שטים איז געווען ריין, קלינגענדיק. אבראמעק האט געהאט דאס געפיל, אז איר קול גיסט זיך לאנגזאם אריין אין אים, פילט אים אויס. אלץ אין אים איז גרייט אויפצונעמען איר שטים, וואס גיסט זיך ווי זיסער, שטארקער ווייַן.

ערשט פינף א זייגער זענען אנגעקומען דוכאווין מיט בלומען. ביידע צעטומלטע און מידע; ס׳האט זיך אויסגעלאזט, אז די זאך איז זיי גארנישט אזוי לייכט אנגעקומען, ווי מען האט פריער געמיינט. זיי האבן דערווייל קוים געפועלט, מען זאל דעם אלטן עטינגערן ארויסלאזן אויף זייער ערבות. וואס איז שייך לערנערן — וועט ער דערווייל מוזן בלייב-

אָרעסטירט ביז די אויספאָרשונג וועט זיך פאַרענדיקן. מען האָט בא אים געפונען א שפּאָר ביסל זייף אין דער צייט, ווען די אַרמיי האָט אינ־גאַנצן נישט קיין זייף... נאָר מיט קיין געפּאַר שמעקט עס נישט... ער האָט נאָר נישט אויסגעפירט דעם באַפעל און נישט איבערגעגעבן די סחורה אויפן „אוטשאָט"... אויפן ערגסטן אופן, שמעקט עס מיט „קאָנצ־לאַגער"...

בליומע איז געווען צערודערט. דוכאָווין האָט זיך ווי פאַרענט־פערט:

— וואָס האָב איך געקאָנט זאָגן? אַז מען האָט פּאַרט געפונען בא אים אפשר צוועלף פוד זייף...

בליומע האָט געשוויגן. אַבראַמעק האָט זיך צעשמייכלט:

— אַז ער וועט אָפּזיצן א פּאָר וואָכן איז אויך נישט קיין אומ־גליק... ער האָט דאָך דעם זייף באַם טאַטן אויך געגנבעט...

— און ווען לאָזט מען אים אַרויס עטיגערן? — האָט דינה גע־פרעגט.

— פאַרנאַכט וועלן מיר באַקומען דעם באַפרייונגס־צעטל. היינט באַנאַכט נאָך וועט ער שוין שלאָפן אינדערהיים.

— מיר ביידע וועלן אים אַהיימפירן — האָט בליומע א זאָג גע־טון.

דוכאָווין האָט לייכט א קנייטש געטון דעם שטערן; זיינע אויגן האָבן א שמייכל געטון.

אַבראַמעק איז געווען מיד און שטיל, ווי א קינד. דינה איז אויך געווען שטאַרק פאַרטראַכט.

אין דער „סטאָלאָווע" פון ראַטן־הויז איז איצט געווען אַן ענגשאַפט; מען איז געזעסן אַרום אַלע טישן און מען האָט גערעדט צווישן זיך ערנסט און פרייליך. קלינגערייי פון לעפל און טעלער, זופּערייי פון ליפּן און אַנגעכמורעטע, ערנסטע ריד האָבן זיך צונויפגעמישט אין איין טומל, וואָס איז איבערן גרויסן, טונקעלן זאַל געשטאַנען, ווי אַן אויפגערודער־טער שטויב.

קאפיטל צען.

וועןמען האט עטינגערן מיט לערנערן אריינגעלאזט אין „סארטי־ראוועטשנע” — אין דער גרויסער קעלער־שטוב פון „טשעקא”, איז עטינגער געבליבן שטיין אינמיטן שטוב און געהאט אן אויסזען, ווי ער וואלט אהער פארבלאנדזשעט.

אין קעלער איז נאך געווען טונקל. דער בלויער פרימארגן, וואס איז געשטאנען אין דער הייך, האט זיך נאך נישט געהאט אראפגעלאזט אזוי נידעריק ביז די פענצטער פון קעלער־שטוב. דא האט געשמעקט מיט שארפער פארדומפנקייט און מיט געדיכטע שאטנס, וואס האבן זיך נישט געוואלט אפטון פון די ווענט. פון די ווינקלען ארויס האט געקוקט טעמפע, טויבע שרעק, און די ארעסטירטע, וואס האבן זיך דארט געפונען, זענען געלעגן אין אנטון אויף די שעניקעס, וואס זענען געווען צוגעקלעפט צו דער צעמענטענער פאדלאגע. זיי האבן אומרויק געדרימלט און איינער האט פון שלאף געשעפטשעט אומפארשטענדלעכע רייד. אט די אומפארשטענדלעכע רייד האבן מיט א מאל געגעבן א טרייב־אן א פחד אויף עטינגערן; א שוידער האט אים דורכגעקילט דאס גאנצע לייב: — טשעקא.

איינער א פארשוין, האט זיך אויפגעזעצט אויף זיין שעניק, איז געבליבן זיצן אן רעקל און מיט קויטיקע העמט־ארבל. ער האט געהאט א לאנג, איינגעפאלן פנים, ווי א זויערע ליידיקע אוגערקע; שארפע שפיציקע אויגן, און די שווארצע האר אויפן קאפ זענען געלעגן גלאטיקע, פארדעקט דעם גאנצן שטערן. האט ער אויף זיי געקוקט, געקוקט און לייכט געשמייכלט מיט חוזק־שמייכל:

— הא? אויפן ניכטערן מאגן?

האט נאך א ווײַלע געקוקט און צוגעגעבן:

— גוט־מארגן שפילפויגל!... זאל אייך זיין צו געזונט.

האט זיך שטיל צעכיקעט; זיך צוריק אויסגעצויגן אויפן שעניק, ארויסגעווארפן א דינעם שפיי דורך די ציין, איז דער שפיי געפלויגן און

געצייכנט א האלבן קרייז, פאלנדיק מיט א קלונג אויפן הארטן צעמענט ערגעץ.

האט עטינגער שווער א שלונג געטון און אפגעזיפצט: אים איז אויסגעקומען, אז אט דער פארשוין איז א תלין אדער גלאט א רוצח. ווען יענער האט אויף אים אזוי געקוקט, האט ער געפילט, ווי די האר אויפן קאפ באוועגן זיך אים... ערשט איצט האט ער דערזען, ווי לעבן אים שטייט לערנער מיט אויפגעצויגענע אקסלען און דאס פנים איז אים געזונצלט פון קעלט. מאדנע: דאס מאנטל זיינס איז אזוי ברייט אויף אים... אונטער דער גאמבע ציטערט א בלייכע ווייכקייט. האט ער דערווייל געקוקט אויף אים, ווי אויף א פרעמדן.

— פאפא... אט איז א באנק... לאמיר זיך צוזעצן.

אזוי האט ארויסגעשטאמלט לערנער און ביידע האבן זיך געזעצט. זענען געזעסן רויק. עטוואס געקארטשעט, האט עס אויסגעזען, ווי ביידע זיצן אויף א פור, וואס וואקלט זיך שלעפנדיק אויף א שלעכטן וועג; ווארטן זיי מיט אומגעדולד די נסיעה זאל זיך שוין א מאל ענדיקן.

דער טאג האט זיך אראפגעלאזט נידעריקער און נידעריקער. דורך די פענצטער פון קעלער-שטוב האט זיך דער יונגער מארגן ארייגגעגאסן און די ארעסטירטע האבן זיך אויפגעכאפט. מען האט זיך שטיל אויפגעזעצט, דערנאך אויפגעשטעלט, מען האט זיך געצויגן, בעגענעצט און אויסגעגלייכט. דער פארשוין מיט דעם האר-פארדעקטן שטערן האט זיך געזידלט גלאט אין דער וועלט אריין; האט געשפיגן און געשאלטן רעדנדיק צו זיך אליין מיט א הייזעריק קול. עס איז געווארן א שטילער טומל. עטינגער איז אלץ אזוי געזעסן, אין קאפ איז אים געווען א נעפל און אויפן הארץ האט אים געצאיבלט. ער האט איצט נישט געפילט קיין שרעק, נאר א שווערקייט האט אים שטארק געדרוקט. אין אים איז געווען אויסגעמישט פארגאנגענע טעג מיט היינטיקן טאג... ער האט שווער געדענקט אלע געשעענישן, וואס האבן זיך איצט געהאט אפגערוקט פון אים, ווי דאס וואלט פארגעקומען שוין זייער לאנג. די דינסט, דער מאטראז, ליע און בורמאן — זענען אים איצט געווען אזוי פרעמד. נאר איין געפיל האט אין אים געדרונגען: ער איז פארפלאנטערט אין פרעמדע געשעענישן, צווישן פרעמדע מענטשן; ער ווייסט אליין נישט, ווי דאס אלץ האט א שייכות צו אים.

פלוצלינג האט זיך עמעצער אויפגעשטעלט פאר זיינע אויגן:

— הער עטינגער! איר — אויך?

ער האט א פּאָר מאָל געפינטלט מיט די אויגן: אַ? ס׳איז רויט־מאַן! ער האט זיך דערמאנט, ווי ער האט אים אמאָל געטראָפן שטייענדיק פאַר זיין הויז אין דרויסן און מיט רויקייט געשמייכלט:

„וואס זשע האָב איך צו טון אין שטאט?... אויף דער לעצטער מינוט וועל איך וואַרטן?"

— א, איך האָב אייך גאַרנישט דערקענט.

לערנער איז שוין געשטאַנען. ס׳האט אויסגעזעען, אז ער שטרענגט זיך אָן צו שמייכלען, אָבער אַרויסגעקומען איז א מינע, ווי ער האלט זיך באם צעוויינען. עטינגער האט זיך נישט געחידושט, און נאָר געזאָגט:

— זענט איר אַרעסטירט, הייסט עס... שוין לאַנג?

— שוין דעם דריטן טאָג.

— אזוי? דעם דריטן טאָג?

— וואס זשע וואונדערט איר זיך אזוי?

— איך וואונדער זיך גאַרנישט... נאָר... כ׳מיין: פאַר־וואס?

— בא „זיי" איז א קשיה פאַרוואס? בורזשוי און פּאַרטיק — אין „קיטשימענט" אַריין!

— גלאַט אזוי? גענומען און אַרעסטירט? גלאַט אין דער וועלט אַריין?

האט שוין רויטמאַן אָפּגעשוויגן. זיין פּנים איז איצט געווען טרויעריק, בלייך, טונקל. ער האט שטיל און איינגעהאַלטן אַרויסגעלאָזט דעם אָטעם און געזאָגט:

— מילא, איך... אָבער איר? איר האט דאָך עפּעס א צד אין שיסל?

איז עס געווען, ווי לערנער וואָלט זיך איצט דערמאַנט אין דעם „צד" און זיין פּנים האט אויפגעשיינט:

— סך הכּל איז עס א פּאָר שעה, זינט מען האט אונז אַרעס־טירט... קיינער האט נאָך נישט באַוויזן זיך צו דערוויסן.

— וואס זשע? מען האט עפּעס געפונען בא אייך? — האט רויט־מאַן זיך נאָכגעפרעגט.

— ווייס איך וואס? — האט עטינגער זיך אָנגערופן — כ׳ווייס, עפּעס א מעשה מיט א מאַמראַז... ער איז כּסדר בעלעגן בא אונז אין

קיך... האָב איך עס נישט געוואָלט ליידן... נו, האָט ער אונטערגע־שיקט... ס'איז בלאָטע.

— געוויס בלאָטע... נאַרישקייטן — האָט לערנער אונטערגע־כאַפּט — זאָל מען זיך נאָר דערוויסן, וועט מען אונז גלייך אַרויס־לאָזן.

האָט שוין רויטמאַן געקריגן אַ פֿאַרביסן פּנים:

— אייך איז גוט... איר האָט, ווער עס זאָל פֿאַר אייך עפּעס טון... אייך איז גוט.

מאַדגע: עטינגער האָט זיך איצט נישט באַליידיקט אויף דעם. פֿאַרקערט: אין אים האָט עפּעס יחוסדיק אַ שמייכל געטון און עס איז אים געוואָרן קלאָרער אין קאָפּ. לערנער האָט באַקומען אַ זיכערקייט אין פּנים.

— אָ! זיך צונויפֿגעקומען די שפּיל־פֿייגל, זינגט מען... האָ? אפֿשר אַן אַקציע־געזעלשאַפֿט? כּי כּי?

זיי האָבן זיך אומגעקוקט — אַלץ דער זעלבער פּאַרשוין.

— וואַשן זיך! ווער גייט זיך וואַשן?!

אַזוי האָט אויסגעשריגן אַ הויכער, ברייט־ביינערדיקער פּאַרשוין, וואָס איז אַריינגעקומען מיט פֿעסטע, שווערע טריט, באַ דער זייט האָט זיך אים געבאָמבלט אַ „נאַגאַן“ אין אַ הילצערנער שייד.

מען האָט זיך אָנגעהויבן רוקן צו דער טיר. רויטמאַן איז אויך אַוועק זיך וואַשן. דאַן האָט לערנער מיט זיכערקייט אַ זאָג געטון:

— נישקשה, זיי וועלן אונז דאָ נישט האַלטן... בלומע וועט שוין אין זינען האָבן... דוכאָווין איז דאָך באַ זיי אַ גאַנצער מאַכער... נישקשה.

אויך עטינגער האָט לייכט אַ שמייכל געטון.

* * *

אָבער דער טאָג האָט זיך געצויגן לאַנג און שווער. אַ זון איז גע־גלעגן אויפֿן הויף און פֿון דאָרט זיך געגאָסן דורך די פֿענצטער אין קעלער־שטוב אַריין. אַרעסטירטע האָבן זיך אַרומגעדרייט פֿאַרזאָרגט, אומ־געדולדיק און עטינגער — וואָס האָט זיך אַלע ווײַלע אומגעקוקט און האָט אים געדאַכט, אַז מען רופֿט זײַן נאָמען — איז אויך געוואָרן

שטאַרק אומגעדולדיק. ווייטיק האָט געגומען עסן אינעווייניק. לערנער האָט נישט געקאָנט אײַנזיצן; איז ער אַלע ווײַלע צוגעגאַנגען צום זעלנער, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער טיר און זיך געבעטן מען זאָל אים אַרויסלאָזן אויפן הויף... האָט ער אים אַרויסגעלאָזט; האָט ער זיך דאָרט צונויפגעטראָפן מיט אייגענע מענטשן; האָט מען גערעדט צווישן זיך שטיל, מיט פרומע, ערנסטע אויגן און בלייכע פּנימער. איז צוריק אַראָפּגעקומען, געזען, אַז עטינגער זיצט שטיל, פאַרטראַכט, האָט ער רירעוודיק אַ זאָג געטון:

— זאָרגט נישט פּאַפּאַ... מען וועט אונז דאָ נישט לאָזן זיצן... מסתּם וועט מען אונז באַלד רופן...

האָט עטינגער באַקומען פון זײַנע טרייסט-ווערטער אַ צעפּעסטעטע פּנים און האָט מיט באַדויערונג צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

לערנער איז ווידער אַוועק פון אים, ווידער צו זײַניקע. האָט עס אויסגעזען, ווי ער היט אָפּ עטינגערן, ווי מען היט אָפּ אַ משכּון — ער זאָל זיך נאָר נישט אַרויסכאַפּן אָן אים. דערפאַר לויפט ער אַלע ווײַלע אַראָפּ אַזוי צעשראָקן, נאָר אַז ער דערזעט אים ווערט ער רויקער.

עטינגער אַליין אָבער איז געווען שטאַרק אומרויִק; נישט דערפאַר, וואָס מען איז נאָך נישט געקומען אים אַרויסנעמען, נאָר אים איז אויסגעקומען, אַז ער וועט עפּעס זייער וויכטיקס פאַרשפּעטיקן. עפּעס קומט דאָרט פאָר אין דער היים און ער איז דאָ... איצט איז אין אים געווען זיכערקייט, אַז די דינסט האָט שוין גאָרנישט אויסגעטראַכט און אין אים האָבן זיך אָנגעהויבן קייטלען פאַרשידענע קלייניקייטן, בליקן, ווערטער, טענער. האָבן זיי זיך צונויפגעקייטלט אין אַ פונדאַמענט, אויף וועלכן ס'איז אַרויסגעקומען אַ בולטע קלאָרקייט, וואָס האָט אין אים דערוועקט שטילן פאַרביסענעם כּעס... און וואו איז דאָס צירונג?

ערשט איצט האָט ער זיך אויפסנײַ דערמאָנט, אַז צווישן די פאַרנומענע זאַכן בײַ אים — איז נישט געווען דאָס צירונג; ער האָט בייז אַ טראַכט געטון:

— דאָס צירונג האָב איך דאָך גאָר געהאַלטן פאַר בלומען... ס'איז דאָך איר מוטערס צירונג... איז וואו-זשע? הא? וואָס-זשע, האָט זי דאָס באַזונדער פאַר זיך באַהאַלטן?

ער האָט זיך אויפגעשטעלט. די אומגעדולד איז געוואַקסן אין אים

און אויך אים שוין נישט געלאזט איינזיצן. טרערן האבן זיך געזאמלט אין זיין ברוסט נאענט צום האלז.

ער האט גארנישט געגעסן, נישט געדענקט אפילו, אז מען דארף עסן. האט געשפאנט לאנג און אן איבעררייס: „וואס־זשע טוט זיך דארט אפ אין שטוב איצט? ווער ווייסט, וואס זי וועט דארט אפטון... זי מיט בורמאנען"...

ער האט געשפאנט אזוי לאנג, ביז ער איז שטארק מיד געווארן, האט ער זיך צוריקגעזעצט.

לערנער איז אלע ווײַלע אויסגעוואקסן לעבן אים, האט אים צוגע־ווארפן א טרייסט־ווארט און ווידער זיך אפגערוקט.

ביז — די זון איז אוועק פון די פענצטער, שאטנס האבן מיט וואלקנדיק שעפטשערײַ אנגעהויבן קריכן פון אלע ווינקלען. פון הויף האט ארײַנגעקוקט דער אויסגעלאשענער טאג, ווינטל האט גענומען בלאזן מיט פארנאכט. עטינגער האט מיטאמאל דערפילט א שרעק, וואס האט אים געמאכט ציטערן:

קיינער איז נישט געקומען. די נאכט פאלט צו... די וואנט אנט־קעגנאיבער קוקט אזוי שטום, טרויעריק אין די פענצטער ארײַן... ווי לאנגע, רויטע פעדעם קריכן טראכטונגען און קרײַצן זיך אין קאפ... עס דערמאנען זיך פארשידענע מעשות און קלאנגען:

„איז עס געווען אינמיטן דער נאכט... האט זיך געעפנט די טיר... מען האט זיי גענומען שטיל אויפוועקן... גיכער... טוט זיך אן... איר גייט אהיים... אהיים? יא... אהיים... גיכער... האבן זיי זיך גענומען אנטון. זיך אנגעטון און שטארק געציטערט... פארוואס? אינמיטן דער נאכט? די זעלנער שטייען, גלייך נישט זיי מיינט מען: רירעוודיקער... גיכער... ס'איז שוין באלד טאג.

„וואו זשע פירט מען אונז?

„איר גייט אהיים"!...

„אינמיטן דער נאכט?"

„נישט געטענהט... מען הייסט גיין, גייט מען... נאר שטי־לער... וועקט נישט אויף די איבעריקע"...

עטינגער האט פארמאכט די אויגן, גענומען ציטערן. ער האט דערפילט אזוי, ווי אלץ אין אים וואלט זיך א שטויס געטון צום האלז: אט, אט, וועט דאס הארץ זיך צעפאלן, זיך ארויסגיסן דורכן האלז...

לערנער איז צוגעקומען. האט זיך אװעקגעזעצט לעבן אים און האט גארנישט געזאגט. איצט איז לערנער געװען צעטומלט; זײן פּנים האט אױסגעזען טונקל־גרין אין פארנאכט.

ס׳איז געװארן גאר טונקל. מען האט אנגעצונדן א לאמפּ און א דװיטע שײן האט זיך ארײנגעפּלאנטערט צװישן די שאטנס. טײל האבן זיך געפּארקעט בא די שעניקעס. טײל האבן גלאט געשװיגן. איבערן טאג איז דער עולם גרעסער געװארן און אלע האבן געקוקט מיט פרעמדקײט, װי אײנער װאלט זיך געהיטן פארן אנדערן. רױטמאן איז צוגעקומען, מיט מאדנער שטילקײט געקוקט אױף עטינגערן:

— און איר — זענט נאך דא?

ס׳איז געװען שװער צו פארשטײן, צי ער װאונדערט זיך אדער רײצט זיך.

נאר װען עס איז שױן געװען פינצטער און לערנער האט שױן געטראכט פון צוגרײטן שעניקעס; עטינגער האט זיך שױן געהאט מיאש געװען און א שטילע טעמפּקײט האט װי א הױט איבערגעצױגן זײן אומגעדולד — איז עס געקומען אומגעריכט:

ארײנגעקומען איז א יונגער שײגעץ. ער איז געװען מיט צעפּלאשעטע האר און מיט הױכע שטיװל; האט געהאט א שטיל ײנג פּנים און די „רובאשקע״ איז געװען ארומגעצױגן מיט א ברײטן, לעדערנעם פּאס. ער איז ארײן מיט שלאנקע, דינגע פיס, אן געװער, האט זיך ארומגעקוקט און אױסגערופן:

— עטינגער!

װי נאר דער אלטער האט דערהערט זײן נאמען, האט צוריק די אומגעדולד זיך גיך געגעבן א צעגיס איבער װײן הארץ, האט אזש פארשטיקט אין האלז און ער האט נישט געקענט ענטפערן.

— ע־ט־י־נ־ג־ע־ר!

— א־איך... איך...

אזױ האט עטינגער געענטפערט און האט אױפגעהערט צו זען אלעמען ארום זיך. ער האט בלױז געזען דעם, װאס האט זײן נאמען אױסגערופן.

— װאס־זשע שטײט איר? מען רופט אײך דאך!

לערנער האט א װײלע געװארט; זעענדיק, װי דער, װאס האט דעם אלטנס נאמען אױסגערופן האט אראפּגעלאזט די האנט מיטן פּאפּיר, האט ער געגעבן א הײב אונטער דעם קאפּ און די אױגן זענען אים געװארן

ארויסגעטארטשעט. ער האט געהאט געעפנט דאס מויל, געוואלט עפעס זאגן און גארנישט געזאגט.

— גיכער... מען ווארט אויף אייך.

עטינגער האט זיך ראפטום געגעבן א שטעל־אפ בא דער טיר שוין.

— איז וואס־זשע שטייט איר?

— ווער ווארט? — האט איצט עטינגער איבערגעפרעגט.

— אייערע „פארוטשיטעלעס"... „טאווארישטש" דוכאווין ווארט...

עטינגערן איז מיטאמאל שטארק ווייך געווארן אין הארץ. עפעס א ליבשאפט האט אויפגעפלאצט אין אים און די צעפעסטעטקייט האט זיך ארייגעגאסן אין דער ליבשאפט; אין די אויגן האבן געריזלט טרערן... ער האט זיך באמיט זיי איינצוהאלטן; זענען זיי געהאנגען אויף די ברעמען און נישט געקאנט ארויס. גייענדיק נאכן ייִנגן שייגעץ, האט ער א פאר מאל געשלונגען און זיך דאך נישט געקאנט בארויקן.

אז ער איז אריינגעקומען אין קאנצעלאריע, האט ער גלייך דערזען בליומען, דוכאווינען און אבראמעקן. ער האט געוואלט צולויפן צו בליומען, נאר בליומע האט געזאגט:

— ווארט צו, טאטע... באלד גייען מיר ארויס.

זי האט געקוקט אויף אים מיט וואונדער; די באקן זענען געווען באוואקסן מיט ווייסע שיטערע הערעלעך און דאס פנים — אפגעלאשן. זיינע אויגן נאר זענען איצט געווען גרעסער, גוטסקייט האט געקוקט דורך טרערן, ווי ער וואלט געלייטערט געווארן...

— וואס פון אים איז געווארן... — האט בליומע א טראכט געטון און גרויס רחמנות האט איר הארץ א ווארעם געטון...

* *

*

דער דזשורני־סעקרעטאר האט רויק געצויגן דעם פאפיראס. געשריבן אין ביכער און שטיל געשמייכלט, דערנאך האט ער אויסגעשריבן א „פראפוסק". בליומע האט דעם „פראפוסק" צוגענומען און געזאגט:

— א דאנק חבר.

דערנאך האט זי זיך מיט אים געזעגנט. יענער האט זיך אויפגע־

שטעלט, צונויפגעשלאגן די קנאפעל פון זיינע שטיוול, לייכט געשמייכלט. דוכאווין האט אים די האנט געדרוקט און אבראמעק האט געהאט א טרויעריק פנים. עטינגער האט אלץ געפילט, ווי די אויגן זענען אים אנ־געגאסן מיט טרערן און די צעפּעסטעטקייט דרוקט אים מיט ווייכקייט אויפן הארצן.

ווען זיי זענען געגאנגען ארויס דורך דעם לאנגן קארידאר, האט עטינגער פלוצלינג אנגענומען בליומעס האנט און די ברעמען פון די אויגן האבן זיך גענומען באוועגן, ווי בא א בלינדן. מיט דער צווייטער האנט האט ער אנגעהויבן גלעטן בליומעס אקסל. בליומע האט זיך צע־שמייכלט, אויפגעהויבן דאס פנים. פון עטינגערס אויגן זענען ארויסגע־פאלן א פאר טרערן. אבראמעק האט דעם פאטער גענומען פאר דער צווייטער האנט.

— א דאנק דיר, דוד... א דאנק דיר...

אזוי האט דער אלטער ארויסגעשעפּטשעט דריקנדיק מיט ביידע הענט דודס; פון בליומעס אויגן האט געשיינט גליק און פרייד.

דער אלטער האט זיך צוריק אויסגעגלייכט. אלע זענען שטיל ארויס אויף דער גאס.

קאפיטל עלף.

די גאס איז געלעגן א שטילע, א פינצטערע. טיף־בלויער סוף־חודש־דיקער הימל איז געהאנגען מיט גרויסע, בלישטשענדיקע שטערן. די עלעקטרישע לאמפּן האבן געזשוושעט פון דער הויך־אראפּ און די לופט האט מיט שארפער פרישקייט געשכורט. די ביימער זענען געשטאנען צע־וואקסענע און די אקאציעס האבן פון זיך ארויסגעאטעמט א זיס־שטארקן ריח. האט עטינגער זיך געגעבן א שטעל־אפּ ארויסקומענדיק אין גאס, ווי ער וואלט פלוצלינג פארגעסן, ווי אזוי מען גייט.

— איך בין אזוי מיד.

אזוי האט ער געזאגט מיט א שטילן זיפץ. אבראמעק האט איצט צום ערשטן מאל באמערקט, ווי דער פאטער זיינער שטייט א געבויגע־נער; ער איז נידעריקער געווארן.

— דוכאווין האט געזאגט:

— ווייסט איר גאר וואס? קומט אריין צו אונז אין האטעל, וועט איר זיך אביסל אפרוען.

— קום טאקע — האט בליומע אונטערגעכאפט.

נאר ווען זיי זענען שוין געשטאנען נאענט צום ראטן־הויז, האט עטינגער — ווי ער וואלט זיך אן עפעס דערמאנט — א זאג געטון:

— ס'איז דאך שוין נישט פרי... איך וואלט בעסער געוואלט אהיים... איך בין זייער מיד, קינדער... אין דער היים וועל איך מיך בעסער אויסרוען.

— מען דארף קריגן א דראזשקע — האט בליומע געזאגט.

— אט גיי איך — האט אבראמעק זיך גלייך אפגעריסן פון ארט און אוועק.

דערווייל זענען זיי ארויף אויפן בולוואר, זיך דארט געזעצט אויף א באנק. פון ווייטן האט דער ים געקוקט א שווארצער, אן אנגעכמורעטער; שטיל שעפטשן האט זיך פון דארט געטראגן. פון ערגעץ האט א הילך זיך ארויסגעריסן און איז אויסגעגאנגען איידער נאך ער האט אהער דערגרייכט. ערשט איצט האט עטינגער א פרעג געטון:

— נו, און לערנער? וואס איז מיט לערנערן?

האט זיך בליומע א כאפ געטון:

א? איז נאך א טאג... מען האט נישט נעקאנט היינט.

דוכאווין האט נישט באמערקט איר בליק, וואס איז דערביי געפאלן אויף אים מיט פארוואורף, ווי זי וואלט אים געווארנט. ער האט געזאגט:

— לערנער? אז מען האט בא אים געפונען אזוי פיל זייף!?

— איז וואס זשע? — האט עטינגער איבערגעפרעגט.

— איז גארנישט — האט שוין בליומע א ביסל העכער געזאגט — איז דערפאר נישט אזוי לייכט... דארף עס געדויערן נאך א טאג.

— אזוי... איז נישט לייכט...

— קיין שום סכנה איז נישטא... — האט שוין דוכאווין זיך אפגערופן — מען וועט אים ארויסלאזן, איז נאך א פאר טאג.

— איך פארשטיי גארנישט... פונוואנען האט זיך דערנומען צו אים אזוי פיל זייף? — האט עטינגער אנגעהויבן און באלד שטיל געווארן, ווי ער וואלט מיטאמאל געווארן אזוי מיד, אז ער האט קיין כוח נישט מער צו רעדן. בליומע האט איצט אויך פארעקשנט געשוויגן: אין

איר איז געווען א ביזיקייט, א פאַרדראָס, פאַרוואָס לערנער איז געבליבן זיצן. אין איר האט געלעבט א שטילער חשד, וואס האט זיך געהאט פאר. שטעקט אונטער א געדיכטער שווערקייט... קוקט ער ארויס פון דארט, שרעקט און רייצט זיך:

„טאניע איז נאך גאנץ שיין"...

נאר דא האט זיך געגעבן א קאלער-צו א קלאפעריי פון רעדער, פערדישע פאדקאוועס האבן האסטיק געשלאגן איבער פארעקשנטע שטיינער; די דראזשקע האט זיך אפגעשטעלט. אבראמעק איז אראפגעשפרונגען:

— און איך וועל זיך געזעגענען.

— וואס איילסטו זיך? — האט דוכאווין געפרעגט.

— ס'איז שוין נאך צען, איך דארף זיין אין קאזארמע... א גאנצן טאג...

עטינגער האט גארנישט געזאגט. ווי דאס וואלט אים געווען פארשטענדלעך. האט בשעת מעשה אלץ געטראכט פון דעם: „פונוואנען האט ער געהאט אזוי פיל זייף? הא?" האט זיך געזעגנט מיט אבראמעקן, זיך געלאזט פון אים א קוש טון און נאר געזאגט:

— קום אהיים אמאל, אבראשא!... מעגסט דאך קומען אהיים אמאל...

— כ'וועל קומען.

— און איר וועט מיטפארן? — האט בליומע געפרעגט.

— געוויס! — האט זיך דוכאווין געכאפט.

אבראמעק האט געווארט ביז זיי זענען אויפגעזעסן. ווען די דראזשקע האט גערירט האט ער נאכגערופן:

— א גוטע נאכט!

דעם גאנצן וועג האבן אלע דריי געשוויגן. עטינגער האט געהאט א געפיל, ווי מען וואלט אים אהיימגעפירט פון א שפיטאל. ער האט געאטעמט שווער און דערשראקן. בליומע איז געזעסן פארטראכט מיט איר חשד, וואס האט זיך מיט איר גערייצט און דוכאווין איז געווען צערודערט, ווי ער וואלט פארבלאנדזשעט אין דער פרעמד און קען נישט ארויסקומען פון דער פרעמדקייט; ער האט געהאט דאס געפיל, ווי ער וואלט אראפ פון זיין וועג און זעט כסדר, ווי דארט ליגט זיין וועג אוןווארט אויף אים.

די גאסן זענען געלעגן שטילע, אויסגערייניקטע. אויף די טרא-

טוארן האט מען באגעגנט איינציקע מענטשן ; נאר פון ערגעץ אן ארט, וואס מען האט עס נישט אנגעזעען, האט זיך געטראגן א געדיכט געלעכטער אויסגעמישט מיט הויכע קולות. בא א בעקעריי איז נאך געשטאנען אן „אטשערעד" און די מענטשן האבן שטיל געשמועסט צווישן זיך. ס'איז נישט געווען צו וויסן, צי דער „אטשערעד" ווארט נאך אדער — ער האט זיך שוין אוועקגעשטעלט, כדי באלד באגינען צו באקומען ברויט.

פון צייט צו צייט האבן זיי אנגעטראפן א פאטרול, וואס האט לאנגזאם געשפאנט מיט די ביקסן אויף די אקסלען. אין ליידיקייט איז איצט געשטאנען שטילע ווארעמקייט און געשמייכלט מיט טונקעלע אויגן. ווען זיי זענען צוגעקומען צום שטילן געסל, וואס פירט אראפ צום ים, אין וועלכן עטינגערס הויז איז געשטאנען — האט דער אלטער עטינגער אין זיך שטיל א ציטער געטון : אים איז ווידער אויסגעקומען, אז עפעס איז דא אנדערש געווארן, כאטש דאס געסל האט אויסגעזעען, פונקט ווי שטענדיק ; ס'איז געשטאנען שטיל פארטראכט אין זיך אריין ; פון די פענצטער האט עס וואו נישט וואו ארויסגעשיינט מיט פארזיכטיקע פלעמלעך.

— און פון וואנען האט איר זיך דערוואוסט ? — האט עטינגער זיך דערמאנט צו פרעגן.

א ? און ס'איז געווען, ווי בלימע וואלט א שווער טראכטן איבערגעריסן — פונוואנען ? פון טאניען... טאניע איז באלד באגינען געקומען צולויפן און דערציילט.

— טאניע ?

אזוי האט עטינגער איבערגעפרעגט. ס'איז געווען, ווי ער וואלט די פראגע נישט פארענדיקט.

— מיר זענען נאך געשלאפן, ווען טאניע איז אנגעקומען... באטאג, ווען מיר זענען ארומגעלאפן עפעס צו טון וועגן דעם, איז זי נאכאמאל געווען... דינה האט דערציילט.

מאדנע : איצט האט אין עטינגערן ווידער אמאל אויפגעוואכט דאס געשעענע. ער האט זיך איצט דערמאנט, ווי ער האט געטראפן אניאן אין קיך א צעטומלטע : איצט דערהערט איר געשריי :

„און די „באריניא" מעג ?"...

ס'איז געווען, ווי עס וואלט איצט אין אים אויפגעבליצט ; ער איז

בעוואָרן אומרויִק און דאָס האַרץ האָט זיך אים אײַנגעשרומפּן מיט ווייטיק און כּעס. דערפֿאַר האָט ער זיך נישט שטאַרק געאײַלט אַראָפּצוגיין פֿון דער דראָזשקע. געלאָסן איז ער אַראָפּגעגאַנגען, דוכאָווין האָט באַצאָלט, דערבײַ האָט עטינגער געטאַפּט אין די קעשענעס מיט אומרויִקע פֿינגער און זיך געשראָקן, טאָמער האָט ער נישט דעם שליסל צו דער טיר...

ער האָט אָבער דעם שליסל יאָ געפֿונען. פֿון איין פֿענצטער האָט זיך גע־לויכטן. ס'איז דאָס פֿענצטער פֿון שלאָף־צימער. טאַניע, זעט אויס, איז שוין געשלאָפֿן; מחמת אַלע פֿענצטער פֿון איר דירה האָבן געגלאַנצט מיט שוואַרצקייט; נאָר פֿון אַ ווײַטן צימער האָט געבלאַנדזשעט עפּעס אַ די־נע שײַן.

עטינגער איז געגאַנגען געלאָסן. דאָס טויער איז געשטאַנען צוגע־מאַכט, אָבער איז נאָך נישט געווען פֿאַרשלאָסן. זעט אויס: וואָסיל האָט אײַנגעדרימלט... ער האָט זיך אָנגעהאַלטן מיט ביידע הענט פֿאַר בליו־מעס און דוכאָווינס אָרעמס און ביידע האָבן נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס דאָס איז...

עטינגער האָט אויפֿגעשלאָסן די טיר. האָט געשלאָסן פֿאַרזיכטיק, מיט אָנגעשטרענגטקייט, און אַז די טיר איז שוין געווען אויפֿגעשלאָסן, האָט ער זיך אַ קלײַנע ווײַלע אָפּגערוט, דערנאָך זי געעפֿנט.

דעם קאָרידאָר האָבן זיי געטראָפֿן אַ פֿינצטערן, אַ פֿרעמדן. עפּעס אַזוי, ווי אין אים וואָלט זיך עמעצער נאָר וואָס דורכגעגנבֿעט. דוכאָווין האָט געגעבן אַ פֿאַרמאַך די טיר. דער קלאַפּ האָט אַ געשריי געטון אי־בערן קאָרידאָר.

— איר האָט אפֿשר שוועבעלעך? — האָט בליומע געפֿרעגט.

פֿון דאָרט, וווּ עס איז געווען דאָס שלאָפֿצימער, האָט זיך דער־טראָגן אַ גערויש, וואָס איז באַלד אויסגעגאַנגען.

דוכאָווין האָט דערווײַל געזוכט די שוועבעלעך אין קעשענע.

— ווער איז? ווער איז דאָרט? — האָט זיך דערהערט אַ דער־שראָקן פֿרעגן.

זיי האָבן געשוויגן, אַליין נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס זיי שווײַגן.

ס'האָט זיך דערהערט פֿון דאָרט אַ זיפֿץ. דערנאָך אַ געדיכט רעדן אין איין אָטעם און טריט — ווייכע טריט, וואָס האָבן מיטגעשלעפּט מיט זיך ווייכע שטעק־שיך.

דאס האט געדויערט א קורצע ווײַלע, נאר אויסגעקומען איז, אז דאס געדויערט זייער לאנג.

— ווער איז? ווער איז דארט? אניא?

„אהא... זי האט אניאן צוריק דא פארהאלטן“ — האט עטינגער א טראכט געטון.

— מיר... מיר... אייגענע... — האט בליומע אפגעענטפערט.

זיי האבן זיך געלאזט גיין טיפער אין קארידאר. דוכאווין האט דערווייל געפונען די שוועבעלעך און פון דארט, איז ווידער געקומען א בעדיכט דערשראקן שעפטשען. באלד האט זיך די טיר גענומען עפענען לאנגזאם און א שיין האט זיך גענומען אריינגיסן אין קארידאר אריין. דערנאך איז געקומען א האנט מיט א לאמפ.

די טיר האט זיך געעפנט. ליע האט ארויסגעלאזט א זיפץ; האט זיך לייכט א שאקל-געטון און דער לאמפ האט אין איר האנט א ציטער געטון. באלד איז זי געבליבן גלייך, פארשטיינערט און האט באקומען א צעעפנט מויל מיט גרויסע אויגן. זי איז געווען שטארק בלייך, און די שווארצע האר — צעווארפן. פון איר האט זיך געטראגן א מאדנער צעווארעמטער ריח. זי איז געשטאנען א האלב נאקעטע אין שטעקשיך. —

ערשט איצט האט מען דערהערט גיכע טריט פון אינעווייניק. די טיר, וואס פירט אין זאל אריין האט זיך דארט צוגעמאכט.

עטינגער איז געווארן גלייכער, העכער. בליומע מיט דוכאווינען זענען געבליבן, ווי אן פארשטאנד. זיי האבן זיך אביסל אפגערוקט; בליומע האט זיך איינגעקארטשעט.

מיט אמאל האט זיך עטינגער אפגעריסן פון זיין ארט; אנגענומען דעם לאמפ און אים ארויסגענומען פון ליעס האנט. ליע האט באוועגט מיט די ליפן, געוואלט עפעס זאגן, נאר אירע ווערטער האט מען נישט געהערט. עטינגער האט געגעבן אן-עפן די טיר פון קארידאר אין זאל אריין. א בלייכקייט האט דארט א שווינדל געטון, צוריק אריין אין שלאף-צימער.

— אזוי...

און איז צוריקגעגאנגען אין קארידאר; געגאנגען גלייך אויף ליען, וואס איז געשטאנען אין דער טיר פון שלאפצימער. ליע האט זיך אבער נישט גערירט.

— לאז!

עטינגער האט אזא געשריי געטון, אז אויך ליע האט ארויסגעלאזט א געשריי און זיך גענומען וואקלען. נאר באלד האט זי זיך געגעבן א גלייך אויס; פארביסן געזאגט:

— גייט אריין!

עטינגער איז אריין. געבליבן שטיין אינמיטן שלאפצימער און עס האט זיך אים פארדרייט דער קאפ. בלומע האט אין קארידאר פארמאכט די אויגן און געציטערט. דוכאווין האט געזען, ווי בורמאן אין די אונטערהויזן מיט עפעס זאכן אין האנט, איז דורך דעם קארידאר און אריין צו זיך אין צימער.

עטינגער האט אוועקגעשטעלט דעם לאמפ אין שלאפצימער און געווארן אינגאנצן רויק.

— קומט אריין, קינדער... קומט אריין... וואס שטייט איר אין קארידאר?

בלומע מיט דוכאווינען זענען אריין. געבליבן שטיין בא דער טיר מיט טרויעריקע פנימער. האבן געקוקט מיט צעטומלעניש, ווי ליע איז מיט שטייפע טריט צוגעגאנגען צו א שטול און זיך אוועקגעזעצט. געבליבן אזוי זיצן, ווי א פרעמדע.

עטינגער האט רויק, נאר א שטארק בלייכער, געקוקט אויף א שטול, אויף וועלכער עס איז געלעגן א שווארץ העמדל מיט א געלן פאסעק. האט ער עס גענומען אין האנט, באטראכט, מיטאמאל געווארן שטארק רויט; צוריק אוועקגעלייגט דאס העמדל, אויסגעצויגן א האנט צו ליען; זי אויסגעקירעוועט צו דער אפענער טיר:

— ארויס!

ס'איז געווען, ווי ליע וואלט נאר אויף דעם געווארט: זי האט זיך געגעבן א שטעל-אויף, שווארצס האט א בלאז געטון פון אירע אויגן. זי האט אים אפגעמאסטן מיט א ווילד-פרעמדן בליק; מיט חוזק און כעס, איר טריט געהאט פארהאלטן א ווילדע. פון עטינגערס פנים האט זיך געגעבן א גאס אויס דאס גאנצע בלוט. ער איז געווארן בלייך, טונקל-בלייך. מיטאמאל — ווי ער וואלט דערזען עפעס אזוינס, אויף וועלכן ער האט זיך נישט גערעכנט — האט ער ארויסגעלאזט א געשריי, ווי מען וואלט אים פון הינטן דערלאנגט א שטארקן זעץ איבערן קאפ: ער האט באקומען א פנים, ווי ער וואלט אינגאנצן משוגע געווארן; האט אויפגע-

פן די הענט אין פויסטן, ציטערנדיק מיטן גאנצן גוף. גאר דוכאווין האט זיך געשטעלט פאר אים:

— וואס ווילט איר טון?

ער האט אנגעהויבן שרייען, זיך פלאנטערן אין די רייד. דאס פנים האט זיך צוריק אנגעצונדן; ער האט געוואלט אפשטויסן דוכאווינען. בלומע האט אנגעהויבן רופן:

— פאפא... פאפא... בארויק זיך...

דא האט ליע זיך צעלאכט. קורץ, שארף, אפגעהאקט. האט גע־עפנט די טיר אין זאל אריין און ארויס מיט קלארע, שארפע, זיכערע טריט.

בלייכקייט האט זיך געגעבן א גאס איבער עטינגערס פנים:

— ס'איז מיר נישט גוט!

זיך געגעבן א כאפ מיט א האנט פארן הארץ. די אויגן זיינע האבן זיך געגעבן א שטעל־אפ. אויסגעצויגן די הענט און זיך אויסגע־גליטשט...

— — — — — — — — — — — — — — —

די דינסט, וואס איז דעם זעלבן טאג צוריקגעקומען נאך די זאכן און ליע האט איר איינגערעדט צוריק צו בלייבן — האט אין קיך דער־הערט דאס געשטיקטע געשריי פון בלומען:

— פאפא! פאפא!...

איז זי אריין מיט בארוועסע פיס און איין ווייסע געבליבן שטיין מיט גרויסע צעשראקענע אויגן: זי האט דערזען, ווי דער אלטער עטינגער ליגט אויף דער ערד און בלומע רייסט אים, שטייענדיק אויף די קניען; דוכאווין שטייט איינגעבויגן מיט א צעטומלט פנים. איז זי גלייך ארויס אויקענדיק צו זיך אליין:

— אוי באזשע! אוי באזשע!

איז באלד אריין מיט א קווארט וואסער און אנגעהויבן שפריצן אויפן אלטן.

דער אלטער האט ארויסגעלאזט א זיפץ, אנגעהויבן אטעמען. די שיקסע איז ווידער ארויס מיט דעם זעלבן אויקן:

— אוי באזשע! אוי באזשע!

אזוי אויקענדיק, איז זי מיט פלינקע, ווייכע טריט אראפ פון די טרעפ, געגומען קלאפן אין טיר צו טאניען:

— גיכער... האט רחמנות... גיכער... דער „בארין“ איז אוועק־געפאלן... גיכער... „אוי באושע טי מאָי“!...

ד ר י ט ע   ט י י ל

קאפיטל איינס.

אלץ איז געווען גרייט צום אפפאר: דינה האט איינגעפאקט די ביטיקע זאכן מיטצונעמען; דוכאווין האט געהאט צוגעגרייט די ביטיקע פאפירלעך: א באפעל צום ארטיקן „טשעקא" אים מיטצוהעלפן אין זיין ארבעט; א צייגניש פון צ. ק. פון דער פארטיי; א קאמאנדירונג און א פאר-שיין. נאר אויך דעם אנדערן טאג זענען זיי נישט אפגעפארן. זיי זענען געקומען אויפן וואקזאל און דארט האבן זיי זיך דערוואוסט, אז קיין צוג וועט דעם טאג נישט אפגיין: די ליניע איז פארנומען און קיין וואגאנען זענען אויך נישטא. מאדנע: נישט דוכאווין, נישט דינה זענען געווען דערפון איבערראשט און אנטוישט. זיי האבן זיך גארנישט געפרייט איבעריק נאכפרעגן — ווער ווייסט פארוואס. אין הארצן זענען זיי אפילו צופרידן געווען.

דוכאווין האט אויסגעהערט די דערקלערונג פון פארוואלטער איבער די באנען:

— ניין, חבר. היינט וועט קיין צוג נישט גיין אין דער ריכטונג.

— ווען דען?

— אויב אלץ וועט גיין אזוי, ווי איך האב אויסגערעכנט — איז מארגן ארום צוויי...

— מארגן צוויי?

— יא.

דעם גאנצן וועג, פארנדיק צוריק פון וואקזאל, האבן ביידע גע-

שוויגן און יעדער האט געטראכט פאר זיך. איין מאל נאר האט דוד אי-בערגעריסן דאס שווייגן:

— האסט, דאכט זיך, געזאגט, אז עטינגער איז קראנק? איז, וואס זשע איז אים?

— א! עטינגער? — ער האט געהאט אן אנפאל אויפן הארצן...

— און בליומע איז לעבן אים געבליבן?

— געוויס. זי קען אים דאך נישט איבערלאזן אליין... ער איז קראנק.

— און טאניע?

— טאניע איז אויך דארט...

מער האבן זיי שוין נישט גערעדט. אין דוכאווינען האט זיך, ווי-קעגן זיין ווילן, געחזרט:

— טאניע... טאניע...

פון ווען אן איז עס אזוי? נעכטן באנאכט איז טאניע ארויפגע-לאפן צו עטינגערן אין שטוב א צעשראקענע. זי איז אריין אין ווייסן נאכט פעניואר, די האר האבן זיך קוים געהאלטן אויף איר נאקן פאר-לייגט; אט-אט צעשיטן זיי זיך איבער די אקסלען... דאס פנים — איי-דעלער, טרויעריק פארחלומט. ער האט זי דערזען אזוי, ווי ער האט זי געזען אמאל, ווען ער האט איבער די נעכט געטראכט פון איר. א ריח האט זיך פון איר דערטראגן צו אים און זיך אין אים איינגעזאפט; איז דער ריח שוין געבליבן מיט אים און ער פילט אים איצט אין זיך. ער האט זי אויפסנייי דערזען אזוי קלאר, אז ער קען זי שוין נישט פארגעסן... זעט ער זי איצט און ס'איז צוריקגעקומען דאס טראכטן און דער ריח פון אמאל און ס'האט איצט אפגעטרעטן פון אים די פאר-ביסענע עקשנות, וואס ער האט מיט זיך געטראגן זייט דעמאלט, זינט ער האט זיך דערוואוסט פון דעם אומקום פון זיינע עלטערן און שוועס-טער.

דערפאר אפשר איז ער בסוד געווען צופרידן, וואס היינט גייט נישט אפ קיין צוג. אים איז אויסגעקומען, אז ער דארף נאך דא ווארטן. ס'איז געווען נישט צו פארשטיין, נאר מיט אלע גלידער האט ער גע-פילט, אז ער וועט זיך צונויפטרעפן מיט טאניען איצט. וואס זשע וועט זיין, אז זיי וועלן זיך צונויפטרעפן? וואס קען דען זיין?! אבער אנט-לויפן דארף ער דאך נישט...

פארנאכט האט ער לאנג שפאצירט אויפן בולוואר, איז געזעסן אויף א באנק און געקוקט מיט שטארק-געעפנטע אויגן, געקוקט אהין, וואו דער ים האט זיך געשווארצט און צונויפגעגאסן מיטן שווארצן האריזאנט. די כמארעס האבן זיך געטראגן און מיט זיך געשלעפט א גערויש פון אומרויקייט. דוכאווינס אויגן זענען געווארן זעענדיקער, קלארער — ער האט זיך צוגעהערט צום גערויש און אין הארץ איז אים געווען ענג. ער האט שטיל געאטעמט און נאך שטילער געקרעכצט אין זיך, נישט ארויס-ברענגענדיק קיין קול. ער האט געפילט, ווי דאס גאנצע פנים און אלע געדערן ציטערן און בענקען נאך טרערן, נאר די טרערן זענען געבליבן ערגעץ טיף אין אים און ווילן פון דארט נישט ארויסקומען. ס'האט אלץ געחזרט אין אים:

— טאניע... טאניע...

ווי א שטיק צייט וואלט זיך אפגעריסן פון אמאליקע צייטן און צו-ריקגעקומען היינט.

האט ער צוריק דערזען יענעם אוונט, ווען ער האט געטראפן בא איר לערנערן צום ערשטן מאל. נאך האט ער געדענקט: ווי זי האט געלאכט און געשטיפט מיט לערנערן אין צווייטן צימער. פון דעם אין עפעס אפגעלאשן געווארן אין אים; ס'איז צוריק אויפגעגאנגען פאר-ביסנקייט, וואס האט אים געבראכט צו דעם, ער זאל טיף אפציען דעם אטעם.

צומארגנס — האט זיך דוכאווין אויפגעכאפט מיט אזא געפיל, ווי ער וואלט צוריקגעקומען צו זיך אליין און דעם אמאליקן דוד געפונען. אין אים איז געווען נעפלדיקע קלארקייט און שטילער אומרו. ס'איז גע-ווען אזוי, ווי ער וואלט פון חלום ארויסגעקומען אן אפגעוואשענער, אן אויסגעלייטערטער. און אפשר איז עס גאר קיין חלום נישט געווען? דאס איז ער בלויז געלעגן מיט פארמאכטע אויגן און איבערגעטראכט אויפסניי דאס, וואס איז שוין געווען אין אים באהאלטן ווי אוועקגעקומענס: איצט איז עס צוריקגעקומען פון באהעלטעניש; אויסגעמעקט האבן זיך די זו-מערן און ווינטערן, וואס האבן זיך געהאט אנגעקליבן צווישן אים און יענער פארלאפענער צייט. איז ער צוריקגעקומען צו די גרענעצן פון יענע טעג, אין וועלכע טאניע איז, אומגעריכט פאר אים, געווארן א כלה פאר לערנערן.

ער האט א פאר מאל שווער באוועגט מיט די אויגן-דעקלעך:

א נידעריקער, קיילעכדיקער ייִנג געווען, אט דער לערנער. א פאר

קליינע אייגעלעך, וואס זענען אים געשטאנען ווי ארויסגעשטופטע. דער שרינט אויף זיין קאפ — ווי א דיק, ווייס שנירל, וואס מען האט עקסטרא איינגעקלעפט, א נארישער יינג. נאר וואס דען? א רייכער יינג... דעם רייכן לערנערס זינדל... האט ער געבראכט זיין געלט, האט מען פאר דעם פארגרעסערט דעם זאוואד, צו וועלכן ער איז געווארן א שותף... נישט קיין גאנצער שותף, אבער א שותף...

אט דאס איז עס אינגאנצן.

ס'איז א פארדראס: אט די טאניע, וואס האט געזונגען פארבענקטע רוסישע ראמאנסן; האט געהאט אזעלכע פארטראכטע בלויע אויגן... האט פלוצלינג באקומען אזא װאולגארן אויסדרוק אויפן פנים און האט חתונה געהאט מיט אט דעם נארישן יינג...

א שמייכל האט זיך געגעבן א קורטשע איבער זיינע ליפן:

איצט איז אויסגערונען דאס שמאלץ און ס'איז געבליבן בלויז גרוב... געבליבן א נאריש, צעשראקן ספעקולאנטל מיט א ווייכן, ווייסן גוידער אונטער דער גאמבע און מיט ווייכע הענט... און טאניע נעמט זיך גארנישט אזוי שטארק צום הארצן, וואס ער איז ארעסטירט...

האט זיך ווידער דערמאנט, ווי טאניע איז ארייגעקומען, ווען דער אלטער איז שוין געלעגן אין בעט און געשוויגן, אטעמענדיק טיף און רעגלמעסיק מיט שטילע, שטייענדיקע אויגן, ווי בא א פיש... דאס פנים איז איר געווען בלייך און צארט. אט אזוי האט זי אמאל אויסגעזעען, שטייענדיק מיט אים אין א פארנאכט באם ברעג ים: עס האט פלוצלינג גענומען דונערן און א שלאגס-רעגן האט א פלייץ-געטון... ער האט אויף איר ארויפגעווארפן זיין רעקל און זיי זענען געלאפן צו א פישער-שטיבל... סארא מאדנער ריח עס טראגט זיך פון דעמאלט. ער פילט אים אויפסניי... — פון פעניואר האבן ארויסגעקוקט אירע באקעטע הענט... פולע, ליכטיקע הענט... ווי קלארע שוואנען-העלזער האבן זיי געשוויגן... אז זי האט אים דערזעען אין צימער, האט זי אזא לאנגן קוק געטון אויף אים, איר פנים איז פארענדערט געווארן... זי האט גלייך צוגענומען די אויגן פון אים.

— וואס איז געשען? הא? בלומע! וואס האט פאסירט?

אזוי האט זי געפרעגט. מאדנע צערודערונג איז געווען אין איר קול... פון אט דעם קול האט בא דוכאווינען גענומען העפטיקער שלאגן דאס הארץ און אין קאפ האט זיך א מיש געטון... איין מיש... ס'איז

נאך גוט, וואס זי האט בא אים גארנישט געפרעגט. ער וואלט נישט געווען געענטפערט: אין האלז האט עס אים צוזאמענגעצויגן.

דוכאווין איז אזוי געלעגן מיט אפענע אויגן און שוין נישט געדענקט, אז ער דארף היינט אפפארן. אין אים איז מיטאמאל אויפגעשטאנען אן עקשנות איינגאנצן נישט צו טראכטן פון טאניען און דאך האט ער געדענקט:

נאך איידער בלומע האט באוויזן עפעס צו ענטפערן, האט זי ווידער אויפגעהויבן די אויגן אויף אים און שוין נישט געווארט צו הערן אן ענטפער פון בלומען, ווי זי וואלט פארגעסן, אז זי האט עפעס בא איר געפרעגט:

— און איר, דוד, איר זענט געקומען מיטן טאטן און בלומען?

ער האט צוגעשאקלט מיטן קאפ אויף יא... דאס הארץ האט נאך אלץ אזוי געקלאפט.

„וואס-זשע איז פלוצלינג געשען אזוינס, וואס דאס הארץ איז אים אזוי אומרויק געווארן?"

לסוף האט ער זיך האסטיק אויפגעזעצט, איילנדיק זיך גענומען אנטון... נאר ווען ער איז שוין געשטאנען אנגעטון, האט ער זיך מיט רויק-שטייענדיקע אויגן פארקוקט אין שויב פון פענצטער: וואונדער און שרעק איז געווען אויף זיין פנים.

ער האט פארדרייבערט. א פאר מאל שטארק פארצויגן און אין איין אטעם געלאזט דעם רויך פון ביידע נאז-לעכער, קוקנדיק אלץ אין שויב. אין צימער איז געווען פרימארגנדיק שטיל. די ווענט זענען געשטאנען אזוי פרעמד, פרעמד-היימיש, ווי זיי וואלטן מיט אים מיטגעטראכט. פון די ווינקלען האבן געקוקט פארהוילענע, צעשראקענע אויגן און די שויבן פון פענצטער, האבן געקוקט צו אים מיט דער שטילער שרעק, וואס איז געווען אין זיינע אויגן. ווארים: אונטער די שויבן איז געשטאנען גרויער, מאטער טאג. און אט אזוי שטייענדיק און בלאזנדיק די שטראמלעך רויך דורך די נאז-לעכער, האט ער ווידער דערזעען זיין חלום, וואס איז אפשר גאר קיין חלום נישט געווען, און א וואונדער: לעבן לערנערן שטייט טאניע, נאר אינן איז זי, בלומע... אט שטרעקט צו אים בלומע אירע ווייסע, ליכטיקע הענט, געבויגן, ווי שוואנען-העלזער, און די הענט זענען טאניעס...

מיטאמאל האט ער דערפילט, ווי עפעס האט זיך אין אים איבערגעגאסן: אט אזוי, ווי א פרישער שטראם וואלט אנגעלאפן און אלץ

אראפגעפלייצט : ער האט דערזעען קלאר בליומעס אויגן ; זיי האבן געלויכטן מיט גאלד ; הארציק געבעט, טיפע ליבשאפט האט געקוקט פון זיי. ס'איז געווען, ווי ער וואלט זי איצט דערזעען מיט איין מאל אין א סך טעג.. וואס פאר א טרויער און א פרייד עס קוקט פון אירע ברוינע אויגן ; ווי גראציעז זי האט זיך אויסגעבויגן :ביידע צעפ האבן זיך אראפגעגליטשט פון די אקסלען און געבליבן שמייכלענדיק הענגען...

אט האט זי געגעבן א הייב אויף דעם קאפ, א טרייסל מיט דער האנט, מיט דער צווייטער, און די צעפ זענען צוריקגעקומען אויף דער גלייכער, יינגער פלייצע : אט האט זי זיך א לייכטן ריר געטון און די פאלדן פון איר ברוינעם, עטוואס קורצערן קלייד, האבן זיך א יאג געטון מיט געלעכטער ארום איר און ארויסגעיאגט א שטילן שארך... וואס פאר א ליכטיקייט עס האט אויפגעהעלט אין אירע אויגן, ווען ער האט זי אונטער דער האנט גענומען : ווי עס זינגען אירע טריט, וואס גיסן זיך צונויף מיט זיינע...

ס'איז געווען, ווי די אלע ליכטיקע פעדעם, וואס ציען זיך פון פארשידענע טעג, זענען זיך צוזאמענגעקומען, זיך אלע באהעפט און פון זיך ארויסגעשלאגן א זינגענדיקע פרייד, וואס האט זיין הארץ פארגאסן. ער האט טיף דעם אטעם אפגעצויגן...

האט ער שוין מער נישט געקענט איינשטיין : די פרייד האט געהאט אראפגעפלייצט דאס פריערדיקע טראכטן : האט ער אנגעהויבן שפאנען הין און צוריק איבערן צימער... ער האט איצט פארגעסן אין דעם, וואס האט אין אים כסדר געגרוט און כסדר געמאנט... א פויגל האט זיך צעפישטשעט אונטערן פענצטער אין אויף זיינע ליפן האט ארויסגעבליט א טאן פון אן אמאליק בענקענדיק ליד... האט ער געשפאנט א בארויקטער, א דערלייזטער, צוזאמען מיט דער שטילער פרייד און געזונגען ערנסט און באהארצט. ס'איז אים געווען גוט פון דעם געזאנג ; אלע גלידער האבן געזונגען. דאס צימער איז געווען העכער, ליכטיקער...

ער האט איבערגעריסן דאס געזאנג ; די טיר האט זיך געעפנט און דינה האט איבערגעצורעטן די שוועל מיט וואונדער אויפן פנים און מיט אויסגעשטעלטע אויגן. מיטאמאל האט די פרייד געגעבן א זאפ איין : אט אזוי, ווי א טראפן וואסער זינקט איין אין טיפן זאמד ; ער האט זיך צוריק דערמאנט, אז ער דארף פארן... דער צער, וואס האט כסדר אין אים געגרוט, איז צוריקגעקומען.

— מיר פארן היינט, דודי?

ס'איז נישט געווען קיין דערשטוינונג אין דינהס שטים און נישט קיין בייזקייט.

— דער צוג גייט היינט?

דער וואונדער פון דינהס פנים איז אוועק. צוריק איז געווען: בלייכקייט, פארטראכטקייט און אין די אויגן — מאדנע קלארקייט. ווי זי וואלט זיך איינמאל פארקוקט אויף עפעס און זי זעט עס שוין כסדר.

— איך ווייס נישט... מסתם... אויב אבער דער צוג גייט — איז וואס זשע זיצן מיר אוןווארטן? עס איז דאך שוין נישט פריי?

— אזוי שפעט איז

— שוין עלף! און דער צוג דארף גיין צוויי... שוין נישט אזוי לאנג...

דוכאווין איז צוריק געווארן פארעקשנט. דאס פנים — ארייגעפאלענער און דער טרויער האט שוין געקוקט פון זיינע אויגן.

— הער־זשע, דינה: דו פאר צו צום וואקזאל און דערוויס זיך, צי דער צוג גייט טאקע... איך וועל נאך ארייינלויפן אין „פארקאם"... איך דארף נאך עפעס דערליידיקן.

דינה איז אויך געווארן ערנסטער, רירעוודיקער:

— גיי איך... דו קום באלד צוריק... טאמער יא — וועלן מיר דארפן גלייך פארן צום וואקזאל.

— גוט... גוט...

דינה איז גלייך ארויס. דוכאווין האט איילנדיק זיך גענומען צוקעמען די האר. אינמיטן קעמען — האט ער זיך דערמאנט, אז ער האט זיך נאך נישט געוואשן. האט ער צוריק אוועקגעלייגט דאס קעמל אויפן טיש, האט זיך מיט גיכע טריט דערנענטערט צום וואש־טיש, וואס איז געשטאנען אין ווינקל נישט ווייט פון טיר; האט פון קרוג אנגעגאסן וואסער און זיך גענומען וואשן. ער האט עס געטון מיט אימפעט, איילנדיק, ווי ער וואלט מורא געהאט, אז ער זאל נישט פארשפעטיקן. ער האט איצט שוין נישט געדענקט נישט די פרייד און נישט דאס געזאנג; פארביסענער ערנסט האט אין אים געזופן און געמאנט. ער האט געדענקט, אז דארט אין שטעטל זענען פארהאן דעם דירעקטארס זיגל און דער לערער, דער

פאליאק. האט ער שוין געהאט פארקלעמט די ציין, אנגעצויגענע מוסקולן אויף די קינבאקן, און האריק האט זיך געקנוילט ווייטיק.

ווען ער איז שוין געווען אפגעוואשן, צוגעקעמט, אנגעטון און גרייט צו גיין, האט זיך דערהערט א קלאפ אין טיר.

אריין!

ער האט עס נישט געזאגט, נאר אויפגעשריגן מיט בייזער. דערפאר איז דארט שטיל געווארן. באלד האט זיך ווידער דערהערט א פארזיכטיק אנקלאפן.

— ביטע! — האט ער שוין ווייכער געזאגט.

די טיר האט זיך געעפנט לאנגזאם, פארזיכטיק. ווען זי האט זיך אינגאנצן אויפגעעפנט, האט דוכאווין זיך געגעבן א גלייך אויס. טאניע האט פארשעמט די שוועל איבערגעטרעטן, געבליבן שטיין בא דער טיר אין פארלעגנהייט, ווארים דוד האט געהאלטן דאס היטל אין האנט גרייט צום אוועקגיין.

— א! טאניע.

אויף א ווייל צעטומלט געווארן. האט צוריק אוועקגעלייגט דאס היטל:

— וואס-זשע זענט איר שטיין געבליבן?

— איר ווילט, דאכט זיך, אוועקגיין?

ער האט ארויסגערוקט פאר איר א שטול:

— ניין... ס'הייסט איך האב געוואלט אוועקגיין... אבער איך אייל זיך נישט. זיצט...

זי איז געשטאנען אויסגעשטרעקט, שטיל. געווען גרייט זיך אויס-צודרייען און צוריק ארויסגיין. דאס בלוי-זיידענע מאנטל איז געווען צע-שפיליעט, און דאס לאנגע, שווארצע קלייד האט זי געמאכט העכער, קלארער. דער האלז — א הויכער, לויטערער, פולער. די האר — אן א הוט, — זענען געווען אזוי מיידליש פארקעמט מיט א שרינט אינמיטן דוכאווין איז געווען צעשראקן, צעוואונדערט.

— זעצט אייך, טאניע

זי האט זיך געזעצט:

— כ'בין נישט געווען זיכער, אז איך וועל אייך טרעפן.

— וואס? — ווי ער וואלט נישט געהערט.

— נעכטן האב איך נישט געקאנט קומען. איך האב נישט געקאנט

אוועקגיין פון שטוב. דער טאטע איז ערנסט קראנק... די פאסירונג האט אים שטארק צעבראכן. איך האב אייך זייער געוואלט זען...

ס'איז אויסגעקומען, אז זי האט די פראזע נישט פארענדיקט.

— דער טאטע איז גאך קראנק?

— יא. געהאט גענומען א דאקטאר... ער האט אים באזוכט, נאר אונז האט ער געזאגט: דאס הארץ איז אים שטארק אנגעגריפן... מען דארף אויף אים אכטונג געבן... איז היינט בלומע מיט אים, און איך בין געקומען...

ס'איז געווען אזוי, אז זי האט ווידער נישט געקענט דערזאגן דאס, וואס זי האט געוואלט זאגן... האט זי מיט אמאל אויסגעהויבן אויף אים פארחלומטע, בלויע אויגן, ווי זי וואלט געוואלט אויספארשן זיין פנים. ער האט געווארט, מיט עפעס א געזונקענעם קאפ... דערנאך האט זי געזאגט:

— נו, און ס'איז שוין גאר קיין האפנונג נישטא?

דוכאווין האט זיך אנגעקוקט מיט וואונדער.

— קען מען טאקע לערנערן נישט באפרייען

— א... לערנערן... לערנערן...

דוכאווין האט א פאר מאל איבערגעחזרט דעם נאמען און האט געפילט, אז דאס פנים ווערט אים הייסער. ערשט איצט איז אים קלאר געווען, אז ער האט געוואלט לערנער זאל בלייבן זיצן... ער האט אפגעשוויגן א ווײַלע; טרויער איז געווען אויף זיין פנים, און ער האט זיך איצט דערמאנט:

— „נו, ווענן אלטן... ווי ווענן אלטן... נאר ווענן לערנערן „טאווארישטש", איז שוין עפעס אנדערש..."

אזוי האט געזאגט דער סלעדאוואטעל פון „טשעקא" און דוכאווין האט מיט באהאלטענער עקשנות אונטערגעכאפט:

— איך פארשטיי... ווענן לערנערן מוז מען פירן אן אויספארשונג?

— געוויס... מ'האט געפונען א סך סחורה... ס'שמעקט מיט ספעקולאנט...

בלומע האט געגעבן א שטעל-אויס די אויגן אויף אים. דוכאווין האט עס נישט געזען, נאר ער האט דערפילט, ווי איר בליק האט אנגעשפארט אין זיין פנים; האט ער זיך שוין געוואלט פארבאפן:

— קאן מען דאך אים דערווייל באפרייען, ביז די אויספארשונג וועט זיך ענדיקן?

— ניין, חבר... איר ווייסט דאך, אז מיר באפרייען נישט אויף דערווייל... עס וועט לאנג נישט נעמען... אויב דאס איז אזוי, ווי איר זאגט, אז דאס איז צופעליק געבליבן בא אים די סחורה... איך צווייפל נישט, אז דאס איז ריכטיק...

אים איז גוט געווען פון דעם, וואס דער סלעדאוואטעל עקשנט זיך.

— וועט די אויספארשונג נישט לאנג געדויערן!

— איך רעכן... איך וועל צואיילן...

— איז וואס זשע זאגט איר, דוד? — האט טאניע איבערגעריסן דאס שווייגן.

דוכאווין האט געשפאנט הין און צוריק און געפילט, אז טאניעס בליקן באגלייטן אים:

— ווייס איך... איך האב געפרווט... אבער וואס קאן איך טון? אז מען האט געפונען בא אים אזוי פיל זייף? איז וואס? ער האט גאר קיין מורא נישט געהאט? ער האט געמיינט, ס'איז א שפילעכל? ס'איז מיר אויך נישט שטארק באקוועם צו ווערן א שתדלן פאר... איר פארשטייט דאך אליין: ער איז דאך נישט קיין קראַלעקטאריער... און א באפעל איז געווען: אפגעבן אויף „אוטשאט". און דא — גאנצע צוועלף פוד, אפשר מער גאר...

טאניע האט אפגעזיפצט:

— איך האב זיך אבער געבעטן: איך דארף נישט קיין זייף... זאל זיין, וואס עס וויל זיך! וואס טוען אנדערע, וואס האבן נישט קיין זייף־זאווידן? אבער וואס זאל איך טון? קוין אזא מענטש איז ער: ער האט נישט גערוט... ער האט גאר מורא געהאט, עס זאל נישט אויסקו־מען צו הונגערן...

דוכאווין האט זיך אפגעשטעלט:

— קען מען דעם תירוץ זאגן אין טשעקא?

האט לייכט געשמייכלט און אויסגעלאזט:

— קיין סכנה איז דא נישטא... מען וועט אים ארויסלאזן... סוף כל סוף איז עס דאך נישט מער, ווי נישט אויסגעפירט א באפעל... ער האט דאך נישט געהאנדלט מיט דעם. ער האט דאך געהאט א זאוואד, נו, איז בא אים געבליבן א ביסל סחורה... קיין דירעקטע ספעקולאציע איז

עס דאך נישט... איך האב עס־דערקלערט... קיין געפאר איז נישטא.

דא האט טאניע צוגענומען פון אים די אויגן. שטילע, טיפע זארג האט פון איר א בלאז געטון. זי האט אפגעצויגן דעם אטעם, האט אראפ־געלאזט דאס מאנטל פון די רונדע אקסלען, גענומען רעדן מיט צער און זארג, ווי צו זיך אליין:

— אז יעבער איז געבוירן און דערצויגן געווארן בא „מעשטשאנ־סקע" לייט... אז מער ווי פארמעגן און געלט, געלט און פארמעגן האט מען קיינמאל נישט אין זינען געהאט... אז מען דערהערט: באלשעוויקעס נייען — איז הימל און ערד און זייף... נו, האט ער באהאלטן א ביסל... וואס־זשע האב איך געקענט טון? כ'האב זיך געבעטן: כ'וועל בעסער הונגערן... צו וואס זיך אנהייבן? נו, וועט ער מיך הערן? אז דער עיקר איז גאר זייף...

דוכאווין האט געקניטשט דעם שטערן. אין אירע ווערטער איז געווען אזא קלארס און נישט פארשטענדלעכס. ס'איז אויסגעקומען, אז זי קלאגט זיך אויף איר גורל, און צו דער זעלבער צייט פארענפערט זי אים. זי האט אויסגעלאזט מיט א זיפץ:

— וואס־זשע זאל איך טון? ער איז דאך מיין מאן.

דוד האט נישט פארשטאנען, וואס זי מיינט מיט דעם, נאר ער האט געזען, אז איר פנים איז פארזארגט און ס'האט אים אנגענומען א רחמנות־ווארעמקייט האט זיך צעגאסן אין אים.

דא האט זי זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאנגען צו אים, מיט טרויער געזאגט:

— דוד... מיר איז זייער נישט גוט.

זי האט עס ארויסגערעדט אזוי איבטים, מיט אזוי פיל צוטרוי, אז דוד'ס פנים איז געווארן געקנייטשט און ער האט געקוקט אויף איר מיט יסורים.

— מען מאכט איינמאל א טעות און — — —

זי האט אפגעקערט דאס פנים פון אים. דוד האט געפילט, ווי דאס הארץ גייט אים אויס פון מיטגעפיל:

— טאניע... אייך איז שלעכט? הא?

זי האט צוריק אויסגעקערט צו אים איר פנים. קרענקלעכער שמייכל האט ארויסגעקוקט פון אירע בלויע אויגן. זי האט זיך צוריקגע־זעצט:

— אז מען איז אזוי נאריש דערצויגן געווארן... מען האט נישט

געקענט פארשטיין דאס אייגענע הארץ... באר געלט, און געלט... צירונג און קליידער... אלע חברטעס האבן אין זין רייכקייט און שיינע קליידער... נו, און אז מען כאפט זיך דערנאך אין וואס? וואס קען עס שוין העלפן? קען מען פארריכטן פעלערן? הא? דוד...

זי האט געקוקט אויף אים מיט אזעלכע ווארעמע אויגן. דוד האט געפילט ווייטיק אין הארצן. מיטאמאל האט ער זיך דערשראקן פאר אייגענעם געפיל; די פרייד, וואס האט מיט א שעה פריער געהאט אויפ־געזונגען אין אים, האט איצט ווילד דורכגעשריגן דורך אים: ער האט זיך דערמאנט אן בלומען, האט זיך פארשעמט... די פרייד פון בלי־מען איז געווען אין זיין הארץ, האט אים פון דארט אנגעקוקט מיט פארוואורף.

— איז מילא... איך וועל זיך פרווון...

— הא? — האט זי איבערגעפרעגט.

ער האט זיך אנגעכאפט אן א זיכערקייט:

— געוויס... איך וועל אים ארויסנעמען... זיכער טאניע...

אין טאניעס פנים האט זיך עפעס אויסגעלאשן; צוריק איז געווען שטאלצער ערנסט:

— מיר זענען דאך אייגענע... איר דארפט עס טון.

— איך וועל אלץ טון.

— איך דאנק אייך.

זי האט זיך אויפגעשטעלט. דוד האט זיך דערשראקן פאר דער שארפקייט פון זיינע אייגענע רייד. ער האט ווידער דערפילט דעם ריח פון פארגאנגענע צייטן, צוריק באקומען ווייכקייט אויפן פנים:

— וואס איילט איר זיך? איך בין נישט פארנומען. און דער אל־טער איז טאקע ערנסט קראנק?

ער האט גערעדט צעררודערט. אין אים האט עס געשריגן און זיך צעווערט. באר די ווייכקייט און צוגעלאזנקייט האט זיך געשפירט דער ריח פון אמאל און איז געווען קעגן זיין ווילן. טאניעס אויגן זענען גרינטער געווארן, דאס פנים — ליכטיקער. זי האט זיך צוריק געזעצט, קוקנדיק אין פענצטער.

— ס'וועט דויערן נאך רעגענען — האט זי פלוצלינג א זאג גע־טון — איר געדענקט דוד, ווי א רעגן האט אונז אמאל פארכאפט באם ברעג ים?

ס'האט א טמעיק געטון מיט דעם רעגן. ער האט דערזעען דעם וואמדיקן ברעג, וואס איז געלעגן שטיל, יום־טובדיק. פלוצלינג — א דונער האט זיך דורכגעקייקלט. די וואסערן האבן א קוק געטון שווארץ, אנגעכמורעט. — ס'האט שטארק א שלאג געטון דער רעגן. ער האט ארויפגעווארפן דאס רעקל אויף איר... זי ארומגענומען דערביי... האט געהערט ווי דאס הארץ קלאפט און נישט געוואוסט, וועמעס הארץ — זיינס צי טאניעס...

— צי איך געדענק?

טאניע האט גענומען דערציילן, ווי דאס איז געווען. דוד האט אויסגעהערט, געשמייכלט. אין אים האט עס געשריגן, זיך געווערט. ער האט געהערט דאס געשריי און דאך געשמייכלט; טאניעס פנים איז געווען ליכטיקער. ס'האט אויסגעזעען, אז זי איז געקומען אהער נאר צוליב דעם, כדי אים צו דערמאנען דאס, וואס איז געווען שוין אזוי לאנג. זי האט פלוצלינג א זאג געטון:

— און דוד איז דער זעלבער דוד נאך... און די האר זענען נאך בא אים אזוי געדיכט און ווייך ווי אמאל...

ער האט דערפילט, ווי אירע פינגער גליטשן זיך דורך זיינע האר; בלייכער וואלקן גלעט זיין קאפ... דא האט עס אין אים שוין אזוי אויפגעשריגן, אז דער שמייכל איז אפגעווישט געווארן פון זיין פנים. ער האט אויסגעגלייכט דעם קאפ.

טאניע האט אפגעזיפצט:

— נישטא מער יענע צייטן... א שאד...

דוד איז געווארן אנגעבלאזן. דערפאר האט זיך טאניע אויפגעשטעלט:

— איך מוז דאך גיין... דאס קינד געלאזט באם טאטן אין שטוב... איך האב דאך א זון...

נאר דוד האט שוין נישט געשמייכלט. ער האט זיך אויך אויפגעשטעלט:

— איך דארף אפילו אוועקפארן... נאר, אדער איך וועל נאך היינט זען דעם סלעדאוואטעל, אדער איך וועל אים ארויסרופן דורכן טעלעפאן. טאניע האט מיט וואונדער א קוק געטון אויף אים. זי האט אים עפעס געוואלט זאגן, און דערזען — האט געווארט מיט שרעק: ער האט מורא געהאט פאר זיך אליין... אבער דא — ער האט זיך דערפרייט — דינה איז אריינגעלאפן צעשטורעמט:

— און טאניע! ... הער אויס, דוד: דער צוג גייט... האלב דריי
גייט ער. ס'איז שוין נאך צוועלף... נישט געשטאנען! ...

טאניע איז גאר צערודערט געווארן. דוקאַווין האט פרייער אפ-
געאטעמט:

— איך זאג אייך צו, טאניע... אז רוף איך אים באלד ארויס...
לערנער וועט פריי זיין... איך וועל אלץ טון...

— איך דאנק אייך.

דינה האט זיך אפגערופן:

— וואס-זשע? לערנער איז נאך אלץ נישט פריי? אוי, טאניעטש-
קא! איך בין אזוי צעטראגן! איך אייל זיך... וואס-זשע טוט דער
פעטער? און וואס טוט דארט בליומעטשקע? א־

טאניא איז געווען צערודערט:

— דער פעטער... ער איז קראנק...

— וואס איז דארט געווען? הא? טאניעטשקא? קום, קום אריין
אין מיין צימער... איך וועל דארט צונויפנעמען די זאכן און דו —
וועסט מיר דערווייל דערציילן... קום...

— — — — — — — — — — — — —

אז טאניע איז ארויס מיט דינהן, איז דוד א ווײַלע געבליבן צע-
מישט; ער האט זיך דערפילט אזוי, ווי ער וואלט געהאט אפגעטון א
פארברעכן: ער וואלט איצט נישט געקאנט קוקן בליומען אין די אויגן
אריין.

ער האט מיט ביידע הענט ארומגענומען זיין קאפ, אזוי געשטאנען
א ווײַלע, באלד זיך געכאפט: איך דארף דאך פארן! ס'איז געווען אזוי,
ווי דאס פארן וואלט פאר אים געווען אן אויסלייזונג.

ער האט אנגעטון דאס היטל, געכאפט דאס מאנטל, ארויס אין קא-
רידאר און ארייַנגעשריגן צו דינהן, אין איר צימער:

— נעם א דראזשקע... פאר פארביי דעם „פארקאם"... איך וועל
דארט זיין...

ווי ער וואלט מורא געהאט, טאניע זאל נישט ארויסגיין — האט
ער אויסגערופן אין דער אפענער טיר, שטייענדיק:

— זייט געזונט, טאניע!

און מיט גיכע טריט אוועק איבערן קארידאר.

קאפּיטל צוויי.

אויף דער דראזשקע איז דוכאווין געזעסן מיט אזא צערודערט פּנים און אויסגעשטעלטע אויגן, ווי ער וואלט זיך געאיילט ערגעץ צו אנטלויפן; האט אלע ווײַלע איבערגעחזרט צום דראזשקאזש:

— שנעלער. שנעלער.

איז געזעסן אזוי אומרויק, ווי ער וואלט גרייט געווען יעדע מינוט אראפּצושפּרינגען און לויפן פאררויס.

— מיר וועלן נישט פארשפּעטיקן — האט דינה געזאגט.

— ס'איז דאך שוין באלד צוויי?

— דער צוג וועט אפּגיין האלב דריי. אזוי האט מען מיר געזאגט אויפן וואקזאל.

ביידע זענען געזעסן שטיל.

דערנאך האט זיך דינה דערמאנט:

— יא, וועגן לערנערן האסטו גערעדט?

— וועגן לערנערן? — יא... איך האב גערעדט מיטן סלעדאוואטעל... ער האט צוגעזאגט...

— אים ארויסצולאזן? זייער גוט: ס'איז א רחמנות אויף טאניען... זי איז געווען אזוי דערשלאגן... זיך געקלאגט אויף איר עלנדקייט... ווייסט דאך: דער אלטער איז דאך געבליבן אליין. זי איז דאך אוועק מיט דעם הער בורמאן.

— אוועק, זאגסטו? וואו איז זי אוועק?

— יא, טאניע האט מיר דערציילט: זי איז אוועק מיטן פּארוואלטער... זיי זענען אין שטאט... וואוינען צוזאמען... עטינגער איז געבליבן איינער אליין און איז קראנק. זי האט פארנומען אלץ, וואס זי האט געקענט און איז אוועק. טאניע אליין קען זיך אויך קיין עצה נישט געבן; זי האט א קליין קינד. זי איז געווען אזוי דערשלאגן. איז וואס זשע האט דער סלעדאוואטעל געזאגט? ווער איז עס? — יעפּימאָוו?

— יענקעמאַזל.

— ער איז צו שטרענג.

— ער איז אַ פאַראַנטוואָרטלעכער פּאַרטיי־טוער.

— איז וואָס־זשע האָט ער געזאָגט?

— ער וועט זיך באַמיען... ער האָט מיר כמעט צוגעזאָגט אויף זיכער.

די דראָזשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט. ביידע האָבן פאַרגעסן, וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט. דודן איז נאָר געבליבן: „זי האָט זיך געקלאָגט אויף איר עלנדקייט". האָט עס מיט עקשנות גישט געוואָלט פאַרגעסן, נאָר די פראַזע איז אים געבליבן פאַרשטעקט אין די אויערן.

אויפן וואָקזאַל איז געווען שטיל און טומלדיק, ווי מ'וואָלט זיך געגרייט בגניבה אַנטרונען צו ווערן. די ווענט האָבן שטאַרק געשמאַנט און די סטעליע האָט פון דער הייך אַראָפּגעקוקט מיט פרעמדקייט. די קאַסע איז געשטאַנען אַ פאַרמאַכטע; האָט אויסגעזען, ווי אַ פאַרשלאָגן פענצטער פון אַ פאַרלאָזן הויז. די באַגאַזש־אָפּטיילונג איז געשטאַנען פּוסט, בלינד. קאָנדוקטאָרן האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט ליידיקע, געלאָשענע טריט און מרה־שחורהדיקע פּנימער. שטיל אויפגעלייגטע יינגען מיט רענצאַל־ווערן באַ די זייטן, האָבן געשפּאַנט אין שטאַרקע שטיוול, קלינגענדיק האַסטיק מיט די שפּאָרן.

דער צוג איז שוין געשטאַנען גרייט צום אָפּגיין: דער לאָקאָמאָטיוו האָט שווער געאָטעמט, געשפּיגן מיט שטיקער שוואַרצן רויך, שטיק נאָך שטיק האָט דער קוימען געשיקט אין ליידיקייט אַריין; האָט זיך קנויל נאָך קנויל געיאָגט, איינע די צווייטע האָט געטריבן מיט אימפּעט, נאָר איידער די צווייטע האָט די ערשטע דערגרייכט, איז די ערשטע שוין געווען צעגאַסן — ווי אַ נעפּל זיך געשפּרייט; באַ די רעדער האָט עס געזאָטן, געשריגן ווי פּעטס וואָלט זיך אויפן פייער צעלאָזט; די רויטע פראַכט־וואַגאָנען זענען געשטאַנען רויקע, שטילע, מיט האַלב־אָפּגערוקטע טירן. זעלנער מיט ביקסן האָבן זיך אַרומגעדרייט פאַר די וואַגאָנעס, ווי זיי וואָלטן האָב און גוטס געהיטן.

אויף דער פּלאַטפאָרמע האָט דודאָווין באַגעגנט דעם סטאַנציע־פאָרוואַלטער. יענער האָט עטוואָס אָנגעבריוון דעם קאָפּ, זיך איינגעהערט מיט גרינגשעצונג. דודאָווין האָט אים אונטערגעטראָגן אַ פּאַפּירל צו די אויגן, האָט ער נאָר איין קוק געטון, זיך געגעבן אַ גלייך אויס, זיך אומגעדרייט צו אים:

— אך, ביטע „טאווארישטש!" אט דא איז דער וואגאן... אט דער דריטער־קלאס־וואגאן.

צווישן די רויטע וואגאנעס איז יהוסדיק געשטאנען דער טונקל־גרינער וואגאן מיט קלארע פענצטער; ער איז געשטאנען, ווי דאס וויכטיקסטע, צוליב וועלכן דער גאנצער צוג איז צונויפגעשטעלט געווארן; ווי די איבעריקע וואגאנעס וואלטן געהאט די איינציקע אויפגאבע אים צו פארשטעלן פון ביידע זייטן.

דער זעלנער מיט דער ביקס, וואס האט געהיט די טרעפלעך פון דעם וואגאן, האט זיך עפעס אפגערוקט, זעענדיק, ווי דער סטאנציע־פארוואלטער אליין פירט זי צו אהער. ער האט דרך־ארצדיק געקוקט אויף דוכאווינס שטרענג פארביסן פנים, באמערקט די געלע שטיוול און גלייך געענטפערט:

— יא, חבר! פאר קאמאנדירטע!

נאר דא איז א שטיקל רעש געווארן בא איינעם פון די וואגאנעס. דוכאווין האט אויסגעדרייט דעם קאפ און געזען: איינער, א רויט־ארמעער שרייט, בייזערט זיך און שלעפט א פרוי באם ארבל. די פרוי שטייט אין דער טיר פון וואגאן, בעט זיך, אטעמט שווער און צעשראקן און אט — דער רויט־ארמעער כאפט זי פעסט בא דער האנט, טוט זי א שלעפ און זי איז ארויס פון וואגאן מיט א געשריי, פאלנדיק אויף א קני.

דוכאווין האט נישט פארשטאנען, וואס עס האט אין אים אזוי א ציטער געטון. ער האט די וואליזע געלאזט שטיין פאר די טרעפלעך פון זיין וואגאן און געזאגט צום זעלנער:

— כ'קום באלד צו.

— גוט, חבר.

און מיט שטייפע טריט צוגעגאנגען צום וואגאן, וואו עס האט געריזלט א שטיל געשריי. האט זיך אפגעשטעלט און געזען: א יונגע יידישע פרוי, מיט א פנים פארברענט פון דער זון, שטייט שטארק צעשראקן, און דער רויט־ארמעער איז צעכעסט:

— וואו האסטו די קאמאנדיראווקע?

— אט האב איך זי... באלד...

זי האט געציטערט און איז געווען בלאס. האט מאדנע גיך גענומען קוקן אויף אלע זייטן; די אויגן זענען געלאפן פון ווינקל צו ווינקל און מיט ציטערדיקע הענט זיך געפארקעט אין די קעשענעס פון איר

מאנטל, האט איז געווען שטארק אפגעטראגן און נאך געהאט א שיין שוין אמאליקער רייכקייט. דוכאווין האט געקוקט אויף דעם מאנטל און אויפן פנים פון דער יינגער פרוי; געזעען ווי זי אטעמט שווער, איז אנגעפילט מיט שרעק און ער האט זיך געגעבן א דערמאן אן טאניען. אין הארץ האט אים א ביטער געטון, איז ער געשטאנען אזוי ווי ער וואלט געלאקערט אויף ווענען.

— „לאדנאו" — האט דער זעלנער צוגענומען די קאמאנדיראווקע — פארנעם דיין פעקל און קום צו „נאטשאלסטווא".

די פרוי האט זיך גענומען בעטן:

— ווי אזוי זאל איך גיין, אז דער צוג גייט אוועק און אין דער היים — — —

— קום, זאגט מען דיר! געגאנגען!

א האט דוכאווין זיך אפגעריסן פון ארט, הארט צוגעגאנגען צום זעלנער:

— וואס טוט זיך דא, הא?

— און איר, חבר, ווער זענט? — האט דער זעלנער אנגעהויבן מיט העזה.

— פון דער מאכט... כ'פאר מיטן ספעציעלן קאמאנדירונגס-וואגאן... איז עס געבוג פאר דיר, חבר? וואס שלעפסטו די פרוי?

דער רויט-ארמעער האט גענומען פלאנטערן מיט דער צונג:

— א „מעשאטשניצע" איז זי, חבר... זהלץ פירט זי מיט זיך... איר קאמאנדיראווקע איז נישט קיין ריכטיקע.

— פונאנען ווייסטו דאס? ווייז מיר די קאמאנדיראווקע.

דער זעלנער האט א ווײלע געקוקט ביין, זיך געישובט. נאר דוכאווין האט עס געהאט ארויסגעזאגט אזוי באפעלנד און מיט אפגעהאקטע, שטיל-שטארקע ווערטער, אז ער האט זיך פארלוירן און געפינטלט מיט די אויגן. דוכאווין האט זיך דערוויל צעקנעפלט זיין לייוונטענעם ווענמאנטל, האט זיך נישט ווילנדיק א באוועג געטון; פון אונטער דעם מאנטל האט א ווינק געטון א רעוואלווער, וואס איז אים בא דער זייט געזעסן:

— ווייז די קאמאנדיראווקע!

דער זעלנער האט דערלאנגט. די פרוי איז געשטאנען מיט צעשראקענע, טרערן-איבערגעגאסענע אויגן.

— חבר טייערער... האט רחמנות... איך בין קאמאנדירט פון שפיטאל... פון אונזער שטעטלדיקן שפיטאל...

דוכאווין האט גארנישט געענטפערט; האט אריינגעקוקט אין פאפירל א ווײלע און באלד צוריק ארויסגענומען פון דעם די אויגן:

— איז וואס-זשע האסטו צו איר? די קאמאנדיראווקע איז פון שפיטאל...

— זי פירט זאלץ!

— אוי ווי איז מיר! — האט דאס ווייבל קוים איינגעהאלטן די טרערן — איך פיר עטלעכע פונט זאלץ... בא אונז אין שטעטל איז נישטא קיין זאלץ אויף קיין רפואה... בין איך געווען אין אדעס האב איך גענומען פאר זיך עטלעכע פונט... פאר אייגענעם געברויך...

— זי פירט אפשר א האלבן פוד! — האט דער זעלנער זיך געעקשנט. — איך ווייס דאס געזעץ: מען טאר נישט און גענוג!

— און בא אלע איבעריקע האסטו אויך געזוכט? הא? פארוואס עפעס פונקט בא איר האסטו געזוכט?

— דארט פארן בלויז אונזעריקע... זאלץ פירן נאר די יידן... זיי זענען כיטרע לייט!

— שווייג!

דוד האט אזא געשריי געטון און דאס פנים האט זיך אים אנגעצונדן, ווי מען וואלט אים מיט עפעס א שארפער זאך א שטאך געטון. דינה האט אויך איבערגעלאזט איר ארט באם וואגאן; איז אויך צוגעלאפן. עס איז געווארן א געדיכט רעדל פון מענטשן. פון וואגאן האבן פויערים גענומען ארויסשרייען. דוכאווין האט מיט פארקריצטע ציין זיך געבייזערט:

— א רויט-ארמעער ביסטו? א שווארץ-מאהניק ביסטו! א קאנטער-רעוואלוציאנער!

דער זעלנער האט איצט פארשטאנען, אז ער איז אריינגעפאלן. ער איז געשטאנען פארלוירן.

— אט וועט מען באלד זען, — האט דוכאווין געזאגט מיט ביטערקייט. — אט וועלן מיר א זוך טון צווישן „אונזעריקע".

אין וואגאן איז געווארן א רעש, א טומל. אין טיר זענען געשטאנען צעשראקענע פויערים, באן-באדינער און מען האט געקוקט מיט צעטראגענע פנימער. אין וואגאן איז געווארן א שטופעריי, מען האט גע-

פרווט עפענען די טיר אויף דער אנדערער זייט. דוד האט דערווייל צו־ריקגעגעבן דער פרוי איר קאמאנדיראווקע; ס'איז צוגעלאפן דער סטאנ־ציע־נאטשאלניק און א מיטגליד פון אייזנבאן־טשעקא.

דער טומל האט זיך פארשטארקט; פון וואגאן האט מען געשריגן, געליארעמט, זיך געשלאגן: ווער האט זאלץ? קיינער פירט דא נישט קיין זאלץ... די פרוי האט אויך גאר עטלעכע פונט...

— א האלבן פוד! אפשר א פוד! — האט דער זעלנער גע־שריגן.

— לייגסט!

— ער זאגט ליגנט!

מאדנע: דער גאנצער וואגאן מיט די „אונזעריקע" האט געוואלט איבערשפארן דעם זעלנער: ער האט זיך באליידיקט אויף איר... אט וואס! זי האט אים נישט געענטפערט אויף זיינע חוצפהדיקע רייד... אט וואס! האט ער זיך צוגעטשעפעט...

— זאל מען א זוך טון אין וואגאן! — האט זיך דוכאווין גע־האלטן בא זיינעם.

— מען דארף אבער דעם צוג אפלאזן — האט דער נאטשאלניק געזאגט.

די פון וואגאן האבן גיך ארויפגענומען די פרוי מיט איר זעקל. דער פון טשעקא האט געפאדערט פון רויט־ארמעער זיין צייגניש. דו־כאווין איז נישט אפגעטרעטן:

— חבר! פיר אים אין ביורא... ער איז א פעטלוראוועץ!... ער אגיטירט קעגן יידן... פארבעט אים אין טשעקא... ער איז א פעט־לוראוועץ... לאז אים נישט דורך, חבר!

דער טשעקיסט האט צוגענומען פון רויטן ארמעער זיין צייגניש, האט עס ארייגעלייגט אין קעשענע און צו אים געזאגט:

— קום מיט מיר.

— אין די וואגאנעס אריין! — האט דער עלטסטער קאנדוקטאר אויסגערופן.

מען האט זיך אנגעהויבן פאקן אין די וואגאנעט; דוכאווין מיט דינהן זענען צוריקגעקומען צו זייער וואגאן; דער קארצאל־זעלנער, וואס האט דעם וואגאן באוואכט, האט געקוקט מיט דרך־ארץ, געהאלפן ארויפ־שטעלן די וואליזע, און דוכאווין האט געהאט דאס געפיל: ער האט גע־

שטעלט די ערשטע טריט אויפן וועג, אויף וועלכן ער לאזט זיך איצט ארויס.

דער לאקאמאטיוו האט זיך צעקרעכצט. דער קוימען האט גענומען שפייען מיט שווערע, געדיכטע שטיקער. פאך און פאך! די רעדער האבן גענומען ציטערן פון אומגעדולד. לאנגער, אויסגעצויגענער פייף האט א שנייד געטון דורך ווייס שטראמעל פארע, וואס האט פון מאשין אויפגעשפריצט.

די רעדער האבן גערירט. דער לאקאמאטיוו האט ארויסגעלאזט א לאנגן קרעכץ, ווי עס וואלט א לאך געווארן אין א ריזיקער, גומענער פילקע, וואס איז אנגעפילט מיט רויך און לופט — די אקסן האבן זיך צעצישעט און דוכאווין איז נאך אלץ געשטאנען אויף די טרעפלעך, געקוקט ווי דער טשעקיסט מיט דעם זעלנער ווערן פארשוואונדן אונטער דער שווערער טיר פון וואקזאל.

* *

*

דער צוג האט זיך געלאזט מיט אימפעט; האט זיך געצויגן און געדרייט איבער די גלאנציקע רעלסן, מיטשלעפנדיק ריטמיש קלאפן און רעגלמעסיק קרעכצן. עס זענען צוריקגעלאפן פארשידענע געביידעס און ביימער. ווען דער צוג איז פארבייגעלאפן די שווערע, אנגעכמורעטע, ברייט-ביינערדיקע באן-געביידעס, איז דאס קלאפערייי געווארן געדיכטער, הייזעריקער, הילכיקער. דער צוג איז ארויס אויפן פרייען וועג און דאס הייזעריקע הילכעריי איז געבליבן הינטער אים.

דוכאווין איז נאך אלץ געשטאנען אויף דער „פלאטשטאדקע". געשטאנען גלייך, אויסגעשטרעקט, געהאט אין זיך פארביסנקייט און שטייפקייט; אלע גלידער זיינע זענען געווען פעסט אנגעצויגן. עס איז געווען אזוי, ווי ער וואלט ערשט דערפילט זיין כוח. עס האט אים גערייצט „אונזעריקע"! „אונזעריקע"!

ער האט איצט געהאט פארגעסן אלע טראכטונגען פון ביז אהער. ער האט זיך געהאט אפגעקערט פון די זייטיקע וועגן און געווען אויף דעם וועג, וואס איז א לאנגע צייט געלעגן און געווארט אויף אים. אויפגעגאנגען איז צוריק די פארביטערטע עקשנות און דער דורשט נאך נקמה, וואס ער האט מיט זיך מיטגעבראכט דאן, ווען ער איז געקומען

מיט דינהן פון שטעטל. צוריק האט ער געהערט, ווי דאָס בלוט פון זיינע נאענטע שרייט צו אים פון זיין אייגן בלוט ארויס. פאר אים האט זיך אויפגעדעקט דאס געלבלעך-רויטע פנים פון דער קליינער מרים.

דער קליינער אינצידענט מיט דעם רויט-ארמעער איז געווען, ווי־דער אנפאנג פון א קנויל, וואס האט זיך אנגעהויבן אויפוויקלען; איצט וועט זי זיך שוין וויקלען ווייטער און ווייטער.

ער איז אריין אין וואגאן.

דינה איז געזעסן אויף א באנק מיט ערנסט און טרויער אויפן פנים. די וואליזע איז געווען ארויפגעשטעלט אויף דער אייבערשטער באנק. אין וואגאן זענען געווען נאך אייניקע אנגעזעצנע טוער. דוכאווי־נען האט זיך געדאכט, אז ער קאן זיי און האט דאך נישט געוואוסט, ווער זיי זענען.

— וואס איז דארט געווען?

אזוי האט דינה פלוצלינג א פרעג געטון. דוד האט גענומען דער־ציילן. געווען אויפגערעגט, בלייך. דער כעס אין אים האט געעגבערט מיט ווייטיק:

— אזא הונט! „אונזעריקע"! נאך אלץ דער אייגענער ניגון...
און דאס איז דיר א רויט-ארמעער!

דינה האט זיך נישט געוואונדערט, וואס ער איז אזוי אין כעס. זי האט נאר לייכט א שמייכל געטון:

— א פעטלוראוועץ, געוויס!

— געוויס... זיי וועלן שוין דערגיין פונוואנען ער וואקסט...

איצט איז שוין דער צוג געלאפן צווישן געדיכטע ביימער; פון ביידע זייטן וועג זענען זיי געשטאנען צונויפגעפרעסטע, שטיפעריש-פריי־לעכע, האבן זיך געוויגט מיט שטילן שעפטשען. דער וואלד האט גע־שלונגען די קרעכצן פון לאקאמאטיוו און דאס קלאפן פון די רעדער — האט געשלונגען און באלד צוריקגעשפיגן די זעלבע קרעכצן און קלא־פעריי, וואס זענען צוריקגעלאפן און זיך דאך נישט געקאנט פון צוג אפרייסן.

דוכאווין איז געשטאנען באם פענצטער. געשטאנען מיט פארקלעמ־טע קינבאקן, געהאט דאס געפיל, ווי ער וואלט נישט געקאנט דאס מויל עפענען. געזען האט ער דעם מארק פון זייער שטעטל... אט שטייט דעם דירעקטארס הויז; שטייט באם ברעג פון שטעטל, קוקט מיט קלארע

שויבן און חינקט מיט חוזק און שפאט. .. דאס זינדל — ער שטייט מיט טונקל-בלאנדער טשופרינע. לעבן אים — דער לערער. .. אט דער טרפהנער פאליאק. .. זיי חכמען זיך מיט צעהיצטע אייגעלעך. .. אט האט דעם דירעקטארס זינדל א ווינק געטון צום לערער מיט איין אייגל... ביידע צעשמייכלען זיך. ..

ער האט אויפגעציטערט פון די נעגל אויפן פוס ביז די האר פון קאפ. האט געגעבן א מאך צו די אויגן און זיי צוריקגעעפנט: — ווי שרעקלעך מרימס פנים איז צעקאליעטשעט.

ער האט געקריצט מיט די ציין. פון אים איז שוין געווען ווייט אלץ, וואס האט פאר דעם טאג געלעבט אין זיין הארץ. ער האט איצט בלויז געהערט א קול ציטערט און רופט אים, די פרייד, וואס איז אין אים היינט אויפגעגאנגען פון בליומען, איז געלעגן ערגעץ אין אים באהאלטן און ער האט פון דעם נישט געוואוסט, כאטש געפילט האט ער, אז אין אים איז באהאלטן עפעס אזוינס, צו וועלכן ער וועט זיך דארפן צוריקקערן.

— העי, פוילישער לערער, דו! דו וועסט נישט אוועק! צוזאמען מיט דעם זינדל פון דירעקטאר ביזטו דאך געגאנגען!

ער האט זיך אויסגעקערט צו דינהן. זי איז אויך געזעסן פארזונקען אין שווערן טראכטן. ער האט זיך געזעצט לעבן איר, האט אויף א ווײַלע צוגעלייגט זיין שטערן צו איר אקסל. דערנאך — אפגעזיפצט.

דינה האט אים גארנישט איבערגעפרעגט. זי האט נאר א זאג געטון:

— מ׳זאל זיי נאר געפינען.

דוד האט געשוויגן. ס׳איז אים איינגעפאלן: זייער גלייך, וואס אין שטעטל אריין וועלן זיי אנקומען שוין אין אוונט.

ריכטן זיי זיך דארט, אז עס קומט דער, וואס וועט מאנען דאס בלוט פון זייערע קרבנות? פילן זיי, אז עס קומט דער טאג, וואס וועט פארטרייבן דעם חוצפהדיקן שמייכל פון זייערע אויגן? אך, זיי פאלט נישט איין... זיי קען גארנישט איינפאלן, אז עמעצער זאל מאנען דאס בלוט פון אומגעקומענע יידן; די שאנד און פיין פון יידישע טעכטער... ווי צעטומלט זיי וועלן עס ווערן! אזוי אומגעריכט... אזוי אומגעריכט! און זיי האבן געמיינט, אז עס איז שוין אלץ פארגעסן... נישטא ווער עס זאל עס גאר געדענקען...

א! ער פארגעסט נישט! ער וועט זיי שוין געפינען...
נאר וואס שלעפט זיך אזוי דער צוג? וואס עפעס אזוי לאנג־
זאם?

— מיר וועלן זיי געפינען, דינה... מיר וועלן זיי געפי־
נען...

קאפיטל דריי.

ווען די באן האט זיך מיט קרעכץ און צונויפשלאג פון די וואגא־
נעס, אפגעשטעלט אויף דער לעצטער סטאנציע, איז שוין געווען אוונט.
פארגליווערטע טונקלקייט איז געהאנגען איבערן דרויסן און פון ערגעץ
ווייט האט נאכטיק געדרויש זיך דערטראגן. די פלאטפארם איז געשטאנען
ליידיק, און נאר דאס קלאפן פון רעדער איבער רעלסן האט געציטערט
מיט טויב־געשריי. באם קליינעם וואקזאל זענען געשטאנען עטלעכע זעל־
נער מיט ביקסן; איינער אן עלטסטער, מיט א רעוואלווער בא דער זייט,
און ביי מיליטערישע היטל אויפן קאפ, האט ארומגעשפאנט מיט געלאסענע
באשפארנטע טריט. דוד און דינה זענען ארויסגעקומען פון וואגאן צערו־
דערטע מיט מידע פנימער; דוד האט טיף געאטעמט, די נאז־פליגל
האבן זיך שטארק באוועגט, ווי ער וואלט זיך געגרייט אנצוהייבן א גע־
שלעג. ער האט שוין איצט גארנישט געהאט אין זיך פון דער גרויסער
שטאט, פונוואנען ער קומט; נישט קיין פרייד און נישט קיין שרעק האט
אין אים געציטערט. איצט זענען אלע זיינע גלידער און אדערן געווען
פארנומען פון איין געדאנק, וואס האט זיך אין אים אויסגעהאדעוועט פאר
לאנגע וואכן. ער האט נישט פארשטאנען, ווי עס קומט, וואס ערשט איצט
איז ער אהער געקומען; אים איז אויסגעקומען, אז ער איז שוין לאנג
אין וועג, זיין וועג, וואס האט זיך אנגעהויבן נאך דעמאלט, ווען די
לעצטע שנייען האבן זיך יתומדיק געטוליעט צו ווינקלען פון דעכער און
צו פארלאזטע הויפן. ערשט איצט איז ער ענדלעך אנגעקומען. דער־
פאר איז ער געווארן אזוי אומגעדולדיק: עס קען דאך זיין, אז צוליב
אן איבעריקער שעה זאל ער אלץ פארשפעטיקן... ווער ווייסט, וואס
דארט טוט זיך?

ער האט זיך ארומגעקוקט איבער דער פלאטפארם, ווי ער וואלט די סטאנציע נישט דערקענט. די שטילקייט דא איז געווען אזא געפרעסטע און שטייענדיקע, ווי דערביי וואלט קיין שטעטל נישט געלעגן; ווי די געגנט וואלט א פארלאזטע געשטאנען. די רעלסן האבן מיט טונקעלן גלאנץ זיך אוועקגעצויגן אין ווייטקייט און אים איז אויסגעקומען, אז דארט אין דער ווייטקייט, בלאנדזשעט א געשריי אין אונטן.

דער עלטסטער, מיטן רעוואלווער בא דער זייט, האט באמערקט די צוויי פאסאזשירן, וואס זענען אויף דער פלאטפארם געשטאנען; איז ער געווארן אויסגעצויגענער, פארביסענער, ווי ער וואלט דערשמעקט דעם ריח פון עפעס נישט געוויינטלעכס. האט ער זיך דערנענטערט צו זיי מיט שטייפע טריט, נאר איידער נאך ער האט צייט געהאט עפעס צו זאגן, האט דוכאווין אים א פרעג געטון:

— באטשאלניק פון „אטריאד"?

— אזוי איז עס, חבר.

— אייך טאקע דארף איך.

— וועגן וואס האנדלט זיך?

די זעלנער מיט די ביקסן האבן זיך אויך גענומען דערנענטערן, נאר דער באטשאלניק האט שוין אנגעהויבן פארשטיין, אז דאס איז נישט סתם א פאסאזשיר, האט ער זיי פונווייטן צוגעשריגן:

— בלייבט אויף אייערע ערטער, חברים!

זענען זיי מיט דרך ארץ געבליבן אויף זייערע ערטער און דוכאווין האט אים דאן דערקלערט:

— כ'בין אהער קאמאנדירט פון אדעס... פון צענטר... וועגן אן „אפעראציע", וואס דארף דערווייל בלייבן א סוד... איך דארף אין שטעטל אריין. ווייט פונדאנען אין שטעטל?

כאטש דוכאווין האט גוט געוואוסט, אז דאס שטעטל ליגט אפגערוקט סך הכל א ווייארסט דריי, דאך האט ער געפרעגט און געווארט אויף אן ענטפער.

— נישט ווייט, חבר.

דוכאווין האט אים געוויזן א פאפירל; דער באטשאלניק האט געקריגן א בלייכקייט אין פנים און א חניפה־שמייכעלע אין די אויגן:

— כ'בין גרייט צו דינען.

— א פירל אין שטאט אריין! — האט דוכאווין שוין ווי באפוילן.

— אט באלד. . באלד. . . קומט פריער אריין אין וואקזאל.

זיי זענען ארייגעגאנגען. דער באטשאלניק האט געוואלט העלפן טראגן די וואליזקע, נאר דוכאווין האט נישט געלאזט: ס'מאכט נישט, ס'איז נישט שווער. . . די זעלנער זענען געשטאנען גלייך און שטיל.

אויפן וואקזאלעכל האט דער באטשאלניק צוגערופן א זעלנער:

— העי! גיב א לויף ארויס, פארכאפ א פירל און שטאט אריין.

יענער האט זיך גלייך אויסגעדרייט, א קלאפ געגעבנדיק מיט די קנאפל און איז ארויס.

— אין שטעטל איז שטיל? — האט דוכאווין א פרעג געטון.

— יא. . . שטיל איז. . . נאר עפעס איז פארט נישט שטיל.

— וואס הייסט: ס'איז פארט נישט שטיל?

— אט דאס ווייס איך אליין נישט. . . . עפעס פילט זיך: ס'איז נישט אין ארדנונג.

— אזוי. . .

נאר דוכאווינס טראכטן איז גלייך איבערגעריסן געווארן: דער זעלנער איז אריין מיט אימפעט:

— ס'שטייט שוין א פירל. . . דורכגעפארן, האב איך פארהאלטן. . . ער פארט סיי ווי אין שטעטל.

— נו, גוט. . . — האט דער באטשאלניק באפוילן דעם זעלנער — כאפ זיך אויך ארויף, וועסטו אפפירן די חברים אין טשעקא און וועסט צוריקקומען.

— צו וואס אין טשעקא? — האט דינה שטיל א פרעג געטון.

— מען דארף אזוי. . . — האט דוכאווין קורץ געענטפערט און נישט געקוקט צו דינהן, ווי ער וואלט זיך געהיט מיט די ווערטער, וואס ער האט ארויסגערעדט. די אומגעדולד איז איצט געווען שארף, פרעסנדיק און ער האט געפילט: מען טאר נישט פארשפעטיקן.

דער פויער איז געזעסן אויף זיין פירל און מיט חשד געקוקט אויף דעם זעלנער, וואס באגלייט די „ציווילע לייט". ער האט פויל א שמייכל געטון: „פארכאפט די פייגל". . . זיי האבן זיך אויפגעזעצט און ס'איז אויסגעקומען אזוי, אז דער זעלנער איז געזעסן לעבן דינהן און דוכאווין — לעבן פויער. דינה האט אין אנהייב געקוקט מיט וואונדער און

אויך דער זעלנער האט געהאט א פנים, ווי ער וואלט געזען א רעטעניש; האט נישט פארשטאנען, וואס דא קומט פאר.

ס'איז שוין געווען באכט. די פעלדער זענען געלעגן שטילע, פאר־הוילענע, ווי מיט עפעס איבערגעדעקט. הויל קול האט ערגעץ געבלאנ־דזשעט און דער פויער איז געזעסן שטיל, ווי עס וואלט אים אינגאנצן נישט אנגעגאנגען דאס, וואס מיט אים זיצן פרעמדע מענטשן. נאר ווען די פערד זענען ארויסגעקומען צווישן פעלדער און דער וואגן האט זיך לאנגזאם געשלעפט איבער דעם טיף־זאמדיקן וועג, האט דער פויער א זאג געטון צו דוכאווינען:

— ארייננעפאלן, הייסט עס... פארנומען...

דינה האט גענומען רעדן מיטן זעלנער: ווי גייט עס דא? ס'איז שטיל? עס קומט עמעצער צו פארן אהער? און דוד האט אויסגעמיטן צו ענטפערן אויפן פויערס פראגע. ער האט נאר געפרעגט:

— און דו, פעטערל, ביסט פון דעם שטעטל?

— אהא! דא געבוירן געווארן.

— א שיין שטעטל?

— ווי אלע שטעטלעך. אמאל איז עס געווען א לעבעדיק שטעטל.

— א גרויס שטעטל?

— גרויס צו גרויס איז נישט גלייך... אמאל איז עס געווען גרעסער.

דער פויער האט אויסגעקערט צו אים צוויי שווארצע, פארשנדע אויגן פון אונטער א שטרויענעם קאפעלוש אפער, האט מיט חשד א קוק געטון און דוכאווין האט געהאט א פרום פנים; עפעס א צער האט פון אים געקוקט. ער האט אויסגעשטעלט די אויגן אויפן פויער. האט דער פויער געגעבן א פארנעם די לייצן.

— וויא! העטא!

די פערד האבן זיך א ריס געטון, דער וואגן האט זיך גענומען טרייסלען, און די רעדער — זיך ווארפן אין די טיף־געשניטענע קא־ליעס.

— און א „שקאלע" איז דא בא אייך? — האט דוכאווין א פרעג געטון.

— פארהאן.

— מ'לערנט דארט?

— און פונוואנען ווייס איך?

נאר נאך דעם, ווי ער האט א ווײַלע אפגעשוויגן, האט אונטער־געטריבן די פערד און צוריק נאכגעלאזט די לייצן — האט ער א זאג געטון:

— אז א „שקאלע“, מסתם לערנט מען דארט.

ס'איז געווען ווי בא דוכאווינען וואלט זיך די פראגע ארויסגעריסן קעגן זײַן ווילן:

— פארהאן א דירעקטאר בא אײַך?

— יא. פארהאן... און איר פונוואנען ווייסט?

— ער איז מײַנער א באקאנטער.

— אזוי? א באקאנטער? — ס'איז צוגעקומען א היימישקייט אין קול.

— און וואס מאכט זײַן זינדל?

— א, זײַן זינדל? גאר נישט... געווען אוועקגעפארן און איז צוריקגעקומען... שוין א פאר וואכן, אז ער איז צוריקגעקומען.

— איז וואס טוט ער?

— וואס זאל ער טון? זיצט באם טאטן און שפילט זיך מיט די מיידלעך... א ליידיקגייער.

מיטאמאל האט דוד געגומען איילן:

— העי, פאר א ביסל שנעלער... עפעס קריכסטו דאך ווי א טשערעפאכע...

דער פויער האט ווידער אויסגעדרייט דעם קאפ. דוכאווין האט געפילט, ווי דער פויער וואונדערט זיך און ער האט זיך אײַנגעהאלטן נישט איבערצוחזרן: פאר גיכער! נאר דא האט שוין דער זעלבער אויסגערופן:

— העי, ס'איז שוין נאכט... איך דארף נאך צוריקגיין... וואס שלעפסטו זיך אזוי?

האט דער פויער ווידער געגעבן א פארנעם די לייצן, האט אנגעהויבן וויאכטשען מיט דער בײַטש און די פערד האבן זיך א לאז געטון. דער וואגן האט געגומען שטארק אונטערשפרינגען און דוכאווין האט געפילט: ער קאן נישט אײַנזיצן. עפעס א חשק איז געווען: אראפשפרינגען און נעמען לויפן.

די נאכט איז שוין געלעגן צעלייגט א סאפענדיקע איבער פעלדער. די פערד האבן שווער געאטעמט און זיך געריסן פאָרויס.

— אט איז דאס שטעטל!

אזוי האט געזאגט דער זעלנער. דינה האט געפילט, ווי עס האט אין איר דורכגעציטערט.

די פערד האבן גענומען גיין געלאסענער. פון די זייטן זענען געשטאנען הורבות: איינגעהויקערטע שטיבער מיט אויסגעבראכענע טירן און פענצטער, וואס זענען געווען מיט ברעטער פארשלאגן. און אט — דינה האט ארויסגעלאזט א זיפץ, וועלכן זי האט מיט אלע כוחות צוריקגעצויגן און ארייגעכאפט צווישן די ציין: זייער אייגענע שטוב איז געשטאנען א פינצטערע, אן טירן, און פון צווישן די צוויי ברעטער, וואס זענען געלעגן אויף דער פארנטיקער טיר, — האט א שרעקנדיקע פוסטקייט ארויסגעשריגן. דינה האט פארמאכט די אויגן. זי האט דערהערט דאס גרוילנדיקע געשריי פון מרימען...

— וואס איז אייך? — האט דער זעלנער געפרעגט.

— גארנישט... ס'איז מיר גארנישט...

— וואוהין פארפארן? — האט דער פויער געפרעגט.

— צום טשעקא, פאר צו — האט דער זעלנער געענטפערט באפעלעריש.

דער פויער האט זיך א דריי געטון אויף זיין געזעס. דוד האט נישט פארשטאנען, וואס דאס באטייט. דערפאר איז אין אים א באשלוס פארטיק געווארן.

דאס פירל האט זיך אפגעשטעלט לעבן טשעקא. דאס איז געווען א גרויסער הויף מיט א פארמאכטן טויער. א זעלנער איז באם טויער געשטאנען און האט גלייכגילטיק געקוקט אויפן פירל, וואס האט זיך אפגעשטעלט.

דוכאווין איז מיט איין שפרינג אראפ פון וואגן:

— ווארט א ווײַלע! — האט ער צוגערופן צום זעלנער, וואס האט זיי באגלייט.

איז גלייך צוגעגאנגען צום זעלנער, וואס איז געשטאנען באם טויער:

— דער קאמענדאנט איז דא?

— פארהאן.

— איך דארף צו אים.

— און ווער זענט איר, חבר?

דוכאווין האט ארויסגענומען א פאפירל, דערלאנגט דעם זעלנער און געזאגט:

— שיק דאס אריין צום קאמענדאנט.

דער זעלנער האט גענומען דאס פאפירל, געדרייט עס אויף אלע זייטן, דערנאך ארייגעשריגן אין הויף אריין:

— אליאשא? א, אליאשא!

פון הויף איז ארויס א זעלנער, האט איבערגענומען דאס פאפירל און אוועק.

— באלד וועט ער צוריקקומען מיט אן ענטפער.

דוד איז געשטאנען אומגעדולדיק. ער האט לייכט אפגעהוסט, זיך אויסגעדרייט צום פירל, געוואלט עפעס זאגן און נישט געזאגט. דער זעלנער איז דערווייל צוריקגעקומען; דוכאווין איז אריין נאך אים אין הויף.

— און איך — וואס? צו וואס דארף איך נאך דא שטיין? — האט דער פויער א פרעג געטון.

— ווארט א ווײַלע! מ'הייסט ווארטן — ווארט! — האט דער זעלנער געענטפערט.

— צו וואס דארף איך ווארטן? די פערד זענען מיד... שטארק מיד... איך קען דאך שוין אוועקפארן.

ערשט איצט האט דינה פארשטאנען, וואס דוד מיינט און זי האט א זאג געטון:

— באלד... אט באלד...

דער זעלנער האט גענומען אראפקריכן. נאר דינה האט זיך נישט געאײַלט. דער פויער האט פארלוירן דאס געדולד, ווי ער וואלט דער־שמעקט א סכנה און זיך גענומען בעטן:

— צו וואס מיך האלטן דא? אומזיסט און אומנישט?

דוכאווין איז ארויסגעקומען. מיט אים — איינער א הויכער, אן א היטל, און זײַנע טריט האבן געקלונגען מיט שפארן. דוכאווין האט עפעס גערעדט צו אים אין איין אטעם.

דער הויכער מיטן בלויזן קאפ האט עפעס א זאג געטון צום זעל־נער און יענער האט גלײַך גענומען עפענען דאס טויער.

— איז וואס וויל מען פון מיר? — האט דער פויער געטענהט. — געברענגט צופירן, איז וואס נאך?

פאר אריין! — האט דער הויכער באפוילן.

דער פויער האט א צי געטון מיט די אקסלען, געדרייט מיטן קאפ:

— אז די פערד זענען מיד...

— פאר אריין!

דער פויער האט ארויסגעלאזט א זיפץ און איז אריינגעפארן אויפן הויף פון „פאדוויר". זיך אפגעשטעלט און געזען, ווי דארט פארמאכט מען צוריק דאס טויער, האט ער א דריי געטון מיט קאפ: פארפאלן, אריינגעפאלן...

דוכאווין האט אראפגענומען די וואליזע, דינה איז אויך אראפ פון וואגן.

— און ווער איז דער? — האט דער הויכער געפרעגט אויפן זעלנער.

— פון סטאנציע מיטגעשיקט.

— קען ער שוין גיין?

— געוויס.

דער זעלנער איז אוועק. דוכאווין מיט דינהן האבן זיך געלאזט גיין אין דער געביידע צוזאמען מיט דעם הויכן.

— מען טאר נישט פארשפעטיקן... מען דארף זיך גלייך נעמען דורכפירן די אפעראציע. איידער מען דערוויסט זיך עפעס.

אזוי האט דוכאווין גערעדט, גייענדיק מיט האסטיקע טריט נאכן הויכן.

— לאדנא... מיר וועלן עס באלד איינארדנען... קומט נאר אריין פריער.

*

*

מיט א שעה שפעטער איז אויפן פינצטערן הויף געווארן אן איינגעהאלטענער טומל. ס'האט זיך אויסגעמישט א קלינגען פון שפארן, קלאפן פון ביקסן־העגטלעך און הוסטעריי פון זעלנער, מען האט זיך גרופירט, אויסגעשטעלט און אויסגעהערט אינסטרוקציעס. דער פויער איז געלעגן אויף זיין וואגן און געטראכט:

— אהא... ס'וועט עפעס געשען... יא, ס'וועט גלאטיק נישט אפגיין...

איינגעפאלן איז אים, אז דאס האט צו טון מיטן דירעקטאר. און אט פארוואס מען האט אים דא פארהאלטן... דערפון איז אים גריינגער

געוואָרן, און ער האָט געפּילט, ווי דער שלאָף לאָזט זיך אַראָפּ איבער זיינע אויגן:

— גייען זיי צום טייוול! — האָט ער אין זיך אַ מרוקע געטון.

אין געביידע איז געווען ליכטיק. דער קאָמענדאַנט איז געזעסן מיט גרויסע אויגן און זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס דינה דערציילט. דוכאָווין האָט געשפּאַנט הין און צוריק מיט אומגעדולד און בלאַס פּנים. ער האָט כסדר געהערט דאָס קלאַפּן פון זיין אייגן האַרץ און ער האָט אַלע ווייל אָפּגעצויגן דעם אָטעם.

— — — און איך בין געלאָפן... געלאָפן און געהערט דאָס געשריי פון מיין קליינער שוועסטער... כ׳האָב געוואָלט צוריקלויפן... אָט בין איך דאָ און לאָזט זי אָפּ... נאָר איך בין ווייטער געלאָפן און —

דינה איז אינמיטן רעדן שטיל געוואָרן. זי איז געווען זייער בלייך, זי האָט געציטערט, ווי דאָס, וואָס זי האָט דערציילט, וואָלט נאָר וואָס געהאַט פּאַרגעקומען. די אויגן האָבן זיך איר פאַרגאָסן און דער קאָמענדאַנט איז געזעסן מיט גרויסע, בלויע אויגן און פאַרפּרעסטע ליפּן; דינה׳ס צער האָט צו זיין פּנים דערבלאַנדזשעט. דוכאָווין האָט געשפּאַנט מיט פאַרעקשנטע טריט. דער קאָמענדאַנט האָט אַרויסגעלאָזט איין וואָרט:

— סוואָלאָטשי!

האָט לייכט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— כ׳האָב געוואוסט, אַז דאָ איז פאַרגעקומען אַ פּאָגראָם... איך האָב אָבער געמיינט, אַז דאָס האָבן בלויז די דעניקינצעס געמאַכט... קיינער האָט מיר גאָרנישט דערציילט... די יידן האָבן געשוויגן.

— זיי האָבן מורא צו רעדן — האָט דינה געזאָגט.

— וואָס הייסט? — האָט דער קאָמענדאַנט נישט פאַרשטאַנען. ער איז געווען אַ גרוזין און ס׳האָט זיך אים נישט געלייגט אויפן שכל: — וואָס הייסט מורא? וואָס האָבן זיי געשוויגן?

— איר ווייסט נישט? יידן... איבערגעשראָקענע... ציטערן זיי... טאָמער וואָס, ווען — וועט מען זיך נוקם זיין אין זיי. טאָמער בייט זיך די מאַכט...

— דעריבער? — האָט דער הויכער גרוזין זיך אויפגעשטעלט מיט וואונדער און אַלץ נישט פאַרשטאַנען:

— איז וואָס? דאַרף מען שווייגן? פאַרשווייגן פּאַגראָמטשיקעס?

דא איז אריינגעקומען דער געהילף־קאמענדאנט.

— נו ? — האט דוכאווין געפרעגט, בלייבנדיק הארט לעבן אים.

— דער לערער וואוינט באם אפטייקער... דער אפטייקער איז אויך א פאליאק... מען האט מיר נאר וואס געבראכט די ידיעה.

— און ער איז אין שטאט ?

— נאך א מין זיין ! ער איז אנגעשטעלט אין היגן „נאראבראז".

— זיכער ? — האט דער קאמענדאנט איבערגעפרעגט.

— געוויס... באקומען איצט די ריכטיקע ידיעות. חברים האבן עס איבערגעגעבן.

— פארוואס זשע האבן די חברים געשוויגן ?

— זיי האבן אויך נישט געוואוסט. ווען ס'איז פארגעקומען דער פאגראם, זענען די חברים געווען באהאלטן...

דער קאמענדאנט האט אנגעטון דאס היטל, דורכגעקוקט זיין רעוואלווער. דוכאווין האט אויך זיין רעוואלווער אנגעלאדן.

— און איר, קענט דא בלייבן — האט דער קאמענדאנט געזאגט צו דינהן — איר זענט דאך מיד. אט האט איר דעם שליסל פון מיין צימער ; דארט איז א קושעטקע פארהאן.

— גוט.

אלע דריי זענען ארויס אויפן הויף. האט מען זיך צעטיילט אין גרופעס : דער געהילף־קאמענדאנט מיט זיין גרופע איז אוועק צום אפטייקער. דער קאמענדאנט, דוכאווין, מיט זייער גרופע, זענען אוועק צום דירעקטאר.

— דער פויער מיט דער פור דארף דא בלייבן ! — האט דער קאמענדאנט אנגעזאגט דעם זעלנער באם טויער.

— גוט.

— העי, מאקסים ! אויף איין ווייל.

דער געהילף קאמענדאנט איז מיט גיכע טריט צוריקגעלאפן פון גאס.

— פארגעס נישט : א גרינדלעכע אונטערזוכונג. — האט דער קאמענדאנט אנגעזאגט.

— געוויס. וואס פאר א פראגע ?

— צום ווידערזען !

— צום ווידערזען !

ס'איז געווען שטארק פינצטער. ס'האט זיך געפילט דער ריח פון

שוואַרצע וואָלקנס, וואָס קריכן שווער און געדיכט און פון זיי גיסט זיך אַ גישט היימלעכע שוואַרצקייט. די גאַסן זענען געלעגן קורצע, שמאָלע, בלינדע און מיט צעטומלעניש זיך צוגעהערט צו די טריט. שלייכן רעשיק, פלינק, איינגעהאַלטן ווייך און זאַגן זיך איין אין דער נאַכט אַריין.

קאַפּיטל פיר.

ווען די טריט האָבן זיך דערווייטערט פון הויף און די שטילקייט איז צוריקגעפאַלן, האָט דינה דערפילט, אַז זי איז שטאַרק מיד. זי איז געזעסן אַזוי, ווי שווערע פאַרגליווערונג וואָלט זיך אַריינגעגאָסן אין אירע גלידער, און אַרום איר איז געשטאַנען אַ נעפל, וואָס האָט צוזאַמענגעמישט די לעצטע טעג. איז אַזוי געזעסן מיט איר מידקייט און געטראַכט: מען דאַרף אַריינגיין אין צווייטן צימער און זיך צושפּאַרן.

ס'איז געווען די שעה, ווען די נאַכט דערגרייכט דעם לעצטן שטאַפּל פון איר אויסוואַקסונג. די שטילקייט האָט געגליווערט, פון ערגעץ אַ ציימער אין דער געביידע האָט זיך געטראָגן אַ מין ווידערקול פון אַ שווער כראָפּען. פון דאָרט, וואו דאָס טויער פון הויף שטייט, ווי עס וואָלט זיך אומישנע אַוועקגעשטעלט און פאַרצוימט עמעצן דעם וועג, — פון דאָרט האָט זיך דערטראָגן איינגעהאַלטן, פאַרטראַכט זינגען. דאָס האָט דער זעלנער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, זיך מסתּם פאַרבענקט נאָך די ברייטע פעלדער אוקראַאינעס, וואָס ליגן איצט הפקרדיק אין ווייטע שטחים צעגאָסן. ערגעץ באַ אַ בוים אין פעלד שטייט אַן אוקראַאינער מיידל, וואָרט אויף איר געליבטן, וואָס דאַרף קומען מיט דער צוועלפטער שעה, נאָר די מיט-נאַכט גייט אַריבער און ער איז נאָך אַלץ נישטאָ.

„צי וועט ער קומען נאָך, מיין יינגער בחור מיט די פלאַמיקע אויגן?“

דער זעלנער זינגט האַרציק און טיף. די ווערטער דערגרייכן נישט אַהער צו דינהן, נאָר זי אַליין ווייסט זיי און זי טראַכט זיי מיט מיט זיין געזאַנג.

„און עס נעמט שוין שאַרען אויף טאָג... פון מזרח גייט אויף דאָס

רויטע זון-ליכט... ערגעץ בלאזט שוין א פאסטוך אויף זיין פייפל און דער געליבטער איז אלץ נישטא... אפשר איז ער אין א נויט — באשיץ אים גאט, דעם בחור מיינעם..."

עס ציטערט געוויין אין דעם שטילן קול און עס פארקלעמט דינהס הארץ:

„איבער פעלד שטייט שוין דער טאג, נאר פאר מיר בלייבט די נאכט... ווי קאן איך אנטקייגן לויפן ליכטיקן טאג, אז געבליבן אליין בין איך די נאכט... וועל איך אויף מיין ארט שטיין, וועל איך ווארטן נאך, אפשר וועט מיין בחור דאך קומען..."

דינה איז געשטאנען באם פענצטער, האט צוגעשפארט דעם שטערן צו דער קילער שויב; קוקט זי ארויס אויפן שווארצן הויף; אט דארט אינמיטן הויף צייכנט זיך שווארצקייט אין פינצטערניש... אהא! א פור... וואס איז דאס פאר א פור? אט דאס איז דאס פערד, וואס באוועגט אזוי מיטן קאפ... וואס איז דאס פאר א פור? וואס איז דאס פאר א פערד? זי געדענקט און פארשטייט דאס נישט קלאר. נאר דעם זעלנערס שטים איז אזוי הארציק און נאענט:

„עס שיינט אין פעלד שוין אויף דער טאג, נאר מיין געליבטער איז נישטא".

אין דינהן איז עפעס אויפגעגאנגען; עפעס אזוינס, וואס לעבט שוין לאנג אין איר, נאר זי האט פון דעם נישט געטראכט; נישט געווען קיין צייט צו טראכטן. איצט האט זי עס דערפילט מיט שטילער פרייד, ווי עס דערפילט א יונגע מוטער צום ערשטן מאל איר קינד אין זיך:

אבראמעק!

דער זעלנער האט איבערגעריסן זיין זינגען; דער לעצטער קלאנג האט איינגעזאפט אין שטילער נאכט. דינה האט מיט שווערע טריט זיך אפגעקערט פון פענצטער; האט אויפגעשלאסן דעם קאמענדאנטס צימער, איז אריין אהין מיט האלב-פארמאכטע אויגן; האט דעם אראפגעדרייטן לאמפ נישט ארויפגעדרייט, האט נאר פארשלאסן די טיר און זיך אויס-געצויגן אויף דער פלושענער קושעטקע, וואס איז געשטאנען אזוי פעסט, ווי פון דער ערד ארויסגעוואקסן.

— — — — — — — — — — — —

פון נעפל שווימט ארויס דאס צימער אין ראטן-הויז. אבראמעקס

פּנים איז צעשראָקן און פון זיינע אויגן גיסט זיך געבעט, ווי א ליכטיק שטראַמל:

„איך בין שוין א דערוואַקסענער. זע, ווי פּעסט מיינע פיס שטייען. ווי ברייט מיינע פּלייצעס זענען".

זיינע הענט שטרעקן זיך צו איר מיט געבעט. יעדער אבר אין אים ציטערט און שטרעקט זיך. זיין קאָפּ איז ארויסגערוקט און דער שטאַר־קער האַלז איז שלאַנק געבויגן. די הענט זענען אייגנטלעך אראָפּגעלאָזט; די האַלטן דאס היטל און דרייען עס, און דאך זענען זיי צו איר גע־שטרעקט. ליגט זי אזא מידע און שוואַכע:

„וואס ווילסטו, אבראשא?"

זיינע האָר זענען אזוי שוואַרץ און זיי שמייכלען. זיי ליגן אויף זיין קאָפּ הויך־געשטרעקטע און עס גייט אויף פון זיי א שטיל געבעט. זי הערט נישט, וואס אזוינס זיי בעטן, נאָר זי ווייסט... די אויגן זיינע זענען אזוי ליכטיק; שיינען זיי אין דער פינצטער און באַלייכטן איר פּנים.

אין איר ציטערט: „ער איז דאך נאך אזוי יונג"... און פון אים ציטערט צוריק: „איך בין דאך שוין ניינצען יאָר אַלט גע־וואָרן"...

זי וויל עפּעס זאָגן. די ווערטער רייסן זיך פון איר. זי פאַר־שטייט זיי און ווייסט נישט דעם טייטש פון זיי; קענען זיי זיך נישט אראָפּשיילן פון אירע ליפּן און זיין האַנט ציטערט. ציטערט —

„וואס ציטערט אזוי דיין האַנט? וואס ברענען אזוי דיינע אויגן, אבראשא?"

ברעכט אויס געלעכטער און ווייטיק פון די אויגן. פאַלן זיינע טרערן אזוי לאַנגזאַם, נעצן איר פּנים, און אין האַרץ איז שווער און גוט.

פּלוצלינג א געשריי. יאָמערלעכער קוויטש צערייסט די שטילקייט ארום. שפּרינגט זי אויף און פילט, ווי אין קאָפּ האט זיך עפּעס איבער־געדרייט.

„מרים!"

דאס געשריי ווערט שטילער און שטילער... ווי דעם דירעקטאָרס זינדל שטיקט זיך פון געלעכטער... דער לערער איז צעדרויטלט, ווישט זיך דעם שווייס פון שטערן... דאס געשריי ווערט שטילער און שטילער און שרייט נאך העכער מיט דער שטילקייט און —

דינה האט ארויסגעלאזט א זיפץ. האט זיך געגעבן א זעץ אויף בײדע הענט אויסגעשטרעקט אין דער טונקלקייט.

דער לאמפּ אין צימער האט אלץ געהאלטן ראס פלעמל אין זיך איינגעדריקט; פון די שויבן האט גרויקייט געקוקט.

זי האט געהערט, ווי איר הארץ שלאגט אזוי שנעל, אין איין אטעם. זי האט זיך שווער דערמאנט, וואו זי איז אין דער וועלט.

אזוי איז זי שוין געבליבן זיצן. אין איר האבן זיך געזאנג מיט שרעק ארומגענומען. פרייד און גרויל האבן זיך געמישט ווי שווארץ מיט ווייס און ס׳איז געווען אזוי שווער אויפן הארץ. פון ערגעץ ווייט האבן זיך געצויגן הענער־קרייען, וואס האבן גערופן אין פוסטער געגנט.

ביז — דורך די שויבן האט העל בלייכקייט אריינגעקוקט און דינה איז שוין געווען צו זיך געקומען; איז זי דערשראקן אויפגעשפרונגען; די מידקייט איז אוועק און ס׳האט אין איר אויפגעשריגן:

— אין וואו זשע זענען זיי?

צוריקגעקומען איז די אומגעדולד און צוריק איז געווען דער פארביסענער כעס; צוריק האט געשריגן דאס געשענדעטע, באליידיקטע בלוט. זי האט אויפגעשלאסן די טיר פון דעם צימער, געטראפן אין דער פאדערשטער שטוב א ברענענדיקן לאמפּ, נאר דאס ליכט פון לאמפּ איז געווען איצט אויסגעבלייכט. האט זי פארלאשן דעם לאמפּ און דערזעען: יונגער טאג קוקט שוין אריין דורך די פענצטער.

* *

*

זי האט א ציטער געטון, דערהערנדיק א גערויש, וואס דערטראגט זיך פון דרויסן. איז זי צו צום פענצטער און ס׳האט איר א פינצטער געטון אין די אויגן:

אויפן הויף זענען געשטאנען מידע זעלנער און צווישן זיי — דער לערער. ער איז געווען שטארק בלייך, זיי אויגן זענען בא אים געווען, ווי מיט א בלאם איבערגעצויגן. אין דינהן האט עס א געשריי געטון:

— אט איז ער!

געפֿלדיק האָט זי געדענקט, ווי ער האָט זי אַ פּאָר מאָל אָפּגע־שטעלט אין גאַס; זי האָט געדענקט:

„ביסט אַ שיין מיידל...״

צאָרן האָט אין איר אויפגעשטורמט. זי האָט געפֿילט, ווי די ציין ציטערן אין איר מויל און — ווער איז דער? אַ! דער אַפּטייקער... ער אויך... אויך אַ פּאַליאַק...

ווידער האָט זיך דערטראָגן געדיכט קייטלען פֿון טריט און קלינ־גען פֿון שפּאָרן.

— אָט איז ער דאָ!

דעם דירעקטאָרס זינדל איז אַריין אין הויף געהילט אין שוואַרצן פּאַלטאָ; זיין פּנים איז געווען איינגעפֿאַלן און פֿאַרביסנקייט איז אים גע־לעגן אויף ביידע זייטן פֿון מויל, אָט אַזוי, ווי עס ליגן צוויי שוואַרצע קאָטערס, וואָס טשאַטעווען אויף עפּעס... זיינע אויגן זענען געווען קליי־נע, נאָר שאַרפֿע, ווי צוויי שוואַרץ־גלאַנציקע קראָ־קעפּלעך, וואָס האָבן זיך טיף אונטער די ברעמען באַהאַלטן... ער איז געגאַנגען מיט פֿאַר־עקשנטע טריט; גלייך, זיכער, פֿעסט, ווי אַ מענטש, וואָס ווייסט, אַז ער וועט באַלד פֿריי זיין.

אַ? און ווער איז דאָס? — נאָך אים איז אַריין אַ הויכער אָנגע־גאָסענער מאַן; ס'האָט אויסגעזען, אַז ער טראָגט פֿאַר זיך אַן אויפגע־בלאָזענע זאַך, וואָס ער דאַרף עס מיט די הענט נישט צוהאַלטן, ווייל עס איז צו אים צוגעבונדן. אַך! דאָס איז דער דירעקטאָר! ער האָט זיך שווער דורכגעשטופּט דורך דעם טירל פֿון הויף. איז געווען אָנגעטון אין אַ פּאַלטאָ, וואָס איז אויף אים געווען שטאַרק שמאָל און די אייבערשטע קנעפּלעך זענען געבליבן נישט פֿאַרקנעפּלט; דאָס פּנים איז אים געווען רויט, דער שטערן — ווי מיט אַן איבעריקער הויט איבערגעצויגן, און דאָס שפּיציקע גרויע בערדל — ווי צוגעקלעפּט; די ברעמען איבער די אויגן זענען געלעגן געדיכטע, אויפגעשויבערטע, גרוי מיט שוואַרץ געמישט. די הויטן פֿון פּנים האָבן זיך געדרוקט אַרום זיינע אויגן, וואָס האָבן פֿון טיפֿעניש אַרויסגעוואָונקען, ווי זיי וואָלטן געלאַקערט צו וויסן, צי מען זעט זיי. נאָכן דירעקטאָר האָט מען נאָך צוויי פֿאַרשוין אַריינגעפֿירט.

די צוויי האָט דינה נישט געקענט. איינער איז געווען אַ הויכער, דאַרער, און די אויגן־דעקלעך זענען אים געווען אויפגעשוואָלן. ער האָט געהאַט שיטערע וואָנסעס, געווען אָנגעטון פֿויעריש: שווערע שטיװל און

א פראסט רעקל; און א קאלנער און דאס היטל איז געלעגן א ביסל אויסגעדרייט אויף זיין קאפּ. ער האט כסדר מאדנע געצויגן מיט דער נאז און באוועגט מיט איין אויג...

דער צווייטער איז געווען נידעריקער. האט געהאט א טונקל פּנים, וואס איז געווען א ביסל פּארגאפּעט. ער האט געטראגן א שווארצע מא-רינארקע אויף א ווייס העמדל, וואס איז ארום האלז און אראפּ אויף דער ברוסט געווען אויסגענייט מיט קאלירטע בלימלעך.

אז די פריש-אנגעקומענע האבן דערזען אויפן הויף דעם לעדער-מיטן אפּטייקער, זענען זיי געווארן בלאסער, צעטומלטער. דוכאווין איז געשטאנען פון דער זייט, געקוקט מיט צונויפגעדריקטע ציין.

אט פירט מען זיי אריין אינעווייניק.

דינה האט אליין נישט געוואוסט, פארוואס זי טוט עס: זי איז אריין אין צווייטן צימער, איז דארט שטיין געבליבן א בלייכע, צעשראקענע און — ווי זי וואלט אויף עפּעס געווארט.

* *

*

דוכאווין האט זיך נישט געזעצט. ער האט נישט פארשטאנען, ווי ס'איז מעגלעך זיך צו זעצן. ער האט בלויז אויסגעטאן דעם לייוונטענעם וועג-מאנטל און דאס היטל, געבליבן שטיין אנגעטון אין שווארצן, מיט געלע שטיוול און די האר זענען אים געווען צעשויבערט; פון דעם איז זיין פּנים געווען נאך בלייכער און איינגעפאלענער. אזוי איז ער געבליבן שטיין לעבן טיש, בא וועלכן דער קאמענדאנט האט זיך אוועקגעזעצט און לעבן אים — דער געהילף זיינער. די זעלנער מיט די ביקסן אין די הענט זענען געשטאנען אין צימער און די ארעסטירטע זענען געשטאנען שווייגנדיק, מיט נייגיר אין די אויגן: אדרבא, וואס וועט דא זיין אזוינס? נאר דעם דירעקטארס זינדל איז געשטאנען מיט כעס; די קינבאקן האבן זיך כסדר באוועגט.

— איר קאנט זיצן, — האט דער קאמענדאנט געזאגט.

— זיצט — האט דער געהילף איבערגעחזרט.

אלע האבן זיך אויסגעזעצט אויף דער לאנגער באנק, וואס איז געשטאנען בא דער וואנט קעגנאיבער דעם טיש. נאר דעם דירעקטארס זינדל איז געבליבן שטיין, איין פוס א ביסל ארויסגעשטעלט.

— אייער נאמען, בירגער, געוועזענער דירעקטאר?

אזוי האט געפרעגט דער קאמענדאנט און דער דירעקטאר איז גע־בליבן זיצן; האט געקוקט מיט די פארלאפענע אייגעלעך, ווי ער וואלט נישט פארשטאנען, וואס מען וויל פון אים. די הענט האט ער געהאלטן פארלייגט אויפן בויך, פינגער אין פינגער געפלאכטן און ס'האט אויסגע־זען: ער זיצט נישט, נאר די פיס האבן זיך אים איינגעבראכן א ביסל.

— טאווארישטש קאמענדאנט, — האט זיך דאס זינדל אפגערופן — איך וואלט געוואלט וויסן, וואס אייגנטלעך דא קומט פאר?

— עס האלט נישט בא אייך! — האט דער קאמענדאנט געענט־פערט זייער רויק.

— אבער איך מעג דאך פרעגן?

— וואס פארשטייט איר דא נישט? איר זענט אלע ארעסטירט.

— דאס זע איך. אבער פארוואס? עס מוז דאך זיין פאר עפעס? מיר האבן דאך דאס רעכט צו וויסן?

דינה האט דערהערט די שטים און די פראגע און זי האט מיטא־מאל געגעבן אן עפן די טיר, די שוועל אריבערגעטרעטן.

אלע פנימער האבן זיך צו איר אויסגעדרייט. דער לערער האט זיך געגעבן א שטעל אויף, בלייכקייט האט אים אפגעגאסן. דעם דירעק־טארס זינדל האט צוריקגעצויגן דעם גאווהדיק־ארויסגעשטעלטן פוס, גע־נומען פינטלען מיט די אויגן.

דינה האט מיט שווארצן בליק געקוקט דא אויפן פאליאק, דעם לערער, דא אויף דעם דירעקטארס זינדל. זי האט געעפנט דאס מויל, געוואלט עפעס זאגן, נאר מער, ווי שווער אטעמען, וואס האט זיך געצויגן ווי שארפע, לאנגע זיפצן, האט זי נישט געקאנט ארויס־ברענגען.

דער קאמענדאנט האט געקוקט אויף דינהן, אויף די טויט־צע־שראקענע געקרעמפטע פנימער פון לערער און דירעקטארס זינדל, גע־זאגט:

— איר ווייסט שוין איצט פארוואס?

דא האט דינה ארויסגעלאזט א קוויטש, זיך א שאקל געטון. דוד איז צוגעלאפן צו איר, זי אנגעכאפט בא דער האנט. נאר דינה איז צו־ריק געשטאנען גלייך; האט א פאר מאל אראפגעשלונגען און אויסגע־שטרעקט די האנט:

— דאס זענען זיי...

דעם דירעקטארס זינדל האט אראפגעלאזט די אויגן. דער לערער האט באקומען א פארגליווערט פנים. דער דירעקטאר האט שווער באוועגט מיט די געדיכטע ברעמען.

— דינה... בארויק זיך... — האט דוד געזאגט.

ער איז געשטאנען אויסגעשטרעקט, די ליפן צוזאמענגעקלעפט. ער האט אויסגעקוקט העכער און שטייפער.

— בארויק זיך, דינה.

— איך בין שוין רויק.

אזוי האט דינה געזאגט, זיך אנגעשטרענגט איינצוהאלטן די טרערן, וואס האבן איר האלז געשטיקט... דאס גאנצע צימער איז פול געווארן מיט שרעק און גרויל.

* * *

דער פארהער איז געווען א קורצער. דער קאמענדאנט האט נאר פארשריבן די נעמען און צוגענומען בא זיי די דאקומענטן. די צוויי פרעמדע פארשוינען האבן נישט געגעבן קיין קלארע תשובות.

— אייער באשעפטיקונג? — האט דער קאמענדאנט געפרעגט באם הויכן, דעם דארן.

— א לערער.

— וואו?

— אין א דארף... ווייט פונדאנען.

דער קאמענדאנט האט אויפגעהויבן די אויגן, זיך איינגעקוקט אין יענעמס פנים:

— א געוועזענער אפיציר? יא?

— ניין.

— נאר וואס דען?

— א לערער.

— וואס האט איר געטון דא בא דעם דירעקטאר?

— ער איז א באקאנטער... א פריינד פון לאנגע צייטן... בין איך געקומען.

— פון ווייטן דארף?

— יא.

דער גידעריקער האט זיך אנגעגעבן אלס פויער פון א דארף.

— און וואס האט איר געטון באם דירעקטאר?

— געבראכט קארטאפל... קרובים.

— וואו־זשע איז דער וואגן מיטן פערד?

— א? פערד און וואגן? מיין זון איז מיט מיר געקומען... ער האט א כלה אין א צווייט דארף — אין דער זייט פון שטעטל, איז ער אהין צוגעפארן... געדארפט קומען צוריק נאך מיר...

— אהא! ער האט א כלה?

— יא, א כלה.

עס איז געווען אזוי, אז נישט דער קאמענדאנט און נישט די ארעסטירטע האבן געלייגט אכט אויף דעם, וואס זיי האבן געענטפערט.

דינה איז די גאנצע צייט געזעסן און געשוויגן. דוכאווין האט זיך איצט שטארק פארטראכט; אין אים איז אויפגעגאנגען עפעס אזוינס, וואס ער האט נאך קלאר נישט פארשטאנען, נאר געפילט: אט, אט וועט עס אים קלאר ווערן.

דער לערער און דעם דירעקטארס זינדל האבן אלע פראגן אפגעשוויגן. נאך דעם, ווי מען האט זיי אלע ארויסגעפירט אונטער א וואך ארייצופירן אין ארעסט־צימער — האט דינה זיך מיטאמאל שטיל פון טיפן הארץ צעוויינט. די טרערן זענען געלאפן איבער די בלייכע באקן שטיל און מיט טרויער. דוכאווין האט זי נישט געפרוווט באַרויקן; אים אליין איז מיטאמאל געווארן שטארק ענג אין האלז און אין הארץ האט געגעבן א גליוווער אויף שווערער ווייטיק; האט דער ווייטיק א שלאג געטון פון הארץ אין קאפ אריין און דאס צימער האט זיך ראפטום א וואקל געטון, נאר צום אומפאלן. פענצטער צו פענצטער האט זיך א יאג געטון, זיך צוזאמענגעשלאגן און צוריק אפגעשפרונגען. דער טיש האט זיך פון אונטער דער האנט אפערגעגליטשט. ס'האט אין אים געגעבן א שריי אויף מיט געוואלטיקער קלארקייט: פארפאלן! נישט דער אלטער פרומער טאטע, נישט די געטרייע גוטע מאמע און נישט די איבעריקע הרוגים פון שטעטל וועלן צוריק פון זייערע קברים אויפשטיין. די צערי־סענע לייבער וועלן זיך שוין קיינמאל נישט פארהיילן. די אפגעהאקטע אברים וועלן שוין נישט צוזאמענוואקסן און די שאנד פון געפייניקטע יידישע טעכטער וועט זיך נישט אפווישן. דאס יאמערלעכע געשריי פון דער כשרער, ייִנגער מרים וועט זיך נישט איינשטילן. דאס געשריי ליא־

רעמט פון זיין אייגן בלוט ארויס; אין זיין הארץ האט זיך באזעצט דער גרוילעדיקער יאמער אירער און וועט זיך שוין אייביק נישט איינשטילן. נישטא דער כוח, וואס זאל דאס געשריי קענען איינשטילן.

דודן איז פלוצלינג באפאלן א רויקייט. אזא רויקייט, פון וועלכן מען קאן אויסגיין. ערשט איצט האט ער זיך דערמאנט, ווי עמעצער וואלט עס אים אין אויער ארייגעשעפטשעט: שוין אריבער א מעת לעת, אז דינה האט אין איר מויל נישט געהאט. ווידער האט ער זיך דערמאנט, ווי עמעצער וואלט עס אים אונטערגעזאגט: ער אליין האט דאך שוין איבער א מעת לעת גארנישט געגעסן, אפילו קיין ביסל וואסער אין מויל נישט געהאט. מיט א שוואך קול האט ער בעטנדיק ארויסגעשעפטשעט:

— וואסער... א ביסל וואסער...

זיך געגעבן א לאז אראפ אויף דער שטול, פארווארפנדיק מיטן קאפ

קאפיטל פינף.

דוד מיט דינהן זענען דערוויל געבליבן אין שטעטל. נאך דעם ווי זיי האבן זיך אויסגערוט, איז די מידקייט און צערודערונג אפגעטרעטן, נאר די פנימער זענען געבליבן בלאס; אונטער די אויגן האבן זיך אוועקגעלייגט טונקעלע שאטנס און געלעגן. דוד איז כסדר געזעסן אין טשעקא, האט צונויפגעשטעלט אקטן און אויספארשונגען. ער איז בא דער ארבעט געזעסן שטיל און מיט געדולד. ס'האט אויסגעזעען: שטיל פייער ברענט אין אים און ער פירט דורך א גרויסע שליחות, וואס ער האט אויף זיך גענומען. אין שטעטל האט מען זיך באלד אויפן אנדערן טאג דערוואוסט, אז דוד, דעם רבס, איז געקומען צו מאנען דאס פארגאסענע בלוט פון זיינע עלטערן; האט מען זיך שטיל געשושקעט, זיך דערמאנט די איבערגעלעבטע יסורים און געזיפצט. ערשט איצט זענען די יינגע בחורים געקומען צום פארשטאנד: הייסט עס, ס'איז נישט פארפאלן? הייסט עס, אז עס איז דא ווער עס הערט זיך נאך צו צו אונזער צארן? האבן זיי זיך איינציקע פארגנבעט אין די פארנאכטן, געקומען אין טשעקא בלייכע, אויסגעמאגערטע, מיט צעצונדענע אויגן. דוד

האט זיי אויפגענומען; גערעדט מיט זיי שטיל, פארזיכטיק, אין א באזונדער צימער; האט זיי אויסגעהערט:

— ווען מען איז דען איינגעפאלן, אז מען וועט קומען מאנען אונזער בלוט? מיר האבן דאך געמיינט, אז מיר זענען הפקר... אינגאנצן הפקר... איז צו וואס רעדן? פאר וועמען זאל מען דערציילן? און דאס הארץ פלאצט: אט דרייט זיך דאך ארום דער מילנער... גייט ארום מיט א געלעכטערל, און אין שטוב בא אים געפינט זיך יידיש פארמעגן... א פולע שטוב מיט אנגעראבעוועטע זאכן... ער איז דאך בא אונז אין שטוב געווען. זיין זינדל איז אוועק מיט די דעניקינצעס, ער — איז געבליבן...

דוכאווין האט אויסגעהערט. געשוויגן, געקוקט מיט גרויסע אויגן. דער ייִנגערמאן איז אוועק און ער האט געדולדיק געווארט ביז שפעט אין דער נאכט. דאן — האט ער צונויפגערופן א קליינעם אטריאד, אוועק צום מילנער. האט מען שעהן לאנג דארט געזוכט, גענישטערט: ארויסגעשלעפט פון די באהעלטענישן יידישע פוטערס מיט שטיקער זיידנס; צוזאמען מיט דעם צעשראקענעם מילנער דאס אלץ געבראכט באגינען אין טשעקא. דערנאך איז דוכאווין אוועק שלאפן.

און אזוי נאכט נאך נאכט. די ארעסטירטע האבן זיך געמערט; האבן געקוקט מיט פינצטערע אויגן און מיט וואונדער: וואס=זשע? בא „זשידעס“ טאר מען שוין אויך נישט ראבעווען?

דינה האט גאנצע טעג געבלאנקעט איבערן שטעטל. אויפגעזוכט באקאנטע, זיך נאכגעפרעגט אויף די רוצחים.

דאס שטעטל איז געשטאנען שטיל און חרוב: די הייזער — אן שויבן, אן טירן. די פענצטער — פארשלאגן מיט ברעטער און די ליידיקע חורבות האבן טרויעריק געקוקט מיט שווארצע פענצטער=לעכער. האבן זיי אויסגעזען — די צעבראכענע הייזער — ווי בלינדע, פרעמדע בעטלער, וואס האבן אהערגעבלאנדזשעט; שטייען זיי, די בעטלער, אונטערטעניקע, דערשלאגענע און שווארץ לאכט ארויס פון דער איבעווייניקדיקער פוסטקייט, האט דינה געבלאנקעט צווישן די הייזער און צעשראקענע אויסגעצערטע פנימער האבן איר נאכגעקוקט. עלטערע ווייבער האבן געדרוקט די אויגן, אייניקע, לעצטע טרערן האבן זיך איבער געשרומפענע באקן עלטערע יידן האבן לאנגזאם געשאקלט מיט די קעפ און

— ווער ווייסט, וואס זיי וועלן נאך אנמאכן ?... גאט דער לעבע־דיקער ווייסט, וואס עס קאן פון דעם ארויסקומען.

— ווי צו אונז... טאמער וואס — וועלן זיי נאך די איבעריקע יידן אויסקוילן...

נאר דינה האט נישט געהערט זייערע זיפצן, זייערע רייד. ווילד געשריי האט געציטערט אין אירע אויערן; זי האט געהערט די געוויינען, וואס זענען געוועזן אין ליידיקייט איינגעזאפט.

איז זי אזוי געגאנגען, ביז זי איז געקומען צו איר אייגן, חרוב געווארענעם הויז. האט זי עס געטראפן א פרעמדס. שטיל איז דאס הויז געשטאנען; די פענצטער צוזאמען מיט די ביישטידלעך — ארויסגעריסן און איין טיר איז געלעגן אומגעפאלן, זיך געהאלטן נאך בא דער אונ־טערשטער „זאוויאסע"; האט עס אויסגעזעען: א הרוג איז אומגעפאלן, נאר איין פוס איז געבליבן פארטשעפעט. דער גארטן ארום הויז איז גע־ווען צעטרעטן; דער פלויט — צעווארפן. דינה האט נישט געוואגט ארייג־צוגיין אין דער חורבה. איז זי געשטאנען אינדרויסן מיט פינצטערע אויגן, זיך צוגעהערט; אינעווייניק האט נאך געבלאנקעט שרעקלעכער יאמער, וואס האט זיך געשלאגן אין יעדער ווינקל מיט גרויל און האט קיין כוח נישט געהאט אויסצוגיין... זי האט נאך געהערט דאס געשריי פון מרימען און אין טיר האט דאס בלוט מיטגעשריגן. אין הארץ האט עס בא איר געגומען מיטוויינען.

איז זי פון דארט אוועק מיט דעם באגייטן ווייטיק און געוויין. האט זי געבלאנקעט איבערן שטעטל און וועמען זי האט אנגעטראפן האט זי געפרעגט:

— און וואס הערט זיך בא אייך ?

— בא די רוצחים זאל מען דאס הערן...

— ווער איז געוועזן בא אייך, הא ? פארוואס שווייגט איר ?

— און אז איך וועל נישט שווייגן, וואס וועט שוין זיין ? וועט דען מיין טאכטער פון קבר אויפשטיין ?

אן עלטערער ייד האט ארויסגעלאזט א זיפץ, ווי א שלו־קערץ:

— טאכטער... וואס וועט שוין העלפן אונזער זאגן ? זיי — זע־נען א סך און מיר — ווייניק ! צו וואס רעדן ?

האט דינה געקוקט אויף אים מיט גרויס ווייטיק, נאר רעדן האט

זי שוין מער נישט געקאנט: פיין און רחמנות האט איר הארץ צונויפ-
גענומען.

איז זי ווייטער געגאנגען; אלטע ווייבער אפגעשטעלט, זיך בא זיי גענומען נאכפרעגן, נאר זיי האבן נישט גלייך געענטפערט. האבן זיך צעוויינט, שטיקנדיק זיך מיט די טרערן, אויסדערציילט זייערע ווייטיקן, אויסגערעכנט די פיינען, מיט וועלכע מען האט זיי געפייניקט און אויסגעלאזט מיט שרעק:

— ווער ווייסט זיי דארט? ווער הרגעט דען נישט קיין יידן? אלע, אלע שלאגן און הרגענען יידן... געווען דעניקינצעס, זענען זיי אוועק. די אייגענע רוצחים? — ווער ווייסט זיי... איינער איז נישט בעסער פון צווייטן.

— אבער ווער? רופט אן נעמען, זאגט...

— איז וואס וועט שוין פון דעם ארויסקומען? וועט מיין מאן צוריק לעבעדיק ווערן? וועלן מיינע קינדער אויפשטיין פון די קברים?

אזוי בלאנקנדיק איבער די שטילע חרובע געסלעך האט דינה אנגעטראפן מנשה דעם שוחטס. זי האט אים דערזען, א שוידער געטון. ס'איז געווען מנשה און נישט מנשה; דאס פנים איז אים געווען אזוי איינגעפאלן, אז עס האט אויסגעזען בלויז הארטער ביין, די הויט האט געבלאנקט מיט גרינלעכקייט. ער איז געווען בארוועס, און די פיס זיינע זענען געווען שווארץ און דין. ער איז געזעסן אויף די איינגעווארפענע טרעפלעך פון זייער חרוב הויז, געקוקט מיט ברענענדיקע, שווארצע אויגן אין ליידיקייט.

— מנשה!

דער בחור האט געלאסן אויפגעהויבן דעם קאפ. אזוי געלאסן, ווי אים וואלט שטארק שווער געווען אפצורייסן דעם בליק פון דער גויאישקער גאס, וואס איז דארט — ארויס פון מארק, — געלעגן שטיל און האט אויסגעזען, ווי אלע איינוואוינער וואלטן דארט געשלאפן. האט דערזען דינהן, געקוקט מיט וואונדער, ווי ער וואלט נישט געגלייבט, אז זי לעבט נאך... האט זיך געגעבן א שטעל אויף, די ליפן האבן אים גענומען שטארק ציטערן.

— מנשה! וואס איז פון אייך געווארן? מנשה!

זיינע ליפן האבן זיך אויסגעקרומט. ס'איז געווען שמייכל מיט רע-זע צוזאמען. ער האט געעפנט דאס מויל און נישט געקענט קיין ווארט ארויסברענגען.

דינה איז צוגעגאנגען צו אים נענטער. זי האט געקוקט מיט ווייטיק אויף דעם אויסגעצערטן בחור, וואס איז אמאל געווען אזוי שיין און שלאנק. דער בחור האט צענומען די הענט, מיט זיי א באוועג געטון, ווי צו זאגן: וואס קען איך העלפן? האט אראפגעלאזט פארשעמט די אויגן, האט דערזעען זיין רעכטן פוס, וואס איז געשטאנען ארויסגעשטעלט; געזען ווי די פינגער זענען איבערגעצויגן מיט שווארצער, הארטער הויט, האט ער אים צוריק צו זיך געצויגן און איינגעבויגן די קניען, זילנדיק פארשטעלן די נאקעטע פיס.

— דאס איז פון מיר געווארן.

האט באקומען פינצטערע פארביסנקייט אויפן פנים און געזאגט מיט א שטיל קול, ווי ער וואלט הייזעריק געווען:

— פון דער גאנצער שטוב בין איך איינער אליין געבליבן... דעם טאטן האט מען דערהרגעט... איבערגעשניטן דעם האלז... ווי מען קוילעט א קאלב... די שוועסטער איז געשטארבן...

— געשטארבן?

— נו, יא... מען האט זי אזוי געפייניקט... אזוי געפייניקט... אוי, דינה... אז איך בין געקומען פון באהעלטעניש, האב איך זי געטראפן ליגן אויפן בעט... זי האט בשום אופן נישט געוואלט ארויסנעמען דאס פנים פון קושן... איך האב זי געבעטן, גערעדט, געוויינט. ווי א קליין קינד האב איך פאר איר געוויינט. און זי — בשום אופן נישט. זי האט נישט געוואלט אויפהייבן דעם קאפ... זי האט גארנישט גערעדט. גארנישט. נאר איינמאל האט זי ארויסגעקוויטשעט: „כ'קען נישט"... דאס קול איז נישט געווען אירס... נישט דבורהלעס קול... און אזוי ליגנדיק איז זי געשטארבן... איינמאל אינדערפרי האב איך זי געפונען טויט... און די שטוב איז צעראבירט. די מאמע איז ערגעץ אוועק מיטן קליינעם ברודערל... איז זי ערגעץ אויפן וועג, זאגט מען, אומגעקומען... זיץ איך דא, בא דער חרובער שטוב און ווארט נאך אלץ: אפשר... אפשר וועט די מאמע מיטן ברודערל צוריקקומען... איבעריקנס: וואו האב איך צו גיין?

האט אפגעזיפצט, געגומען קרימען די ליפן, אטעמען גיך:

— כ'האב געוואלט... כ'האב געוואלט זיי אונטערצינדן. זיי דארט — האט ער געוויזן מיט דער האנט אויף דער גויאישקער גאס — זאל כאטש

דאס יידישע האָב און גוטס, וואס איז באַ זיי פאַרבּרענט געוואָרן... דאָרט איז דאָך דאָ אונזער שפּיגל... דבורהלעס שפּיגל... דבורה איז באַגראָבן און וואסיל טשופּאַן, האָט דעם שפּיגל אַהיימגעפירט.

— וואסיל טשופּאַן?

— יאָ. ער האָט צוגענומען אונזער שפּיגל... אַלע, אַלע האָבן געראַבעוועט... ער — אויך... האָב איך זיי געוואָלט אונטערצינדן. איך דאַרף נישט קיין שפּיגל... דבורהלע איז נישטאָ... זאָל ער פאַרברענט ווערן! נו, האָבן יידן מורא... זיי האָבן פאַר מיר געוויינט, זיך געבעטן: הער אויף מנשה! האָב רחמנות, מנשה! אַז איך, זאָגן זיי, וועל אונטערצינדן, וועלן קומען די רוצחים און די איבעריקע אויסקוילן... האַ? דינה! ס'איז אמת? האַ?

— וואָס־זשע וועסטו, מנשה, דאָ אויסזיצן? וואָס וועסטו זיצן באַ דער חרובער שטוב?

— וואו־זשע זאָל איך גיין? איך וועל זיצן און וואַרטן ביז זיי וועלן קומען און מיך אויך דערהרגענען.

דינה האָט גענומען רעדן צו אים מיט אַ ווייך קול. זי האָט זיך באַמיט אים גרינגער צו מאַכן די ליידן; נישקשה, עס וועט זיי נישט געשוויגן ווערן; דוד איז געקומען, ער וועט זיי שוין נישט פאַרשווייגן.

— טאַקע? מען וועט זיי נישט שווייגן?

זי האָט אים גענומען בעטן ער זאָל מיט איר מיטגיין: זי וועט אים מיטנעמען קיין אָדעס. וואָרים וואָס וועט דאָ ווערן פון אים? און מאָדנע: וואָס מער זי האָט זיך באַמיט אים צו טרייסטן, אַלץ מער איז זיין פּנים פאַרוואָלקנט געוואָרן. ביז לסוף — האָט ער צוריק אָנגעהאָנגען זיין בליק אין דער גויאישקער גאַס, האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט און שוין אַזוי געבליבן זיצן, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ צו איר, ווי ער וואָלט צוריק אַריין אין פריערדיקן קרייז, פון וועלכן ער איז געוועזן אַרויס אויף אַ ווײַלע.

זי האָט נאָך געפּרוווט רעדן צו אים, אָבער עס האָט אויסגעזען, אַז ער הערט נישט, וואָס מען רעדט צו אים.

די זעלבע נאַכט האָט מען אַרעסטירט וואסיל טשופּאַן, דעם שפּיגל האָט מען טאַקע דאָרט געפונען, אַ חוץ אַנדערע סחורה פון יידישע קליידער...

איין מאָל אינדערפרי, ווען דוכאווין איז געזעסן אין זיין צימער און שוין צונויפגעפּאַקט די אַקטן, גרייטנדיק זיך אָפּצופאָרן צוזאַמען מיט די אַרעסטירטע; דינה האָט אים דערביי געהאָלפן איינצופּאַקן די פּאַפּירן און וואַליזע — האָט זיך געעפנט די טיר און דער געהילפס־קאָמענדאַנט האָט געזאָגט:

— עפּעס אַ דעלעגאַציע איז געקומען.

— וואָס?

— אַ דעלעגאַציע פון יידן; זיי ווילן אייך זען.

— וואו זענען זיי?

— זיי וואַרטן אינדרויסן.

דוכאווין האָט אַ ווײַלע געשוויגן, געקוקט מיט וואונדער. דינה איז אויך געשטאַנען מיט אויסגעשטעלטע אויגן; זיך באַמיט צו פאַרשטיין, וואָס דאָס זאָל הייסן. אויסגעזען האָט, אַז אי דוד, אי דינה, האָבן פאַרגעסן, אַז זיי דאַרפן עפּעס זאָגן.

— איז, וואָס זשע, חבר? איר וועט זיי אויפנעמען?

— זאָלן זיי אַריינקומען... צו מיר אַ דעלעגאַציע? — האָט ער זיך נאָך אַלץ געוואונדערט.

דער געהילפס־קאָמענדאַנט איז אַרויס און באַלד זענען אַריין דריי יידן. דינה האָט זיי גלייך דערקענט: איינער — דער מיט די לאַנגגערע האָר, שוואַרצן, געדיכטן בערדל און מיט פּענסנע — איז געווען דער ראַבינער פון שטעטל. דער צווייטער: ר׳ שמואל רובינגער, דער האָלץ־הענדלער, וואָס האָט פאַרמאָגט ביז אַהער האָלץ־סקלאַדעס און געווען דער רייכסטער באַלעבאָס אין שטעטל. מיט זיי יחיאל פאַמעראַנץ, אַ שטיקל אַדוואָקאַט און געווען דער אייגנטימער פון דער גרעסטער שניט־קראָם אין שטעטל, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען פאַרמאַכט. זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין ריינערע מלבושים, אויסגעזען — חול המועדיק. דער ראַבינער, פּינקל, האָט אַפילו געטראָגן אַ ווייסן געפּרעסטן קאָלנער און איז געשטאַנען אויסגעשטרעקט; די איבעריקע — זענען געווען צעשראָקן, געהאַט צעטומלטע אויגן.

— דער אייגענער דוד, דוד דעם רבס...

אזוי האט א זאג געטון דער ראבינער און די איבעריקע צווי האבן זיך אויך דעופילט היימישער און דרייסטער.

דוד האט אלץ געקוקט שווייגנדיק.

— וואס זשע? איר דערקענט אונז נישט? ווי לאנג איז עס, אז איר זענט אוועק פון שטעטל? — האט פינקל געשמייכלט.

— איך דערקען אייך יא. . . זיצט. . .

האבן זיי זיך שוין אוועקגעזעצט מיט באלעבאטישער ערנסטקייט און דזכאווין האט געפרעגט:

— צו מיר דארפט איר?

האט דער ראבינער פינקל זיך געגעבן א גלעט מיטביידע הענט די שפיצן פון זיין גערדיכט בערדל און אנגעהויבן מיט געציילטע, קלארע ווערטער, ווי ער וואלט געוואלט באווייזן, סארא וואזשנעם התוך הדבור ער האט:

— מיר קומען צו אייך מיט א גרויסער בקשה. . . מיר קומען צו אייך אין נאמען פון שטעטל און מיר קומען צו אייך, ווי צו א ברודער, אן אייגענעם מענטש, צו דוד דעם רבס. . . איר ווייסט דאך: אין שטעטל איז געווען א פאגראם. . . ס׳איז נישט דאס איינציקע שטעטל. א גזר פון הימל האט זיך אויסגעגאסן אויף די יידישע ישובים. אומעטום, וואו דעני־קינס רוצחים זענען דורכגעגאנגען, האט מען געשאכטן יידן. איצט, אז גאט האט זיך מרחם געווען, ס׳איז געווארן שטילער — וויל מען פאר־געסן די צרות. . . איז צו וואס זשע ווידער דערמאנען, ווידער אויפוועקן די שנאה און דעם צארן זייערן?

דוד האט נאך אלץ נישט געוואוסט, וואס זיי ווילן פון אים. נאר אין אים האט עס שוין געהאט אויפגעקאכט; בלויז הערנדיק פינקלס רייד, האט א כעס אין אים זיך דערוועקט. ער איז בלייכער געווארן, זיך טיפער צעאטעמט:

— דעריבער?

— דעריבער, פארשטייט איר מיך, — האט ער זיך ווידער א גלעט געטון דאס בערדל — מיר קומען צו אייך, ווי צו א ברודער, צו אן אייגענעם ברודער. . . דער ווייטיק איז טאקע גרויס. די יסורים אונזערע שרייען צום הימל. ווארים ווער נאך, ווי מיר, האט צוגעזען אזעלכע יסורים? מ׳האט געלאכט פון אונז, מען האט אונז געשאכטן. . . מען האט געראַ־בעוועט און געשכורט. . . געשענדעט און געשניטן פאסן. . . מיט אונזערע אייגענע אויגן האבן מיר עס צוגעזען פון די קעלערס ארויס. . . אבער

וואס זאלן מיר טון ? מסתם איז שוין אונזער גורל אזעלכער : מען האט אונז אלעמאל פיינט... מיר זענען אין גלות... מען האט אונז שטענדיק געפייניקט...

דא האט גאר רובינגער גענומען רעדן און פינקל איז געבליבן מיט א האלב אפן מויל :

— און אז מען וועט זיך שוין נוקם זיין אין איין רוצח, וועלן דען נישט קומען אנדערע צען ? — האט רובינגער אויסגעשטרעקט די הענט און זיי באלד צוריקגעצויגן — אז מיר זענען בא זיי אין די הענט. מה דאך, אז מיר זענען שטיל, נידעריקער פון גראז און רופן זיך נישט אן מיט קיין איין ווארט, פונדעסטוועגן ברענט אויף אונז די שנאה און מען טוט אונז אן געברענטע ליידן — וואס-זשע קאן מען שוין דערווארטן נאכדעם, ווי מיר וועלן זיי אויפרייצן ? אויסקוילן וועלן זיי דאך אונז אלע, מיט ווייבער און קינדער וועלן זיי אונז פארברענען ! זיי פלאקערן דאך שוין פון רציחה ; זיי זענען געקומען און האבן אונז מתרה געווען : איר יידן זענט איצט בכוח זיך אליין צו העלפן, וועט איר זען, מען זאל די „אונזעריקע" באפרייען — איז גוט. אויב נישט — וועלן מיר אייך ווייזן, וואס מיר קאנען...

ווי עס וואלט געווען בא זיי אן אויסגעארבעטער סדר, ווער עס זאל רעדן — האט איצט יחיאל פאמעראנץ איבערגענומען דעם ענין אין זיינע הענט אריין :

— דער דירעקטאר איז בא זיי גאר א גרויסער חשוב... אין פייער און אין וואסער וועלן זיי גיין פאר אים. אלע ערלים זענען אויסגע-בראכט, א העליש פייער ברענט אין זיי. און זיי זאגן עס גאנץ אפן : הערט אויס יידן ! איצט, האט איר די מאכט, ווילט איר זיך נוקם זיין אין אונז. געדענקט זשע אבער : ס'וועט קומען אונזער צייט, מיר וועלן האבן די מאכט, וועלן מיר פון אייך קיין שריד ופלט נישט לאזן... און וואס ? טאקע באמת וואס ? וואס וועט שוין ארויסקומען, אז עטלעכע פון זיי וועלן זיין ארעסטירט ? וואס וועלן מיר שוין געהאלפן ווערן פון דעם ? הא ?

איצט האט שוין דוד פארשטאנען, וועגן וואס דא האנדלט זיך. אין אים האט אויפגעשריגן אזא ווייטיק, אז דאס הארץ האט זיך געוואלט צערייסן. ער האט געקוקט אויף זיי שווייגנדיק. פון זיינע אויגן האט מיט-אמאל א שיין געטון עפעס אזוינס, פון וועלכן די יידן זענען דערשראקן געווארן.

— איינמאל, איז דער דירעקטאר גארנישט אזוי פיל שולדיק. עס זענען דא שולדיקערע פון אים — האט דער ראבינער ווידער אנגע־הויבן — אמת טאקע, אז בא אים אין שטוב האבן די אפיצירן געהאט די אכסניה; אז דארט האט מען זיך אפגעוואשן דאס בלוט פון די הענט און די אנגעראבעוועטע זאכן צווישן זיך צעטיילט... אבער ער אליין האט דאך נישט געהרגעט... ער האט נאר נישט געזאגט אנטקעגן... נו און די איבעריקע — אז זיי וועלן שוין אומקומען, וועלן אלע רוצחים האבן אומגעקומען? דער ווייטיק איז טאקע גרויס, אבער וואס וועלן מיר שוין האבן דערפון, וואס מען וועט זיך אין עטלעכע נוקם זיין? ווי וועט זיין צו אונז! זיי וועלן קיין לעבעדיקן זכר פון אונז נישט איבער־לאזן.

— זיי האבן דאך גאר פשוט געשיקט אונז זאגן — האט רובינגער איבערגעחזרט — אויב עס וועט עפּעס געשען מיט די ארעסטירטע, וועט זיין זייער ביטער... איז וואס־זשע זאלן מיר טון? ס'איז אונז ווי און ווינד. צי קאנען מיר זיך אקייגנשטעלן? אז מיר יידן זענען פארט נישט קיין רוצחים.

דוד איז מיטאמאל אויפגעשפּרונגען. ווייסקייט האט זיך איבער זיין פּנים א גאס געטון:

— איז דען א וואונדער, וואס מען קוילעט אונז ווי די שעפסן? איז דען א חידוש, וואס מען שענדעט און מען פּייניקט אונזערע שוועס־טער און טעכטער? אז יידן אליין... טאטעס פון געשענדעטע טעכטער קומען בעטן פאר די רוצחים?!

ער האט אויסגעשריגן מיט ווייטיק און די שטוב האט מיט אים געציטערט.

— איר אליין! איר אליין קומט בעטן פאר די רוצחים פון אייע־רע אייגענע קינדער! איר אליין, הייסט עס, שטעלט אונטער די נאקעטע העלזער — פארוואס־זשע זאלן זיי נישט שעכטן?!

האט רובינגער אויסגעשטעלט פרומע אויגן און בעטנדיק גע־זאגט:

— און אז איר וועט זיך נוקם זיין אין דידאזיקע, איז וואס־זשע וועט דערפון ארויסקומען? וועלן אונזערע טויטע דען אויפשטיין פון די קברים?

— וואס־זשע? ווילט איר אפילו נישט מאנען אונזער פארגאסן

בלוט? זענט איר אזוי געפאלן, אז איר זענט מסכים צום טויט פון אייערע ווייבער און קינדער? הייסט עס: איר אליין האלט זיך פאר הפקר?

— און אז מיר וועלן זיך נישט האלטן פאר הפקר, וועלן מיר אויס הפקר ווערן? — האט פינקעל גערעדט מיט א געשלאגן קול — און אז מיר וועלן אויסגעבן און איבערענטפערן צום טויט איין רוצח, וועלן דען קיין אנדערע צען נישט קומען? וועט איר דען נישט פארמערן מיט דער נקמה אונזערע הרוגים?

— ניין! זיי וועלן נישט קומען מער! ווארים מען שעכט אונז נישט דערפאר, ווייל מען האט אונז פ י ב ט, נאר דערפאר, ווייל מען האט פאר אונז קיין מורא נ י ש ט! מען שעכט אונז דערפאר, ווייל מיר אליין שטרעקן אויס די העלזער! ווייל מיר אליין האלטן זיך פאר הפקר... ווייל די רוצחים ווייסן פון פריער, אז מיר וועלן זיך נישט אנטקעגן שטעלן, און ווען עס וועט קומען אויף זיי א סכנה, וועלן מיר אליין זיי באהאלטן! אט גייען דאך ארום די רוצחים שוין חדשים צווישן אייך; גייען ארום צווישן אייערע חרובע הייזער, וואס זיי האבן חרוב געמאכט, און קיינער פון אייך האט נישט אויסגעשריגן: אט איז דער רוצח! איז פארוואס־זשע זאלן זיי אונז נישט שעכטן? אז איין רוצח וועט אומקומען, וועלן אנדערע צען מורא האבן אומצוקומען! זיי וועלן נישט איינשטעלן זייער לעבן!

דוד האט גערעדט מיט גרויס ווייטיק. זיין פנים האט זיך בע־רויטלט און געבלייכט; זיינע אויגן האבן געברענט מיט טויזנטער יסורים און די ליפן האבן אים געציטערט.

— און וואס וועט זיין, אז עס וועט אוועקגיין די מאכט און עס וועט קומען זייער מאכט? וואס וועט דעמאלט זיין?

אזוי האט געפרעגט רובינגער.

— בפרט, אז זיי זענען געקומען אונז ווארענען...

— די מאכט וועט נישט אוועקגיין! און אויב אפילו — יא, וועלן זיי מורא האבן פאר איר צוריקקומען! מיר זענען נישט הפקר! זיי דארפן דאס וויסן. דאס בלוט פון מיינע עלטערן שרייט צו מיר!

אין זיינע אויגן האבן טרערן א גלאנץ געטון.

ס'איז געווארן שטיל. פינקעל האט געקריגן גרויסע אויגן און רו־בינגער האט מיט ווייטיק געקנייטשט דעם שטערן:

— זיי זענען מער פון אונז... זיי זענען רוצחים און קענען הרגע־נען... אז מיר לעבן פארט צווישן וועלף...

נאר דוד האט שוין נישט געהערט, וואס מען רעדט צו אים. ער האט זיך מיטאמאל איינגעקוקט אין רוביגערן און האט געפרעגט:

— ווער זענען עס די, וואס זענען געקומען אייך ווארעגן?

רוביגער האט מיט שרעק געגומען פלאנטערן די צונג:

— ס׳הייסט ווער?... אט זענען זיי געקומען און געזאגט.

— ווער איז געקומען?

— וואס הייסט... דידאזיקע זענען דווקא ערלעכע גוים...

— אבער ווער?

רובינגער האט זיך אויפגעשטעלט שטארק צעשראקן. יחיאל פאמעראנץ האט זיך גענומען באוועגן אויף איין ארט... פינקעל האט עפעס געוואלט זאגן, נאר האט נישט געוואגט, האט נאר אויסגעשטרעקט די הענט מיט געבעט. און דוד האט מיט צארן געקלאפט אין טיש און געשריגן שוין אויף רוסיש: נאר זיי זאלן זאגן, ווער עס האט זיי געשיקט... אין קייטן וועט ער זיי שמידן, אויב זיי וועלן נישט אויסזאגן!... שוין, גלייך ארעסטירט ער זיי! אויב זיי זאגן נישט, זענען זיי אליין אגענטן פון די קאנטר-רעוואלוציאנערן!... שלוחים פון פאגראמשטשיקעס!

— גאט איז מיט אייך! — האט פינקעל גענומען בעטן.

— ווי קען מען דאס? זיי וועלן דאך אונז פארברענגען? — האט רובינגער געשטאמלט.

דוד איז איצט געווען ווי פון זינען געריירט. דינה איז געשטאנען א בלייכע מיט ציטערדיקע ליפן. ס׳האט אויסגעזעען: דודן האט א פלאם ארומגעכאפט.

— צוליב אייך! צוליב אייער געפאלנקייט זענען מיינע פאטער און מוטער אומגעקומען! צוליב אייער פּהדנות איז מיין שוועסטער צעריסן געווארן!

מיטאמאל זיך א כאפ געטון:

— בירגער רובינגער! פון אייערע זענען א סך אומגעקומען? הא?

יענער האט געשוויגן.

— איר שווייגט! זאגט! ווער האט אייך געשיקט? ווער? — איר וועט שוין זאגן!

אויפגעפראלט די טיר צום קאמענדאנט:

— טאווארישטש אנטאנאוו! ארעסטירן זיי!

די יידן זענען שוין געשטאנען אינגאנצן צעטומלטע, ווי זיי וואלטן שוין אינגאנצן נישט פארשטאנען, וואס דא קומט פאר.

נאר דא — איז דוד געווארן שטיל. עפעס האט זיך אין אים איינגעלאשן. ער האט נאך אלץ געקוקט מיט ברענענדיקע אויגן, אבער — ער איז שוין געווען געקומען צו זיך. די יידן האבן גענומען באוועגן מיט די ליפן און א געבעט איז געווען אויף זייערע פנימער.

— אז מיר לעבן כסדר אין שרעק... אז מיר ווייסן אליין נישט, וואס עס טוט זיך מיט אונז... — האט רובינגער גענומען שטאמלען — אז מיר זענען הפקר... אז מיר האבן נישט צו וועמען צו שרייען... איז וואס זשע איז דער חידוש, אז מיר האלטן אין איין ציטערן...

דוד האט דערפילט גרויס רחמנות צו דעם ייד מיט דער גרויער באָרד, וועמעס שטים עס ציטערט מיט טרערן.

— אז מען איז גארנישט באם זינען...

— דערפאר קומט איר אליין צו ראטעווען די רוצחים פון אונזערע טאטעס? די שענדער פון אונזערע ווייבער און טעכטער?

— מען ווייסט דען, וואס מען טוט? מען קומט, מען שרעקט אונז אן, האט מען מורא... גייט מען...

דוד האט זיך בארויקט; האט גענומען רעדן געלאסענער מיט טרערן אין קול: מען דארף נישט מורא האבן... די מאכט וועט נישט אוועקגיין... די רוצחים דארפן באצאלן מיט זייער לעבן. אויב זיי וועלן קענען — וועלן זיי ס י י ו ו י ס י י שעכטן... אט זעט איר דאך: פארוואס האבן זיי פריער געשאכטן? פארוואס? אז זיי וועלן אבער וויסן, אז מיר זענען נישט הפקר... אז מיר מאגען אונזער בלוט — — —

דער געהילפס־קאמענדאנט איז אריינגעקומען:

— וועמען ארעסטירן?

— מען דארף נישט... מען דארף שוין נישט...

דוד האט זיך באמיט זיי צו בארויקן; האט גערעדט מיט יסורים און מיט געבראכן קול. די יידן זענען געשטאנען צעמישטע, בלייכע און געפאלענע. אין זיי האט אנגעהויבן אויפגיין א קלארקייט און זיי האבן דערפילט א בושה פאר אייגן בלוט, וואס איז אפגערונען; פאר אייגענע ווייבער און טעכטער, וואס זענען אומגעקומען...

קאפּיטל זעקס.

אַ פּאָר טעג איז דער אַלטער עטינגער געבליבן ליגן אין בעט. ער האָט עקשנותדיק געשוויגן אין די טעג, האָט נאָר פון צייט צו צייט אָפּגעצויגן טיפער דעם אָטעם. דאָס פּנים איז אים געוואָרן שטאַרק אָפּגעצערט און רויק — ווי בּאַ אַ מענטש, וואָס איז אַריינגעקומען אין אַ מושב זקנים און האָט דערפילט: דאָס, וואָס עס איז געווען ביז אַהער, וועט זיך שוין קיינמאָל נישט צוריקקערן. בּליומע איז די פּאָר טעג נישט אַוועק פון שטוב; האָט מיט שטיל רחמנות געקוקט, ווי דער פאָטער איז אַלט געוואָרן: דער קאָפּ איז אים געוואָרן שטאַרק גרוי, און די הויט אויף זיין פּנים און האַלז האָט נאָכגעלאָזט, באַקומען אַ מאַטן, עטוואָס געלבלעכן קאָליר. זי אַליין איז אויך געווען רויק, ווי זי וואָלט איצט מיט געדולד אויף עפּעס געוואַרט און געווען זיכער, אַז דאָס, אויף וועלכן זי וואַרט — וועט קומען. איין מאָל נאָר האָט דער אַלטער זי צוגערופן מיט אַ שוואַך, צעפּיעשטשעט קול:

— בּליומע? בּליומע!

זי איז צוגעגאַנגען; באַמערקט, ווי פון פאָטערס אויגן קוקט שטילער צער.

— וואָס איז דיר, טאַטע?

— ס'איז מיר גאָרנישט... איך בין נאָר מיד.

האָט אַ ווײַלע געשוויגן. בּליומע האָט געדולדיק געוואַרט.

— זי איז אין שטוב?

— ניין, זי איז אַוועק... באַלד אינדערפרי אַוועק... זי האָט פאַרנומען אירע זאַכן און —

— אַזוי... אַוועק... גאַנץ גלייך... מיט אים טאַקע?

— מסתּמא... ער קומט אויך נישט מער.

— גאָט צו דאַנקען... פּטור געוואָרן.

האָט שטיל אָפּגעצויגן דעם אָטעם, זיך באַמיט אויפצוזעצן. בּליומע האָט אים געוואָלט העלפן, האָט ער זיך צעשמייכלט:

— מען דאַרף נישט... איך קאָן אַליין.

ער האט זיך אנגעשפארט אן עלנבויגן, האט זיך אויפגעזעצט. האט אלץ אזוי מיט צער געקוקט אויף בליומען, און מיטאמאל האבן זיך באוויזן טרערן אין זיינע אויגן. האט ער אויסגעשטרעקט די הענט, בליומע האט זיך דערנענטערט, ער האט זי ארומגענומען, האט צוגעלייגט זיין קאפ צו אירע אקסלען און געבליבן, ווי ער וואלט זיך פארכלינעט... דערנאך צוגעטראגן זיינע ליפן צו איר שטערן, א פאר מאל געקושט און אוועקגענומען די הענט פון איר.

בליומע האט זיך אויסגעגלייכט. דער אלטער האט געשמייכלט, ווי א קינד, וואס בעט זיך איבער. שוין מיט א קלארער קול געפרעגט:

— און וואו איז טאניע? עפעס זעט מען נישט טאניען...

— טאניע? זי קומט דאך אפט אריין... זי איז דאך היינט אינדערפרי אויך געווען.

— הא? יא... נאר עפעס איז זי צערודערט: לויפט אריין און לויפט ארויס.

— געוויס איז זי צערודערט... לערנער זיצט דאך נאך.

— זיצט נאך אלץ?

— היינט, מארגן, וועט מען אים מסתם באפרייען... דוד האט צוגעזאגט... געבעטן פאר אים...

דער אלטער האט זיך פארטראכט. איז אזוי געזעסן אין בעט און שטיל געשמייכלט. דערנאך האט ער א דריי געטון מיטן קאפ:

— ווען ער וואלט זיך נאר נישט געהאט אזוי אריינגעלאזט צווישן דער חברה...

בליומע האט עס געהערט, האט גארנישט איבערגעפרעגט. ערשט איצט, אז דער אלטער האט דערמאנט טאניען, האט א שטילער צער גענומען אויפגיין אין איר; ערשט איצט האט זי זיך דערמאנט, אז ווען טאניע איז צוריקגעקומען פון דודן, איז זי נישט ארויפגעקומען גלייך צום פאטער, נאר אוועק צו זיך אין שטוב. ערשט פארנאכט-צו איז זי ארויפגעקומען, האט נישט געקוקט אויף בליומען, נישט גערעדט פון דודן.

— וואו-זשע ביסטו געווען א גאנצן טאג? — האט בליומע דאן געפרעגט.

טאניע האט געהאט א פארטראכט פנים:

— אין שטוב געווען... אויפגערוימט... דעם קינד עסן געגעבן...

— דודן האסטו הייבט געזען?

— יא... ער האט זיך געאיילט אוועקצופארן.

— איז וואס־זשע האט ער געזאגט?

— ער האט צוגעזאגט... ער האט נאך פארן אוועקפארן געזאלט איך דורכרעדן מיטן סלעדראוואטעל... מסתם האט ער געהאלטן ווארט.

— הייסט עס; ער האט גערעדט מיט אים?

— מסתם... ווייס איך?

מאדנע: מער האט טאניע פון דעם נישט גערעדט.

ערשט איצט האט בליומע דערפילט, אז טאניע מיידט זי אויס כסדר; שוין צוויי טעג זינט זי איז געווען בא דודן, און זי איז כסדר צערודערט. אז זי קומט ארויף, איילט זי זיך, ברענגט מיט דאס יינגעלע און איז כסדר מיט דעם פארנומען, קוקט נישט בליומען אין פנים אריין און אליין איז זי בלייכער און פארחלומטער. פאר די צוויי טעג האט זי זי נישט געזען שמייכלען... א פאר מאל האט געטראפן, אז זי האט איבערגעפרעגט בליומען:

— וואס? וואס האסטו געזאגט?

איז דער צער מיטאמאל געווארן שארפער. בליומע איז געזעסן באם פענצטער א צעשראקענע מיט שטייענדיקע אויגן און פרומקייט אויפן פנים. איר לענגלעך בעזיכט איז געווען אויסגעאיידלטער, לענגלעכער; די ליפן צונויפגעפרעסט. אין איר — בענקשאפט נאך טרערן.

„טאניע איז נאך גאנץ שיין".

אזוי האט עס אין איר אויסגעשריגן.

ס'איז געווען אזוי, ווי אט די ווערטער, וואס זענען אמאל אין אך אונטער איינגעפלאנצט געווארן אין איר, און האבן שוין געהאט אויסגעבלייכט, האבן זיך צוריק ארויסגעריסן פון דער טיפעניש און אויפגעבליט מיט צולהכעיסדיקייט. און פון גאס קוקט אריין א בלייכער, כמורנער פארנאכט, און דיביימער שטייען צעוואקסענע און שווייגנדיקע... איז וואס־זשע? האט ער דען נישט געקענט פועלן, מען זאל באפרייען לערנערן? און אט זענען שוין אוועק צוויי טעג, זינט ער איז אפגעפארן — האט ער גאר קיין בריוול נישט געקענט שרייבן?

דאס הארץ האט פארקלעמט, געוויין איז דארט אויפגעגאנגען. ס'איז געווען דאס שטילע געוויין פון דעם, וואס שפאנט לאנג און זיבער אויף זיין וועג, מיטאמאל דערוואוסט ער זיך: ער איז גאר אוועק

אין בלאנדזשעניש; אז ער איז די גאנצע צייט געגאנגען נישט אויף זיין וועג...

די בענקשאפט, וואס האט זיך אין איר געזאמלט פאר די לאנגע טעג און וואכן, איז איצט אויסגעוואקסן מיט אומגעהייערער אומגעדולד. זי האט זיך געגעבן א שטעל אויף פון איר ארט, ווי זי וואלט געוואלט ערגעץ לויפן זיך דערוויסן. איז שטיין געבליבן, ווי א פארלוירענע; גע־אטעמט שווער מיט אפענע ליפן, פארקלעמטע ציין, און אין איר האט עס זיך געחזרט:

— אלץ איז אויס... אלץ איז אויס...

מיט עקשנות און צולהכעיסדיקייט געטראכט: „אט פארוואס ער האט נישט געוואלט, לערנער זאל פריי ווערן... אט פארוואס ער האט די גאנצע צייט אזוי פארביטערט געשוויגן... און אט פארוואס טאניע מיידט זי אויס..."

די טיר האט זיך געעפנט פון שלאפצימער, דער אלטער איז ארויס־געקומען אנגעטועגער. בליומע האט זיך אויסגעדרייט, דערזעען: דער פאטער איז עפעס נידעריקער... האט זי זיך איינגעקוקט אין אים, ווי זי וואלט נישט פארשטאנען.

— וואס זשע קוקסטו אזוי? הא?

— גארנישט... גארנישט...

דער אלטער האט זיך אוועקגעזעצט. בליומע האט געטראכט, אז מען וואלט געדארפט הייסן אניען מאכן טיי, נאר עפעס איז איר שווער געווען דאס צו טון... איז זי א ווײַלע נאך געשטאנען, ווי א פארבלאנ־דזשעטע, אין איר איז חשד נאך אויפגעקומען, ווי דארן נאך דארן וואלט ארויסגעשפראצט: אט פארוואס טאניע איז אזוי בלייך און פאר־טראכט... הייסט עס: די גאנצע צייט קומט עפעס פאר צווישן זיי... מיטאמאל א ציטער געטון: זיצט לערנער, ווייל דוד האט עס גע־וואלט, הא?

— איך וואלט געטרינקען א גלעזל טיי — האט דער אלטער גע־זאגט.

בליומע איז ארויס אין קיך, האט אניען געהייסן מאכן טיי. די שיקסע איז געווען שטיל און פארזארגט, ווי זי וואלט מיט עפעס נישט זיכער געווען:

— דער „בארין" איז שוין אראפ פון בעט?

— יא, איז וואס?

— וועט ער מיך איצט ארויסטרייבן... איך ווייס...

— וואס פעלט דיר אייך?

— ער האט מיר אפגעזאגט... האט מיך די „באריניא" צוריק פארהאלטן... איצט אבער —

מיטאמאל זיך אויסגעדרייט צו בליומען, מיט א געבראכן קול זיך אנגעהויבן בעטן:

— איך האב דאך נישט וואו צו גיין... וואו זאל איך גיין פונדאנען? שוין אזוי צוגעוויינט...

— ווער טרייבט דיך דען?

— דער „בארין" האט מיך געטריבן... ער האט מיך געהייסן גיין... איבער וואלאדיאן...

— ווען? ווען האט ער דיך געטריבן?

— נאך איידער ס'האט די „נעסטשאסטיע" געטראפן... וואס בין איך דען שולדיק? וואלאדיא איז מיין חתן... ער איז א מאנספערשוין... ווער קען זיך קייגנשטעלן?...

— וועגן וואס רעדסטו?

די שיקסע האט געכאפט קושן בליומעס הענט. האט מיט וויינענדיק קול גערעדט האלבע ווערטער... גערעדט גיך און איין אטעם... און בליומע איז געשטאנען צעטומלט און נישט פארשטאנען.

— אט זאגט ער וואלאדיא: זע אליין... די „באריניא" האט א מאן און פונדעסטוועגן... און איך, איך בין דיין חתן... אזוי האט ער געטענהט, וואלאדיא, און איך — א „דורע" האב זיך געלאזט איינרעדן... איצט איז וואלאדיא ערגעץ אוועק... אוועק און קומט שוין נישט מער... אן אומגליקלעכע בין איך, און דער „בארין" טרייבט מיך ארויס...

— ער קומט שוין נישט מער?

— ער האט מורא צו קומען... ער איז געקומען מיטן „אביסק"... אבער וואס בין איך שולדיק? ער איז אריין אין דער רציחה... איז ער אוועק און געזאגט: אזוי און אזוי... האב איך זיך צעקריגט מיט אים: דו אזוינער און אזוינער! זיי זענען מיינע באלעבאטים! זיי זענען דאך צו מיר געווען, ווי אייגענע! האב איך אים פארטריבן... נו — איז ער אוועק.

— הא? דאס איז געווען זיין ארבעט? אזוי?

די שיקסע האט זיך גענומען ווישן די אויגן, גערעדט וויינענדיק

זי האט געווייגט און זיך געבעטן : וואס איז זי דען שולדיק ? זי האט דען געוואוסט, וואס ער גייט טון ? אז זי האט זיך דערוואוסט — האט זי זיך מיט אים צעקריגט... האט זי אים פון זיך פארטריבן.

בליומע האט דערפילט דערלייכטערונג : דער שווערסטער חשד איז געווען אפגעוואשן. עס האט זיך גענומען לייטערן אין איר הארץ.

— וואס זשע ? וועל איך טאקע מוזן אוועקגיין ?

— ווער זאגט דען ? נאר וואס דו ביסט ! ווער זאגט ? וועסט נישט גיין. קיינער טרייבט דיך נישט.

פריילעכקייט האט געגעבן א שלאג-ארויס אויף דער שיקסעס פנים :

— אט, ווערט באלד טיי.

זי האט זיך געווארפן צו דער פליטע, האט גענומען ווארפן מיט די פייערקעס, קלאפן מיטן טשייניק. בליומע האט שוין געוואלט ארויס-גיין, נאר די שיקסע האט זי צוריקגערופן :

— קיין צוקער אין שוין נישטא.

— נישטא ?

— אויסגעגאנגען... די זאפאסן לאזן זיך אויס...

— וועסט ארויסגיין און קויפן א פונט צוקער. וויפיל קאסט ?

— דאכט זיך זעקס... זעקס טויזנט...

— אט וועל איך דיר געבן געלט.

בליומע איז אריין צו זיך אין צימער, האט פון איר אייגן געלט געגעבן אניען, אליין איז זי מיט דערלייכטערונג אריין אין עס-שטוב, וואו דער פאטער איז געזעסן.

— באלד וועט זיין טיי. זי גייט נאר אראפ נאך צוקער.

— וואס-זשע, נישטא בא אונז קיין צוקער ?

— זעט אויס אזוי.

דער אלטער — ווי ער וואלט מיט כוונה געוואלט אויסמיידן צו טראכטן פון דעם, וואס די שטוב — עטינגערס שטוב — איז געבליבן אן צוקער, האט געזוכט צו רעדן פון עפעס אנדערש, און האט א פרעג געטון :

— פארוואס זעט מען נישט אבראמעקן ?

— אבראמעקן ? ער איז דאך נעכטן געווען ? א האלבן טאג אפ-געזעסן...

— אבער היינט איז ער נאך נישט געווען.

— ער האט דאך נעכטן געזאגט: ער וועט הייגט זיין פארנומען; עפּעס מאכט מען בא זיי הייגט מאַגעוורעס.

— אזוי האט ער געזאגט?

נאר בליומע האט שוין מער נישט געענטפערט; זי האט זיך געגעבן א שטרעק אויס, איז צוגעלאפן צום פענצטער, מיט פרייד אויסגערופן:

— אט איז ער!

— ווער?

— לערנער איז געקומען! אט איז ער שוין אויפן הויף.

פרייד האט פארגאסן איר הארץ; אלע חשדים אפגעשוועכט...

איז געווארן אומגעדולדיק:

— איך לויף אראפ אויף א ווײַלע.

מיט פלינקע טריט אראפ פון די טרעפ, ווי זי וואלט זיך געוואלט איבערצייגן, אז זי האט קיין טעות נישט געהאט.

זי איז אריין צו טאניען אין שטוב, אויסגערופן:

— לערנער! לערנער! מען האט אייך באפרייט?

לערנער האט געשמייכלט בלייך און מיד. זיין פנים איז געווען שטארק אויסגעצערט, די הויט — שטארק נאכגעלאזט; די באקן זענען געווען באדעקט מיט שווארצע הערעלעך, און ער איז געשטאנען, ווי אויף פרעמדע פיס. בליומע האט אים געדריקט די האנט:

— נאר וואס, אז מען האט אייך באפרייט?

— יא... דער סלעדאוואטעל האט געזאגט: א דאנק דעם, וואס דוכאווין האט געגעבן... איך האב זיך אונטערגעשריבן נישט ארויסצופארן פון שטאט. ווען נישט דוכאווין וואלט איך נאך געזעסן.

טאניע איז געווען צעטומלט; זי האט געקוקט אויף אים אזוי, ווי זי וואלט אים נישט דערקענט: עפּעס איז ער געווען אן אנדערער... א מידער, צעבראכענער. און וואס איז עס אזא פרייד אויף בליומען? — האט עס זי געוואונדערט.

— איז וואס זשע שטייסטו אזוי? — האט לערנער געפרעגט בא טאניען.

טאניע האט ווי נישט געהערט זיין פראגע און נאר געזאגט:

— קודם ווארף אראפ פון זיך דעם פּאלטא און גיי, וואש זיך ארום.

— וואס מאכט דער פּאפּא?

— ער איז געווען נישט געזונט... שטארק נישט געזונט... איך וועט דאך באלד ארויפקומען, יאָ?

— געוויס, איך וועל באלד ארויפקומען.

בליומע איז צוריק ארויף. זי איז געווארן אומגעדולדיק, צעטומלט. די מען וואלט איר נאר וואס א גרויסע בשורה אנגעזאגט; פון אלע חשדים איז איצט קיין זכר נישט געבליבן. זי האט געשוועבט דורך די צימערן לייכט, וויגטיק, ווי אין איר וואלט געזונגען. מיטאמאל איז איר איינגעפאלן:

— אפשר איז שוין דוד געקומען?

עס איז געווען, ווי עס וואלט זיך אין איר אנגעצונדן, ווי זי וואלט עבדלען דערהערט די שטימע, וואס רופט זי. זי האט א טראכט געטון: שוין דריי טעג ווי איך זיץ אין שטוב, דארט זענען חברים צוזאמען, עפעס טוט זיך דארט, עפעס רעשט זיך דארט, דוד שמייכלט אוןווארט אלץ: וואו איז בליומע? וואס זעט מען נישט בליומען? און בליומע איז נישטא.

זי איז אריין אין קיך. אניא האט שוין געהאט אנגעגאסן טיי.

— טראג אריין, אניא.

— אט גיי איך.

— אניא, מען וועט דיך נישט טרייבן, אניא.

אניא האט געשמייכלט.

בליומע איז אריין צום פאטער:

— ווי פילסטו זיך, טאטע?

דער אלטער האט געשמייכלט, קוקנדיק אויף בליומעס פרייליך פנים און גלאנציק-גאלדענע אויגן.

— א דאנק, טאכטער... איך פיל זיך גאנץ גוט.

— אט גיט דיר אניא אריין טיי. הער אויס, טאטע: עפעס האט זי פאר מיר געוויינט; זי האט געזאגט, דו ווילסט זי ארויסטרייבן, אדער, דו האסט זי שוין אפגעזאגט. הער אויס טאטע: ס'איז א רחמנות... זאל זי בלייבן... איך האב איר שוין צוגעזאגט.

דער אלטער האט צוגעשאקלט מיטן קאפ:

— גוט... גוט... איך קען דאך אליין נישט זיין... זאל זי. —

און גלייך געפרעגט:

— נו, און ווי זעט אויס לערנער?

— לערנער? ער איז דאך שוין טאקע דא! ער איז אין שטוב. ווי

ער זעט אויס? — ווי אזוי זאל ער אויסזען? ער איז נישט אויסגערוט, פארוואקסן, ער וועט באלד ארויפקומען, איך דארף איצט אוועקגיין.

— וואו גייסטו שוין ווידער? — איז דער אלטער געווארן פארכמורעט.

בלומע האט נישט פארשטאנען:

— וואס הייסט: וואו איך גיי שוין ווידער?

דער אלטער האט גענומען רעדן מיט דערשלאגן קול:

— כ'האב געמיינט, דו וועסט שוין בלייבן אין שטוב... וועסט בלייבן לעבן מיר... איך בין דאך איצט אליין, אלט, צעבראכן, וואס טויג דיר נישט דא אין שטוב, הא?

— ניין טאטע! איך גיי נישט אוועק פון שטוב, איך וועל צוריקקומען, איך וועל צוריק בלייבן וואוינען אין מיין צימער, איך דארף נאר איצט אוועקגיין.

אז דער פאטער האט ווידער געוואלט בעמען רעדן, איז זי דווקא א פריילעכע צו אים צוגעלאפן, אים גענומען גלעטן:

— שווייג... שווייג... איך דארף איצט גיין... איך וועל קומען שלאפן... שווייג...

אניא האט אריינגעבראכט טיי. האט פארשעמט געשמייכלט, די טיי אוועקגעשטעלט פאר עטינגערן. בלומע האט געזאגט:

— נו, און צו דער טיי? ברויט מיט פוטער? הא?

דער אלטער איז געווען צעטומלט. נאר בלומע האט עס ווי נישט באמערקט:

— איך גיי אריין זיך איבערטון.

זי איז אוועק צו זיך אין צימער זינגענדיק אין דער שטיל. אניא האט איר אהין אריינדערלאנגט א שיסל וואסער. זי האט זיך געוואשן, געווישט מיטן האנטוך, שפאנענדיק אויפגעלייגט איבערן צימער, זינגענדיק מיט קלאר, פריי קול. זי האט זיך איבערגעטון, און זיך דערפילט אזוי גרינג און גוט, ווי זי וואלט זיך איבערגעטון צו א גרויסער שמחה. האט געקוקט אין שפיגל, צו זיך אליין געשמייכלט.

מיט אמאל זיך דערמאנט:

ווי אזוי האט ער געקענט שרייבן? עס גייט זען איצט א רעגל-געטיקע פאסט? און אפשר איז ער שוין צוריקגעקומען?

זי האט זיך צעלאכט. געקוקט, ווי זי לאכט צוריק צו זיך פון

שפיגל ארויס מיט קלאר־ווייסע ציין, האט באקומען א געפיל, אז דוד ווארט אויף איר. און נאך איז איר אויסגעקומען, אז דארט, וואו ער איז געפארן, האט ער כסדר געטראכט: ער וועט צוריקקומען און זען בלומען.

זי איז געבליבן שטיין ווי פארחלשט; געפילט, ווי אירע הענט ציען זיך, די ליפן אירע ציטערן, און דאס הארץ — זינגט, זינגט ביז צום אויסגיין.

— — — — — — — — — — — — — —

ווען בלומע איז אריין אין עס־שטוב, איז שוין דארט געזעסן לערנער. געזעסן און גערעדט מיטן אלטן. ביידע האבן זיך אומגעקוקט, אזוי ווי בלומע וואלט געווען נישט דיזעלבע; זי האט איצט געשיינט, ווי מיט איר וואלט א זון אריינגעקומען אין שטוב, כאטש דער אוונט איז שוין צוגעפאלן, און טונקעלער ערנסט האט אריינגעקוקט דורך די שויבן. זי האט געשמייכלט און אנגעזאגט דעם פאטער:

— טאטע, זאלסט זיך פרי לייגן... איך וועל קומען מסתם נישט שטארק שפעט.

דער אלטער האט געהאט א פארזארגט פנים, ווי ער האט געפילט, אז עס וועט נישט זיין אזוי. נאר ער האט געשמייכלט. לערנער האט געקוקט מיט וואונדער.

— און וואו איז טאניע? — האט בלומע געפרעגט.

— זי קומט באלד ארויף.

זי האט זיך געזעגנט, גיך ארויס פון שטוב. נאר אויף דער גאס האט זי גענומען גיין געלאסענער; געגאנגען מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ, מיט אן אויסגעשטרעקטן גוף און זיך צוגעהערט צום געזאנג פון אייגענעם הארץ. האט זיך געפילט אזוי גרינג און גוט, ווי זי וואלט פון א טונקעלן צימער ארויס און געטראפן א ליכטיקן, זוניקן דרויסן.

קאפיטל זיבן.

קומענדיק אין צענטר פון שטאט, האט בליומען א שלאג געטון אין נאז א שטארקער ריח פון אומרויקייט: די גאסן זענען געלעגן שטילע, אפגערוימטע, און דער פארנאכט איז כמורנע אויף זיי געזעסן א פארטראכטער, דערווארטנדיק דאס, וואס ווייטער וועט געשען. פאר די טויערן זענען מענטשן געשטאנען שווייגנדיק מיט גרויסע אויגן, אויסגעצויגענע פנימער, ווי זיי וואלטן געזאגט עפעס אן אומפארשטענדלעך אומגליק, וואס רוקט זיך אן. די, וואס האבן געשפאנט אויף די טראטוארן, האבן זיך געאיילט, ווי זיי וואלטן זיך געגרייט אנצוהייבן לויפן, זיך באהאלטן. נאר מיטאמאל האבן זיי אפגעשטעלט די איילנדיקע טריט, זיך אויסגעדרייט, און צוזאמען מיט די, וואס זענען פאר די טויערן געשטאנען, אויסגעצויגן זייערע בליקן און נאכגעקוקט די קליינע גרופעס ארבעטער, וואס זענען פון פארשידענע גאסן ארויסגעקומען, און די הויפט-גאס דורכגעקרייצט. געגאנגען זענען די ארבעטער אין זייערע פאבריק-קליידער, האבן געשפאנט גלייכע, שטארקע, שווייגנדיקע און ערנסטע. עפעס פארהוילנקייט איז געווען אין זייערע פארשטייפטע, ברייטע פלייצעס און פעסטע באקסלען. זיי האבן צווישן זיך נישט גערעדט, נאר א שמייכל פון בונט און הפקרדיקייט האט זיך געשפילט אונטער זייערע אויגן. די, וואס האבן גערייכערט, האבן געצויגן די פאפיראסן מיט תאווה, טיף געשלונגען דעם רויך. די איבעריקע — האבן באוועגט מיט שווערע הענט, ווי מיט האמערס.

בליומע איז געווארן צערודערט; האט באקומען דאס געפיל, ווי זי וואלט אפגעשטאנען פון דער מחנה פאר די לעצטע טעג: ווייסט זי נישט, וואס פאר דער צייט איז געשען. גייט א מחנה מיט שטורעם איבערן וועג, צעטרייבט שאטנס און נאכט, צעווארפט צוימען און פארקנס, לאכט דערביי הפקרדיק, זינגענדיק און זי — וואו איז זי געווען ביז אהער? ווי אזוי איז זי פון דער מחנה אפגעשטאנען? — האט זי זיך גענומען איילן און גיין שנעלער מיט לייכטע, פלינקע טריט די מחנה אנצויאגן, זיך אין איר-

אויסצעמישן. זי האט געהערט דאס יובל־געשריי, דאס פרייע ליארמדיקע געזאנג, האט דאס הארץ גענומען שלאגן העפטיקער, הייסער.

אז זי איז צוגעקומען צו דער „ארבעטער־היים", האט זי דארט געטראפן פארגאפטע שטילקייט. די טירן זענען געשטאנען פארמאכטע, פארגליווערטע און דורך די שויבן פון די צוגעמאכטע פענצטער האט ליידיקע פוסטקייט ארויסגעקוקט. האט זי געפרווט עפענען די טיר, נאר זי איז געווען פארשלאסן. איז זי געבליבן שטיין צעטומלט, ווי זי וואלט איר וועג פארלוירן. איז זי אזוי געשטאנען א פארבלאנדזשעטע:

— איז וואו זשע קענען זיי זיין? און וואס אזוינס האט פאסירט, וואס זיי זענען דא נישטא? עפעס האט דאך פאסירט!...

אזוי טראכטנדיק איז שרעק אנגעלאפן ווי א כוואליע, האט זיך איבער איר א גאס געטון, דאס הארץ פארפלייצט, דעם אטעם פארשלאגן: ווידער עפעס א שוגא? אפשר עוואקוירט מען זיך שוין?

ציטער, ווי דין, שארף עגבערל, האט דורכגעבויערט איר גאנצן גוף, פון קאפ ביז די פינגער פון די פיס. עס האט אין איר א געשריי געטון: און דוד! וואו איז דוד?...

זי איז געווארן בלייך, צעטומלט, זיך באוועגט אויף איין ארט טראכטנדיק: וואו דארף זי איצט גיין, נישט גיין — נאר לויפן? וואו זשע? און דא האט זי דערזעען א באקאנט פנים דערנענטערט זיך צו איר. א? ווער איז ער? זי האט אים געקאנט, און דאך נישט דערקאנט. דאס איז געווען א יינג בחורל, אנגעטון אין א שווארצער רובאשקע מיט א געלן פאס די לענדן ארומגענומען; האט געטראגן פענסנע. דאס פנים איז בא אים געווען יינג, ליכטיק. ער האט געשפאנט מיט איילנדיקע טריט און צוגעקלאפט מיטן ווייסן שטעקן, וואס ער האט געטראגן. אז ער האט זי דערזעען, האט ער געזאגט מיט וואונדער, פון דעם, וואס זי ווייסט עס נישט:

— חברטע בלומע... די „ארבעטער־היים" איז היינט פארמאכט.

— וואס האט פאסירט? — האט בלומע זיך קוים איינגעהאלטן נישט אנצוכאפן אים בא דער האנט.

— וואס זאל פאסירן? היינט איז אן אלגעמיינע, ספעציעלע פארטיי־פארזאמלונג. וואס, איר ווייסט דען נישט?

— אזוי?! איך האב גארנישט געוואוסט... איך קום ערשט פון דער היים... געווען א פאר טעג שטארק פארנומען, האב איך טאקע נישט געוואוסט.

בלומען איז לייכטער געווארן אין הארצן. ערשט איצט האט זי זיך דערמאנט, אז ער איז א יוגנטלעכער, אבראמעקס א חבר.

— אין וואו זשע איז די פארזאמלונג?

— אין „פארקאם"... ס'איז הייגט אינדערפרי געווען געמאלדן אין דער „איזוועסטיא"... אלע חברים מוזן זיין.

האט תיכף א קוק געטון אויפן זייגערל, וואס איז אים געלעגן ארומגעבונדן אויף דער האנט:

— ס'איז שוין שפעט... מען דארף שוין דארט זיין... איר גייט אויך?

— געוויס... געוויס...

אויפן וועג האט בלומע א פרעג געטון:

— וועגן וואס איז עס די ספעציעלע פארזאמלונג?

— איך ווייס אויך נישט. זעט אויס וועגן א וויכטיקן ענין.

— און וואס הערט זיך אזוי?

— וואס זאל זיך הערן? דערווייל איז שטיל.

האט בלומע אפגעאטעמט לייכטער, האט שוין מער גארנישט געפרעגט.

ווען זיי זענען אנגעקומען אין „פארקאם" — האבן זיי שוין געטראפן דארט א געפאקטן זאל. און מאדנע: בא דער טיר איז געשטאנען א רויט-ארמעער מיט א ביקס אין האנט. ווען בלומע איז אריין, איז איינער א חבר צוגעגאנגען צו דער טיר, געוואלט ארויסגיין, נאר דער רויט-ארמעער האט שמייכלענדיק געזאגט:

— ארויסגיין טאר מען נישט.

האט זיך דער חבר פארוואונדערט:

— מען טאר נישט? איך קום גלייך אריין.

— ניין, חבר. א באפעל אזעלכער... דיסציפלין, חבר.

האט זיך בלומע אויך פארוואונדערט: דאס ערשטע מאל זעט זי דאס. נאר באלד האט זי זיך אריינגעלאזט צווישן עולם; אירע בליקן האבן געבלאנדזשעט פון פנים צו פנים, פון ווינקל צו ווינקל, נאר נישט דוד, נישט דינה זענען דארט געווען. זי האט ווידער געקוקט איבערן זאל, ווידער דורכגעקוקט די פנימער און דערזען אבראמעקן. ער איז געזעסן נישט ווייט פון פרעזידיום-טיש. אז ער האט זי באמערקט, האט ער זיך אויפגעשטעלט, איז איר אנטקעגן געגאנגען.

— וואס מאכט דער טאטע?
— הא, אבראמעק, ביסט שוין לאנג דא?
— געקומען צו דער צייט: אכט א זייגער.
— וואס זשע איז עס פאר א פארזאמלונג?
— כ'ווייס נישט... מען גרייט זיך צו אן „אפעראציע", זעט אויס.
— אן „אפעראציע"?... יא, דעם טאטן איז בעסער, שוין אויפגעשטאנען היינט פון בעט.
זיי האבן זיך ביידע אוועקגעזעצט. בליומע איז אלץ געווען צערודערט: אירע אויגן האבן אלץ געבלאנדזשעט איבערן זאל און אבראמעק, ווי ער וואלט פארשטאנען, וואס זי זוכט, האט געזאגט:
— דוכאווין איז נאך נישט צוריקגעקומען.
— ביסט געווען בא אים?
— יא, דא נישט לאנג בין איך אריינגעלאפן אין ראטן-הויז, האט מען מיר געזאגט: נאך נישט צוריקגעקומען. בליומע האט געגעבן א דריי אויס דעם קאפ צו אבראמעקן, ווי זי וואלט עפעס דערזעען אויף זיין פנים. אבראמעק איז צערודערט געווארן, גענומען פינטלען מיט די אויגן, באהאלטנדיק עפעס:
— און וואס הערט זיך אינדערהיים?
— גארנישט... יא, דו ווייסט? לערנער איז דאך שוין אינדערהיים.
— אזוי? מען האט איט ארויסגעלאזט?
בליומע האט געהאט חשק אויסצושרייען: און דאס האט דוד געפועלט! דאס האט דוד אים באפרייט... נאר זי האט עס נישט אויסגעשריגן. זי האט נאר אין זיך א שמייכל דערפילט, א טראכט געטון: „טייערער".
איבערן זאל האבן זיך צעשיט די קלאנגען פון א גלעקל. אלע אויגן האבן זיך אויפגעהויבן צום פרעזידיום-טיש. די פארזאמלונג האט געעפנט ראבינסאן און דערקלערט:
— חברים! מיר האבן צונויפגערופן אהער די פארטיי, די יוגנט און די „זאווקאמען", נישט אויף א פארזאמלונג, וואו עס דארפן דיסקוטירט ווערן פארשידענע פראגן, נאר — כדי איר זאלט דא באקומען אינסטרוקציעס און דורכפירן א שליחות. דאס ווארט באקומט דער חבר סטאך — דער פארזיצער פון „גובטשעקא"; ער וועט אייך אין נאמען

פון ארגאניזיר-קאמיטעט, איבערגעבן, וועגן וואס עס האנדלט זיך און אויך: די אינסטרוקציעס ווי דורכצופירן די „אפעראציע".

חבר סטאך האט זיך אויפגעשטעלט. האט דערקלערט קורץ און פשוט: די ארמיי איז נישט אנגעטון. די ארבעטער, און איבערהויפט די ארבעטער-קינדער, האבן נישט קיין וועש, קיין שיך, און — די בורזשואיע האט צופיל! ארבעטער און רויט-ארמעער האבן נישט קיין העמד צום לייב, און יענע — די געוועזענע באזיצער פון פארמעגן — האבן הונדערטער פאר וועש. דעריבער, איז געגרינדעט געווארן אן ארגאניזיר-קאמיטעט, וואס באשטייט: פון פארזיצער פון „גובפארקאם", פארזיצער פון „גובאיספאלקאם", פארזיצער פון „גובסאופראוו" און פארזיצער פון „גובטשעקא". דער ארגאניזיר-קאמיטעט האט אויסגעארבעט די אינסטרוקציעס, וויפיל מען דארף פאר יעדן לאזן און די מותרות אפנעמען בא זיי. מיט דעם מותרות וועלן מיר קאנען אנטון א טייל פון דער ארמיי, א טייל פון די ארבעטער, וואס נייטיקן זיך אמשטארקסטן און דער עיקר — די קינדער, וואס לערנען אין די מלוכה-שולן. כדי עס זאל נישט פארקומען קיין מיסברויכן באם צונעמען די מותרות, איז באשלאסן געווארן: בילדן גרופעס, וואס וועלן צונויפגעשטעלט אויף אזא אופן: אין יעדער גרופע גייט אריין א חבר פון פארטיי, אדער צוויי, א חבר פון „זאווקאם" — ס'הייסט: פון די אומפארטייאישע ארבעטער, און א מיטגליד פון טשעקא. דער פון „זאווקאם" ווערט באשטימט פאר דעם אינסטרוקטאר פון דער גרופע: ער באקומט די אינסטרוקציעס און פירט זיי דורך. הייטנטיקע נאכט דארף די גאנצע „אפעראציע" דורכגעפירט ווערן.

— בראווא! — האט אויסגערופן א שטים, וואס איז שווער ווי בליי געפאלן אין זאל.

— גוט אזוי! — האט אפגעענטפערט א דיק קול.

אין זאל איז געווארן רעשיק. מען האט אנגעהויבן אויפשטיין פון די ערטער, עס איז געווארן א רעדעריי; מען האט גערעדט שווער, פארביסן, אנטשלאסן, און ייִנגערע — זענען געווארן אומרויק, שטארק באוועגלעך.

— קיינער גייט איצט נישט ארויס פונדאנען — האט דער פארזיצער אויסגערופן — קיינער קאן נישט פארלאזן דעם זאל! אוונט-ברויט וועט איר דא באקומען!

מען האט זיך צעשמייכלט, גערעדט הילכיק:

— ארעסטירטע! אלע זענען מיר ארעסטירטע!

— לאמיר אויך פארזוכן דעם טאג!
— אבער דערפאר — א וועטשערע!
— ע הע — וועט עס זיין פריילעך די נאכט?!
— ס'וועט שוין זיין איין מאל אן אפעראציע.

אלע לאמפן האבן געברענט ליכטיק, שרייענדיק, ווי אין א טאנץ־זאל. אלעמענס פנימער האט מען ארויסגעזען. ס'איז געווארן די שטימונג און דער ריח פון א הוליאנקע, וואס יוגנט גרייט זיך צו פראווען.

מען האט אריינגעטראגן זעק מיט ברויט, קאנסערוון, און טרוקענעם ווורשט. אויפן גרויסן טיש, וואס איז געשטאנען נאענט צו דער טיר, האט מען דאס אלץ אויסגעשיט פון די זעק ארויס. איז געווארן ארום דעם טיש א שטופעניש, א געדראנג, קלינגענדיקע קולות האבן זיך גע־קרייצט, אפגעשלאגן, אפגעשפרונגען; אין די יינגע אויגן האט זיך צע־ברענט דער הונגער. איינער האט געכאפט א ווארעם ברויט אין האנט, און ס'איז פון אנדערע הענט אין זיינע צעריסן געווארן... עס האט גע־געבן א שלאג מיט פארע און מיט ווארעמען, געשמאקן ריח.

— וואס טוט איר? — האט איינער אויסגעשריגן — חברים! וואס איז עס פאר א כאפעניש?

אויף זייערע ערטער זענען די גאנצע צייט געבליבן נאר די על־טערע, די פאראנטווארטלעכע טוער. זיי האבן זיך איצט אויסגעדרייט און מיט וואונדער דערזען דאס שטופעניש ארום טיש מיט ברויט. ס'איז גע־ווען אזוי, ווי א מחנה הונגעריקע וועלף וואלט באפאלן א סטאדע קליינע שעפסלעך. האט זיך סטאך געגעבן א שטעל אויף, אויסגעשריגן מיט אזא הילכיק קול, אז עס האט דעם רעש איבערגעשריגן:

חברים! וואס טוט איר?

דער רעש איז ראפטום אפגעפאלן. קעפ האבן זיך גענומען אויס־דרייען.

— רוקט אייך אפ פון דארט! אהער גייט חברים! שוין די מינוט.

האט זיך די כוואליע געגעבן א שטויס צוריק, איז צוגעקומען נענטער צו דער זייט זאל, וואו דער פרעזידיום־טיש איז געשטאנען. מען האט דערקייט דעם ביסן, וואס מען האט געהאט געכאפט.

— וואס איז עס פאר א כאפעניש? שעמט זיך!

— אז מיר זענען הונגעריק! — האט אפגעהילכט א שווערע אריבע־
פער־שטימע.

האט מען שוין גענומען שמייכלען, און סטאך מיט ראבינסאנען
האבן זיך גענומען צונויפשטעלן די גרופעס, באשטימען אינסטרוקטארן
און אויסטיילן די געדרוקטע — פון פריער צוגעגרייטע — אינסטרוק־
ציעס.

— קודראוו!

— איך.

— אנטאנאוו!

— איך!

יעדער האט גיך געענטפערט און קיינער האט גארנישט איבערגע־
פרעגט. ווארים באם לאנגן טיש, אויף וועלכן די ברויטן זענען געווען
אנגעווארפן, זענען געשטאנען א פאר יינגע, צעהיצטע חברים, און מיט
שארפע לאנגע מעסערס, די לעבעלעך געשניטן; יעדעס לעבל אויף פיר
שטיק. גלאט האבן די מעסערס געשניטן און הרחבהדיק האט דאס ברויט
אונטער דער שארף ווייך געקרעכצט, מיט באלעבאטישן זאטן קרעכץ.
פארע איז אויפגעגאנגען פון די שטיקער. דער ווארעמער, זיסער ריח האט
זיך צעדעמפט איבערן זאל, געקיצלט אין האלז און צעברייטערט די אויגן.
העלזער האבן אין זיך געשלונגען דעם ריח, די נאז־לעפלעך האבן זיך
באוועגט און מוסקולן ארום מויל האבן געציטערט. האט מען נישט גע־
קענט איינזיצן אויף די ערטער, איז מען געשטאנען אומגעדולדיק און
אלע ווײַלע די קעפ אויסגעדרייט.

— פאפאוו!

— איך.

— זאלצמאן!

— אט בין איך.

— אין מאלאפאנטאנסקי ראיאן?

— גוט.

אז מען האט אויסגערופן: עטינגער אבראם!
האט אבראמעק געענטפערט:

— איך.

— אין מאלאפאנטאנסקי?

האט אבראמעק א באוועג געטון מיט די ברעמען:

— אפשר קען עס זיין אן אנדער ראיאן?

— וואס איז? נישט באקוועם? זאל זיין אלעקסאנדראווער?

— גוט.

בליומע האט זיך איצט דערמאנט אין פאטער. זי האט געדענקט, אז ער איז היינט אראפ פון בעט, אז זי האט אים צוגעזאגט צו קומען אהיים נישט שפעט. אבער דאס האט געדויערט איין רגע; זי האט עס באלד פארגעסן. זי האט איצט אויך געפילט דעם ריח פון ווארעמען, פרישן ברויט און די ווארעמקייט, וואס האט ארומגעכאפט אלע חברים. עפעס איז געווען אזוי גוט אויפן הארצן פון דעם, וואס אלע זענען צוזאמענגעוואקסן אין איין מחנה. פון דעם, וואס אלע הערצער האבן געשלאגן אזוי שטארק און אויפגעלייגט. אז מען האט אויסגערופן איר נאמען, האט זי גלייך געענטפערט:

— איך.

קאפיטל אכט.

דער אלטער עטינגער איז געלעגן אין בעט מיט אפענע אויגן; איין זיך געפילט שארפן פארדראס, וואס האט שטיל געברענט אין זיינע אדערן. ער האט אליין נישט געוואוסט פאר וואס, וואס אים פארדריסט אזוי שטארק. נאר אין הארצן איז געווען פארשפיצטער ווייטיק, און אין גאנצן לייב — ברענענדיקע שווערקייט. האט ער זיך באמיט צו דערמאנען, וואס לערנער האט די גאנצע צייט גערעדט צו אים, און ער האט זיינע רייד נישט געדענקט. אים איז איצט אויסגעקומען: אט דער לערנער איז אים סך הכל א פרעמדער; ער פארשטייט אייגנטלעך נישט, וואס אט דער לערנער היצט זיך אזוי און רעדט מיט אזעלכע צעכעסטע אויגן... ער האט היינט ווידער גערעדט פון זייף, זאוואד, און עטינגערן איז עס גלייך ארויס פון זינען, ווי ער וואלט גאר קיינמאל קיין זאוואד נישט געהאט; ער איז געווען אזוי צעטומלט פון די פאסירונגען, אז ער האט גאר פארגעסן אן זאוואד און אין זייף... איז געקומען לערנער. און ווי נאר ער האט די שוועל איבערגעטרעטן, אהא! ווידער זאוואד, ווידער זייף. אין וואס־זשע האט ער געוואלט, הא? ער וויל נאך אלץ נישט אפטרעטן? וויל דווקא ארויסקריגן די באהאלטענע סחורה? איז, וועגן וואס האט ער

דערמאנט בורמאנען ? „איינס צום אנדערן קער זיך נישט אן" — אזוי האט ער געזאגט... הא ? און וואס איז טאניע געזעסן אזוי שטיל און פארביסן ?

דערמאנט זיך דער אלטער, ווי טאניע האט אין מיטן א פרעג־געטון :

— וואו איז בליומע ? שוין אוועק בליומע ?

— וואס הייסט אוועק ? זי איז אראפגעגאנגען...

עפעס איז דאך מיט טאניען... זי איז אזוי צערודערט און הערט גארנישט, וואס מ׳רעדט צו איר. איז איר טאקע אזוי שלעכט ? הונגערט שוין טאקע ? ס׳קאן דאך נישט זיין...

— איז ווי מיינסטו, טאניע ?

אזוי האט לערנער אין מיטן רעדן זיך אויסגעדרייט מיט א פראגע צו טאניען. זי האט נישט אויפגעהויבן די אויגן אפילו ; האט אים גאר נישט געהערט.

— איז ווי זאגסטו ?

האט טאניע געגעבן א הייב אויף צעכעסט פנים און :

— וואס דרייט איר מיר א קאפ מיט אייערע זייפן ? גענוג פאר מיר !

עטינגער האט אזש א ציטער געטון, נאר לערנער — גלייך נישט אים מיינט מען : ער האט צוריק אויסגעדרייט דעם קאפ און ווייטער גערעדט... איז ווי אזוי זשע מיינט עס לערנער ארויסצוקריגן דעם זייף ? הא ?

אזוי האט זיך דער אלטער ארייגעטראכט אין דער זאך, ווי ער וואלט גלאט געוואלט טשיקאווע צו וויסן, וואס לערנער מיינט. און — זיין טראכטן האט זיך מיטאמאל איבערגעבראכן, ער האט דערזעען דעם פאר־וואלטער. דערזעען אזוי קלאר, ווי ער וואלט דאס טאקע איצט געזעסן באם טיש, שמייכלענדיק מיט די פלינק־באוועגלעכע אייגעלעך, און ליע האלט אינגאנצן מיט אים : הער בורמאן איז גערעכט ! געוויס איז ער גערעכט ! דאס בעסטע באהעלטעניש פאר דער סחורה איז נאר אין זאוואד...

איצט האט דער כעס שטארק א ברען געטון די ברוסט. דער אל־טער האט א קרעכץ געטון דורך פארביסענע ציין ; אלץ איז קלאר : שוין לאנג, אז זיי פלאנעווען עס... די גאנצע צייט האט מען דעם „אלטן" גענארט... אך, ווי גענארט... זיך אויסגעלאכט פון אים...

ער האט זיך איצט געגומען דערמאנען פארשידענע קלייניקייטן; וואס געווי געדענקט די בליקן זייערע, דאס רעדן און שמייכלען זייערס... עס איז געווען אזוי, ווי ער וואלט געשטאנען פונדערווייטנס א געבראכענער, געבויגענער, און צוגעקוקט, ווי זיי ביידע, — בורמאן מיט ליען — גארן אפ דעם הויכן, גלייך-געשטרעקטן עטינגערן. דעם, וואס איז בא זיך אזוי שטאלץ, האט א ליכטיק פנים מיט א פינקטלעך-פארשוירן בערדל. און —

דא האט דער כעס גענומען נאכלאזן, ס'איז געקומען שטיל רחמנות צו אייגן לעבן...

— אז א מענטש האט געבויט זיין לעבן אויף א זאוואד און אויף זייף... אז דער גאנצער פונדאמענט איז געווען סחורה, זייף... זענען אנגעקומען „רוצחים", צוגענומען דעם זאוואד — איז צוגענומען געווארן דער פונדאמענט, און דאס גאנצע לעבן האט גענומען שטיקערווייז איינפאלן... א חורבה איז געווארן... איצט ליגט דער צעבראכענער, אלטער עטינגער אין דער חורבה פון אייגענעם לעבן.

ער האט שטיל אפגעזיפצט. געפילט: אין האלז זאמלען זיך טרערן.

— האט א מענטש, א נארישער מענטש געלעבט אין טעות אזוי לאנג... האט געמיינט, אז ער איז עפעס, פארמאגט עפעס, אבער — אויסגעלאזט האט זיך — אז מער ווי זייף האט ער נישט געהאט... האט מען צוגענומען דעם זייף — איז וואס איז פון אים געבליבן? וואס איז געווארן פון עטינגערן?

ער האט גענומען העשען, שטיל רעדנדיק צו זיך אליין:

— אלט, צעבראכן, עלנד, און פון אלעמען פארלאזט...

די טרערן האבן זיך א שפאר געטון, ער האט זיך צעוויינט אין קישן אריין — — —

• •
•

ער איז געלעגן א שטארק מידער און דערשלאגענער. די באליידיקונג האט זיך געהאט איינגעגעסן אין די ביינער, איצט האט ער געפילט צולהכעיסדיקע הנאה פון דעם, וואס ער ליידט אזוי, און וואס פון אים איז גארנישט געווארן.

אין דער גרויסער שטוב האט דער אלטער באלעבאטישער זייגער זיך צעקרעכצט און אויסגעשלאגן קלינג נאך קלינג. עטינגער האט זיך איינגעהערט, געציילט די קלעפּ, אפּגעציילט ביז עלף; ווידער א טראכט געטון מיט ווייטיק:

— און בליזמע איז אוועק און קומט טאקע נישט צוריק...

זיך ווידער געגומען רייצן מיט זיך אליין:

— אז קיין זאוואד איז שוין נישטא... קיין סחורה האב איך שוין נישט... איז וואס־זשע דארף מען מיך נאך? איך אליין בין דאך נאר געווען א באלעבאס איבער א זאוואד... אבער איצט.

מיטאמאל האט דאס עלעקטרישע לעמפּל געגעבן א פלאם אויף; געגעבן א קוק אריין דעם אלטן אין די אויגן אריין: אט בין איך ווי־דער דא...

האט דער אלטער אנגעהויבן קוקן פארוואונדערט: הא? וואס עפּעס פלוצלינג? שוין אזוי לאנג, אז אין די פריוואטע הייזער האט זיך נישט געוויזן קיין עלעקטרי־טאק... איז וואס־זשע איז שוין ווידער? א?

ער האט זיך געגעבן א זעץ אויף; די שרעק, וואס האט זיך געהאט באהאלטן אין אים, ווי א חיה, וואס לאקערט אנצופאלן, האט געגעבן א שפרונג אויף און דאס גאנצע הארץ פארגאסן. בשעת מעשה האט ער א טראכט געטון:

— און בליזמע איז אויך נישטא.

ווי לאנג איז ער אזוי געזעסן דערשראקן? ער האט זיך צוריק דערמאנט אן זיך, ווען ער האט זיך גענומען עקשנען: און וואס ארט עס מיך? זאל זיין וואס עס וויל זיך! זאל זיין!... זאל זיין...

ס'האט זיך דערהערט אן אימפּעטיק קלאפּן אין טיר. ער איז גע־לעגן רויק און געטראכט: זאל מען קלאפּן.

דאס קלאפּן איז געווארן שטארקער. עס האט זיך געעפנט די קיך־טיר, דערנאך — די איינגאנג־טיר אין קארידאר אריין. עפּעס רעדט מען דארט אין איין אטעם. הא? דאכט זיך, לערנערס שטים?

עטינגער איז אראפּ פון געלעגער, האט אנגעשטעקט די נאכט־לאטשן, געכאפּט אויף זיך דעם שלאפראק; איז ארויס אין זאל, געטראפן לערנערן א צעטומלטן און שטארק בלייכן. דאס פּנים איז געווען אזוי ווייס, אזש טונקל, און די אויגן — גרויסע, ווי בא א צעשראקענעם פויגל. אין דער האנט האט ער געהאלטן עפּעס א פּעקל אין א טישטוך איינ־געבונדן.

— וואס איז געשען? — האט עטינגער געפרעגט.
— אן אומגליק... אן אומגליק... נאך ווייניק צרות געווען.
די שיקסע האט זיך געהילט אין טוך, מיט א פארזארגט קול געזאגט:
— נאך פארנאכט האט מען געשמועסט... איבער די שטובן וועט מען גיין... האב איך געמיינט: וואס מען קאן אלץ רעדן... מענטשן האבן מיילער — רעדן זיי, לאזט זיך אויס אבער. —
אלע עלעקטרישע לעמפלעך האבן געברענט אין זאל. דער עלעקטרישער שטראם, וואס איז פלוצלינג אנגעלאפן, האט געטראפן אלע לעמפלעך אויפגעדרייטע. דער זאל איז געווען באגאסן מיט ליכט. עטינגער האט אבער אלץ נישט פארשטאנען:
— ווער גייט? וואס גייט?
די „רוצחים" גייען! — האט לערנער ארויסגעשטאמלט מיט ציטערדיקע ליפן.
— וואס וועלן זיי טון?
— וואס זיי וועלן טון? — ראבעווען וועלן זיי!
— וואס הייסט?
נאר לערנער האט זיך צוריק גענומען איילן:
— איז בלומע נישטא? איז וואס זשע טוט מען? כ'האב געמיינט: זי איז דא... האב איך געוואלט דאס ביסל צירונג בא איר איבערלאזן... זי איז דאך עפעס א גאנצע מאכערטע... בא איר וואלטן זיי דאך נישט געזוכט... זי איז דאך אליין פון דער חברה... אוי! אז ברענען זאלן זיי שוין אלע צוזאמען!
זיך גלייך אויסגעדרייט.
— וואו זשע לויפסטו?
— וואס זשע וועל איך שטיין? מען מוז עס דאך ערגעץ באהאלטן... און וואס שטייט איר? זעט... טוט עפעס... זיי וועלן דאך אלץ צונעמען...
אזוי האט לערנער אפגערעדט אין איין אטעם און גלייך ארויס.
עטינגער איז נאך אזוי געשטאנען. ווי ער וואלט נאך אלץ נישט פארשטאנען, וואס דא טוט זיך.
— זיי גייען רעקווירירן... — האט די שיקסע געזאגט.

— וואס אזוינס ?

— ווײס איך ? — אלץ וואס זײ וועט געפעלן... איז קלײדער, איז וועש, אלץ וועט מען נעמען : העמדער, שיך. . אזוי האט מען גערעדט פארנאכט אין גאס. האב איך געמײנט : אט „ברעשעט" מען... מענטשן האבן צינגער — „ברעשען" זײ. לאזט זיך אויס : ס'איז אַ אמת.

מיטאמאל האט זיך די שיקסע א כאפ געטון :

— אוי ווײ ! איז וואס זשע שטײ איך ? לאם איך כאטש באהאלטן, וואס מען קען ! כ'וועל ארײנטראגן צו מיר אין קיך... כ'וועל זאגן : ס'איז מײנס... אפשר וועלן זײ גארנישט זוכן אין קיך.

איז גלײך צוגעלאפן צו דער שאפע. די שליסעלעך האבן טאקע דארט געשטעקט. עטינגער איז געשטאנען אײנגעבויגן און נישט געקענט דערטראכטן דאס, וואס ער האט אנגעהויבן טראכטן... האט געקוקט ווי די שיקסע נעמט ארויס די מלבושים, טראגט זײ ארויס, פארקעט זיך דארט אין קיך און·קומט באלד ווידער ארײן, צעעפנט די שיפלאדן און נעמט ארויס די וועש... נאר דא האט עטינגער זיך דערטראכט, מיט פארביסנקײט באפוילן :

— הער אויף ! טראג נישט ! זאל זײן, וואס עס וויל זיך...

די שיקסע האט אויפגעהויבן פארוואונדערטע אויגן ; זי האט געקוקט מיט אזא וואונדער, ווי זי וואלט דעם אלטן נישט דער־קענט.

— „בארין"... זײ וועלן דאך אלץ צונעמען ?

— זאלן זײ נעמען ! איך דארף עס נישט...

— „בארין"...

— גײ צוריק אין קיך !

די שיקסע האט אלץ אזוי געקוקט ; געזעען, ווי דאס פנים פון אלטן איז געקרומט פון כעס און פארביסנקײט ; האט זי א טראכט געטון : „פון זינען געווירט" — האט אפגעזיפצט ; „אוי באזשע טי מאי", און איז ארויס פון זאל.

דער אלטער האט נאר אויפגעשלאסן א זײטיקן שיפלאד ; האט פון דארט ארויסבאקומען א בײטל אין פאפיר אײנגעוויקלט. האט אים ארײנגעלײגט צו זיך אונטערן העמד, פאר זיך אלײן זיך פארענט־פערט :

— כ'קען דאך נישט בלייבן אן א גראשן... אבער מער דארף איך נישט... איך דארף גארנישט... איך דארף נישט...

— — — — — — — — — — — — — — —

*

עטינגער איז שוין געווען אינגאנצן ווייט פון דער שרעק, וואס האט אים געהאט ארומגעכאפט. ער האט געהאט צוריקגעקערט צו זיין שטילער פארביסנקייט, גלייכגילטיק געטראכט: זאלן זיי נעמען... אלץ זאלן זיי נעמען... אז חרוב — זאל זיין חרוב אינגאנצן...

דער ערשטער האט איבערגעטרעטן די שוועל אן עלטערער אר־בעטער מיט א ביסל פארשעמטקייט אויפן איינגעפאלענעם פנים. ער האט געהאלטן א פאפקע אונטערן ארעם, און גלייך באם אריינקומען, האט ער אויסגעטון דאס היטל:

— גוטן אוונט.

די איבעריקע: יינגע, צעהעזהטע, האבן האסטיקער צוגעקלאפט מיט זייערע שטיוול בא די טריט, וואס זיי האבן געמאכט. דער זעלנער מיט דער ביקס איז געבליבן שטיין גלייכגילטיק; לייכטער שמייכל האט זיך געשפילט אויף זיינע העלע וואנסעס. עטינגער האט זיך אויך געזעצט; גע־שוויגן ווי א זייטיקער.

— וואו איז דער הויז קאמיסאר? — האט דער עלטערער אר־בעטער געפרעגט, צענעמענדיק זיין פאפקע, אריינקוקנדיק אין די אינסטרוק־ציעס.

— אין דעם הויז וואוין איך און מיין איידעם. ווייטער — קיי־נער.

— איז גאר קיין הויז־קאמיסאר נישטא

— מיר באלאנגען צו א צווייטן הויף.

— וועט איר אליין זיך דארפן אונטערשרייבן און אליין דורכפירן דאס, וואס געהערט צום הויז־קאמיסאר.

— וואס אזוינס?

— איר וועט שוין זען.

ער האט גענומען אויסרעכענען די צאל זאכן, וואס ער האט דאס

רעכט צו האבן פאר זיך. עטינגער האט אויסגעהערט און גארנישט גע־ענטפערט. דערווייל איז אריינגעקומען לערנער; ער איז נאך געווען צע־שראקן, אבער נישט אזוי ווי פריער. די שיקסע איז אויך געשטאנען, זיך צוגעהערט.

— די שליסלען — האט דער טשעקיסט געזאגט.

עטינגער האט אים דערלאנגט די שליסעלעך.

יענער האט געעפנט די שאפעס, די קאמאדעס און די שיקסע האט זיך געכאפט:

— לאזט מיך, וועל איך ציילן.

— מיר קענען אליין.

לאנג און שווער האט זיך עס געצויגן. עטינגער איז אלץ אזוי גע־זעסן, ווי א זייטיקער, נאר ס'איז אים שווער געווען דאס צוצוקוקן. מען האט געציילט, אפגעציילט, פארשריבן און ווידער געציילט. עטינגער האט געטראכט:

„אלץ ענדיקט זיך... אלץ... זאל זיך עס שוין ענדיקן..."

אומגעריכט האט ווידער אין אים אויפגעשריגן די שרעק: זיי נע־מען עס דאך טאקע צו... זיין פארמעגן... זיינע זאכן... זיי ציילן עס ווי אייגנס...

ער האט זיך געגעבן א שטעל אויף מיט איינגעהאלטענעם כעס:

— אפשר קאן איך זיך לייגן?

— איר דארפט זיין דערביי.

— און אן מיר, וועט איר עס נישט קענען פארנעמען? זאל איך אייך אפשר נאך העלפן ציילן?

— ציילן וועט מען אן אייך... איר דארפט נאר דערביי זיין.

ס'איז געווען א ווײַלע שטיל. באלד, און עטינגער האט אנגעהויבן ציטערן, אין קאפ איז געווארן א קלינגערײַ פון גלאקן. ס'איז געווען אזוי, ווי דער גאנצער ווייטיק, וואס האט זיך אין אים געזאמלט די גאנצע צייט, וואלט זיך איצט געגעבן א גאס־ארויס.

— נעמט אלץ! צו וואס דארפט איר ציילן? נעמט אלץ! אלץ נעמט! איך דארף גארנישט... זאל זיך עס ענדיקן! נעמט!

דאס געשריי איז געווען נישט מענטשלעך: ווילד, אן זין. דאס גאנצע לעבן אין אים האט געשריגן. ער איז געווען אזוי משונה — או

אלע האבן מיט דערשטוינונג זיך אויסגעדרייט צו אים. דאס פּנים איז אים געווארן שטארק רויט, דערנאך — בלייך. די אויגן זענען אים גע־ווארן ווי גלעזער; ער האט אויסגעשטרעקט די הענט:

— מיר איז נישט גוט!

די אויגן האבן געגעבן א ציטער און זיך איבערגעדרייט...

— — — — — — — — — — — —

א קורצע ווײַלע האט עס געדויערט. ער האט צוריק געעפנט די אויגן, א פּאר מאל טיף דעם אטעם אפּגעצויגן, ווי מען וואלט אים פון א שטיקעניש ארויסגעשלעפּט. ער איז געווען שטארק מיד און מיט דער האנט זיך געווישט דעם שטערן. טאניע, וואס איז נאר וואס געווען ארויפ־געקומען — האט אים אונטערגעטראגן א ביסל וואסער. ער האט א פּאר זיפּ געטון און געזאגט:

— ס'איז מיר בעסער... ס'איז מיר בעסער...

דער עלטערער ארבעטער איז געווען צעטומלט, נאר די ייִנגערע האבן אים גענומען איילן:

— מען דארף א סוף מאכן.

— ענדיקט... ענדיקט... — האט עטינגער שטיל געזאגט.

— איר קאנט זיך לייגן — האט דער אינסטרוקטאר געזאגט.

— עס מאכט נישט אויס.

איצט האט מען זיך שטארק געאײַלט. לערנער איז געשטאנען אומ־געדולדיק און האט אויך אונטערגעאײַלט... ער האט אליין געהאלפן צײַלן, געאײַלט די דינסט, זי זאל אויך העלפן. טאניע האט געקוקט, ווי לערנער אײַלט זיך און וויל, עס זאל זיך וואס גיכער ענדיקן; האט זיך עפּעס א פארבארגענער כעס און עקל געוויזן אין אירע אויגן, און די ליפּן זענען איר געווען צוזאמענגעפּרעסט, ווי זי וואלט געשטיקט אווארט, וואס רײַסט זיך פון איר מויל.

מען האט אלץ איבערגעשריבן. אז מען איז שוין געווען פארטיק, האט דער אלטער א זאג געטון מיט א מאדנע קול, און ס'איז נישט גע־ווען צו וויסן, צי ער חוזקט, צי ער מיינט עס ערנסט:

— גייט אריין אין קיך... דארט איז נאך פאראן... גייט...

איר וועט געפינען...

האט מען גענומען קוקן מיט וואונדער, און די שיקסע האט זיך אָנ־גערופן:

— דארט זענען בלויז מייגע זאכן...

מען איז אין קיך נישט געגאנגען.

דער עלטערער ארבעטער האט דערלאנגט א קאפיע פון דער לאנגער רשימה:

— איר וועט אזוי גוט זיין, בירגער... אין פארלויף פון דריי טעג דארפט איר די זאכן, וואס זענען דא אויסגערעכנט, צושטעלן אויפן סקלאד. דעם אדרעס פון סקלאד, וועט איר מארגן געפונען אין „איזוועסטיא".

— גוט.

— און דעם צעטל, זייט אזוי גוט, שרייבט אונטער.

— מיט פארגעניגן.

עטינגער האט אונטערגעשריבן. דער ארבעטער האט צוריק פארמאכט זיין פאפקע, און אלע זענען ארויס. געבליבן איז נאר טאניע און דער אלטער האט א ווילדע אינגאנצן געשוויגן; געשוויגן און געקוקט אויף דער טאכטערס בלייכן פנים. דערנאך א זאג געטון:

— הא? א שיינער תכלית געווארן פון עטינגערן?! הא?

האט געגעבן א פארמאך די אויגן, פארבאהאלטנדיק עפעס אונטער די ברעמען.

— טאטע... טאטע...

— ס'איז מיר גארנישט — האט ער צוריק געעפנט די אויגן.

*

*

בא לערנערן האט מען זיך לאנג נישט פארזוימט: לערנער האט געהאט אזא וויינענדיק, נעבעכדיק פנים, און דאס קול איז אים געווען שטארק געבראכן:

— וואס איר האט שוין בא מיר צו נעמען, מ'שטייגס געזאגט, וואס האב איך דען? אז סך־הכול בין איך געווען אן אנגעשטעלטער באם אלטן... און וואס פארמאגט א „סלוזשאשטשע?"

און אזוי האט ער מיט וויינענדיק קול גערעדט אין איין אטעם, און דעם עלטערן ארבעטער כסדר דעם וועג פארשטעלט:

— איך פארמאג דאך גארנישט... לחלוטין גארנישט... דאס ביסל מעבל, וואס איר זעט, האב איך פון דער חתונה... א מתנה פון א טאנ־

טע... מיינע עלטערן האבן נאך דאן געלעבט, האבן זיי, צוזאמען מיט דער טאנטע, מיר דאס געשענקט... דער אלטער איז געווען קעגן שדוך... נאר גארנישט... ער דארף דאך אן אנגעשטעלטן — האט ער מיך גע- האלטן... געצאלט קלאגעדיק געהאלט — קוים אויף דורכצושטופן זיך... ער איז קארג, ווי אלע רייכע... זינט אבער דער זאוואד איז נאציאנא- ליזירט געווארן — האט זיך דער אלטער פון מיר אפגעזאגט... אבער זיינגאנצן אפגעזאגט... בין איך געבליבן אויף גרויסע צרות... געווען א פאר לייעכער, האט מען זיי שוין לאנג אויפן מארק ארויסגעטראגן... אויף ברויט אויסגעביטן...

מיט אמאל גענומען רעדן נאך שטילער:

— ס'קינד איז איצט איינגעשלאפן... ס'קינד איז נעבעך קראנק... אז ס'איז נישטא מיט וואס צו דערנערן עס... אז קיין ביסל מילך איז נישטא...

האט דער עלטערער ארבעטער געקוקט מיט אויסגעשטעלטע אויגן; האט געזעען ווי די שאפע קוקט מיט א גרויסן געשליפענעם שפיגל, און — נישט געהאט קיין צוטרויען צו זיינע רייד... ער האט אבער נאך געדענקט, ווי דער אלטער האט געגעבן א שטרעק אויס די הענט און די אויגן האבן זיך אים איבערגעדרייט, האט ער שוין געוואלט וואס גיכער ארויס פונם הויף, האט ער דערפאר געזאגט:

— גוט, מיר וועלן נישט זוכן... זאגט אליין, וואס איר האט אי- בעריקס און מיר וועלן עס פארשרייבן... פארשטייט איר: די ארמיי איז נישט אנגעטון, די ארבעטער זענען אפגעריסן...

— איבעריקס? גאט איז מיט אייך, ליבער חבר! פונוואנען קומט צו אן אנגעשטעלטן איבעריקס?

האט דערזעען, ווי איינער פון די ייִנגערע קוקט אויף אים מיט כמורנע אויגן און מיט שטארק פארפרעסטע ליפן: את, את וועט ער ארויסזאגן א ווארט, וואס וועט דעם גאנצן בנין צעווארפן — האט ער גלייך באקומען פרומקייט אויפן פנים:

— נאר ווי זאגט איר: מען מוז דאך געבן... די ארמיי... מען דארף טאקע...

אזוי רעדנדיק, האט ער אויסגערעכנט עטלעכע פאר וועש, קינדער- וועש און א פאלטא. געדענקענדיק, אז ער האט איין פאלטא, פון וועלכן ער איז שוין לאנג אויסגעוואקסן... מען האט אויך פארשריבן עטלעכע קלייניקייטן פון מעבל, און לעריבער האט זיך געבוקט און געדאנקט,

געשטופּט יעדן די האַנט צום געזעגענען זיך. דער ייִנגער, וואָס האָט בײַז געקוקט אויף אים, האָט זיך פון אים אָפּגערוקט, נאָר געזאָגט האָט ער גאָרנישט.

ווען זיי זענען אַרויס פון הויף — האָט לערנער נישט געוואַרט. דער „דוואָרניק" זאָל פאַרמאַכן דאָס טירל: ער אַליין האָט עס פאַרריגלט נאָך זיי. איז גלײַך צוריקגעגאַנגען, זיך דערנענטערט צום הויכן בוים, אויף וועלכן ער האָט אינדערהייך, געהאַט צוגעבונדן אַ גרויסן פּאַק צו אַ צווייג; האָט זיך אָנגעשטרענגט צו דערקענען אין דער פינצטער דעם סילועט פון דעם פּאַק, און אַז ער האָט אים דערזען, האָט ער זיך בצחוקדיק צעשמייכלט: ע—הע! בײַשקשה, לערנער וועט זיך שוין אַן עצה געבן...

קאַפּיטל נײַן.

פון דער „אָפּעראַציע" איז מען צוריקגעגאַנגען שוין אַ שטיק אויפן טאָג. געגאַנגען איז מען גרופּנווײַז, גערעדט צווישן זיך מיט פריילעכע שטימען, מיט בצחוקדיקער צעדודערונג. דאָס פרימאָרגן־ווינטל האָט זיך שאַרף, מיט לייכטן אימפּעט געטראָגן איבער שטילע, ליידיקע, פאַרגולדעטע גאַסן; האָט געבלאָזן מיט קילער פרישקייט אויף האַלדז און פּנים. דער־מעקט הונגער און דאָרשט. האָט מען זיך געאײַלט אָנצוקומען אין „פאַר־קאָם": דאָרט איז געזעסן ראַבינסאָן און געוואַרט. האָט מען אים איבער־געגעבן די פאַרשריבענע צעטלען פון די קאָנפיסקירטע זאַכן, און פון דאָרט איז מען גלײַך אַוועק מיט רעשיקע טריט אין ערשטן ראַטן־הויז אויף פרישטיק.

אַרום די לאַנגע טישן איז מען געזעסן געדיכט און היימיש, יעדער מיט זײַן טעפּעלע טיי און צוויי שטיקלעך ברויט מיט ווייכן קעז באַשמירט; איז מען געזעסן מיט אויסגעבלייכטע פּנימער, ערנסטע, שטילע אויגן, מיט הנאה געזופּט די וואַרעמע טיי.

איבער דעם טיפּן, הויכן זאַל, האָט זיך געטראָגן דער זויערער ריח פון ברויט מיט קעז, און דאָס שטילע זופּעריי האָט דערמאָנט אַן

הונגער און אן דער מידקייט, וואס איז געבליבן פון דער נישט געשלאפענער נאכט.

בא אייניקע טישן איז געווען געפרעסטע פרייליכקייט: יינגע בחורים האבן דערציילט קוריאזן און צופאלן, וואס זיי איז צוהאנען געקומען באם דורכפירן די „אפעראציע". אין איין שטוב האט מען באמערקט: איינער ליגט אין בעט, שטארק ארומגעדעקט מיט דער קאלדרע. איז געווען א וואונדער: זומער און אזוי איינגעדעקט? און אויסגעקומען איז: נישט ער אליין ליגט, נאר עטלעכע ליגן מיט אים צוזאמען, און בלויז איין קאפ קוקט ארויס. האט מען אים איבערגעבעטן: ער זאל מוחל זיין, זיך מטריח זיין און ארויסקריכן. נו, נו! ער האט זיך קוים ארויסבעקאטשעט פון בעט, אזוי דיק איז ער געווען. האט מען אים גענומען העלפן אויסטון, און פון אים ארויסגענומען: א צוואנציק העמדער, פינף מארינארקעס און עטלעכע גאלדענע זייגערס.

עס האט אויסגעבראכן א געפרעסט געלעכטער.

— און מיר האבן אנגעטראפן א מענטש, וואס שטייט און שווייגט. מען רעדט צו אים, און ער ענטפערט נישט, ווארט, אז אנדערע זאלן פאר אים ענטפערן. וואס איז דאס פאר א מין? איר קענט נישט רעדן? שאקלט ער מיטן קאפ און וויל דאס מויל נישט עפענען. אזוי ברודערקע? הערן קענסטו, נאר רעדן נישט? — א גוקא! עפן אויף דאס מיילעכל, און — כא-כא-כא! אן אוצר איז עס געווען, נישט קיין מויל: פון דארט זענען ארויסגעפאלן דריי גאלדענע רינגלעך מיט טייערע בריליאנטן באזעצט.

בלומע איז געזעסן בא א קליין טישל, וואס איז אין א זייט געשטאנען. האט געטרונקען די טיי, און מיט יעדן זופ האט זיך אלץ מער געגאסן די מידקייט אין אירע גלידער. געזעצט האט זי זיך בא דעם אפגעזונדערטן טישל און האט געוואוסט: זי האט עפעס צו טראכטן... זי דארף עפעס געדענקען, נאר מער ווי מידקייט האט זי איצט נישט געפילט. עס איז איר געווען אזוי, ווי די גאנצע שווערקייט, וואס האט זיך אין איר אנגעקליבן פאר די לעצטע טעג, וואס זי איז איגדערהיים געווען, האט זיך איצט געגעבן צו פילן; דער קאפ איז איר געווארן פארנעפלט, די ברעמען זענען איר געהאנגען שווער איבער די אויגן, ווי שטיקלעך נאכט וואלטן זיי אראפגעשווערט. האט זי איצט נישט געדענקט נישט דעם פאטער, און נישט די היים: די נאכט, וואס זי האט פארבראכט מיט חברים בא דער ארבעט, האט אין איר אויסגעמעקט די

הפסקה פון די לעצטע טעג. איצט האט זי נאר געוואוסט, אז זי איז מיד. זי האט געדענקט א משונהדיקע סצענע פון באנאכט.

אין דער שטוב איז געווען זייער שיין, אויסגעשטעלט רייך און מיט געשמאק. די מאדאם איז געווען אנגעטון, ווי זי וואלט געדארפט גיין אויף א באל. וואס-ושע איז עס פאר א מין טשאלמע אויפן קאפ? דער קאפ איז געווען ארומגעבונדן מיט א זיידענער שארף, אבער וואס איז דער שארף אזוי אנגעבלאזן?

— דער קאפ טוט מיר אזוי ווי — האט זיך די דאמע געקלאגט.

— אז דער קאפ טוט ווי, גייט מען ארום אזוי אויסגעפוצט?

אזוי האט געפרעגט דער ייִנגער בחור — פון אבראמעקס חברים.

די מאדאם איז געווארן אזוי רויט, ווען מען האט איר אפגעבונדן דעם שארף פון קאפ:

— פארזיכטיק! — מאדנע ווי די דאמע האט עס אויסגעשריגן. א חבר האט טאקע שיער צעטרעטן א גאלדענעם בראסלעט, וואס איז צוזאמען מיט אנדערע צירונג-שטיקער אויף דער ערד אראפגעפאלן.

בלומע האט געשמייכלט. מיטאמאל געגעבן א הייב-אויף די ברעמען און געפילט מיט שרעק, אז זי געדענקט נישט א זייער וויכטיקע זאך, וואס זי האט געדארפט געדענקען.

אבראמעק, וואס האט געהאט פארשפעטיקט, איז צוגעקומען צו איר טישל, האלטנדיק אין איין האנט דאס טעפל טיי, און אין דער אנדערער — דאס ברויט מיט קעז.

— גוט מארגן, בלומע.

— אבראמעק.

— וואס ביסטו אזוי בלייך, בלומע?

— איך בין שטארק מיד.

ער האט זיך גענומען איילן און זופן אין איין אטעם:

— איך דארף שוין זיין אין קאזארמע... מיר האבן היינט זייער א וויכטיקע איבונג... א פראקטיק-לעקציע.

אז ער האט געענדיקט טרינקען די טיי און קייען דאס ברויט, האט ער זיך אויפגעשטעלט, זיך געוואלט געזעגענען מיט בלומען, און גאר געזאגט:

— גיי א ביסל ארויס אויף דער לופט, וועסטו זיך דערפרישן.

— קום.

אין דרויסן האט די מידקייט א ביסל באכגעלאזט. דער טאג האט שוין איצט געשמייכלט מיט ייִנגע אויגן, און פון דארט — וואו דער ים ליגט באהעפט מיט הימל, האט א ייִנגע זון געקוקט מיט געוויטלטן וואונדער, ווי א ייִנג, פארשעמט מיידל.

אבראמעק האט געזאגט:

— דוכאווין איז נאך נישט געקומען, זעט אויס?

— זעט אויס: נאך נישט.

— ווען קומט ער, דוכאווין? — — —

ס'איז אויסגעקומען, אז דער טאן פון פרעגן האט זיך איבערגעריסן: ער האט נישט דערזאגט.

— ווייס איך? עפעס זיצן זיי דארט טאקע צו לאנג. וואס קאן דאס זיין?

ערשט איצט האט אין בלומען געגומען אויפגיין דאס, וואס זי האט זיך פריער נישט געקאנט דערמאנען.

— איך בין זייער מיד... אך, ווי מיד...

— טא גיי ארויף אין דינהס צימער און לעג זיך צו; וועסטו הייַנט נישט גיין צו דער ארבעט.

בלומע האט זיך געגעבן א שטעל אפ, ווי זי וואלט זיך אין עפעס אנגעשלאגן; ערשט איצט האט זי זיך דערמאנט אן לערנערן, וואס איז שוין צוריק אינדערהיים, און עס האט צוריק געגעבן א שלאג אויף דאס געזאנג, וואס האט מיט א טאג פריער זיך צעשאלט אין איר. די פרייד האט געגעבן א פארגיס דאס הארץ, אין האלז האט אזש אנגעהויבן ציטערן.

— גערעכט... כ'וועל טאקע ארויפגיין.

אויסגעצויגן די האנט צו אבראמעקן.

— און וואס טוט דער טאטע?

— א? — זי האט געגעבן א קנייטש דעם שטערן — ער איז שוין אויפגעשטאנען פון בעט... איך האב דיר דאך געזאגט?!

אבראמעק איז אוועק. זי האט גלייך פארגעסן אן פאטער; ציטערדיקע אומגעדולד איז זי באפאלן, ווי זי וואלט דערפילט דאס דערנענטערן פון א גרויסער איבערראשונג... דערפאר איז זי נישט גלייך אריין אין ראטן-הויז, נאר האט מיט פלינקע טריט זיך געלאזט כמעט לויפן אי-

בער דעם בולוואר צווישן די ביימער. אזוי האט זי געשפאנט, ווי זי וואלט זיך מיט איר גליק באהאלטן. איר איז מיטאמאל איינגעפאלן עפעס אזוינס, וואס האט אין איר ווי א בליץ דורכגעלויכטן.

זי איז אריבער דעם וועג, איז אריין אין ראטן-הויז. דער פארוואלטער האט איר דערלאנגט די שליסלען פון דינהס און דודס צימערן, וואס זענען געווען צונויפגעבונדן. איז זי מיט די זעלבע פלינקע טריט ארויף אין קארידאר, א קורצע וויילע געבליבן שטיין בא דער טיר פון דינהס צימער, דערנאך זיך אפגערוקט, אויפגעשלאסן דודס, און אהין אריין.

* * *

בלומע האט פון זיך אראפגעווארפן דאס לייכטע מאנטל, האט א פאר מאל דורכגעשפאנט דאס צימער, אומרויקע פרייליכקייט איז צו איר געקומען. זי האט געכאפט די וואסער-קרוג, איז מיט פלינקע טריט אראפ אויפן הויף; זי אנגעגאסן מיט וואסער פון קראן און איז צוריק ארויף. פארשטאפט דעם וואש-טיש, דאס וואסער זאל זיך נישט ארויסגיסן, אהין אריינגעגאסן די גאנצע קרוג וואסער; האט פון זיך אראפגעווארפן די אייבערשטע העלפט פון ברוינעם קלייד. די מאט-ווייסע הענט האבן צו איר געשמייכלט פון שפיגל ארויס, און זי האט זיך דערמאנט אן אזא ווייט, היימיש געפיל, וואס האט זיך אין איר צעווארעמט. . . ס׳איז געווען דאס געפיל פון דעמאלט, ווען זי האט דאס ערשטע מאל געווארט אויף דודן. עפעס איז אין איר איצט אויפגעוואקסן א זיכערקייט, אז דוד דערנענטערט זיך צו איר — ער שטייט באם פענצטער פון וואגאן מיט פארבענקטע, אומעטיקע אויגן. . . און אט-אט וועט ער אריינלויפן און זיך צעשמייכלען. . . האט זי זיך אליין צעשמייכלט, האט פארווארפן די הענט איבערן קאפ און זיי פארבראכן איבער די צעלאזטע האר. האט עס אויסגעזעען: לאנגע שוואנען-העלזער וויקלען זיך מיט בענקשאפט איבער איר קאפ. . . און אזוי, מיט פארבראכענע הענט, האט זי זיך געטוליעט צו זיך אליין, און דאס הארץ האט פארקלעמט צום אויסגיין. . . א וויילע האט זי באקומען וויינענדיק פנים; ס׳איז געווען, ווי זי וואלט געבעטן אויף טרערן, וואס זאלן זיך פון אירע אויגן ארויסגיסן, אבער קיין טרערן זענען נישט געקומען. זי האט נאר אפגעזיפצט,

פארמאכט די אויגן, ארויסגעשעפטשעט דורך פארקלעמטע ציין: דוד... דוד... טייערער מיינער... דערנאך ווידער זיך צעשמייכלט, און זיך גענומען וואשן.

זי האט זיך געוואשן לאנג, רויק, מיט געדולד. ווי זי וואלט זיך געגרייט צו א באל. די זיכערקייט, אז דוד דערנענטערט זיך צו איר איז געווארן שטילער, פעסטער. זי האט זיך אויפמערקזאם ארומגעווישט דעם האלז און די הענט. דאס פנים אירס האט צו איר געלויכטן פון שפיגל ארויס. דערנאך האט זי זיך פארפלאכטן די האר אין צוויי לאנגע צעפ, זיי ארומגעווארפן און צוריק אנגעטון דאס קלייד. דערביי האט זי שטיל געזונגען מיט לויטערער, איינגעהאלטענער שטימע. אז זי איז פארטיק געווארן, האט זי אויסגעשטעלט אירע בליקן צו דער טיר, ווי זי וואלט זיך געוואונדערט, וואס ער קלאפט נישט אן.

איז צוגעקומען צום טישל, האט זיך געזעצט. באטאפט די ביכער און זשורנאלן, וואס זענען דארט געלעגן, זיי דורכגעבלעטערט און צוריק אוועקגעלייגט. דערנאך געפרווט אויפעפענען דאס טישלעדל — פארשלאסן. האט ווידער געבלעטערט די ביכער, און זיך פלוצלינג געגעבן א קוק אום: זי האט דערזען זיינע אויגן, וואס האבן אזוי שווארץ-גלאנציק געשמייכלט צו איר... זי האט זיך אנגעשטרענגט נישט צו פארלירן די אויגן, וואס האבן זיך צו איר באוויזן. אין זיך — האט זי געשמייכלט; האט געאטעמט מיט פארפרעסטע ליפן.

דערנאך האט זי אויסגעטון די שיך, האט זיך אויסגעצויגן אויפן בעט און געלעגן מיט אפענע אויגן. פון גאס האט זיך דערטראגן דאס רעשן פון א דראזשקע, וואס איז שנעל געלאפן איבער די ברוק-שטיינער. די זון האט זיך שוין געהאט פארגנבעט צום פענצטער און ליכטיקע שטיקער זענען אויף דער פאדלאגע געלעגן. האט זיך בלויזע אויפגעהויבן, אראפגעלאזט די שטארן, און ס'איז געווארן שטילע טונקלקייט. האט זיך אויסגעצויגן אויפן בעט און געפילט, ווי די אויגן-דעקלעך לאזן זיך אראפ איבער די אויגן. זי האט געוואלט זיי צוריק אויפהייבן, נישט געקענט און אנגעהויבן זינקען אין רויקער, שטילער פארגליווערטקייט...

— — — ווי גרין ס'איז דאס פעלד. דער ווינט לויפט ארום איבער די הויכע גראזן, צערטלט דעם האלז, און עס אטעמט זיך אזוי פריש, גוט... שטייט זי אזוי באם שפיגל, און פון ווינקל קוקט די קליינע מאניע... וואס קוקט זי אזוי? בלויזע זעט אין שפיגל, ווי אירע ווייסע

הענגט לאכן צו איר מיט דעם געלעכטער פון ווייסע ציין. זי הערט ווי עס זינגט אזוי דין און הארציק. און: וואס־זשע קוקסטו דארט, טאניע? איך ווארט נישט אויף לערנערן. איך ווארט דאך אויף דודן... וואס האסטו געוואלט? געווים האט דוד דיר אהיימגעשיקט לערנערן, ווייל ער דארף קומען צו מיר... ער קומט שטענדיק צו מיר.

ווער לאכט עס? — אט האט זי זיך אויסגעדרייט — א! דודס אויגן לאכן הינטער איר. זי קוקט נישט אין זיין זייט אריין, נאר זי זעט אים. ווי הערלעך זיין קול רופט:

— וואס ווילסטו, בלומע? בלומעטשקע!

— וואס־זשע ביסטו געבליבן אזוי ווייט, דוד? קום אהער און נעם מיך צו פונדאנען, דוד! מיר איז דא שווער צו זיצן און ווארטן... איך קאן דא נישט אטעמען... דער זייף לאזט נישט אטעמען... איך וועל מיט דיר מיטפארן אהין, וואו דו פארסט...

— בלומעטשקע! איך בין דאך שוין צוריקגעקומען! איך פאר שוין נישט מער; איך בין צוריק צו דיר געקומען; איך ווייס דאך: דו ווארטסט שוין אזוי לאנג... קום מיט מיר.

אך, ווי דער וועג לויפט אויף צוריק! די לאנקעס לויפן אונטער די פיס ווי רויך. דודס האנט האלט אזוי שטארק די טאליע א! טארא וואסער! עס רוישט און שארכט אזוי שטארק. דוד! איך האב מורא... זע, ווי טאניע קוקט ארויס פון צווישן די כוואליעס... האב קיין מורא נישט! איין באוועג — און ער טראגט זיך מיט איר איבערן וואסער... דאס וואסער איז ווייט, ווייט, אונטן... אך, ווי נידעריק... און די וועלדער — ווי קליין זיי זעען אויס...

שוועבן זיי אזוי אריין אין בלייכן וואלקן. מיטאמאל שטעלן זיי זיך אפ. זי בייגט אויס דעם קאפ — דודס ליפן וואקסן צו צו אירע, און זי פילט, ווי זיין קוש דערגרייכט ביז די שפיצן פון די פינגער... אט אזוי... זי וואקסט אריין אין אים. איצט ווייסט זי שוין נישט, ווער עס איז זי און ווער עס איז ער... דוד, וואו ביסטו? דוד, וואו ביסטו?

— אט בין איך, בלומעטשקע!

זי גייט צווישן געדיכטעביימער און רופט:

— ד־ו־ד! ד־ו־ד!

פון די ביימער ארויס רופט צוריק:

— בלומע! ב־ל־י־ו־מ־ע!

אט שטייט ער אין וואלד-ביידל, וואס געפינט זיך אין ראטן-הויז; שטייט ער מיט אויסגעשטרעקטע הענט, פאלט זי אריין אין זיינע ארעמס.

און — — —

בליומע האט געגעבן אן עפן די אויגן, האט זיך ארומגעקוקט: עס איז טונקל... שטארק טונקל... און ס'איז אזא שאד דאס געזעענע, וואס האט זיך איבערגעריסן; פארמאכט זי צוריק די אויגן, דאס גאנצע לייב אירס בעט צוריק נאך דעם געזעענעם, און — זי זינקט ווידער אין שטילער רויקייט, זוכנדיק דעם איבערגעריסענעם פאדעם פון איר זעונג...

אט איז ער... אין ביידל...

— — — — — — — — — — — —

פלוצלינג האט זי זיך געגעבן א כאפ אויף און דערהערט אן אויס-רוף:

— ווער איז דא?

זי האט דערקענט זיין שטים. ס'איז געוועז דוד, וואס האט נאר וואס געהאט צוריקגעקערט. אין צימער איז געוועז פינצטער, נאר פון דער טיר, וואס איז געשטאנען אפן אין קארידאר אריין, איז געפאלן א פאס ליכט, און בליומע האט געגעבן א שפרינג-אויף:

— דוד! דוד!

זי האט אליין נישט געוואוסט, ווי אזוי דאס איז געשען, נאר זי איז אריינגעפאלן אין זיינע ארעמס. זי האט אין גפאל זיך געטוליעט צו זיין ברוסט און געהערט, ווי עס קלאפט אין אים אזוי שטארק. זיינע הענט האבן געגעבן א וואקס-ארום אירע שמאלע פלייצעס, ער האט שטיל גע-שעפטשעט:

— בליומע... בליומעשקע, דאס ביסטו? טייערע...

ס'האט זיך אין איר געגעבן א לייטער אויס, און זי האט זיך גע-געבן א רייס אפ פון אים, כאטש דאס הארץ האט אזוי פארקלעמט, און די ליפן האבן אזוי געציטערט.

— דוד... דוד... איך ווארט שוין אזוי לאנג...

זיך געגעבן א ריק אפ און דערזעען דינהן הינטער אים; איז זי צו איר צוגעלאפן, זיך אדויפגעווארפן אויף איר האלז, זי בענומען קושן און האלזן און געפילט: דאס הארץ צעגיסט זיך אין איר.

— בלומעטשקע... בלומע, טייערע, וואס ביסטו אזוי צערודערט?

בלומע האט זיך פלוצלינג שטארק פארשעמט און אפגעלאזט דינהן.

— א... איך בין געשלאפן... אזוי פלוצלינג... א גאנצע נאכט בין איך אויף געווען... שוין שפעט איצט?

— ס'איז דאך שוין באנאכט!

— א! ביסט געווען אויף דער „אפעראציע"?

ער האט אליין נישט געוואוסט, וואס ס'איז מיט אים. ער האט דערפילט: פרייד שלאגט פון אלע זיינע גלידער. ווי א פארלוירענער האט ער געשעפטשעט:

— איז וואס זשע מאכסטו, בלומע? א? בלומעטשקע...

איידער דינה האט באוויזן ארויסצודרייען די עלעקטריע, האט ער בלומעסביידע הענט גענומען אין זיינע, האט זיי אזוי ווארעם א דרוק געטון, אז בלומע איז נישט געווען אימשטאנד קיין ווארט ארויסצוברענגען; דעם אטעם האט עס אין איר פארשלאגן...

קאפיטל צען.

איינדערפרי — נאך דער נאכט פון דער „אפעראציע" — האט זיך שטיינגער אויפגעכאפט מיט קלעמונג אין הארץ און מיט גרוילעדיקער שרעק אין אלע אברים. ער האט שווער געאטעמט און געפילט: ער איז אפגעגאסן מיט שווייס. האט ער זיך ארומגעקוקט, ווי ער וואלט זיך געוואלט איבערצייגן, וואו ער איז אין דער וועלט. האט פון זיך אראפגעווארפן די שווערע קאלדרע און ס'איז אים געווארן לייכטער. ערשט איצט האט ער זיך דערמאנט, אז ווען ער האט זיך געלייגט, האט ער שטארק געציטערט און טאניע האט אים איינגעדעקט מיט דער שווערער ווינטער-קאלדרע.

ער האט א פאר מאל אפגעצויגן טיף דעם אטעם. אין די אויערן איז נאך געשטאנען דער הילך פון זיינע אייגענע געשרייען, וואס ער האט אין שלאף שווער, אין זיך געשריגן. ער איז געווען שטארק מיד.

דאס הארץ האט אלע ווײלע געגעבן זיך א יאג אין גיך קלאפּן, ווי עס וואלט זיך דארט, דורך אן ענג העלזל דורכגעגאסן. דערבײ האט די שרעק געגעבן א שטײג אויף, און דעם האלז לײכט פארצויגן.

נאר שפּעטער א ביסל האט ער זיך באַרויקט; דערפילט אין זיך שווערע שטילקייט, וואס האט זיך געדיכט אין אים אריינגעגאסן; אין דער שטילקייט האט צארן, ווי שטיל פייער, געברענט.

ער האט אליין נישט געוואוסט, אויף וואס ער צארנט אזוי; אלץ האט זיך אין אים צונויפגעמישט: אי די באליידיקונג פון אן אפּגענארטן, אי דער פארדראס פון א יורד, אי דער צארן פון א פאטער, פון וועמען די קינדער זענען זיך צעלאפן. דאס אלץ צוזאמען האט דארט אין אים געקאכט, זיך געבײיזערט, שטיל, עקשנותדיק, שארף.

ער האט זיך אויפגעזעצט און זיך געוואלט נעמען אנטון — האט ער דערפילט עפּעס דריקט אים בא דער זייט. האט ער די קאלדרע אינגאנצן פון זיך אפּגעווארפן און דערזעען זיין „בומאזשניק" אין וועלכן עס זענען געלעגן די וואלוטע־אסיגנאציעס, — דאס לעצטע איבערבלײבעכץ פון זיין רײכקייט. האט ער דעם „בומאזשניק" דערבײ ארונטערגערוקט אונטערן קושן. דערנאך א ווײלע זיך פארקוקט אויף אײגענער, אײנגעפאלענער, הארעקער ברוסט, וואס האט רחמנותדיק־ווײנענדיק, און ווײך־הויטיק ארויסגעקוקט פון צעשפּילעטן העמד. ווידער האט ער אפּגעזיפצט.

ער האט זיך אנגעטון, איז גלײך ארײן אין זאל. דארט איז נאך אלץ געשטאנען צעעפנט און צעווארפן פון באנאכט, ווען פרעמדע הענט האבן דאס אלץ איבערגעווארפן. די דינסט איז ארײן:

— דער „בארין" וועט עפּעס עסן?

— כ'וועל... — האט ער א שאקל געטון מיטן קאפּ.

די שיקסע האט אויסגעשפּרייט א טישטוך אויפן טיש, האט אוועקגעשטעלט שווארץ ברויט מיט א קלײן שטיקל פּוטער. עטינגער האט געקוקט אויפן שווארצן ברויט, אויפן עלנדן שטיקל פּוטער מיט א געקנײטשט פּנים. נאר ער האט גארנישט געזאגט. די שיקסע האט אים אריינגעברענגט א גלאז טײ און זיך פארענטפערט:

— דעם סאמאוואר האב איך נישט געמאכט... נישטא קיין האלץ־קוילן... האב איך אויפגעקאכט א טשײניק.

— נישטא קיין קוילן?

— נישטא... און צוקער איז שוין עטלעכע טעג אויסגעגאנגען...

האט מיר די באַרישניא נעכטן געגעבן געלט, האָב איך געקויפט א פונט צוקער, איז שוין באַלד נישטאָ... און קיין האָלץ איז אויך נישטאָ... און זייף — פעלט. ס'איז שוין גאָרנישטאָ. נישטאָ חער עס זאָל איצט זאַגן פאַר שטוב-זאַפאַסן... פריער, אַז די „באַרינגיא" איז געווען, און דער הער בורמאַן איז געווען, האָט מען אַלץ אין זינען געהאַט... דער הער בורמאַן פלעגט ברענגען צוקער...

— נו גענוג! גיי בעט-צו די בעטן...

כאָטש ס'איז נאָר געווען איין בעט צו פאַרבעטן.

— אַט גיי איך... אַט גיי איך שוין.

די שיקסע איז גיך אַרויס אין קאָרידאָר, און עטינגער איז געבליבן זיצן אַזוי, ווי ער וואָלט ערגעץ ווייט עפּעס דערזען; קוקט ער אַהין און קען די אויגן נישט אָפּרייסן... אַזוי קוקנדיק האָט ער זיך דערמאָנט, ווי ער האָט געטראָפן ליען מיטן פּאַרוואַלטער: האָט עס אין אים אַזוי א געשריי געטון, אַז ער האָט זיך מיט א ציטער אויפגעשטעלט. איז געשטאַנען א ווײַלע, זיך צוריקגעזעצט, א פּאָר זופּ געטון פון דער טיי, און — זיך ווידער פאַרקוקט.

שפּעטער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף א שטול לעבן פענצטער, אַלץ אַזוי געשוויגן, אַלץ אַזוי געפילט, ווי דער צאָרן קאָכט אין אים און קאָן זיך נישט באַרויקן.

— און וואו איז בלומע? שוין ווידער אַוועק צו דער חברה... ווידער אַנטלאָפן פון טאַטן... און דאָס זינדל — ער ווייזט זיך אינגאַנצן נישט... וואָס-זשע וועט ווייטער זיין, הא?

די שיקסע איז אַרײַנגעקומען א צערודערטע. עטינגער האָט באַמערקט, אַז זי איז עפּעס שטאַרק צעטומלט; דאָס פּנים איז בא איר פאַרביסן, די אויגן זענען עפּעס מאָדנע צעשפּילט. איז אים אויסגעקומען: ער ווייסט פאַרוואָס דאָס איז, נאָר — ער קאָן זיך עס איצט נישט דערמאָנען.

— אַז איך בין איינע אַליין... איבער דער גאַנצער שטוב איין מענטש... זענען נאָך אָנגעקומען די „רוצחים", אָנגעמאַכט א גאַנצן „באַזאַר"... איצט גיי אַרום און רוים. אומעטום האָבן זיי אָנגעוואָרפן.

האָט עטינגער אַלץ אַזוי געקוקט אויף איר, זיך אָנגערופן:

— ווער הייסט דיך דען רוימען?

— ווער דען וועט עס טון?

— מען דאַרף דאָך די זאַכן סיי ווי צונעמען פונדאַנען.

— ווען זיי דערווייל אזוי ליגן?

— זאלן זיי ליגן... ווער ארט עס?

און דווקא, ווייל אין אים האט געקאכט געדיכטער צארן, דווקא דערפאר האט ער זיך איינגעהאלטן נישט צו בייזערן זיך אויף דער דינסט.

— פון מייגעטוועגן! — האט די שיקסע געענטפערט, און אלץ גע־לאזט ליגן ווי עס ליגט.

באטאג איז טאניע מיט אימפעט ארייגעלאפן זעען, וואס דער אל־טער מאכט. דער אלטער האט פארביסן געענטפערט:

— וואס זאל איך מאכן? — כ'לעב נאך...

האט טאניע געקוקט א ווײלע אויף אים, מיט שרעק אויסגע־רופן:

— טאטע! וואס איז מיט דיר?

— וואס זאל זיין? — האט ער זיך לייכט צעשמייכלט.

— זעסט אויס שלעכט... שטארק שלעכט... ביסט דאך געווארן גרוי ווי א טויב... און דאס פנים איז דיר געל... וואס שווייגסטו? אפשר ברענגען א דאקטאר?

— ביסט א נאר... ס'דאכט זיך דיר אויס... א גאנצע נאכט נישט געשלאפן... כ'וועל זיך אויסרוען.

— און געגעסן האסטו שוין

— הא? געגעסן? יא.

איז טאניע צוריק אוועק, און דער אלטער איז אלץ אזוי געזעסן פארטיפט, זיך גערייצט מיט זיך אליין:

— אוודאי זע איך אויס שלעכט... אוודאי בין איך גרוי און אלט פון צרות... וואס דען? — אט אזוי קומט מיר...

פארנאכט האט ער דערפילט, אז ער איז שטארק הונגעריק. איז ער צוגעגאנגען צום טיש, געטראפן דאס שווארצע ברויט מיטן שטיקל פוטער, וואס איז נאך פון אינדערפרי געשטאנען. האט עס אים געוואונדערט און ער האט א טראכט געטון: וואו איז די שיקסע? א גאנצן טאג זע איך זי נישט... ער האט זי אבער נישט גערופן; עפעס אזעלכעס, וואס איז געווען שטארקער פון אים, האט אים צו דעם נישט דערלאזט. ער האט אראפגעשלונגען א פאר ביסן ברויט, זיך פארקוקט מיט גרויסע, טרויעריקע אויגן און שוין נישט געדענקט אן דער שיקסע.

ווען עס האט שוין געטונקלט, איז לערנער ארויפגעקומען. געזעסן

ווי דער אלטער זיצט אזוי שטיל, געבויגן אין דער טונקלקייט, און אין שטוב איז אלץ אזוי געלעגן צעווארפן, ווי ער האט עס באנאכט איבער־געלאזט, האט ער געפרעגט:

— פארוואס איז אזוי אנגעווארפן?

עטינגער האט אויסגעשטעלט די אויגן אויף לערנערן, האט גאר־נישט געענטפערט. ער האט נאר לייכט א ציי געטון דעם שטערן.

— וואס־זשע, די שיקסע האט נישט געקענט צורוימען?

— צו וואס?

— וואס הייסט: צו וואס?

— מען דארף עס דאך מארגן ארויסנעמען!

— א? ארויסנעמען? מען נעמט נאך נישט! וואו איז בריומע? ווען זי וויל — מאכט זי א סוף צו דער גאנצער מעשה... מען האט דאך בא מיר אויך פארשריבן... אלץ, וואס איך פארמאג, האבן זיי איבערגע־שריבן...

האט דער אלטער שוין אויף דעם גארנישט געענטפערט.

— און וואס זיצט איר אין דער פינצטער? וואו איז די שיקסע?

ער איז גלייך ארויס אין קארידאר און גענומען רופן:

— אניא! אניא!

נאר קיינער האט נישט געענטפערט.

— זעט אויס: זי איז נישטא.

דער אלטער האט זיך ווידער געוואונדערט: וואו איז זי טאקע דעם גאנצן טאג?

— אט וועל איך גיין און אנצינדן דעם לאמפ.

לערנער איז אוועק אין קיך, האט דארט אנגעצונדן דעם לאמפ און אריינגעבראכט:

— צו וואס דארפט איר נאך האבן די שיקסע אין שטוב?

— ווער דארף זי דען?

— איז צו וואס זשע האלט איר זי?

— וואס זשע דען זאל איך טון?

— ווייס איך?!

האט געמאכט אן ערנסט פנים און מיט שטיל, פרום קול גע־זאגט:

— ווייס איך?... מען וואלט גאר געקאנט זיין איינגעם... היינ־

טיקע צייטן... און עס וואלט פאר אלעמען גרינגער געווען: טאניע איז דאך א וואוילע באלעבאסטע, און איר — האט נאך א ביסל מזומן... וואלט, מיין איך...

האט דער אלטער אויסגעשפיצט א פאר אנגעצונדענע אויגן; דווקא נישט געשריגן, נאר שטיל, גאנץ שטיל:

— כ'האב נאך מזומן... כ'האב נאך א ביסל וואלוטע...

האט עס געזאגט אזוי, אז לערנער האט נישט געקאנט וויסן: צי ער רעדט עס פשוט, אדער מיט פארביסענעם כעס. — האט ער דערפאר איבערגעריסן דאס געשפרעך און גאר געזאגט:

— א.ו.י... איז בלומע גארנישט אהיימגעקומען נאך? פון נעכטן אן?

דער אלטער האט פארביסן געשוויגן.

— וואו זשע קען זי זיין, בלומע? הא? אוי — איך פארשטיי שוין... אזוי...

דער אלטער האט אלץ אזוי געקוקט און געטראכט: מזומן... אוודאי האב איך... איז וואס? געפעלט עס דיר? הא?... אזוי האט געדויערט א ווייל'ע. דערנאך ערשט האט ער זיך געכאפט, געגעבן א פרעג:

— איז וואס־זשע, פארשטייט איר שוין?

— וואס הייסט? זי איז דאך פון דער חברה!

— און אז פון דער חברה?

— איז זי דאך מסתם מיטגעגאנגען מיט די „רויבער".

— וואס?

— נו, יא... די גאנצע חברה איז געגאנגען... ווי הייסן זיי דארט... אלע קאמוניסטן זענען דאך געגאנגען, איז זי אויך געגאנגען... איצט, הוליעט מען מיט חברה, און זי — שעמט זיך געוויס אהיימצוקומען צום בורזשויסקן טאטן...

— פונוואנען ווייסט איר דאס?

— וואס הייסט, פונוואנען? און אליין פארשטייט מען נישט?

— זענט איר פראסט פשוט א גרויסער ליגנער! א ליגנער און ווייטער גארנישט! איר פארשטייט גארנישט!

לערנער האט געצויגן מיט די אקסלען; געקוקט מיט דערשטוינונג, ווי דער אלטער איז שטארק בלייך, געלבלעך־בלייך, און חזרט כסדר:

— איר פארשטייט גארנישט! איר זענט א ליגנער! און נישט מער!

— ווער זאגט דען? מיר איז אזוי איינגעפאלן... ווייס איך ווארים וואו־זשע איז זי?

דער אלטער איז שטיל געווארן, און זיךהאט ער איצט דערפילט, אז עס איז שוין גארנישט קיין ליגנט; אז אט דער לערנער פארשטייט דווקא יא.

מיטאמאל האט לערנער באקומען צעשראקענע אויגן:

— שווער! שווער! וואס איז אייך? עפעס זענט איר אזוי פאר־ענדערט?

האט דער אלטער זיך באמיט צו פארשטיין, וואס ער רעדט צו אים און געענטפערט:

— ס׳איז מיר גארנישט... גארנישט... וואס זאל מיר זיין?

נאר לערנערס אויגן זענען אלץ געבליבן צעשראקן.

— — — — — — — — — — — — — — —

— אט וועל איך אראפגיין... ווי נאר טאגיע וועט לייגן דאס קינד שלאפן, וועלן מיר ביידע ארויפקומען.

דער אלטער האט צוגעשאקלט מיטן קאפ. לערנער איז ארויס.

האט דער אלטער אנגעהויבן שפאנען מיט דראבנע, שווערע טריט, אויפן קול צו זיך אליין גערעדט:

— בלומע איז מיט דער חברה... בלומע איז מיט דער חברה... אין זי מיט זיי געגאנגען... ראבעווען מיטגעגאנגען...

ווידער האט עס גענומען קאכן אין אים:

— אן אייגן קינד... אן אייגן קינד... עטינגערס טאכטער... מיט דער חברה „רוצחים"...

געשפאנט מיט פארשפיצטן ווייטיק אין הארץ, ווי בלומע וואלט אליין געקומען צו אים איבערשרייבן די זאכן.

און זיך ווידער דערמאנט:

— איר האט נאך מזומן... א? מזומן... עס געפעלט אים מיין מזומן...

זיך אפגעשטעלט און מיט כעס ארויסגעכריפעט:

— שונאים! שונאים זענען זיי מיר! ארומגערינגלט מיט שונאים בין איך!

מיט אמאל האט עס אין אים ווי א קלאפ געטאן:

— א! —

ער האט גענומען דעם לאמפ מיט ציטערדיקע הענט; איז מיט אים אריין אין שלאפצימער, אוועקגעשטעלט אים, אויפגעהויבן דאס קישן — נישטא דער „בומאזשניק"! ער האט אראפגעשלעפט די קאלדרעס, צעווארפן די בעטן, געזוכט, געגנישטערט: נישטא!

— אניא האט צוגענומען! מיין לעצט צוגענומען!

דער קאפ האט זיך געגעבן א פארדריי, די פויסטן האבן זיך צעציטערט, אין הארץ האט זיך עפעס א ווארף געטון, ער האט זיך אנגעכאפט אין בעט. א ווײַלע אזוי געשטאנען, דערנאך איז אים לייכטער געווארן. האט ער גענומען דעם לאמפ, און מיט שווערע, שארנדיקע טריט, אוועק אין קיך.

די קיך האט ער געטראפן נישט צוגעקליבן. האט דערזעען אניעס קויש, האט ער זיך איינגעבויגן, אים געעפנט און — געטראפן איגגאנצן ליידיק.

איצט איז שוין קלאר געווארן:

אניא האט צוגענומען זיין לעצט פארמעגן און איז אוועק. איצט וועט אים שוין לערנער צו זיך נישט רופן... נישטא שוין דאס מזומן...

דער קאפ האט זיך אים איצט נישט פארדרייט, די פיס האבן נישט געציטערט, נאר אין הארצן האט גענומען ווערן שווער, גאר שווער, ער האט געגעבן א פאר זופ וואסער, געוואלט נעמען דעם לאמפ, און די האנט האט נישט געטראפן צו אים. געדיכטע מידקייט איז אים באפאלן. האט ער זיך אראפגעלאזט אויף א שטול, וואס איז לעבן אים געשטאנען; געקוקט מיט גרויסע אויגן און אליין נישט פארשטאנען, וואס ער טראכט. מיטאמאל — אין אים האט זיך געגעבן א שטארקער שאקל; דער קלאפ האט געגעבן א שלאג אין קאפ אריין... ס'איז פינצטער געווארן, און אונטער די פיס — ליידיק...

— — — — — — — — — — — —

ווען טאניע מיט לערנערן זענען שפעטער ארויפגעקומען, האבן זיי דערזעען פון קארידאר, ווי עס לייכט זיך אין קיך. זענען זיי אהין אריין, און געטראפן: עטינגער זיצט מיט א געזונקענעם קאפ, און דאס בערדל מיט דער גאמבע איז אנגעשפארט אין דער ברוסט.

איז טאַניע צוגעגאַנגען?

— פּאַפּאַ! פּאַפּאַ?

און צו לערנערן געזאָגט:

— דערשלאָפן געוואָרן.

אז ער האָט נישט געענטפערט, האָט איר טאַניע אַ שאָקל געטאָן באַם אַקסל:

— פּאַפּאַ! גיי אין בעט אַריין... פּאַפּאַ!

טאַניע האָט זיך פּלוצלינג געגעבן אַ בייג־צו, און דערזעען: צוויי הייסע, אָפענע, צעפּעסטע אויגן שטייען פאַרגליווערט. האָט זי געגעבן אַ טרעט אָפּ, אַ שטרעק אויס די הענט, און אַרויסגעלאָזט אַ משונהדיקן געשריי.

קאַפּיטל עלף

דעם גאַנצן פרימאָרגן האָט בלומע געאַרבעט פלייסיק און רויק. פאַר די טעג, וואָס זי איז נישט געווען בא דער אַרבעט — האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַ סך פּאַפּירן, וועלכע מען האָט געדאַרפט רעגיסטרירן, איינשרייבן און צוגרייטן. דער סעקרעטאַר, וועלכער האָט צייטווייליק פאַרנומען איר דוכאָווינס שטעל, האָט אָפט געקוקט אויף איר מיט איבערראַשונג, ווי ער וואָלט זי נישט דערקענט; לויטערקייט, איבערלעכערייַנקייט, האָט פון איר געשיינט און געזונגען. אַ פּאָר מאָל האָט ער געפּרוּווט פאַרפירן מיט איר אַ געשפּרעך, נאָר בלומע האָט אַלעמאָל איבערגעפרעגט:

— וואָס

— וואָס האָט איר געזאָגט?

אַז ער האָט איבערגעחזרט דאָס, וואָס ער האָט געפרעגט, האָט זי געענטפערט קורץ און זיך געאײַלט צו טון איר אַרבעט.

זי האָט געאַרבעט רויק, און אין איר — האָט לויטער געזאַנג זיך געגאָסן אין אַלע אבֿרים; אין האַרץ איז געווען לייכט; ס׳האָט דאָרט שטיל געלויכטן מיט אַנגעזעטיקטער זאַרגלאָזיקייט.

האָט זי אפילו נישט באַמערקט, ווי דער פּאַרוואַלטער פון גאַנצן

„באַראַבראַז" איז מיט צערודערטע, צו שטאַרקע טריט דורכגעגאַנגען איר
אַפּטייל. דער סעקרעטאַר איז גלייך אויפגעשטאַנען און איז אים נאָכגע־
גאַנגען; האָט זי נישט געוואוסט, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכע טוער, די
אַנגעזעצענע פּאַרטיי־חברים, האָבן זיך, ווי אַפּגערעדטע, אויפגעהויבן פון
זייערע ערטער און זענען אַוועק אינמיטן דער אַרבעט.

די זון האָט זיך, ווי צעלאָזט גאָלד, געגאָסן דורך דעם אָפענעם
פענצטער; אַ ווינטל האָט אַריינגעזונגען און פון ווייטקייטן זענען אַזעלכע
מאָדנע, פרײלעכע ריחות אַנגעלאָפן. אַז בלומע האָט אויף אַ ווײַלע אי־
בערגעריסן איר אַרבעט, האָט זי זיך פאַרטראַכט, לאַכנדיק אַן אַ קול, און
דער קוואַל פון פרייד האָט געשלאָגן אַן אויפהער.

און איז זי געווען בלויז מיט זיך און מיט איר פרייד; כסדר גע־
געזעצן די ליכטיקע, שוואַרצע אויגן, וואָס קוקן אויף איר מיט אַזוי פיל
וואונדער און פרייד, ווי זיי וואָלטן זי, נאָך לאַנגע זוכענישן, ענדלעך
דערזען. אַ פּאָר מאָל האָט זי שטיל איבערגעחזרט:

— טייערער... טייערער...

דאָס גלאָז טיי, וואָס מ'האָט איר געהאַט אַוועקגעשטעלט, איז גע־
בליבן שטיין, אַ קאַלטס, פאַרלאָזטס, איבעריקס. בלומע האָט גאָרנישט
געדענקט אַ חוץ דעם, אַז זי וועט גיין פון דער אַרבעט אויף מיטאָג,
וועט זי דודן שוין טרעפן דאָרט בײַ אַ באַזונדער טישל, און אַ שטול
וועט שטיין מיטן ווענטל צום טישל צוגעטוליעט — פאַרנומען פאַר
איר.

מיטאָמאָל איז זי געוואָרן אומגעדולדיק; האָט מער נישט געקאָנט
פאַרשטיין, וואָס זי האָט אין די פאַרשידענע פּאַפּירן געלעזן; די אותיות
זענען איר געוואָרן פרעמד, נישט פאַרשטענדלעך. האָט זי גענומען קוקן
אויפן זייגערל, וואָס זי האָט אויף איר האַנט געטראָגן, און ס'איז געווען
אַ וואונדער: פאַרוואָס שטייען די ווייזערלעך כמעט אויף איין אָרט?
דאָס זייגערל גייט דאָך!

האָט זי מיט עקשנות אויפגעהערט צו קוקן אויפן זייגערל. פון
אומגעדולד גענומען גיין פון איין צימער אין אַנדערן; געגאַנגען
גיך, מיט רעשיקע טריט און ליכטיקע, גרויסע אויגן. די מיידלעך, וואָס
זענען געזעסן בײַ די מאַשינקעס, האָבן איר נאָכגעקוקט. איר אַליין האָט
זיך געדאַכט: זי איז אַ סך העכער געוואָרן.

און אַזוי איז זי אַרויס אין פאָדערשטן צימער. דאָרט, וואו פרויען
און מענער האָבן געוואַרט אויף סעקרעטאַרן פון פאַרשידענע אַפּטיי־

לונגען. די אלע מענטשן זענען איר איצט שטארק געפעלן געווארן; זי האט צו זיי געפילט א היימישקייט, האט זי זיי גענומען אויספרעגן, וואס זיי דארפן. האט אלע בארויקט, אלע צוגעזאגט: געוויס... געוויס וועט מען אייער קינד צונעמען אין קינדער־היים... איר ווילט אנקומען אין א שולע פאר אן אויפרוימערין? — יא, איר וועט עס באקומען... דערנאך איז זי צוריקגעגאנגען איבער די צימערן, און מיט איר — ליכטיקע פרייד.

זי האט זיך נישט דערוואוסט ביז פיר דעם זייגער. מיט א האלבער שעה פריער האט זי צונויפגעלייגט אירע פאפירן און די „פאפקעס" — איינגעשלאסן אין די טישלעדלעך. אז דער סעקרעטאר איז אריינגעקומען, א שטארק צערודערטער — האט זי אים נישט באמערקט.

— חברטע עטינגער, איר גייט שוין?

האט עס געזאגט נישט מיט וואונדער, נאר פארקערט: ער האט עס פארשטאנען.

— יא, איך גיי שוין.

זי האט זיך געאיילט, גיך געגאנגען איבער דער גאס.

און פון הימל אראפ האט זיך געגאסן אן א שיעור ליכטיקייט, א היץ איז אויפגעגאנגען פון דער ערד; די ביימער זענען געשטאנען פארבענקטע, מידע, און פון ים האט זיך געטראגן פעטער, געזאלצענער ריח; די פרייד האט געהילכט אין די אדערן, און דאס פנים געהיצט.

נאר אין „סטאלאווע" פון ראטן־הויז איז נאך געווען ליידיק. עטלעכע מענטשן זענען דארט געזעסן בא די טישן און געווארט. קיין עסן האט מען נאך נישט ארויסגעגעבן; ס'איז נאך קיין פיר נישט געווען.

דא — אין שטילן, פארשאטנטן זאל, איז בליומצן א פארהוילענע שרעק באפאלן. זי האט אליין נישט געוואוסט, וואס אויבנס עס שרעקט זי, גאר דאס הארץ האט זיך איינגעקארטשעט, זיך פאררוקט אין ווינקל.

זי האט זיך א פאר מאל ארומגעקוקט. מיטאמאל איז איר איינגעפאלן: אפשר איז דוד בא זיך אין צימער? ווי זי וואלט געוועזן זיכער, אז ער מוז זיך דא ערגעץ געפינען.

האט זי זיך אפגעריסן פון איר ארט מיט אימפעט. ארויס אין קארידאר, און זיך געלאזט לויפן ארויף מיט די טרעפ. אז זי איז אויפגע־

קומען, האט זי זיך אויף א ווײלע אפגעשטעלט פאר איר און דינהס צימער; דאס הארץ האט אזוי שווער געשלאגן, אז די קלעפ האבן אפגעהילכט אין קאפ. איז זי א ווײלע אזוי געשטאנען, דערנאך געעפנט די טיר און געפונען א ליידיק צימער.

זי איז געבליבן אנטוישט; איז געשטאנען אין מיטן צימער און אלץ נישט פארשטאנען, פארוואס קיינער איז דא נישטא; דערנאך זיך צעשמייכלט:

— ס'איז דאך נאך פרי.

האט זיך ארײנגעקוקט אין זייגערל, געזעען, אז עס פעלט נאך א פאר מינוט צו פיר, נאר די שרעק איז פארט נישט אפגעטרעטן; ס'איז געווען, ווי זי וואלט דערפילט אן אומגליק, וואס רוקט זיך אן... וואס זשע שרעקט אזוי דאס הארץ? געטראכט א ווײלע, צוריק רויק און געדולדיק געווארן; האט זיך אויף א ווײלע אויסגעצויגן אויפן בעט, געלעגן און געקוקט צום לאכעדיקן, פארגליווערטן פענצטער, דערנאך אויפגעשפרונגען, זיך אײנגעקוקט אין שפיגל און ס'איז איר אויסגעקומען: זי אליין דערקענט זיך נישט... די אויגן זענען איר גרעסער, ליכטיקער און אונטער זיי רויט שטילער, טונקעלער שאטן. האט זי זיך געוואלט עפעס דערמאנען, און זיך דערמאנט:

— איך האב זיך דאך געוואלט ארומוואשן...

זיך לאנג און אויפמערקזאם געוואשן, פארקעמט די האר, פארפלאכטן די צעפ, זיך לאנג געווישט די פינגער, געפוצט די נעגל, זיך ווידער דערזען אין שפיגל: א לויטערע, א ווארטנדיקע...

אז זי האט א קוק געטון אויפן זייגערל — איז שוין געווען פינף. וואו איז אוועק א שעה? א גאנצע שעה?

איז גיך אראפ פון די טרעפ, ארײן אין „סטאלאווע", געבליבן שטיין און אירע בליקן זענען ארומגעלאפן דעם זאל. נאר: וואס זאל דאס הייסן? נישט דוד, נישט דינה זענען דא!

ס'איז איר באפאלן א טרויער און זי האט נישט געוואוסט, וואס צו טון. האט זי זיך אוועקגעזעצט בא א טיש, געבליבן זיצן אזוי ווי זי וואלט געהאלטן אינמיטן טראכטן.

אין זאל האט מען געגעסן, אײלנדיק, רעשיק. מען האט זיך איבערגערופן, גערעדט צווישן זיך, אײלנדיק:

— צרות אין די דערפער!

— מיט די „פראטקאמען" איז נישט פרײלעך...

— עפּעס געשעעניש?

— די „פראַקטאָריאַדן“ באַגעגנט מען מיט שנאה...

בליומע האָט געהערט די אַלע רייד, נאָר זי האָט זיי נישט פאַר־שטאַנען. האָט אַלץ געטראַכט:

— וואו זשע איז דוד, האַ?

— ווייטיק און פאַרדראָס האָט אין האַרץ ענג געמאַכט:

— ווייסט ער דען נישט, אַז איך וואַרט?

נאָר אָט! צווישן די טישן האָט זיך באַוויזן דינה; איר פּנים איז געווען ערנסט, שטרענג. אירע אויגן — פאַרחלומט. בליומע איז איר אַנטקעגנגעלאָפן, זי אָנגעכאַפּט בײַ אַ האַנט:

— דינה... וואָס אַזוי שפּעט, דינה? האַ?

דינה האָט לײַכט אָפּגעצויגן דעם אָטעם:

— געהאַט אַ סך אַרבעט; געדאַרפט העלפן דודן אין אָרדנונג ברענגען אַלע פּראָטאָקאָלן און דערצו — אינמיטן אַרבעטן האָט מען דודן אָוועקגערופן... עפּעס אַן עקסטרע זיצונג פון די אָנפירער... בין איך דערווײַל געבליבן אַליין.

— איז דוד אויף דער דאָזיקער זיצונג?

— יאָ... שוין אַ פּאָר שעה...

— אַזוי... וואָס עפּעס פאַר אַ זיצונג? וואו איז עס?

— אין „פּאַרקאָם“, דאַכט זיך.

ערשט איצט האָט זיך בליומע געכאַפּט, אַז עס פעלן טאַקע בײַם מיטאָג אַלע הויפּט־טוער: נישטאָ ראַבינסאָן, נישטאָ קין און נישטאָ אַנדערע זעבן דאָ, כאָטש ס'איז שוין באַלד זעקס לויט דער נײַער צײַט.

— מיר וועלן זיך טרעפן מיט אים אין אַרבעטער־היים, אויב ער וועט באַלד נישט אָנקומען.

אַזוי האָט געזאָגט דינה, דערבײַ מיט שמייכל געקוקט אויף בליו־מען, ווי זי וואָלט אויסגעפירט אַ שליחות פון דודן צו איר. בליומע האָט אָוועקגעקוקט, גאָרנישט געזאָגט. דינה האָט איר לײַכט אַ גלעט געטאָן איבערן אַקסל:

— קום, בליומעטשקע, מיר וועלן דערווײַל עסן.

*　　*

*

ס'איז געוואָרן ליידיק אין „סטאָליאַרקע“. די טישן זענען שוין גע־

שטאַנען פּאַרלאָזטע, מיט געגעצטע טישטוכער און ליידיקע טעלער. ס'איז אַוועק דער רעש און די ווענט האָבן געקוקט שטום מיט גרויסע פאַר־כמורעטע אויגן.

בלומע האָט זיך אויפגעשטעלט:

— קום דינה.

זיי זענען שווייגנדיק אַרויס.

איצט האָט פון דאָרט, וואו דער ים טוליעט זיין קאָפּ צום הימל, זיך אויפגעהויבן געדיכטע שטיקער וואָלקן, ווי שווערע קנוילן רויך איינס אין אַנדערן געפלאָכטן און זיך גערוקט העכער און העכער. ערגעץ האָט ווינט זיך געבייזערט; זיין בייזער האָט זיך אין ליידיקייט געטראָגן און שטילע שרעק מיטגעשלעפּט. די גאַסן זענען געלעגן פאַרחלשטע און די מענטשן זענען געגאַנגען מיט מידע, שווערע טריט, ווי אַרבע־טער, וואָס קערן צוריק פון זייער שווערער טאָג־אַרבעט. פון ערגעץ האָבן זיך דערטראָגן טענער פון מיליטערישן מאַרש און שטילן דרויסן גע־שראָקן.

בלומע האָט ווידער דערפילט די שרעק אין האַרצן; האָט שטיל אָפּגעזיפצט.

— וואָס איז עס פאַר זיצונג געווען, דינה

— זעט אויס: זייער אַ וויכטיקע.

— זייער אַ וויכטיקע?

— מען איז געקומען... געגעבן צו וויסן, און אַלע הויפּט־טוער זע־נען גלייך אַוועק.

— עפּעס נייעס?

— זעט אויס, אַז יאָ... דאַכט זיך: די „זאַוווקאָמען" האָט מען אויך צונויפגערופן אויף דער עקסטרא זיצונג.

בלומע האָט געפילט, ווי דאָס האַרץ קלעמט זי שטאַרק. זי האָט שוין מער נישט איבערגעפרעגט, נאָר אַלע ווײַלע זיך אומרויִק אומגע־קוקט.

די גאַסן זענען אָבער געלעגן טונקעלע, שטילע און נאָר די שוואַר־צע כמאַרעס האָבן זיך אַלץ געדיכטער אָנגעטראָגן.

ווען זיי זענען אָנגעקומען אין אַרבעטער־היים, האָבן זיי דאָרט גע־טראָפן געוויינלעכע, רעשיקע אויפגעלייגטקייט: דער גרויסער זאַל, וואו עס זענען געשטאַנען קליינע טישלעך, איז געווען פול; איז מען געזעסן בײַ די טישלעך, געטרונקען טיי פון בלעכענע טעפּלעך, האָט מען גערעדט,

געריי‌כערט, דיסקוטירט; האט מען געשפאסט, געלאכט אויפן קול, און פריילעכער רעש איז געשטאנען איבערן זאל.

בליומע האט זיך בארויקט. די שרעק איז אפגעטרעטן. דינה האט זיך לעבן איר אוועקגעזעצט בא א טישל, האט גענומען דערציילן פון זייער ארבעט אין שטעטל; דערציילט ווי אזוי זיי האבן אויסגעכאפט די באנדיטן און זיי אהער געברענגט; איצט זיצן זיי דא, אין טשעקא, פונ-וואנען זיי וועלן שוין נישט אנטרונען ווערן... בליומע האט אויסגע-הערט מיט פארבארגענעם שמייכל, און פון דינהס אלע רייד האט זי נאר אלעמאל געהערט דאס איינע ווארט: „דוד". עפעס האט זיך דאס ווארט אויסגעטיילט, ארויסגעקוקט פון אלע רייד.

ערשט אין אוונט האט זיך געגעבן אן עפן די טיר און איינער נאכן אנדערן זענען אריין עטלעכע פון די אנגעזעענע טוער; צווישן זיי — דוד. ווי נאר זיי זענען אריינגעקומען — איז שטילקייט און ערנסט אנגעקומען. עס איז געווען, ווי די שטילקייט, וואס איז געזעסן אין די ווינקלען פארשטעקט, וואלט זיך געגעבן א הייב אויף און מיט טונקעלן ערנסט אלעמען אין די אויגן אריינגעקוקט.

בליומע האט זיך אויפגעשטעלט, געבליבן שטיין. דוכאווין איז גע-ווען בלייך, האט געהאט עטוואס צעטומלטע אויגן, אונטערן ארעם האט ער געטוליעט דעם פארטפעל; געשטאנען איז ער שטייף, מיט עקשנות:

— חברים! גייט אלע אריין אין טעאטער-זאל!

מיט שטייפע טריט אליין צוגעגאנגען צו דער טיר, וואס פירט אין פארשטעלונגס-זאל; זענען באלד צוגעלאפן אייניקע חברים און זי געעפנט.

* * *

דער זאל איז באלד אנגעפילט געווארן. פון די פענצטער, וואס זענען געשטאנען מיט ארויפגעצויגענע ראלעטן, איז געפאלן שוואכע שיין: איבערדערויסן איז שוין געשטאנען דער אוונט און שווערע כמארעס האבן שוין געהאט דעם גאנצן הימל איינגעדעקט. ס'איז געווארן סודותדיקע שטילקייט; אלע זענען געווען ערנסט און לייכט צעשראקן. אויף דער טונקעלער סצענע האט זיך באוויזן דוכאווין.

ער האט נישט אוועקגעלייגט דעם פארטפעל פון אונטערן ארעם;

האט נישט אויסגעטון דאס מיליטעריש-גרויע היטל, און מיט קלארער, שטארקער שטים גלייך אנגעהויבן:

— חברים! ס'איז איצט נישט קיין צייט פון רעדן. געשען איז אט-וואס: די דייטשע קאלאניסטן האבן אויפגעהויבן די פאן פון אויפשטאנד קייגן דער מאכט פון ארבעטער און פויערים! אונזערע חברים, וואס זענען אהינגעקומען אויף „פראד"-ארבעט, האבן זיי געבונדן, געשלאגן מכות רצח און א סברה — אויך צעשאסן! היינט איינדערפרי איז דאס געשען! די דייטשע קאלאניסטן האבן אויפגעהויבן א בונט! זיי זענען באוואפנט מיט ביקסן, האבן אפילו הארמאטן... זיי האבן אויך אנפירער; מענטשן, וואס האבן געדינט אין דער צארישער ארמיי פאר אפיצירן... זיי זאמלען זיך צונויף פון אלע קאלאניעס זייערע, וואס געפינען זיך אין אדעסער ראיאן... נאר וואס האט דער „רעווקאם" דערקלערט די שטאט אין באלאגערונגס-צושטאנד. די לאגע איז ערנסט, חברים! נישט גערעדט! ווער עס קאן — זאל נעמען א ביקס!

אין זאל איז געווארן א שושקעריי און שטילער, פארביסענער כעס:

— די דייטשן?

— די יעקעס?

— זיי גאר?

— חברים! — ס'איז צוריק שטיל געווארן — די לאגע איז נישט האפנונגסלאז, אבער זי איז ערנסט; דער גארניזאן אין שטאט איז קליין, שטארק קליין. מען דארף נישט פארגעסן, אז מיר האבן נאך פראנטן... און זיי — די דייטשן, זענען באוואפנט... עס זענען גלייך אנגענומען געווארן אלע מיטלען. ערשט איצט, ווען איך רעד צו אייך, גייט ארויס די גאנצע ארטילערישע שולע אויפן פראנט. דער גארניזאן האט שוין טיילווייז ארויסמארשירט. ס'קאן זיין: ווען מיר רעדן דא — האט זיך דארט שוין פארבונדן א שלאכט און ס'זענען שוין געפאלן די ערשטע קרבנות. אלזא: צו די ביקסן! נישט אוועקגיין פונדאנען, נישט טראכטן פון גארנישט, גלייך באוואפענען זיך. די ביקסן וועלן אהער באלד אנקומען; די פארארדנונג איז שוין ארויסגעגעבן. היינט באנאכט מארשירן מיר ארויס! די, וואס קענען קיין ביקסן נישט האלטן — וועלן צוהעלפן די, וואס קאנען יא. חברים! ס'האט געשלאגן די שעה, מען טאר נישט פארשפעטיקן!

ני דוד איז נאר אראפ פון דער בינע, איז באלד געווארן א גע-

רויש: ס'האבן זיך אויפגעפראלט אלע טירן, און יינגע, ברייט-ביינערדי-קע, דארע, הויכע בחורים האבן אריינגעטראגן ביקסן; אויף דער גאס איז געשטאנען א מיליטערישער וואגן און מיטן וואגן זענען אויך אנגעקו-מען מיליטערישע אינסטרוקטארן.

אין זאל האט זיך גלייך דערפילט דער ריח פון קאזארמע. די טישלעך האט מען צונויפגעלייגט אין די ווינקלען, מען האט אנגעצונדן א גרויסן בליך-לאמפ און ס'איז געווארן א קלאפעריי פון ביקסן-קלאמ-קעס און א שטיל, רעשיק פארקעריי. די אינסטרוקטארן האבן געשפאנט מיט שווערע טריט פון איינעם צום אנדערן, דאס קלינגען פון זייערע שפארן האט זיך שארף געטראגן איבערן זאל.

און אינמיטן:

— חברים! — שוין א מיליטערישער באפעל — אלע וואס האבן שוין ביקסן — גלייך אויפן הויף!

בא די ברייט-צעעפנטע טירן איז געווארן א דרענגעניש, א שטו-פעניש. מען איז געלאפן איבער די טרעפ, געשפרונגען איילנדיק, דאס מיליטערישע קול האט באפעלעריש צוגערופן:

— גערירט זיך! נישטא קיין צייט!
— איך האב נאך קיין ביקס נישט!
— ס'וועט באלד זיין!
— מען וואלט געדארפט טעלעפאנירן אין שטאב.
— אט גיי איך!

אזוי' האט געזאגט דוכאווין און אוועק אין קאנצעלאריע-צי-מער.

בלומע איז די ערשטע מינוטן געווען שטארק צעטומלט, האט שווער געפילט די שרעק אויף זיך. זי האט געקוקט אויף דינהן, ווי זי וואלט געווארט פון איר עפעס צו הערן. אבער אויך דינה איז איצט גע-ווען צעטראגן און בלייך.

נאר אט איז דוכאווין ארויסגעקומען פון קאנצעלאריע-צי-מער:

— באלד! מען האט שוין ארויסגעשיקט!

דורכגעגאנגען דעם זאל, צוגעקומען צו בלומען, איר אריינגעקוקט אין פנים און פון זיינע אויגן האט א גאס געטון שטילער, הארציקער אומעט, ער האט אנגענומען איר האנט:

— בלומע.

האט שוין בליומע דערפילט, ווי ס׳איז איר ליכטיק געווארן אין די אויגן, און די שרעק איז אנטלאפן. דוד האט געזאגט:

— די לאגע איז נישט געפערלעך, אבער ערנסט... טאמער כאפן זיי זיך אריין אין שטאט — איז מיין גאנצע ארבעט געווען אומזיסט: זיי וועלן די באנדיטן דערוויל באפרייען... אז מען וועט זיי דערנאך פארטרייבן — גיי זוך זיי נאך אמאל...

— און דו, דוד?

בליומעס קול האט א ציטער געטון. זי האט זיך גענטער צו אים צוגערוקט.

— וואס פאר א פראגע? איך גיי אויפן פראנט... גלייך מיט אלע ביי איך.

— און איך — גיי אויך!

— דו? בליומע!

— איך וועל העלפן... איך וועל דיך נישט לאזן אליין...

— בליומעטשקע...

דאס מיליטערישע קול האט גערופן:

— ווער דארף נאך ביקסן? שוין דא!

די לעצט געבליבענע זענען ארויס פון זאל. ערשט איצט האט זיך דינה דערנענטערט; זי איז ארויסגעקומען פון קאנצעלאריע־צימער... זי איז גלייך צוגעגאנגען און געזאגט:

— די ארטילערישע שולע איז שוין ארויסגעגאנגען.

הא? — האט דוד איבערגעפרעגט — יא... הער אויס בליומע: דו בלייב... דו בלייב... וואס וועסטו דארט טון?

נאך איידער בליומע האט געענטפערט האט זיך דערהערט א רוף:

— טאווארישטש דוכאווין!

— — — — — — — — — — — — — — —

דער אוונט איז געלעגן טונקל און שווער. געדיכטע כמארעס האבן דעם גאנצן הימל געהאט איינגעדעקט, נאר קיין רעגן איז נישט געקו־מען. איצט האט ווינטל געבלאזן מיט טויב געשריי. דער גרויסער הויף איז געווארן ענג. ס׳איז געווען שווער דארט צו מארשירן, האט מען צעעפנט די טויערן און זיך ארויסגעלאזט אויף דער גאס. האט מען ארויסמאר־שירט אין ברייטע, געדיכטע רייען; רייען נאך רייען, און איבער גאס

האט זיך אויפגעהויבן א טופעריי פון פיס. ס'האבן מאַרשירט חוליכע, גליי־בע יינגען מיט געהויבענע קעפ, געשטרעקטע העלזער און מיליטערישע רופן האבן זיך געטראגן איבער ליידיקער גאס.

דוכאווין איז נאך אוועק אויף א בעראטונג אין שטאב. שפעטער זענען אנגעקומען עטלעכע סאניטאר־וועגענער מיט צוויי פעלדשערס און עטלעכע פעלדשעריצעס. האבן זיי צעטיילט די באנדאזשן צווישן די חברטעס־סאניטארקעס, צווישן וועלכע עס זענען אויך געווען בליומע און דינה.

ס'איז שוין געווען א שטיק אין דער נאכט, ווען דוכאווין, צוזאמען מיטן באשטימטן קאמאנדיר און נאך אייניקע פארטיי־טוער, זענען אנגע־קומען אין ארבעטער־היים. מ'האט גלייך געענדיקט די איבונגען; אלע האבן זיך צוזאמענגענומען אויפן הויף, זיך אנגעטון די פאטראנבען־האל־טער, אלץ אזוי געקלאפט מיט די העלטלעך פון די ביקסן און שטיל און שווער געווארפן בייזע, אומפארשטענדלעכע ווערטער. מען האט געבראכט ברויט מיט קאנסערוון, און אזוי שטייענדיק אויפן הויף, האט מען געגעסן, מיט אפעטיט, שווער אטעמדיק. אויף דער גאס האבן זיך אויסגעשטעלט די וועגענער, וואס האבן געפירט ברויט און קוילן. שפעט באנאכט האט מען ארויסמארשירט מיט געמאסטענע, אנטשלאסענע טריט; מאַרשירט אי־בער שטילע גאסן, פארבייגעגאנגען פאטרולן, וואס זענען געשטאנען אויף די ראגן, און פון די ווענט האבן אראפגעווארנט ווייסע פלאקאטן מיט באפעלן: אין שטאט איז באלאגערונגס־צושטאנד.

ליידיקע, שטומע, פינצטערע גאסן האבן נאכגעקוקט, ווי געדיכטע מאסע שפאנט פון שטאט ארויס און נאך זיי — וועגענער, וואס פארזייען טויבע קלאנגען אין דער נאכט...

קאפיטל צוועלף.

די נאכט איז געלעגן א נאקעטע, א צעווארעמטע. געדיכטער, הייסער אטעם האט זיך געלייגט אויף אקסלען, אויף פנים און די טונקלקייט איז געשטאנען פארגולמט. פון ווייטקייטן האבן זיך דערטראגן טעמפע אפהילכן און ערגעץ האט עס אלע ווײַלע אויפגעבליצט פליגק און רויט.

די כמארעס האבן סאפּענדיק געקלעטערט איינע איבער דער אנדערער; פעלד און לאנקע האבן שטיל געקרעכצט פון דורשט, און די שווארצע בלעטער — האבן מיט שטילער גארונג געשעפּטשעט ליידנשאפטלעך גע־בעט. איז בלומע געזעסן אויפן וואגן מיט פארמאכטע אויגן און דאס יינגע לייב אירס האט ביז צום אויסגיין זיך געבעטן, דורשטיק גע־לעכצט. זי האט זיך צוגעהערט צו די געדיכטע טריט פון די רייען, וואס האבן איבער וועג געכוואליעט, און זי האט זיינע טריט נישט געקאנט ארויס־פאנגען פון זיי... א פאר מאל האט זי זיך באמיט צו עפענען די אויגן, האט זיך אויסגעשטרעקט, געטראכט אראפּצושפּרינגען פון וואגן, נאר די נאכט איז שווער געלעגן אויף די אויגן־דעקלעך און זי האט זיי נישט געקאנט עפענען. ביז — איר קאפּ איז אראפּגעזונקען, געבליבן רוען אויף ווייכן אקסל פון א חברטע, וואס איז לעבן איר געזעסן.

די חברטע האט געהאלטן אפן די אויגן, געקוקט אין געדיכטער טונקלקייט אריין מיט פארהוילענער שרעק; זי האט דערפילט, ווי בלומעס קאפּ איז געבליבן ליגן אויף איר אקסל, נאר זי האט איר נישט געשטערט.

דער וואגן האט זיך שטיל געשאקלט; די פערד האבן געטרעטן מיט עטוואס געזונקענע קעפּ און אלע ווילע געצויגן די העלזער צו די זייטן פון וועג. בלומע האט געפילט, ווי אירע אויגן זענען צוגעמאכט, האט געדענקט, אז זי דארף זיי עפענען, נאר מיטאמאל האט דאס גע־דענקען זיך איבערגעריסן און זי האט א פאל געטון אזוי גיך און אזוי לייכט; איז געבליבן ליגן אויפן בעט.

מאדנע: ס'איז איר בעט, וואס שטייט בא זיי אין שטוב און די וואנט איז דורכזיכטיק: ס'איז יא א וואנט און פארט נישט קיין וואנט... דער טאטע שטייט א געבויגענער מיט גרויען קאפּ; ער זאגט גארנישט. נאר זי הערט זיינע ווערטער:

— וואו זשע גייסטו ווידער אוועק? איך בלייב דאך אליין...

נאך הערט זי:

— ווען ער וואלט נישט געווען פון דער חברה... אזוי אבער...

עס עפנט זיך די טיר. איר בעט, וואס שטייט אין דער היים, שטייט איינגעטלעך אין האטעל־צימער. נישט דער טאטע שטייט פאר איר. ס'איז נאר דוד.

— וואס זשע ביסטו שטיין געבליבן בא דער טיר?

ער איז אזוי בלייך, שמייכלט אזוי צעטומלט: כ'בין צו דיר, בלי-מעטשקע, אזוי געלאפן... איך האב מורא געהאט, אז איך וועל דיך שוין מער נישט טרעפן... בין איך אזוי שטארק געלאפן. איצט בין איך אזוי מיד, אז איך קען זיך פון ארט נישט רירן...

— גיי איך צו דיר!

זי שפרינגט אראפ פון געלעגער. זיינע הענט ציטערן מיט ליכטיקע אויגן... די פינגער לייכטן... טוליעט זי זיך צווישן די הענט און זי פילט אים ארום איר גאנצן גוף... זי האט זיך אין אים איינגעהילט, איינגאנצן איינגעהילט... ווי זיינע הענט בריען איר לייב.

— ווי ליכטיק דיינע נאקעטע הענט שיינען...

אזוי זאגט דוד. הייבט זי אויף דעם קאפ און זיינע ליפן פאלן אויף אירע. ציטער בויערט איר דורך ביז די שפיצן פון די פיס-פינגער. מיטאמאל דערזעט זי זיך אליין: די הענט נאקעט; די ברוסטן אפגע-דעקט... פונוואנען איז זי מיט נאקעטע הענט? אט שטייט נאך די שיסל וואסער... אירע האר זענען פייכט; זי פילט די פייכטקייט אין הויט פון קאפ. וואס קוקסטו אזוי, טאטע? און דער אלטער קוקט מיט אויגן ווי מיט גלאז; אט, אט פאלט ער...

— העלף מיר, העלף מיר, דוד!

דער אלטער פאלט; לאזט נאך זיך אן אויסרוף:

— וועסט קומען צו מיר, בלומע.

דוד ברעכט די הענט:

— אז איך האב פארשפעטיקט!... אוי ווי איך האב פאר-שפעטיקט...

— — — — — — — — — — — —

— ביסט טאקע מיטגעפארן? בלומע! בלומע?

— א! איך האב געהאט איינגעדרימלט... ווער איז? דוד?

דוד איז געגאנגען לעבן וואגן. בלומע איז צו זיך געקומען; האט באוועגט מיט די אויגן-דעקלעך, געוואלט אראפשארן דעם נעפל פון די אויגן. איצט האט יינגע פרימארגן-קילקייט געבלאזן און פון די פעלדער איז אויפגעגאנגען שטיל געבייזער.

— וואס-זשע? ביסט פארט מיטגעפארן? בלומעטשקע.

— א?... איך האב דאך געזאגט, אז איך גיי אויך...

דוד האט אויסגעשטרעקט די האנט: ווי פון זיך אליין האט זיך די

האנט אויסגעצויגן, האט זיך א גליטש געטון איבער אירע האר, געבליבן ליגן אויף איר האלז:

— איך זוך דיך ארום שוין א צייט... אלע פורן ארומגע־זוכט.

— דוד...

זי האט אראפגעצויגן דעם קאפ צווישן די אקסלען, דערנאך אויס־געצויגן איר האנט, אראפגענומען זיינע פון איר אקסל און מיט דער צווייטער האנט זי א גלעט געטון. עס איז געווען אזוי, ווי איר וואלט א שאד געווען מער ווי א גלעט צו טון די האנט.

דוד האט נאך געוואלט עפעס זאגן, נאר אין הארצן האט אים שטארק געציטערט, אין האלז האט אים פארצויגן און ער האט דערפילט, אז אים איז קאלט געווארן.

— ס׳איז קיל.

— דיר איז קאלט? דוד?

— יא... איך וואלט זיך דורכגעלאפן.

— באלד... העלף מיר.

זי איז אויפגעשטאנען. דוד האט זי געהאלטן בא ביידע הענט. זי איז אראפגעשפרונגען, צוגעפאלן צו אים, איין ווײלע געשטאנען פארגלי־ווערט. דוד האט געדרוקט אירע ביידע הענט:

— טייערינקע.

ס׳האט טאקע געבלאזן א קאלט ווינטל. דער הימל האט זיך שוין איצט געבלייכט; האט אויסגעזען בלינד — איבערגעצויגן מיט א בעלמע. פון ערגעץ האט זיך דערטראגן איינזאם וואיען פון א הונט, און ערגעץ האבן העגער געקרייעט. די מארשירנדע זענען געווארן רירעוודיקער, טומעלדיקער; מען האט אנגעהויבן שפאנען גיכער, שטארקער. די ווע־געגער האבן זיך געלאזט שנעלער און די פערד האבן זיך צעהירזשעט.

דוד האט געפירט בליומען. זיין האנט ארום איר טאליע, און ביידע האבן נישט געקענט רעדן פון גרויס גליק.

דער טאג האט זיך העלער גענומען ארויסשיינען. דער ווינט איז מיט ברומעריי געלאפן איבער די תבואות. איצט האט מען דערזען: ד׳ארט אין פעלד, שטייען הארמאטן און ארום זיי באוועגן זיך מענטשן.

— בליומע, זיץ אויף... איך מוז לויפן צום באטאליאן.

— גוט, דוד.

צווישן די הארמאטן דארט האט זיך באוויזן א רייטער; טראגט

ער זיך מיט אימפעט פון הארמאט צו הארמאט. ציט צודיק דאס ציימל, דאס פערד פארדרייסט שטארק דעם קאפ, ווארפנדיק מיט די פאדערשטע פיס אין ליידיקייט, דרייט זיך אויס און דער רייטער בייגט זיך איין, לאזט איבער א באפעל, ווייזט אויס, לאזט נאך דאס ציימל, און דאס פערד טראגט זיך אוועק ווייטער.

— באטאליאן! סטראָיסיאַ! — האט זיך דורכגעטראגן דעם קאמאנדירס שטימע אין קילן, גרויען פרימארגן.

מען האט זיך אנגעהויבן אויסגלייכן, צונויפרוקן.

— שאגאם! מארש!

די טריט זענען געווארן פעסט, רעשיק, מיט גיכן טעמפּ.

* *

*

ס'איז שוין געווען א שטיק אויפן טאג. דער הימל האט זיך געהאט אפגערייניקט און זון האט זיך הייס צעברענט איבער פעלדער. די שיסער זענען געלעגן צעשיט אין „צעפּ" צווישן די הויכע תבואות, וואס האבן שוין געבלייכט, זיך געשאקלט מיט פולע זאנגען. די הארמאטן זענען געשטאנען ארויסגערוקט, פריער פאר די שיסער, און האבן געדולדיק געווארט. די סאניטארע וועגענער זענען געווען ארויסגערוקט באזײַט צום וועג, פארשטעקט הינטער א נידעריק ייִנג וועלדל, וואס איז געשטאנען שטיל און זיך צוגעקוקט. און פּלוצלינג — ס'האט זיך צעשיט א שיסעריי, וואס איז געקומען אנצופליען פון דארט, פונוואנען ווייסע הייזלעך האבן געקוקט פון דארף ארויס. ס'האט זיך דערהערט א געשריי און נאך א געשריי. האט זיך דאס געשריי איבערגעחזרט, זיך געקייקלט ווי ווידערקול צווישן די זאנגען, און באלד האט זיך אנגעהויבן א שיסעריי. ס'האט זיך אויפגעהויבן לייכטער רויך פון צווישן תבואה, ס'האט גענומען האגלען מיט קויטשלעך און דינע פישטשערייען, ס'איז געווארן פארביסענע שטילקייט. פון תבואה זענען איינציקע מענטשן געלאפן צעהיצטע צו די וועגענער מיט קוילן, צוריקגעלאפן שווער, סאפענדיק, צעמישטע, און אין דער שטילקייט האבן זיך שארפע, דינע שפּיזלעך געשליידערט מיט סווישטשערייען. פון וועלדל האבן זיך אפגעריסן דערשראקענע פייגלגעשרייען. פון צווישן די צווייגן האבן פייגל ארויסגעשאסן, מיט צעשפרייטע פליגל זיך אנטקעגנטראגן. לעבן בלומקן איז א צעשראקענער

האז געבליבן שטייז, האט גיך געדרייט מיט גרויסע, קיילעכדיקע אויגן, ווי מען דרייט גלאנציקע גוויבטן; זייבע אויגן האבן געקוקט מיט גרויס צער און טרויער, האט זיך א ריס געטון און העלע ליביע האט א שאס געטון אין פעלד אריין. בליומעס הארץ האט געשלאגן גיך, אין איין אטעם. זי האט נישט געוואוסט וואס צו טון. א פאר מאל האט זי זיך געהאט אפגעריסן פון פונקט, וואס מען האט דארט געהאט אויפגעשטעלט, געוואלט לויפן אהין, וואו עס הילכט און עס קאכט אזוי שטיל, נאר די פעלדשעריצע האט אויסגערופן:

— וואוהין? דא בלייבט!

האט זי צוריקגעקערט.

דערווייל האט זיך דאס שיסעריי געשטארקט. פון צווישן קארן דארט זענען אויפגעשפרונגען מענטשן מיט ביקסן, האבן אייגעבויגענע גענומען לויפן, די זאנגען האבן זיך געבויגן און צוריקגעבלייבט.

— לאושיס!

די שטילער דונער האט זיך עס דורכגעקייקלט צווישן קארן:

— ל-א-זש-י-ס-ס!

זענען די אייגעבויגענע דארט צוריקגעפאלן, פארשלונגען געווארן צווישן די זאנגען און ווידער האט עס גענומען האגלען מיט הילעכדיקע שווערע טראפנס. מיטאמאל —

ס'האט אנגעהויבן שיטן אין איין אטעם; קוילן-ווארפער האבן אנגעהויבן שלאגן פון ביידע זייטן. דער רויך האט זיך אויפגעהויבן ווי לייכטער שטויב איבער פעלד.

אזוי האט זיך עס עטלעכע מאל איבערגעחזרט און די שיסער זענען אלץ ווייטער אריין אין די תבואות. די הארמאטן זענען געשטאנען אנגעכמורעטע, בייזע, מיט טייוולאנישן געדולד געווארט.

דאס שיסעריי האט אנגעהאלטן א שטיק צייט. מיטאמאל איז שטיל געווארן. ס'האט אויסגעזעען: מען האט אויסגערופן א הפסקה; פון ביידע זייטן כאפט מען אפ דעם אטעם.

ערשט איצט האבן זיך באוויזן פון קארן ארויס סאניטארן. זיי האבן אויף בעטלעך געטראגן עטלעכע קרעכצנדיקע מענטשן. בליומע איז זיי אנטקעגן געלאפן מיט שטייענדיק הארץ; געלאפן פון בעטל צו בעטל, ווי זי וואלט געזוכט פון זיבעטן געבירדט, נאר אז דוד איז צווישן זיי נישט געווען, האט זי פארגעסן די שרעק, און גענומען מיט פלייס ארבעטן,

פארבאנדאזשירן די פארוואונדעטע. די מענטשן האבן געקרעכצט מיט פארביסענע ציין און מיט צעגליטע אויגן. דער דאקטאר איז געשטאנען אויפן פונקט, אנגעטון אין ווייסן כאלאט; געשטאנען מיט פארקאטשעטע ארבל, האט רויק באטראכט די וואונדן און אפגעגעבן באפעלן צו די פעלדשעריצעס. איינער האט געקוקט שטיל און גארנישט געקרעכצט. אים דווקא האט דער דאקטאר געהייסן ארייננטראגן אין ביידל און ער אליין איז נאך אים אהין אריין. פון דארט האט זיך אויפגעהויבן א יאמערלעך געשריי, אויסגעצויגענע, לאנגע קוויטשערייען האבן מיט לעצטע כוחות זיך געריסן דורך ענגן האלז: די יאמערן זענען געווען אזעלכע גרוילעדיקע, אז די איבעריקע האבן אויפגעהערט צו קרעכצן.

בלומע האט געארבעט מיט אימפעט. היץ האט איר געשלאגן פון פנים און דער קאפ איז איר געווען צוזאמענגעצויגן. זי האט פארנומען אלע קרעכצן און אלע ווילדע צוגעלאפן צו אן אנדערן, ווי זי וואלט זיך געוואלט עפעס דערוויסן...

*

*

ס'איז שוין געווען אינמיטן טאג. קיינער האט נישט באמערקט, ווי די זון איז פארשוואונדן געווארן פון שווארצן, געדיכטן וואלקן. ס'איז מיטאמאל טונקל געווארן און די תבואות האבן זיך צעציטערט. אין וועלדל האט זיך א גערויש אויפגעהויבן. בלומע האט זיך ארומגעקוקט, דערזעען: דער הימל איז פארצויגן מיט שווארצע כמארעס, וואס טראגן זיך שווער באלאדענע, קרעכצנדיקע. איידער זי האט צייט געהאט זיך צו דערמאנען, וואס זי האט געוואלט טון — האט זיך אויפגעהויבן א געשריי דארט לעבן די הארמאטן.

פון שרעק האט עס איר פארשלאגן דעם אטעם. אייניקע מענטשן זענען דארט געלאפן און געשריגן, געמאכט מיט די הענט און זיי געטרייסלט.

דאס זענען געווען די שלוחים, וואס זענען אוועק אין דארף אריין פארצולייגן דעם לעצטן באפעל זיך אונטערצוגעבן. זיי זענען צוריקגעלאפן מיט שרעק, און נאך זיי — זענען געלאסענער שוין געגאנגען נאך עטלעכע, וואס האבן אייגעם אויף די הענט געטראגן.

— וואס איז דארט? — האט בליזמע אפגעשטעלט א זעלנער, וואס איז געקומען צו לויפן צום פונקט נאך באנדאזשן.

יענער האט זיך אפילו נישט אויסגעקערט צו איר.

— חבר! זאג: וואס איז דארט?

— וואס איז דארט? זיי זענען געגאנגען... — האט ער שווער געאטעמט — געגאנגען פארלייגן... געגאנגען מיט א ווייס פענדל... האבן די היטלער דארט געעפנט א שיסעריי... איין חבר איז געפאלן!...

— ווער איז דער חבר?

— א חבר...

גלייך גענומען צוריק לויפן מיט די באנדאזשן.

די שטורם פון דער ערד ארויס וואלט זיך ארויסגעריסן: ס'האט אנגעהויבן זידן ווילד שיסעריי. אין שיסעריי האט זיך שווערער זעץ דורכגעקייקלט, ווי די לופט וואלט זיך א בראך געטון. איז געווארן א ליארם און א טויב־געשריי צווישן די הארמאטן. און — ווען די כמארעס זענען שוין געקראכן גאר נידריק און שטארק פינצטערע — האט עס אנגעהויבן זעצן מיט שווערע, מוראדיקע קלעפ און געדיכטער רויך האט זיך אויפגעהויבן איבער די הארמאטן ווי שווארצער נעפל.

רויטלעכע בליצן האבן געשפריצט און עס האט שווער געדונערט פון אלע זייטן; שווער האבן זיך געקייקלט די קלעפ איבער די קעפ און איבער דער ערד; ס'איז געווארן פינצטער כמעט; דער רויך האט אלץ געזעצט, פון די כמארעס האט געבליצט, לאנגע, שמאלע פלאמען האבן זיך געיאגט.

מיטאמאל: ס'האט א שלאג געטון א רעגן. ס'האבן זיך אויסגעמישט דונערן מיט הארמאטן־קלעפ, שלאגס־רעגן מיט קוילן־סווישטשעריי. אלץ האט זיך צוזאמענגעגאסן און ס'איז געשטאנען ווילדער געבריל.

בליזמע האט זיך ארומגעקוקט ווי זי וואלט עמעצן געזוכט. מיטאמאל זיך דערמאנט, אז דינה איז אוועק נענטער צום ארט פון שלאכט... זיך דערמאנט, אז איין חבר איז געפאלן גייענדיק אין שליחות... ס'האט אין איר אויפגעשריגן שרעק, ס'האט זי אפגעריסן פון ארט; פאטאלער באפעל איז געקומען צו איר בלוט... דער שטורם האט א צי־געטון... האט זי גענומען לויפן אהין, ווי ס'האט ווילד געקאכט דער שטורם.

דער שלאגס־רעגן האט מיט שווערע, פולע טראפן געשלאגן איבער

פנים און אקסלען. נאר זי איז געלאפן; געלאפן מיט עפּעס א תאווה. ס'האט זי געטראגן מיט משונהדיקער ווילדקייט. זי איז אריין צווישן די הארמאטן, אריבער און געהערט, ווי מען שרייט איר נאך, נאר זי האט זיך נישט אומגעקוקט. פּלוצלינג האט זי זיך צוריקגעוואָרפן: איבער איר איז געפלויגן און זיך געדרייט א שווארצע שווערע זאך. די זאך איז אוועק ווייטער און זי האט זיך אפּגעשטעלט; מיטאמאל זיך געהאט דער־שראקן פאר די סווישטשערייען, זיך אראפּגעלאזט אויף דער ערד.

א ווײַלע האט זי פארמאכט די אויגן. דער רעגן האט איצט גע־גאסן מיט דיקע שטראמען; האט געשמיסן איבערן האלז און פּלייצע מיט נאסע בייטשן. זי האט געפילט, ווי דאס וואסער שווענקט איר לייב און ס'איז איר געווארן שווער אין די פיס. דערנאך איז זי רויק געווארן; לויטערקייט האט אראפּגעניזערט... האט זי אויסגעטון די שיך מיט די זאקן, האט זיך דערמאנט, מיט וועלכן פלאנג דוד איז אוועק... איז זי אויפגעשטאנען, זיך געלאזט אין דער ריכטונג.

זי האט נישט געוואוסט, נאך וואס זי טוט עס. זי האט נאר געפילט, אז זי מוז זיין לעבן אים. ס'איז געווען עפּעס א גרויסער כוח, וואס האט זי צו דעם געצויגן... דערווייל איז דאס שיסערײ שטילער געווארן. איצט האט דער רעגן זיך פארוואנדלט אין שטארקן שטורם; האט גע־שאקלט מיט וואסער־פלאכטעס און די זאנגען צו דער ערד געלייגט. בליזמע איז געגאנגען און מיט זיך — די „סומקע" מיט באנדאזשן. ביז זי האט דערגרייכט די שיסער, וואס זענען נאסע, דורכגענעצטע, געלעגן צו דער ערד געטוליעט...

— דוד!... דוד!...

זי איז געלאפן און גערופן. איינער האט אויפגעהויבן דעם קאפּ א קוק געטון מיט וואונדער.

זי איז געלאפן פון איינעם צום צווייטן; געלאפן ווי זי וואלט אים געדארפט ראטעווען פון אן אומגליק. איינציקע שאסן האבן געוואנדערט עלנדע און שטילערע.

— בליזמע!

דוד האט זיך געגעבן א זעץ אויף:

— וואס טוט זיך מיט דיר?

בליזמע, א נאסע, א דורכגעווייקטע האט זיך אראפּגעלאזט אויף דער ערד, שווער געאטעמט מיט ליכטיקע אויגן.

— וואס האסטו געטון? בליזמעטשקע?

נאר איידער זי האט באוויזן א ווארט ארויסצורעדן און — פון דארף איז שטורם אנגעלאפן; דאס שיסעריי האט פארטויבט דעם רעגן, און אפשר איז דער רעגן שטילער געווארן? ס'קאן זיין: ס'איז א ביסל העלער געווארן.

נישט ווייט פון דודן איז געשטאנען א בוים אין פעלד. דוד האט אויסגעשריגן:

— גיכער... הינטערן בוים!

בליזמע איז אהין צוגעקראכן.

פלוצלינג:

— פאך! ט-ר-ר-ר!

שווערס, שווארצס האט זיך אראפגעלאזט נישט ווייט פון דודן. פון דער ערד האט זיך געגעבן א ריס ארויס געדיכטער, שווארצער שטויב, ווי וואסער פון א פאנטאן. בליזמע האט ארויסגעלאזט א געשריי: ס'האט דודן געגעבן א הייב אויף. צוערשט איז געפאלן א ביקס, דערנאך האט דוד געגעבן א קרעכץ.

זי איז גלייך צו אים צוגעלאפן; האט פארלייגט אירע הענט אונ-טער זיינע ארעמס, און ווי זי וואלט איינגאנצן אראפ פון זינען, האט זי אים גענומען שלעפן פון דעם ארט שרייענדיק: דוד... דוד... האט אים צוגעשלעפט ביז הינטערן בוים, זיך אראפגעלאזט אויף די קניען, גענומען אים אויפקנעפלען, באטאפן דאס פנים, און דער רעגן האט ווידער א פלייץ געטון.

נאר דוד איז גלייך צו זיך געקומען. האט איין רגע זיך שטיל ארומגעקוקט, זיך איינגעהערט צו זיך אליין: עס טוט אים אין ערגעץ נישט וויי. אין האנט איז געווען לייכטער ווייטיק. ווייזט אויס, פון פאלן.

— רעד א ווארט, דוד...

דוד האט א שמייכל געטון:

— ווייזט אויס, ס'איז מיר גארנישט.

האט זיך געפרוווט אויפזעצן, האט זיך ארומגעקוקט. דער סנאריאד איז דארט געבליבן שטעקן אין דער ערד א נישט אויפגעריסענער.

— וואו איז מיין ביקס?

דאס שיסעריי האט נישט אויפגעהערט; ס'האט געקאכט ווי אין א קעסל, נאר פון דארף איז עס געקומען שוואכער און שטילער.

פיטאמאל:

— „ופעריאד ביעגאם !"

ס'איז געווארן א לויפעריי. דאס שיסעריי האט זיך געשטארקט.

— מיין ביקס.

האט בליזמע זיך א וואָרף געטון ברענגען די ביקס ; זי איז געלעגן פארש יידערט אויף א צוואנציק טריט ווייטער. איינגעבויגן איז זי געלאפן, ווען זי האט שוין געהאלטן די ביקס אין האנט, האט זיך ווידער געגעבן א קאטשע אראפ א שווארצע, שווערע זאך, און —

— טראך ! — רויך האט זיך ווי א וואלקן אויפגעהויבן.

דוד איז אויפגעשפרונגען, איז צוגעלאפן, מיט ציטערדיקע הענט גענומען טרייסלען בליזמען. בליזמע איז געלעגן מיטן פנים אראפ, האט ער זי אויסגעדרייט, גענומען טאפן אירע הענט און פיס, מיטאמאל דערזען : אויפן בארוויסן פוס ציט זיך א ברייטע שנור בלוט...

ער האט ארויסגערעדט ווי א חיה... האט זי לייכט געגעבן א כאפ אויף די הענט, גענומען לויפן מיט איר צווישן קארן שרייענדיק מיט אי-בערנאטירלעכע קולות ; געשריגן און אליין נישט געוואוסט, וואס ער שרייט.

אזוי לויפנדיק האט ער זיך אויסגעגליטשט און איז מיט איר גע-פאלן. ער איז צוריק אויפגעשפרונגען, נאר ער האט איצט נישט געהאט קיין כוח זי אויפצוהייבן.

מיט אמאל : דערהערט ווי זי קרעכצט מיט א שטיל קרעכצעריי און דערהערט, אדער אים האט זיך אויסגעדאכט, אז ער הערט : דוד... דוד...

ער האט זי ווידער געוואלט אויפהייבן, נאר ער איז געפאלן פון די פיס. האט ער געוואלט שרייען, נאר דאס געשריי, האט זיך דארט פארשטעקט אין האלז און ער האט עס נישט געקענט ארויסרייסן... ערשט, ווען דער הימל האט זיך גענומען לייטערן — זענען אנגעלאפן סאניטארן.

ערשט דאן, אז דוד האט זיי דערזען, האט ער דאס געשריי ענד לעך ארויסגעריסן פון האלז :

— ראטעווע ! גיכער !

גענומען אטעמען שווער און גיך ; געהעשעט אן טרערן...

קאפיטל דרייצען.

אויפן הויכן שפיץ פון דארף־קלויסטער האט זיך באוויזן א ווייסע פאן. דאס ווינטל, וואס האט זיך נאכן רעגן געדרייט אין דער לופט, האט די פאן אויפגעבלאזן און געפאכעט מיט איר. ס׳איז מיטאמאל שטיל געווארן. וואו נישט וואו האט נאך אפגעהילכט א שאס, וואס איז צע־שווימען אין ליידיקייט.

די וואלקנס האבן זיך צעריסן. בלויע שטיקער האבן אראפגעקוקט מיט פרישקייט און נייקייט. די תבואות אויף די פעלדער זענען געלעגן מיט געבויגענע קעפלעך, גרינע בלעטער האבן געציטערט מיט פרייד און נאסקייט. אנגעטרונקען איז געווען די געגנט ארום; דאס וועלדל האט הויך און פרייליך געאטעמט.

שפעטע נאכמיטאג־זון האט א גאס געטון מיט גאלד איבער פעלד און דארף. צווישן מיליטער און חברים האט אויפגעשאלט פרייד: דער שונא גיט זיך אונטער. האט מען זיך פון אלע זייטן געלאזט אויסגעשטרעקטע צום דארף. פון דארט האבן איצט ווייסע הייזלעך געקוקט מיט שרעק; א הייזל האט געברענט און נאר דער רויך האט זיך פון דארט אנגעזעען; א צווייט הייזל איז געשטאנען מיט אויפגעריסענע געדערים.

דא באם וועלדל איז דער דאקטאר געשטאנען אין זיין ווייסן כא־לאט. אייניקע זעלנער און פארטיי־חברים האבן געקרעכצט ליגנדיק אויפן גראז. די פעלדשעריצעס און די סאניטארקעס האבן זיך געפארעט בא זייערע הענט און פיס. אייגער איז אליין געקומען צו לויפן, דריקנדיק די האנט צו דער ברוסט, און איז געווען זייער בלייך; ער האט געבראכט א פארוואונדעטן פינגער.

דער דאקטאר אליין האט באטראכט בליזמען; זי איז געלעגן אויף דער „נאסילקע“ א שטארק בלייכע מיט געשלאסענע אויגן. צער און טי־פער ווייטיק איז געווען אויף דעם בלייכן פנים, וואס האט אויסגעזעען קינדעריש און א שיין פון א שמייכל האט גערוט אויף אירע ליפן. דוד האט אינגאנצן געציטערט אין זיינע נאסע קליידער. ער האט איצט מיט־

אמאָל דערפילט די גאַנצע שרעק פון אַנוּוערן בּליזמען. ערשט איצט איז אים קלאָר געוואָרן, וואָס בּליזמע איז פאַר אים און אַ פאַרלוירענער מיט וויינענדיק קול געשעפּטשעט:

— ראַטעוועט זי... ראַטעוועט... איר מוזט זי ראַטעווען...

דער דאָקטאָר האָט זיך איינגעבּויגן, בּאַמערקט ווי די קני פון איר לינקען פוס איז שטאַרק אויפגעלאָפן, האָט ער אַ פרעג געטון:

— פון אַ סנאַריאַד?

— ווייזט אויס... גיכער, חבר דאָקטאָר... גיכער... האָט רחמנות... וואָס־זשע שטייט איר?

דער דאָקטאָר האָט רויִק אַנגענומען דאָס קלייד איבּער דער קני, האָט מיט די הענט געפּרוּווט עס איינרייסן און נישט געקענט. האָט צוריק אויפגעהויבּן די הענט און דוד האָט דערזען: זיינע פינגער זענען רויט. האָט ער אינגאַנצן אַנגעהויבּן ציטערן ווי אַן איבּערגעשראָקן קינד:

— גיכער... זי גייט דאָך אויס...

— חבר! רוקט אייך אָפּ!... איר שטערט מיר!

די סאַניטאַרן בּאַפוילן:

— טראָגט זי אַריין אין פּאַלאַטקע!

זיי זענען מיט איר אַריין. דער דאָקטאָר האָט אַ רוף געטון די פעלדשעריצע, וואָס האָט זיך געפּאַרקעט בּאַ אַ זיצנדיקן אויפן גראָז.

— שוועסטער! גיכער אַהער!

דוד איז צוגעלאָפן צו דער פעלדשעריצע:

— גיכער... גיכער...

אויף איר אָרט איז צוגעלאָפן אַ סאַניטאַרקע. די פעלדשעריצע האָט איר אָנגעזאָגט וואָס צו טון און אַליין איז זי אַריין אין פּאַלאַטקע.

דוד איז געשטאַנען אויסגעגאָסן פון אייזן... די אויגן זענען אים געשטאַנען אַרויסגעשטאַרצט דערשראָקן: אָך! ווי אַזוי וועט ער לעבּן אָן איר? איז ער אַזוי געשטאַנען, אים האָט זיך געדאַכט: דאָס האַרץ צע־רייסט זיך. דער קאָפּ איז געוואָרן שווער, צוזאַמענגעפּרעסט, מיט אַמאָל האָט עס אין אים אַ וואָרף געטון, די פיס האָבּן זיך אָנגעהויבּן שאָקלען: פון פּאַלאַטקע האָט זיך געגעבּן אַ גאַס אַרויס יאָמערלעך געשריי. ער האָט זיך געכאַפּט מיט בּיידע הענט פאַרן קאָפּ, האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט, נאָר איז צוריק שטיין געבּליבּן; דאָס געשריי האָט זיך אי־בּערגעהאַקט.

ווידער האָבּן זיך די געשרייען געריסן. מאָדנע: ער האָט נישט

דערקענט בלימעס קול. אן אנדער קול איז עס געווען ; נישט בלימע האט עס געשריגן, נאר פון איר ארויס האט זיך פרעמד קול געריסן. . . ער האט נישט געוואוסט, ווי לאנג דאס האט געדויערט, נאר מיט אמאל איז שטיל געווארן. אינעווייניק האט עמעצער געסאפעט און שווער זיך געפארקעט. דערנאך איז דער דאקטאר ארויסגעקומען, זיינע הענט זענען געווען אויסגעשמירט אין בלוט און מיט ערנסטע אויגן און פרום קול געזאגט :

— מען מוז זי שוין פירן אין שטאט. . . דער „אסקאלאק" זיצט טיף אין קני. . . א שלעכט ארט. . . און ווער ווייסט : ס'קאן זיין א בלוט-פארגיפטונג. . . מען מוז זי גלייך אפערירן. . . אבער גלייך ! ס'קאן ווערן שפעט. . .

איצט האט זיך דוד דערפילט שטארקער. איז ער גלייך צוגעלאפן צו א סאניטאר-וואגן :

— שפאנען !

דער סאניטאר האט געפאלגט. מען האט בלימען ארויסגעטראגן. איצט איז דאס קלייד געווען אויף איר צעשניטן און דער פוס איז גע-ווען שטארק געבאנדאזשירט. ריח פון יאדינע און קארבאל האט זיך שארף געטראגן פון איר. זי איז געלעגן בלייך, אבער רויק, ווי נאך שווערע ליידן, די אויגן פארמאכט און ס'האט אויסגעזען : זי שלאפט.

— זאל די שוועסטער מיטפארן ! — האט זיך דוד געבעטן.

— גוט.

די שוועסטער האט זיך אויך אויפגעזעצט. בלימע איז געלעגן מיט דער „נאסילקע" אין וואגן. דוד האט זי צוגעדעקט מיט א שינעל, וואס ער האט דארט, אויפן פלאץ, פארכאפט. ס'איז אים איצט געווארן גרינ-גער אויפן הארץ ; אין אים איז געווען זיכערקייט : מ'וועט זי אפרא-טעווען.

די פערד האבן גערירט, איז דער וואגן אראפ פון פעלד, ארויף אויפן וועג. דערביי א שפרינג געטון און דאס פנים בלימעס האט פון ווייטיק זיך א קנייטש געטון.

— גיב אכטונג ! געלאסענער. . . — האט זיך דוד געבעטן.

די פור איז איצט געגאנגען אין די ווייכע „קאליעס". דאס זאמד איז געלעגן נאס, צעווייגעקלעפט, און די רעדער האבן זיך לייכט גע-גליטשט. און דארט — איז דאס דארף שוין געווען פארנומען. רויטע זון

האט געקוקט פון ברעג האריזאנט; פון צייט צו צייט איז רויטלעכער גלאנץ געפאלן אויף בליזמעס בלייכן פנים.

* * *

די פור איז געפארן איילנדיק און פארזיכטיק. פון די פעלדער בא די זייטן האט פרישקייט מיט פארנאכטיקייט געבלאזן. די „שוועסטער" איז געזעסן באם צוקאפנס פון דער קראנקער. געזעסן שווייגנדיק, מיד. דוד — האט די אויגן נישט אראפגענומען פון דעם בלייכן פנים מיט די שטארק פארפרעסטע ליפן. זיינע בליקן זענען געווען צו דעם צוגעקלעפט. מיט אמאל האבן זיך די ליפן געעפנט, שטילער זיפץ האט זיך פון צווישן זיי ארויסגעהערט. דוד האט אנגעשטרענגט זיינע בליקן און זי האט לאנג-זאם געעפנט די אויגן. פון זיי האט ארויסגעקוקט וואונדער מיט שרעק. האט זי א ווײַלע געקוקט צום בלויען הימל ארויף. ס'האט אויסגעזען: זי כאפט זיך אויף פון שווערן שלאף אין הייסן מיטנטאג. ווייסט זי נישט, וואו זי איז און וואס מיט איר האט פאסירט. שווערקייט נאר פרעסט אויפן הארצן און אויפן פוס ליגט אזא שווערער, הארטער בארג, דרוקט אזוי, אז זי פילט יא און פילט נישט דעם פוס. פונוואנען האט זיך דער-נומען אזא בארג אויף איר פוס? וואו געפינט זי זיך איצט? און — ווי א בליץ וואלט דורך איר דורכגעלויכטן: זי האט זיך דערמאנט, ווי עס האט זי א הייב געטון און ס'איז געווארן פינצטער ארום איר.

זי האט א שוידער געטון; ווייטיק האט איר געגעבן א פרעס איין און זי האט צוריק די אויגן פארמאכט; זיי ווידער לאנגזאם געעפנט. איצט האט גרויל געקוקט פון זיי.

זי האט באוועגט מיט די ליפן און איר אייגן קול נישט געהערט. האט זי זיך אנגעשטרענגט און מיט איר שוואך קול האט זיך דערהערט א ווארט.

— ד-ו-ד...

דוד האט שווייגנדיק אנגענומען איר בלייכע, צארטע האנט:

— דא בין איך, בליזמע... בליזמע טייערע...

פון דעם, וואס ער האט איר האנט אין זיינער גענומען און פון דעם קול זיינעם, וואס איז געווען אזוי געבראכן און טרויעריק, ווי די נשמה זיינע וואלט פון אים ארויסגערעדט, איז דער גרויל אויף א ווײַלע

אוועק פון בליזמעס אויגן און פנים; ליכטיקייט האט פון איר א שיין געטון; קראנקער שמייכל האט איבערגעצויגן אירע ליפן.

— דוד — האט זי איבערגעחזרט.

דוד האט צוגעטראגן זיינע ליפן צו אירע קילע פינגער; האט דערביי געציטערט פון גרויס רחמנות, ווי ער וואלט געהאלטן באם אויסגיין:

— בליזמעטשקע... טייערע מיינע...

— וואס איז מיט מיר?

— ביסט פארוואונדעט... איך וועל דיך ראטעווען... דו מוזסט בלייבן מיט מיר... איינציקע מיינע...

די פור האט זיך א טרייסל געטון, דער בארג האט זיך שווער א קאטשע געטון אויפן פוס און שווערע, שניידנדיקער ווייטיק האט געגעבן א שלאג ארויף ביזן הארץ. אין מוח האט א ציטער געטון; זי האט ארויסגעלאזט א קרעכץ און צוריק פארביסן די ליפן.

מער האט זי שוין דעם גאנצן וועג נישט גערעדט. זי איז געווען געזונקען אין געדיכטער שווערקייט, וואס האט איר קוים געלאזט אטעמען. פון צייט צו צייט האט עס מיט איר א וויג געטון און זי האט זיך געגעבן א לאז אראפ טיף אין פינצטערניש; דערנאך צוריק ארויפגעקומען און אין איר האט עס אפגעזיפצט. זיך עפעס דערמאנט און שרעק האט זיך אוועקגעשטעלט דיבאם אין איר. האט זי געוואלט עפעס פרעגן, נאר א פאל געטון אין פינצטערניש. בעפל הילט איין... וואו שרייט מען אזוי יאמערלעך? זי האט געקרעכצט אויסגעצויגן, זייער שטיל, אלץ געהאט פארפרעסטע ליפן.

ס'איז שוין געווען אוונט, ווען די פור איז ארייננגעפארן אין גרויסן שפיטאל-הויף. דוד איז דער ערשטער אראפגעשפרונגען. די שוועסטער איז אויך אראפ. פון שפיטאל זענען ארויסגעקומען צוויי סאניטארן מיט א טראג-בעטל; האבן דאס טראג-בעטל אוועקגעשטעלט בא דער פור. נאר איינער האט געזאגט:

— זי איז דאך מיט א טראג-בעטל.

— פארזיכטיק... פארזיכטיק...

אזוי האט דוד געשעפטשעט; האט אויסגעזעען, ווי א מענטש, וואס הונגערט שוין א לאנגע צייט. ער איז געווען אינגאנצן צעמישט, אומבאהאלפן ווי א קינד. ער האט דערזעען דאס אויסגעשניטענע קלייד און דעם הויכן, ווייס-געבאנדאזשירטן פוס, האט עס אים א פינצטער געטון

אין די אויגן און ער האט אפילו קיין כּוח נישט געהאט צו דערפילן זיין גרויסן צער, וואס איז אין אים שוין געווען. מיטאמאל האט ער א ציטער געטון; בליזמע האט ארויסגעלאזט א גרויל־עדיקן קרעכץ, אבער נישט מער ווי איין קרעכץ; איבערגעהאקט האט זיך דער קרעכץ אזוי מיטאמאל, ווי א לעבן וואלט זיך איבערגעריסן.

מען האט זי ארייַנגעטראגן אין שפיטאל; געטראגן דורך קארי־דארן, לאנגע, שמאלע, טונקל־באלויכטענע. דוד איז נאכגעגאנגען און כּסדר געפילט דעם ריח פון קארבאל און יאדיפארם; דער ריח איז אים געווען שווער, שטיקנד. ס'איז אים שווער געווען צו אטעמען, און די פיס האבן אונטער אים געציטערט, ווי זיי וואלטן געווען פרעמדע; ער האט זיי נישט געפילט און צו דער זעלבער צייט זענען זיי געווען אזוי שווער...

מען האט זי ארייַנגעטראגן אין אפעראציע־זאל. דוד איז געבליבן שטיין אין פאדער־צימער. א דאקטאר איז ארויס אנטקעגן, איז צוריק ארייַן נאך איר; האט עפּעס געדרופן און דוד האט נישט פארשטאנען, וואס ער רופט. מענטשן האבן זיך געדרייט, ס'האט זיך ווידער דערהערט א גע־שריי פון זאל ארויס, און אפשר האט זיך אים נאר געדאכט... דער דאק־טאר איז ארויסגעקומען, האט צוגערופן א באדינער, אים עפּעס באפוילן. יענער איז גיך אוועק. דוד האט געפילט, אז ער קען נישט מער שטיין אויף די פיס. ער האט, ווייזט אויס, זיך א וואקל געטון צום פאלן, ווארים א „שוועסטער" איז צו אים צוגעלאפן:

— א, איר זענט אזוי מיד און בלייך... זעצט אייך.

— א ביסל וואסער — האט דוד געבעטן.

ער איז געזעסן, מען האט אים געבראכט וואסער. האט ער דאס גאנצע גלאז אויסגעטרונקען אין איין אטעם. ס'איז אים לייכטער געווארן.

דערווייל זענען אנגעלאפן נאך צוויי דאקטוירים; זענען אנגעקומען מיט אימפּעט רעדנדיק צווישן זיך. גערעדט האבן זיי אומפארשטענדלעכע ווערטער, און אזוי זענען זיי ארייַן אין אפעראציע־זאל. באלד איז ארויס דער ערשטער דאקטאר:

— איר זענט עס געקומען מיט דער פארוואונדעטער?

— איך.

— מען מוז גלייך אפערירן.

— כ'ווייס.

— פונוואנען הייסט איר?
— דער דאקטאר, דארט, האט מיר געזאגט.
— וועלכער דאקטאר?
דוד האט דערפילט: היץ האט אין אים אויפגעשלאגן:
— צו וואס זוימט איר?
— ס'איז אלץ איינס... דער פוס איז פארפאלן...
— וואס?!
דוד האט אויסגעשטעלט משונהדיקע אויגן, האט פארבראכן די הענט, באקומען א פארפרוירן פנים.
— און ס'איז דאכט זיך אן אנצינדונג... זי זאל עס נאר איבער-טראגן... א סך בלוט פארלוירן.
דער דאקטאר אליין האט איצט געהאט א צעשראקן פנים און צער אין די אויגן. ער האט דודן א גלעט געטון איבערן אקסל:
— א „שוועסטער"?
דוד האט נישט געענטפערט. דער דאקטאר האט איבערגעלאזט עטלעכע טרייסט-ווערטער:
— זאל נאר די אפעראציע געלינגען... עס זאל נאר נישט זיין קיין בלוט-פארגיפטונג... מען קען עס שפעטער מאכן אזוי, מען זאל אפילו נישט דערקענען... ער זעט: דוד איז פון די פאראנטווארטלע-כע טוער... נו, וועט מען געפינען מיטלען... סך הכל איבער דער קני...
ער איז אריין אין אפעראציע-זאל.
דוד איז געשטאנען א פארגולמטער פון צער. א „שוועסטער" ניין, נישט קיין שוועסטער... א סך מער... א סך מער ווי אייגן לעבן. ערשט איצט האט זיך אין אים אויסגעלייטערט: א?! ער איז כסדר געווען פאר-נומען... און איצט, ווען ער האט דערהערט דאס וואונדערלעכע גע-זאנג פון איר נשמה און גוף... איצט, ווען זי האט זיך פאר אים בא-וויזן, לויפנדיק צווישן די קוילן, כדי לעבן אים צו זיין — ווי נאר ער האט דאס ליכטיקייט דערזעען און — ס'איז פינצטער גע-ווארן.
מיט טעמפע אויגן האט ער געקוקט אויף דער פארמאכטער טיר פון אפעראציע-זאל. דערנאך ערשט האט ער פארשטאנען, וועגן וואס דא האנדלט זיך: מען וועט איר אפשניידן דעם פוס!

ער האט זיך מיט ביידע הענט געכאפט פארן קאפ, ארויסגעלאזט א יאמערלעכן אכץ. פון הייטיק זיך איינגעבויגן און געפילט: זיין קאפ ברענט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

קאפיטל פירצען.

א בלייך, כמורנער טאג האט אריינגעקוקט אין דער וויסער פאלאטע. דוד איז געזעסן שטיל, מיט שטארק אויסגעצויגן, בלייך פנים. די „שוועס-טער" איז געשטאנען לעבן אים מיט א פנים, ווי זי וואלט געפאסט; האט זיך אלע ווייל אומגעקוקט צום בעט, אויף וועלכן בליומע איז געלעגן, האט שטיל געזאגט:

— לאמיר האפן... שוין דער דריטער טאג... ווען זי וואלט נישט געווען געהאט פארלוירן אזוי פיל בלוט... לאמיר האפן...

בליומע איז געלעגן שוין דעם דריטן טאג שטיל און רויק. זי האט די אויגן נישט געעפנט און דאס פנים איז געווען איינגעפאלן, קליין. מאדנע רויטקייט האט ווי שטיל פייער געברענט אונטער דער הויט. אלע צייטן פון איר לעבן האבן זיך צונויפגעמישט אין איין געדיכטקייט און זיך רויק געפלאנטערט מיט געוואלדיק, גיכן טעמפ. אין קראנקן מוח האבן אויפגעלעבט אלע געשעענישן און זי האט זיך געטראגן אין די געשעע-נישן ווי א ווינטער. פון צייט-צו-צייט נאר האט זיך אין איר צעשריגן א ווייטיק, האט זיך דאס פנים געקאדטשעט, די ליפן געציטערט, נאר באלד האט עס זי ווייטער אוועקגעטראגן. ס'האט געטראפן: זי האט לאנגזאם געעפנט די אויגן. נישט געזעענע טרערן האבן פון זיי געקוקט. האט זי באוועגט מיט די ליפן, געשעפטשעט נישט-פארשטענדלעכע ווערטער, האט געקוקט מיט דערשטוינונג, ווי זי וואלט זיך געוואונדערט אויף דעם, וואס איר איז דאס ווינטיקסטע פלוצלינג פארלוירן געווארן... דערנאך האט זיך דער צער איבערגעבראכן, זיך איבערגעגאסן אין צופרידנקייט: דאס פארלוירענע איז צוריק געפונען. שמייכל איז געווען אויף אירע ליפן.

די „שוועסטער" האט זיך אויפגעשטעלט, מיט שטילע ווייכע טריט

צוגעגאנגען, פארריכט דאס אייז אויף איר קאפ. האט דערביי ערנסט און שטיל אפגעצויגן דעם אטעם... בליומע האט צוריק פארמאכט די אויגן, צוריק פארזונקען אין געדיכטן נעפל.

— פארשטייט איר... דאס בלוט, וואס זי האט פארלוירן.

נאר דוד האט גארנישט פארשטאנען. ער האט נאר געפילט, אז דאס גרויסע ליכט פון זיין לעבן האט זיך אויסגעלאשן. אט, אט, וועט עפעס געשעען...

— זאגט מיר: וועט זי געזונט ווערן? וועט זי בלייבן לעבן?

— אויב זי וועט האבן גענוג כוח.

אבראמעק איז געקומען, געשטאנען שטיל, געקוקט מיט טרויער. געקוקט אויף בליומען און אויף דודן און אליין נישט געוואוסט, צו וועמען זיין רחמנות איז גרעסער.

דוד האט אבער גארנישט גערעדט צו אים.

— דינה איז דא געווען היינט?

— נישט לאנג, אז זי איז אוועק...

און מער נישט געענטפערט.

שפעטער איז אויך אנגעקומען טאניע.

זי איז אריין א צעטומלטע, אן אויסגעבלייכטע. דוד האט מיט שרעק א קוק געטון אויף איר.

— כ'בין דא געווען... נאך נעכטן בין איך געווען...

דוד האט מאדנע געקוקט אויף איר; נישט פארשטאנען, ווער זי איז און וואס זי איז... טאניע איז געווען אין א שווארץ קלייד און מיט איר — פארבענקטקייט און פארביטערטקייט.

אבראמעק האט א פרעג געטון זייער שטיל:

— וואס איז מיט דיר, טאניע?

— דאס קינד איז נישט געזונט... אין שטוב איז הונגער... און לערנער — שטייט שוין מיט א טישל אין גאס...

— א טישל?

— יא. ער פארקויפט צוקערקעס און צאן-פראשעק... טואלעט-זייף און קנעפלעך...

— — — — — — — — — — — — — —

די „שוועסטער" האט זיך אויפגעשטעלט פון איר ארט און ארויס-געשעפטשעט:

— שא. . .

דוד האט אויפגעציטערט. זיך דערנענטערט צום בעט גלייך מיט דער „שוועסטער“.

בליומעס פנים איז איצט געווען בלייך, דורכזיכטיק-בלייך, ווי ווייסקייט וואלט זיך אונטער דער הויט אויסגעגאסן. דאס אטעמען אירס איז געווען שטיל און זייער לאנגזאם. זי האט ארויסגערוקט א האנט פון אונטער דער צודעק; א דינע, שמאלע, קינדערישע האנט. די „שוועסטער“ האט פארזיכטיק אנגענומען די האנט, זי ארויפגעלייגט אויף דער צודעק, זיך צוגעהערט צום פולס, און האט גארנישט געזאגט. דוד האט געוואלט עפעס פרעגן און נישט געקענט; די ליפן האבן אים שטארק געציטערט.

דא — בליומע האט אויפגעעפנט קלארע, ברוינע אויגן. האט גע-קוקט א ווײַלע אויף דעם פרעמדן פרויען-פנים, דערנאך איבערגעטראגן די בליקן צו דודס פנים און אזוי געקוקט נישט רירנדיק מיט קיין אבר.

דוד האט געגעבן א שרימפ איין; די פיס האבן זיך איינגעבויגן, ער האט זיך אראפגעלאזט אויף די קניען.

— דוד. . .

אזוי שטיל און שוואך האט זי ארויסגעשטאמלט דאסווארט, אז די „שוועסטער“ האט אראפגעלאזט די אויגן.

— בליומעטשקע. . . בליומעטשקע. . .

דוד האט גענומען איר האנט אין זײַנע ביידע. פון בליומעס אויגן האבן זיך ארויסגעגאסן צוויי ריינע, שטילע טרערן. אויף אירע ליפן איז ארויס א דינער שמייכל, ווי בא א יתומה, וואס מען דערווארעמט, צערט-לענדיק זי. אירע ליפן האבן לייכט זיך באוועגט. . .

און אט פארווישט זיך אלץ. . . עס ווערט צעשוואומען. . .

— — — — — — — — — — — —

שווערער, דורכזיכטיקער נעפל. זי וויל עפעס געדענקען, נאר דאס געדענקטע גליווערט. . . ס'ווערט לייכט ארום און עס הייבט זיך אויף אין דער הייך. . . עפעס וויגט זיך. . . וויגט זיך, און זי הענגט אין ליי-דיקייט. . . די אויגן פאלן צוזאמען און עס פאלט אפ פון איר. . . זי ווערט קלענער און דינער. . . פון ווייטן טראגט זיך עפעס א קול. . . און אט איז עס:

א מאדנע באשעפעניש. . . אזוי באקאנט, היימיש און אזוי פרעמד. . . הויך, שווארץ און — עס צעפאלט דאס באשעפעניש. . . ס'איז גארנישט

געבליבן. עס קוקן נאר גרויסע, ווייסע, מאטע אויגן; בלייענע אויגן... זאדנע: אויגן אן שווארץ-אפלען, פארפרוירענע, און זיי הערן נישט אויף קוקן... עס ציטערט ארום, און די אויגן קוקן. און די ווייסקייט קומט צונויף נענטער, נענטער... ביז — ס'גיסט זיך צונויף... און —

בליומע האט ארויסגעלאזט א לייכטן אטעם. די אויגן האבן זיך געעפנט, זיך איבערגעצויגן מיט א הייטל און געבליבן שטיין...

— — — — — — — — — — — — —

דוד האט זיך אנגעכאפט מיט די הענט אין בעט; זיינע אויגן זענען אויך געבליבן שטיין; ער האט געקוקט און גארנישט געזען. דערנאך האט ער ארויסגעלאזט א קרעכץ און איז געפאלן... אבראמעק האט אים גענומען אונטערן ארעם, די „שוועסטער" האט אויך געהאלפן; האט זיך דוד אויפגעשטעלט, געשטאנען א ווײלע לעבן דער שטול, וואס מען האט צו אים צוגערוקט. דערנאך זיך אראפגעלאזט אויף איר, געזעסן פארגולמט, אויסגעליידיקט, ביז — אין אים האט עס אויסגעבראכן, האט ער ארויסגעלאזט א געשריי, וואס איז באלד איבערגעגאנגען אין יאמערלעך געוויין.

ס'האט אויסגעזעען: נישט ער, נאך זיינע אברים; יעדעס באזונדער און אלע צוזאמען וויינען אויף אייגן לעבן, וואס איז איצט חרוב געווארן...

פילאדעלפ׳ 1924-1925